STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
NO. 10152

HANTBUKH FAR IDISHE GESHIKHTE UN KHRONOLOGYE

Moises Rubin

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS
413 256-4900 | YIDDISH@BIKHER.ORG
WWW.YIDDISHBOOKCENTER.ORG

•

MAJOR FUNDING FOR THE
STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
WAS PROVIDED BY:

Lloyd E. Cotsen Trust
Arie & Ida Crown Memorial
The Seymour Grubman Family
David and Barbara B. Hirschhorn Foundation
Max Palevsky
Robert Price
Righteous Persons Foundation
Leif D. Rosenblatt
Sarah and Ben Torchinsky
Harry and Jeanette Weinberg Foundation
AND MEMBERS AND FRIENDS OF THE
National Yiddish Book Center

•

The *goldene pave*, or golden peacock, is a traditional symbol of Yiddish creativity. The inspiration for our colophon comes from a design by the noted artist Yechiel Hadani of Jerusalem, Israel.

The National Yiddish Book Center respects the copyright and intellectual property rights in our books. To the best of our knowledge, this title is either in the public domain or it is an orphan work for which no current copyright holder can be identified. If you hold an active copyright to this work – or if you know who does – please contact us by phone at 413-256-4900 x153, or by email at digitallibrary@bikher.org

האַנטבוך

— פאַר —

אידישע געשיכטע און כראָנאָלאָגיע

דאָס לעבן און שאַפן פון גרויסע אידישע דענקער
און פערזענלעכקייטן.

צוזאַמענגעשטעלט לויט פאַרשידענע היסטאָרישע קוועלן
און פריי באַאַרבעט פון

משה רובין.

צווייטע טייל

פון ה. תקמ"ח—1788 ביז ה. תר"כ—1860

בוענאָס איירעס

1933

MANUAL DE HISTORIA JUDIA Y CRONOLOGIA

VIDA Y OBRA DE PENSADORES Y PERSONALIDADES JUDIAS

SEGUNDA PARTE

DESDE EL AÑO 1788 HASTA 1860

POR **MOISÉS RUBIN**

BUENOS AIRES 1933.

Tall. Gráf. "CULTURA", de Muszkat y Zaslavsky, Sarmiento 2157, Bs. Aires

פאָרוואָרט צו דער צווייטער טייל

ווען איך בין צוגעטראָטן אַרויסצוגעבן מיין „האַנט־בוך פאַר אידישע געשיכטע און כראָנאָלאָגיע“, איז מיין כּוונה ניט געווען צו ציען פון דעם מאַטעריעלע פאַרדינסטן פאַר זיך, נאָר בּרענגען גייסטיקע נוצן די לייענער ביי וועמען די אידישע היסטאָריע איז ליב און טייער. איך האָב דאַן אין זינען געהאַט די לייענער וועלכע פאַרשטיין צו שעצן די גרויסע אידישע פּערזענלעכקייטן און אינטערעסירן זיך מיט היסטאָרישע געשעענישן. בּשעת'ן צוזאַמענשטעלן דעם ערשטן טייל פונם „האַנט־בוך“, איז מיין געדאַנק געווען מיטן אינטעליגענטן אידישן לייענער, וועלכער פאַרמאָגט אַ געזונטן חוש צו אונטערשיידן פון ליטעראַטור וואָס שטעלט צופרידן נאָר אויף אַ מאָמענט, בּיז אַזעלכער וואָס פאַרשאַפט פאַרגעניגן און נוצן צו יעדער צייט, ווען ס'קומט נאָר אוים צו בּאַקענען זיך מיט וועלכן ס'איז היסטאָרישן העלד אָדער היסטאָרישע געשעעניש. צו מיין גרויס צופרידנקייט שטרייך איך אונטער, אַז איך בּין ניט אַנטוישט געבליבן. דער „האַנט־בוך“ איז מיט גרויס סימפּאַטיע אויפגענומען געוואָרן פון דעם אינטעליגענטן אידישן לייענער, פון אַלע היגע אידישע און שפּאַניש־אידישע אויסגאַבן, וועלכע האָבן אָנגעוויזן אויף דעם גרויסן נוצן וואָס דער „האַנט־בוך“ וועט בּרענגען דעם אידישן לייענער בּכלל און דער אידישער יוגנט בּפרט.

די סימפּאַטישע אויפנאַמע וואָס דער ערשטער טייל פון מיין „האַנט־בוך“ האָט בּאַקומען סיי פון דער הויפּט־שטאָט, סיי פון דער פּראָווינץ, האָט מיר געגעבן כּח און מוט צוצוטרעטן צו דער אַרבּעט פון צוזאַמענשטעלן די צווייטע טייל, וועלכע איז, נאָך מיין מיינונג, פיל וויכטיקער פון דער ערשטער. אין דער צווייטער טייל קומען פאָר היסטאָרישע פּערזאָנען און היסטאָרישע געשעענישן, וועלכע זיינען גאַנץ ניי פאַר פילע פון די לייענער, וועלכע וועלן געוויס האָבן אַן אינטערעס מיט

זיי זיך צו באַקענען, אפילו ביי אַזעלכע ביי וועמען די אוראַלטע כראָנאָ-לאָגישע היסטאָריע איז ניט אַזוי וויכטיק.

איך האָב געפונען פאַר נויטיק צו דערגענצן אין דער צווייטער טייל אייניקע דאַטומס, וועלכע זיינען דורך אַ פאַרזען דורכגעלאָזט געוואָרן אין דער ערשטער טייל.

ביים צוזאַמענשטעל פון דער צווייטער טייל האָב איך מיך באַנוצט אַ חוץ מיט די אידישע היסטאָרישע קוועלן, אויך מיט פרעמד-שפּראַכיקע, און דאָס אַלעס פריי באַאַרבעט און באַלויכטן אומפּאַרטייאישערוויי.

דער צווייטער טייל ענדיקט זיך מיטן געבורט-דאַטום פון אונזער גרויסן גייסט און פאָלקס-פירער, ד״ר טעאָדאָר הערצל, דער שאַפער פונם פּאָליטישן ציוניזם. איך האָב אָבער גלייך נאָך דעם דאַטום פאַרצייכנט די היסטאָריע פון דער חבת-ציון-באַוועגונג, מיט אַן אונטערשייד פון אַ צוואַנציק יאָר, ווייל איך האָב דאָס געפונען פאַר נויטיק צוליב צוויי טעמים: ערשטנס: צוליב דעם פופציק-יאָריקן יובילעאום, וועלכער איז דאָס פאָריקע יאָר געפייערט געוואָרן. צווייטנס: — און זאָל עס מיר צו קיין שטאָלץ ניט פאַררעכנט ווערן — צוליב מיין אייגענעם פופציק-יאָריקן יובילעאום פון מיין ערשטע טעטיקייט אין דער חבת-ציון-באַוועגונג.

איך וויל האָפן, אַז די צווייטע טייל פון מיין „האַנט-בוך״ וועט פון די אידישע לייענער אויפגענומען ווערן מיט נאָך מער סימפּאַטיע און צופרידנקייט ווי דער ערשטער, און אַזוי אַרום מיר געבן די מעגלעכקייט צו פאַרעפנטלעכן — ווען גאָט וועט מיר שענקען דאָס לעבן — די דריטע און לעצטע טייל פון מיין אַרבעט, און אין וועלכער עס קומט אַריין דער אידישער „עמק הבכא״ פון דער מלחמה און די נאָך-מלחמה יאָרן...

בוענאָס איירעס 1933.



צווייטע טייל

פון ה. תקמ"ח—1788 ביז ה. תר"כ—1860

ה. שלײט — 1579 — דער געבורט פון ר׳ יום טוב ליפּמאַן העלער „דער תוספות יום טוב״.

ר׳ יום טוב ליפּמאַן העלער איז געבוירן געוואָרן אין דער שטאָט וואַלערשטיין, אין בייערן. זיין פאָטער, ר׳ נתן, איז געשטאָרבן ווען ר׳ יום טוב ליפּמאַן איז נאָך גאָר יונג געווען, און זיין זיידע ר׳ משה העלער האָט אים גענומען צו זיך און אים דערצויגן. דער זיידע זיינער, וועלכער איז געווען דער הויפּט-רב פון די אידישע געמיינדעס אין בייערן, האָט אים גע-געבן אַ גוטע, שטרענגע אידישע דערציאונג. אַלט-זעכצן יאָר, האָט אים דער זיידע אַוועקגעשיקט לערנען אין דער ישיבה פון פרידבורג, אין וועלכער ר׳ יעקב גינצבורג איז געווען דער ראש ישיבה. אַ רייכער אידישער קויפמאַן פון פּראג, מיטן נאָמען אהרן אשכנזי, איז געקומען קיין פרידבורג וועגן געשעפטס-אַנגעלעגנהייטן און באַזוכט די ישיבה מיט דעם געדאַנק אַרויסצונעמען פון דאָרט אַ ישיבה-בחור אַלס חתן פאַר זיין טאָכטער. דער ראש ישיבה האָט אים רעקאָמענדירט דעם בחור יום טוב ליפּמאַן העלער, אויסלויבנדיק אים אַלס דער בעסטער און פעאיקסטער תלמיד צווישן אַלע תלמידים זיינע.

אהרן אשכנזי האָט מיטגענומען דעם יונגן יום טוב ליפּמאַן נאָך פּראג, וועלכע איז צו יענער צייט געווען אַ „עיר גדולה של חכמים וסופרים״. דער מהרײַל (ר׳ לוי בר׳ בצלאל, וועמען די לעגענדע האָט צוגעשריבן זיין שאַפן אַ גולם) איז דאָרט געווען דער ראש ישיבה, און ס׳איז דער גרעסטער כבוד געווען צו לערנען אין זיין ישיבה. צו גלייכער צייט האָט אויך גע-לעבט אין פּראג ר׳ דוד גאַנז, דער מחבר פונם „צמח דוד״, און דער הויפּט-רב פון גאַנץ בעהמען, ר׳ אפרים לאַנטשיץ. אונטער דער השגחה פון די אַלע דריי האָט זיך ר׳ יום טוב ליפּמאַן געלערנט און חתונה געהאַט פאַר אהרן אשכנזיס טאָכטער. אין יאָר 1597, אַלט-זיינענדיק קוים אַכטצן יאָר, איז ער אויפגענומען געוואָרן אַלס דיין אין פּראג. ער איז שוין דע-מאָלט באַרימט געווען אַלס גרויסער תלמודיסט און געלערנטער אין וועלטלעכע וויסנשאַפטן.

אין דעם דרייסיק־יאָריקן קריג, וועלכער האָט זיך אָנגעהויבן אין 1618 און געדויערט ביז 1648, האָט עסטרייך די הויפּט־ראָלע געשפּילט אין אים, און אַזוי ווי עסטרייך האָט מלחמה געפירט צו פאַרטיידיקן דעם אַלטן פאַרדאָרבענעם קאַטאָליציזם מיט זיין אינקוויזיציאָן און שייטערהויפן, האָבן די אידישע געמיינדעס זיך געגויטיקט אין טיכטיקע רבנים, גייסט־רייכע וועגווייזער, צו דערמוטיקן דאָס פאָלק און צו פאַרטיידיקן זיינע טראַדיציעס. און ר׳ יום טוב ליפּמאַן איז איינגעלאַדן געוואָרן קיין ווין אָנצונעמען דעם אמט אַלס רב. דריי יאָר האָט ער דעם אמט אָנגעהאַלטן. ענדע 1627 איז ער איינגעלאַדן געוואָרן פון דער פּראַגער געמיינדע אָנ־צונעמען דעם אמט פון הויפּט־רב אויפן אָרט פונם פאַרשטאָרבענעם. און פון יענער צייט אָן האָבן זיך אָנגעהויבן זיינע שמערצן און ליידן. דער קריג, וועלכער — ווי געזאָגט — האָט זיך אָנגעהויבן אין 1618, האָט זיך אינם יאָר 1628, ווען ר׳ יום טוב ליפּמאַן איז געווען לאַנד־ראַבינער, דאָס צענטע יאָר געציילט, און אין דעם משך האָט די מלחמה דאָס לאַנד ביז גאָר פאַראָרעמט. נאָר ווער רעכנט זיך אין מלחמה־צייט, אין יעדער עפּאָכע, איבערהויפּט אין יענער פינסטערער עפּאָכע, מיט די בירגער פונם לאַנד, וויפיל הויטן מען דאַרף ביי זיי אַראָפּשינדן, איבערהויפּט מיט דעם עלע־מענט וואָס רופט זיך „איד“.

די שווערע קריגס־שטייערן וואָס זיינען אַרויפגעלייגט געוואָרן אויף די אידן, זיינען פיל מאָל מערער געווען ווי די אַרויפגעלייגטע אויף די ניט־אידישע בירגער. פּערציק טויזנט גולדן אַ יאָר האָבן די אידן געדאַרפט צושטעלן אין דער רעגירונגס־קאַסע. אויסער דעם איז די מאַטעריעלע לאַגע פון די אידן אין בעהמען געווען אַ שרעקלעך טרויעריקע. דער קריג האָט צעשטערט און פאַרניכטעט דעם האַנדל און פעלד־אַרבעט. ווען דער פּויער פלעגט וועלן אַראָפּנעמען די תבואה פון זיין פעלד, וועלכעס ער האָט מיט שווערע פּראַצע באַאַרבעט, פלעגן קומען די רייטער, די קאַוואַלעריע, צו־טרעטן אַלעס מיט די פערדס טריט, דאָס איבערגעבליבענע צונעמען פאַר די פערד און פאַר זיך. וואָס־זשע האָט געקאָנט טון דער איד אין אַזאַ צייט? אין די שטעט איז דער האַנדל געווען אינגאַנצן פּאַראַליזירט, אין די דערפער האָט ער ניט געהאַט וועמען צו פאַרקויפן, אויסער דעם פלעגט מען באַפאַלן דעם אָרימען אידן, וועלכער איז מיט זיין סחורה געקומען אין די דערפער און ביי אים זי אַוועקרויבן. און פון די אַלע צרות,

איז די צרה פונם קריגס־שטייער געווען די גרעסטע. פערציק טויזנט גולדן
צו צאָלן אַ יאָר, האָט אַריינגעבראַכט די אידן אין דער גרעסטער פאַרלע־
גנהייט. און ווען ס'איז אָנגעקומען דער באַפעל פונם שטאַטהאַלטער, אַז
אין משך פון פופצן טעג נאָכן דערהאַלטן די פאָדערונג מוז די סומע אומ־
באַדינגט געדעקט ווערן, זיינען זיי פאַרצווייפלט געוואָרן, איבערהויפּט
ווען דער באַפעל איז געווען מיט דער גרעסטער שטרענגקייט, אַז ווען
מען וועט צו דער באַשטימטער צייט ניט באַצאָלן, וועלן די פאָרשטייער
אַרעסטירט ווערן און געהאַלטן ווערן אונטער אַרעסט ביז די סומע וועט
געדעקט ווערן. די אידישע געמיינדע פון פראג איז געצוואונגען געווען צו
באַשטימען אַ קאָמיטעט, פון די גרעסטע מיטגלידער אירע, אַלס אַ שטייער־
קאָמיסיע, וועמעס אויפגאַבע זאָל זיין באַשטייערן יעדן נאָך די מעגלעכ־
קייטן זיינע, אויף צו קאָנען דעקן די פערציק טויזנט גולדן. זעלבסטפאַר־
שטענדלעך, אַז פאָרזיצנדער פון דער קאָמיסיע איז באַשטימט געוואָרן
דער לאַנדסראַבינער ר' יום טוב ליפּמאַן העלער. און דער גוטער איידעלער
רב, נאָך די אַלע אָנשטרענגונגען זיינע צו באַשטייערן יעדן נאָך זיין מאַ־
טעריעלן שטאַנד נאָך, האָט דאָך ארויסגערופן צאַנקערייען און שטריי־
טיקייטן צווישן די אידישע געמיינדעס אין בעהמען. חושד זיין די קאָמיסיע
בכלל און דעם רב בפרט, אַז זיי האַנדלען פאַרטייאיש, אייניקע ווערן באַ־
שטייערט ווייניקער, און אייניקע מערער. און פילע האָבן זיך אָפּגעהאַלטן
פון צאָלן. דאָס האָט געצוואונגען די קאָמיסיע אָננעמען געוואַלד מיטלען,
אַרעסטירן דעם ניט צאָלער, אַריינלייגן אין חרם, אָדער אינגאַנצן אים
אויסווייזן פון בעהמען. און דאָ האָט זיך אָנגעהויבן די סדרה פון מסירות,
און אויף אַזאַ נידערטרעכטיקן אופן, אַז מען האָט ניט אָפּגעהאַלטן זיך
צו פאַרמסרן ר' יום טוב ליפּמאַן העלער, אַז ער פאַרהאַלט פאַר זיך גרויסע
סומען געלד פון די צונויף געזאַמלטע שטייערן, און ער פאַרשוינט זיינע
פאַרוואַנדטע און גוטע פריינט און נעמט ביי זיי ווייניקער נאָך זייערע
פינאַנציעלע מעגלעכקייטן. די מסירות זיינען געשיקט געוואָרן גלייך צום
קייזער פערדינאַנד, וועלכער האָט זיי גענומען אין אַכט, און האָט אַרויס־
געשיקט אַן אונטערזוכונגס ־ קאָמיסיע איבערצוצייגן זיך אין דער ריכטי־
קייט פון די זעלבע. און ווען אפילו די אונטערזוכונגס ־ קאָמיסיע האָט זיך
איבערצייגט אין דער ניט ריכטיקייט פון די מסירות, האָט עס דאָך ניט
אָפּגעהאַלטן די אויסוואורפן אָנצוגיין מיט ווייטערדיקע מסירות, וואָס זיינען

געפערלעך געווען פאר ר׳ יום טוב ליפמאַן. די מסירה איז באַשטאַנען, אַז ר׳ יום טוב ליפמאַן העלער האָט אין זיינע פון אים געשאַפענע ווערק באַליידיקט דאָס קריסטנטום. צו יענער צייט האָט ר׳ יום טוב ליפמאַן פאַרפאַסט זיין „תוספות יום טוב״, אַ פירוש אויף משניות, „לחם חמודת״, „מעדני מלך״ און פיל אַנדערע. ווען קייזער פערדינאַנד האָט דערהאַלטן די מסירה, איז ער ביז גאָר אויפגערעגט געוואָרן. „איך — האָט ער אויסגעשריגן — פיר אַזאַ שווערן און ביטערן קריג קעגן די פראָטעסטאַנטן, און דאָ קומט אַ אידישער רב און באַליידיקט דאָס קריסטנטום״. די מוסרים האָבן אין זייער מסירה נאָך אָנגעמערקט, אַז דער אידישער רב איז אומגעהויער רייך, ער פאַרמאָגט הונדערטער טויזנטער גולדן און ווען ס׳זאָל זיך אַרויסווייזן, אַז די מסירה איז א ריכטיקע, דאַרף זיין גאַנץ פאַרמעגן קאָנפיסקירט ווערן און איבערגעגעבן ווערן — נאָך די געזעצן פון עסטרייך אין יענער צייט — צום קייזער. און אַזוי ווי פערדינאַנד האָט זיך געניטיקט אין געלט אָנצופירן די מלחמה, האָט ער שוין קיין אויספאַרשונגס-קאָמיסיע ניט געשיקט, נאָר גלייך געשיקט אַ מיליטער - מאַן מיט סאַלדאַטן, צו שמידן ר׳ יום טוב ליפמאַן העלער אין קייטן און אים ברענגען קיין ווין אַלס געפערלעכן פאַרברעכער. און אַזוי ווי דער שטאַטהאַלטער און פיל קריסטלעכע מאַגנאַטן האָבן געקענט דעם אידישן רב פאַר זייער אַן ערלעכן און ערנהאַפטן מאַן, האָבן זיי געפועלט ביי דער רעגירונג, נאָכדעם ווי עס איז געשפענדעט געוואָרן אַ גרויסע סומע געלט, אַז די פראַגער אידן זאָלן געבן אַ גוטע גאַראַנטיע פאַרן רב, אַז ער וועט זיך צושטעלן פאַרן געריכט אין דער באַשטימטער צייט, ווען דער משפט קעגן אים וועט פאַרקומען. דעם 5-טן תמוז פונם יאָר ה. שפ״ט, אָדער דעם 25-טן יוני 1629 איז ר׳ יום טוב ליפמאַן אַרויסגעפאָרן פון פראַג. דעם 2-טן יולי איז ער אָנגעקומען קיין ווין. דער דריטן פון זעלבן חודש האָט ער זיך פאָרגעשטעלט פאַרן קאַנצלער, ווועלכער, נאָך דער ערשטער באַשולדיקונג, וואָס ער האָט אים אויפן אָרט געמאַכט, פאַר וואָס ער האָט איינעם פון זיינע ספרים אַ נאָמען געגעבן: „מעדני מלך״, וואָס איז אַ מאַיעסטעטישע באַליידיקונג, האָט ער פאַראָרדנט, מען זאָל אים, ווי אַ שרעקלעכן פאַרברעכער, פאַרשפאַרן אין געפענקעניש, דאָרט וואו עס געפינען זיך די געפערלעכע אַרעסטאַנטן, מערדער, רויבער, אונטערצינדער, און שטרענג באַפוילן קיינעם צו אים ניט צוצולאָזן.

די אַרעסטאַנטן אין תּפיסה, אַנערקענענדיק אַז דער בליכער, שוואַכער רב, איז בשום אופן קיין קרימינעלן פאַרברעכן ניט באַגאַנגען, האָבן אים ניט נאָר מענטשלעך, נאָר אויך ברידערלעך באַהאַנדלט. זיי האָבן נאָך זייער מעגלעכקייט זיין לאַגע אין תּפיסה פאַרלייכטערט. די אידישע געמיינדע אין ווין האָט דורך שווערער מי און דורך דער פאַרמיטלונג פונם הויף־יוד יעקב שמואלס, באַראָן פון טרייענבערג, אויסגעווירקט, אַז מע זאָל ר׳ יום טוב ליפּמאַן העלער איבערפירן פון דער קרימינאַל — אין דער שטאַטישער תּפיסה, דאָרט וואו עס געפינען זיך ניט קיין שרעקלעכע פאַרברעכער.

און דער פּראָצעס איז פאָרגעקומען. און ווי ווייט דער ווילדער קאַטוילישער פאַנאַטיזם האָט פאַרפינסטערט דעם געזונטן מענטשן־פאַרשטאַנד, קען מען זיך איבערצייגן פון דעם פאָרגעקומענעם פּראָצעס. טראָץ דעם, וואָס מען האָט אין זיינע חבורים קיין באַליידיקונג קעגן קריסטנטום ניט געפונען, איז ער דאָך פון די ריכטער צום טויט פאַרמשפּט געוואָרן. זיין פאַרברעכן איז באַשטאַנען, ערשטנס: אין זיינע ספרים לויבט ער דעם „תּלמוד", און הייסט די אידן אים צו שטודירן. און דער תּלמוד איז דאָך קעגן קריסטנטום, א סימן דער פּויפּסט האָט דאָך געהייסן פאַרברענען דעם תּלמוד... צווייטנס: ווי האָט ער זיך געוואַגט אָנרופן זיינע ספרים „מעדני מלך" און „לחם חמודות"? קאָן דען זיין — האָבן די ריכטער מאָטיווירט — אַז אַ אידיש בוך, וואָס באַהאַנדלט רעליגיעזע פראַגן זאָלן זיין אַ קעניגלעכעס געריכט?... קאָן דען זיין אַ צווייט בוך, וואָס באַהאַנדלט אידישע פראַגן, אַ „לחם המודות", אַ דעליקאַטעסע? עס האָט ניט געהאָלפן די מייסטערהאַפטע פאַרטיידיקונג פון ר׳ יום טוב ליפּמאַן העלער, וועלכער האָט מיט פיל אַרגומענטן באַוויזן זיין אומשולד.

מיט דער גרעסטער אָנשטרענגונג פון די ווינער אידן, אָן דער שפּיצע פון דעם הויף־יוד, באַראָן פון טרייענבערג, איז געלונגען אויסצווירקן ביים קייזער פערדינאַנד צו פאַרבייטן דעם טויט־אורטייל אויף אַ געלט־שטראָף. נאָכדעם ווי ס׳איז פון דער געמיינדע באַצאָלט געוואָרן צען טויזנט גולדן, איז ער באַפרייט געוואָרן, מיט א תּנאי, אַז ער טאָר מער קיין רב ניט זיין אָדער פאַרנעמען א וועלכע ס׳איז אַנדערע פאַראַנטוואָרטלעכע שטעלע אין גאַנץ עסטרייך.

מיט אַ צייט שפּעטער האָט מען אויסגעווירקט ביים קייזער די דער־

לויבעניש, ר׳ יום טוב ליפמאַן זאָל מעגן פאַרנעמען אַ ראַבינער־שטעלע אין דייטשלאַנד.

אין 1632 איז ר׳ יום טוב ליפמאַן איינגעלאַדן געוואָרן קיין נעמיראָוו צו פאַרנעמען דאָס רבנות. דריי יאָר איז ער דאָרט אַלס רב פאַרבליבן. דאַן איז ער געוואָרן רב אין וולאַדימיר וואָלינסקי, אָדער ווי אידן פלעגן עס רופן: לאָדמיר. נאָכן טויט פון ר׳ יהושע שלמה פאָלק, איז ער איינגעלאַדן געוואָרן קיין קראקוי צו פאַרנעמען זיין אָרט און דאָרט איז ער שוין פאַרבליבן ביז זיין טויט. ר׳ יום טוב ליפמאַן העלער איז נפטר געוואָרן דעם 7־טן סעפּטעמבער 1654, אין דער עלטער פון 75 יאָר. זיין נאָמען איז פאַראייביקט געוואָרן אין די פון אים פאַרפאַסטע ספרים, אי־בערהויפּט אין זיין „תוספות יום טוב״ אויף משניות.

ה. שצ״ב — 1632 — די פטירה פונם מהרש״א, געבוירן אין קראָקע שב״ה — 1565.

דריי הונדערט יאָר איז געוואָרן דעם פינפטן כסלו זייט דער מהרש״א איז נפטר געוואָרן, ר׳ שמואל אליעזר, אָדער ר׳ שמואל איידילס, אויפן נאָמען פון זיין שוויגער, וועלכע האָט אַ גרויסן חלק אין זיין באַרוף, ווייל זי האָט אים געשטיצט אויף צו גרינדן ישיבות, אין וועלכע ער איז גע־ווען דער „ריש מתיבתא״. די ערשטע ישיבה איז פון אים געגרינדעט געוואָרן אין פויזנא. נאָכדעם איז ער געוואָרן רב אין מערערע שטעט: אין כעלם, אין טיקטין, אין לובלין און צום לעצט אין אויסטראָ, וואו ער האָט געגרינדעט די באַרימטע ישיבה. דאָרט האָט ער געענדיקט זיין באַרימטן חיבור אויף ש״ס: „חדושי מהרש״א״ און „חדושי אגדות״, וועלכע איז געווען מער פּרוואושטיין פאַר יעדן תלמודיסט אויף צו האָבן די ווערט זיך אָנרופן „למדן״, ווען ער איז נאָר אימשטאַנד צו דערקלערן יעדן: „ויש לישב״ וק״ל און ודו״ק. דער מהרש״א איז פאַרן למדן געוואָרן דאָס זעלבע וואָס רש״י פאַרן איינפאַכן לערנער.

זיינע חדושים, וועלכע צייכענען זיך אויס מיט זייער שאַרפקייט און טיפזיניקייט, זיינען אויף אַזוי פיל באַליבט געוואָרן, אַז זיי זיינען גע־וואָרן אַ שם נרדף צו יעדן למדן, וועלכער צייכנט זיך אויס מיט אַ שאַרפן שכל, אים אָנצורופן: אַ „מהרש״א קעפּל״. און דאָך, מיט זיין גאַנצער חריפות איז דער מהרש״א געווען אויסער זיין גאונות, אַ מאַן מיט אַ הוי־

בער מאַראַל און מיט אַ וועלטלעכן בליק אויף אַלעם פאַרקומענדיקע אין לעבן. פראָטעסטירט און אָפּגערופן זיך אויף יעדע פאַרבּרעכערישע אַק־ציע וואָס דערלויבן זיך — אַ דאַנק זייער אומוויסנהייט — דורכצופירן מערערע פונם המון. און דאָס איז צו מערקן אין זיינע ווערטער, וועל־כע ווערן פון אים אויסגעדריקט: „מערערע אידן אין דעם דור אין וועל־כן מיר לעבן, דערלויבן זיך צו דערווערבן פאַרמעגן גאָר ניט אויף אַן אָרנט־לעכן וועג און שאַפן נאָר דערמיט אַ גרויסן חלול השם. זיי — די דאָזיקע אומוויסנדע — גלויבן, אַז די גזלה וואָס מען באַגייט קענען אַ ניט אידן קאָן פון גאָט פאַרגעבן ווערן. דערמיט וואָס זיי זיינען מנדב אַ וועלכע ס'איז סומע פאַר אַ „דבר שבצדקה" און באַקומען דערפאַר אַ גרויסן „מי שברך"... און זיי ווילן גאָרניט אין אכט נעמען, אַז דאָס איז אַ „מצוה הבאה בעבירה" (חדושי אגדות, כתובות ס"ז ס"א). אויף אַן אַנדער שטעלע גע־פונען מיר זיין אויסגעשפּראָכענע מיינונג, ווער ס'איז ראוי צו זיין אַ פאָלקס־פירער: איך זע, צום באַדויערן, אַז איינפאַכע בעלי בתים זיינען די בעלי דעות אויף אויסדערוויילן געזעלשאַפטלעכע פירער. עס דאַרף אָבער אַזוי ניט זיין. דאָס רעכט אויף אַזעלכע צו אויסדערוויילן דאַרפן האָבן נאָר געלערנטע מענטשן, אַזוי ווי ס'האָט זיך געפירט אין די פרי־ערדיקע דורות (חדושי אגדות סוטה מ' ע"א).

דער מהרש"א איז געווען אַ פשטן, מיט אַ גלייכער און ריכטיקער לאָגיק. ניט געדולדעט דעם פּלפּול, וועלכער איז אין זיין צייט אָנגע־גאַנגען, אָט דער פּלפּול וואָס שלעפּט צונויף בערג מיט קשיות און הענגט זיי אויף אויף אַ האָר מיט בערג תרוצים... אָדער פירט דורך אַ העלפאַנט דורך אַ לעכל פון אַ נאָדל. ס'איז גאַנץ כאַראַקטעריסטיש זיינע אויסגע־שפּראָכענע ווערטער וועגן די סכאָלאַסטיקער: „יעדער פון די פעפערדיקע למדנים, זאָגט ער, וואָס איז אימשטאַנד זיך מער אויסצוצייכענען מיט דעם נאַרישן פּלפּול, כדי אָפּצואוועדן די גלייכסטע סברה פונם צווייטן, דער איז פאַררעכנט פאַר אַ למדן ביים המון... אין אמת'ן איז אַזאַ פּלפּול־למוד אַ אָפּנייגונג פונם אמת און קען בשום אופן ניט פירן צום תכלית, וועלכן מיר דאַרפן פאַרשטייען..." (בבא מציעה פ"ה ע"א אין די חדושי אגדות).

דער מהרש"א האָט געלעבט אין דער גאָלדענער עפּאָכע פונם פוילישן אידנטום, אין דער צייט ווען דער למוד התורה האָט אויפגעבליט און

די שענסטע בלומען אַרויסגעגעבן, אין דער צייט פון די גאוני התורה מהרש"ל (ר' שלמה לוריא), מהר"ם, רמ"א (ר' משה איסרלס), ב"ח (ר' יואל סירקים), ט"ז (רבי יעקב), סמ"ע (ר' יהושע פאלק) און אנדערע גאונים; אין דער צייט פון די לעצטע זונען־שטראַלן אויפן אידישן הימל, פאַר די פינסטערע טעג פאַרן אידישן פאָלק, די מיט בלוט־פאַרשריבענע טעג פון די יאָרן ת"ח און ת"ט אין דער אידישער היסטאָריע, די יאָרן פון הריגות און שחיטות, און אויך פאַר דער מהומה'דיקער צייט פון דער שבתי־צבי באַוועגונג.

אַ גרויסער מאָן ווערט דערקענט נאָך די לעגענדעס וואָס דאָס פאָלק שאַפט וועגן אים, און דאָס איז צו מערקן פון די לעגענדעס וועגן מהרש"א. ווי באַוואוסט איז צו זען אינם בית המדרש פונם מהרש"א אין אויסטראַ די האַרמאָטן־קוילן שטעקנדיקע אין דער סטעליע, און עס ווערט איבער־געגעבן פון פאָטער צום זון, פון זיידן צום אייניקל, די לעגענדע, אַז דאָס זיינען די קוילן וואָס די צוררי ישראל האָבן געשאָסן אויפן בית המדרש פונ'ם מהרש"א, און נאָר אינם זכות פונם מהרש"א זיינען זיי אין דער סטעליע פאַרבליבן און קיין איינציקן מענטשן פונם בית המדרש ניט געטראָפן.

ס'איז אויך באַקאַנט די לעגענדע: דער שטייגער פונם מהרש"א איז געווען, אז אין דער נאַכט פון „ניטל" (די געבורטס־נאַכט פון יעזוס) ניט צו לערנען „למודי קודש", (דעם מנהג האָבן אויך אָנגענומען אַלע לומדים, און האָבן זיך אַפילו אויך דערלויבט צו שפּילן אין קאָרטן אין דער נאַכט. מ. ר.). ער פלעגט אין דער נאַכט זיך אָפּגעבן מיט געאָמעטרישע און אסטראָנאָמישע ספרים. האָט זיך דערפון דערוואוסט אַ משומד און אים פאַרמסרט פאַר דער רעגירונג, אַז דער מהרש"א טוט עס מיט אַ באַזונ־דערע כונה, כדי אַרויסצואווייזן דערמיט אַ שנאה צום קריסטנטום בכלל און צו יעזוסן בפרט, און כדי זיך איבערצייגן אין דער ריכטיקייט פון זיינע ווערטער זאָל מען מאַכן אַן איבערפאַל אינם בית המדרש אין דער זעלבער נאַכט.

דער מהרש"א ניט וויסנדיק פון דער מסירה האָט אויך אין דער „ניטל"דיקער נאַכט אויף דעם אופן זיך אויפגעפירט. נאָך מעריב איז ער צוגעגאַנגען צו דעם ספרים־אלמער אַרויסנעמען פון דאָרט די געוואונטשטע ספרים. פלוצים, אָבער, האָט זיך אַ גמרא אַרויסגעגליטשט פון דער פאַ־

ליצע און אראפגעפאלן אויף דער ערד. דער מהרש״א האט זי אויפגעהויבן און מיט א קוש זי צוריק אריינגעשטעלט און זיך ווייטער פארנומען זוכן די ספרים. דער ארויספאל פון די גמרות האט זיך אבער איבערגע׳חזר׳ט דריי מאל. דער מהרש״א האט גלייך פארשטאנען — דערציילט די לע־גענדע — אז דאס האט מען מן השמים אנגעוויזן אז ער דארף אויך די נאכט גמרא לערנען, און זיך געזעצט לערנען גמרא. ס׳איז ניט פאריבער קיין האלבע שעה אפילו, האבן זיך אריינגעריסן פאליציי-באאמטע צוזאמען מיטן משומד. ווי פארשעמט זיינען זיי אבער געווארן, ווען זיי האבן גע־טראפן דעם מהרש״א לערנענדיק גמרא ווי אין אלע אנדערע נעכט.

נאך דערציילט א לעגענדע: אין איסטרא איז דער וועג צום בעת עלמין געווען דורך די גויעשע גאסן אין וועלכע עס האבן זיך אויך געפונען קלוים־טערס און ווען מען האט דורכגעפירט א בר מינן, פלעגן די קריסטן — כדי צו קרענקען די אידן — אנהויבן קלינגען מיט די גלעקער. ווען ס׳איז געקומען די צייט וואס דער מהרש״א האט געדארפט נפטר ווערן, האט ער פארזאגט, אז מען זאל אנידערלייגן אויף דער מטה, אויף וועלכער מען וועט אים טראגן, א געווים ספר׳ל. און ס׳איז געשען — דערציילט די לע־גענדע — ווען מען האט דעם מהרש״א דורכגעפירט דורך די גאסן און א קלויסטער האט אנגעהויבן צו קלינגען, האט זיך דער מהרש״א אויפגע־הויבן, גענומען דאס ספר׳ל און אנגעהויבן לייענען שטילערהייד אייניקע ווערטער און זיך גלייך צוריק געלייגט. פלוצים האט זיך דער קלויסטער געגעבן א טרייסל פון א ערד-ציטערניש און איז אומגעפאלן.

ווען זיין גאסט-פריינטשאפט ווערט דערציילט, אז אויף א וואנט פון זיין הויז זיינען געווען אויסגעקריצט דער פסוק פון איוב: „בחוץ לא ילין גר, דלתי לארח אפתח״, אין גאס האט דער פרעמדער ניט גענעכ־טיקט, מיינע טירן זיינען פארן „ארח״ געווען אפן.

די שטיינער מיט דעם אויפשריפט געפינען זיך ביז היינטיקן טאג אינם מהרש״א׳ס בית המדרש און די קהלה פון אויסטרא האט איצט באַ־שטימט אויפצובויען א גרויסע געביידע, אין וועלכער עס זאלן זיך געפינען אלע פילאנטראפישע אינסטיטוציעס און ביים אריינגאנג זאלן די ווער־טער אויסגעקריצט ווערן.

אין דעם דריי-הונדערט יאריקן דאטום פון זיין פטירה זאל זיין נאמען

פאַרצייכנט ווערן אַלס איינער פון די גרעסטע גאונים מיט וועלכע מיר דאַרפן שטאָלצירן.

ה. ת"ן — 1690 — דער געבורט פון העגגער און ר' ישראל יעקב עמדין מיט
ר' יהונתן אייבשיץ. דאָס גרויסע מחלוקות זיינע אַנהענגער.
צווישן ר' יהונתן אייבשיץ און זיינע אַנ־

דאָ ווילן מיר זיך לענגער אָפּשטעלן און אויספירלעכער פאַרצייכענען די היסטאָרישע געשעעניש, וועלכע האָט אין זיין צייט אויפגערודערט דאָס גאַנצע אידנטום.

ר' יהונתן אייבשיץ איז געבוירן געוואָרן אינם יאָר ה. ת"ן — 1690, נאָך דעם דאַטום וואָס עס גיט אָן דע ראסי אין זיין בוך: „היסטאָרישער ווערטערבוך", — אין דער שטאָט קראַקאָ. זיין פאָטער ר' נתן נטע איז געווען א רב אין אייבשיץ, אַ קליין שטעטל אין מערין. זיין זיידע איז געווען דער גרויסער מקובל ר' נתן שפּירא פון קראקא, דער מחבר פונם „מגלה עמוקות", און זיך גערעכנט דער דריטער אין דער קבלה־מדרגה נאָכן האר"י. זיין פאָטער ר' נתן נטע איז געשטאָרבן נאָך גאָר אַ יונגער מאַן, אינם יאָר תס"ח—1708. זיין זון יהונתן, וועלכער איז פאַרבליבן אַ יתום אין דער עלטער פון אכטצן יאָר, האָט זיך דערצויגן צום ערשטן אין ווין, אין הויז פונם גביר און שתדלן ר' שמשון ווערטהיים. נאַכער האָט אים זיין מוטער די רבנית אַוועקגעשיקט קיין פּראָסטיץ, אין דער ישיבה פון ר' מאיר בר' יצחק אייזענשטאַט, דער מחבר פונם „פּנים מאירות", ער זאָל זיך דאָרט פאַרפאָלקאָמענען אין לערנען. ר' יהונתן האָט זיך אויסגעצייכנט מיט זיינע וואונדערבאַרע פעאיקייטן און זעלטענעם גאונישן קאָפּ. דער ליסאר רב, ר' יצחק שפּירא, האָט אים גענומען פאַר אַן איידים און אים חתונה געמאַכט פאַר זיין בת יחידה, ניט אין אַכט נעמענדיק זיין ביז גאָר נידריקן וואוקס.

אינם יאָר תע"א — 1711, האָט זיך ר' יהונתן באַזעצט אין פּראַג פון וואַנען ער איז אין צוויי יאָר אַרום אַוועק קיין האַמבורג און זיך דאָרט באַזעצט ביי זיין פרוי'ס זיידע, ר' מרדכי כהן, און עוסק געווען אין ש"ס און פּוסקים. צוריקקערנדיק זיך קיין פּראַג איז ער געוואָרן דאָרט דער ראש ישיבה אין דער ישיבה וואָס איז טאַקע פון אים געגרינדעט געוואָרן. פון

פיל שטעט פלעגט מען קומען קיין פראג זיך לערנען אין זיין ישיבה, און דער נאָמען פון ר׳ יהונתן איז באַרימט געוואָרן אין דער וועלט, און ווייל דער פראגער רב, ר׳ דוד אפענהיים, האָט זיך אָפּגעגעבן אויך מיט אַנדערע גע־שעפטן און איז ניט אימשטאַנד געווען צו אָפּגעבן זיך מיט אַלע ענינים וואָס דאָס רבנות פאָדערט, איז ר׳ יהונתן געוואָרן זיין מיטהעלפער, און דאָס גאַנצע רבנות איז כמעט פון אים אַליין אָנגעפירט געוואָרן. זיינע תלמידים האָבן זיך פון טאָג צו טאָג פאַרמערט און זיי פלעגן פון זיין אַרט לערנען באַצויבערט ווערן און אים פשוט פאַרגעטערט. ניט נאָר זיין קענ־טעניש אין ש״ס און פוסקים איז געווען א וואונדערבאַרע, נאָר אויך זיין חכמה אין דער קבלה פונם רמ״ק און האר״י און נאָך אַנדערע קבלה ספרים.

ווען ר׳ יהונתן איז נאָך געווען גאָר אַ יונגער מאַן, איז שוין אַרויס אויף אים א חשד, אַז ער איז שבתי צבי׳ס אַן אָנהענגער. דער חשד האָט זיך גענומען דערפון: אין דער שטאָט האנאווער האָט מען געכאַפּט דעם שווינדלערישן שבתי צבי׳ניק, נחמיה חיון, און צווישן די כתבים וועלכע מען האָט ביי אים צוגענומען האָט זיך אויך געפונען אַ בריוו פון ר׳ יהונתן אייבשיץ, וועלכער גיט אים אַן עצה טובה, ער זאָל פאַרלאָזן זיינע רייזעס אויף דער עלטער און בלייבן אין זיין היים אויף כסדר. אויך אין ווין האָט מען געפונען ר׳ יהונתן׳ס שריפטן ביי זעליג מוניה, וועלכער איז געווען פון שבתי צבי׳ס סעקטע. און ווען דער משולח פון דער סעקטע משה מאיר פון זאלקאוו, איז געכאַפּט געוואָרן אין פראַנקפורט אם מאין אינם יאָר תפ״ה—1725 און ס׳איז ביי אים צוגענומען געוואָרן פיל שריפטן, האָט מען אויך צווישן זיי געפונען כתבים פון ר׳ יהונתן. מעגלעך אַז ער איז נכשל געוואָרן אין ארויסגעבן שריפטן צו מענטשן, וועלכע האָבן זיך פאַר אים ניט אַנטפּלעקט מיט זייער שבתי צבי׳איזם. דער חשד איז אָבער פאַרבליבן.

ווען די רבנים פון דייטשלאַנד, בעהמען, מערין און פוילן זיינען ארויס אויף מחרים זיין די שארית הפליטה פון דער סעקטע, איז פון זיי אויך אַריינגערעכנט געוואָרן ר׳ יהונתן, און דער רוב פון די רבנים האָבן זיך פאַרנומען אויך אים מחרים זיין. ער איז אָבער מיט די רבנים פון פראג אַרויס קעגן זיי און ערב יום כפור פון תפ״ו, האָט ער אַליין אין שול מחרים געווען די שבתי צבי־סעקטע און דערמיט פון זיך אַראָפּגענומען דעם חשד.

און נאָך אין דעם זעלבן יאָר איז ער אויפגענומען געוואָרן אַלס דרשן אין דער פּראגער קהלה און זיין נאָמען איז דורך דעם נאָך מער ווי פריער באַרימט געוואָרן. ער איז פאַררעכנט געוואָרן אַלס א יחיד בדורו, איבער־הויפּט ווען מען האָט געזען אַז רעגירונגס־מענער און קריסטלעכע גייסט־לעכע שטאַטן אים אָפּ וויזיטן פון צייט צו צייט.

אינם יאָר תצ״ג—1733, איז נפטר געוואָרן אין דער שטאָט מעץ, אין לאָטרינגען, דער רב ר׳ יעקב רישר, און די גרויסע און פאַרנעמסטע קהלה איז געבליבן אָן אַ רב. ר׳ יהונתן האָט זיך געווענדעט מיט אַ בריוו צום פאַרשטאָרבענעם רב׳ס אַן אייניקל ר׳ נחמיה רישר, אין וועלכן ער האָט אים געבעטן ער זאָל זיך פאַר אים משתדל זיין ביי די געמיינדע־פאַר־שטייער אים אויפצונעמען פאַר אַ רב. ר׳ נחמיה רישר האָט זיך אויפן סמך פון זיין בקשה געווענדעט צו די פאַרשטייער און ער וואָלט געוויס געווען געפּועלט, ווען ניט די באָבע זיינע, די רבנית, וועלכע, דערוויסנדיק זיך דערפון, איז גלייך געקומען צו די פאַרשטייער און זיי געבעטן ניט אָנצונעמען די שתדלנות פון איר אייניקל אויפצונעמען פאַר אַ רב אַ מאַן וואָס האָט אויף זיך אַזאַ שרעקלעכן חשד. די ווערטער פון דער רבנית. וועלכע איז גראַדע אויך געווען אַ מומע פון ר׳ יהונתן, האָבן געמאַכט אַן איינדרוק אויף די פאַרשטייער און האָבן אָנשטאָט אים אויפגענומען פאַר אַ רב דעם גאון ר׳ יעקב יהושע פאַלק, דעם מחבר פונ׳ם „פּני יהושע״. וועלכער איז אָבער ניט לאַנג פאַרבליבן דאָרט אַלס רב. אינ׳ם יאָר תק״א—1741, איז ער אויסדערוויילט געוואָרן פאַר רב אין פראַנקפורט אם מאַין. ר׳ יהונתן האָט זיך ווידעראַמאָל געווענדעט צו ר׳ נחמיה רישר אָנצוגיין מיט זיין שתדלנות. ווען ר׳ יהושע פאַלק האָט זיך דערוואוסט דערפון, האָט ער גלייך אין אַ בריוו אַ פאַרוואורף געמאַכט ר׳ נחמיה׳ן; אויך ר׳ יהושע פאַלקס זון, ר׳ בעריש, האָט געוואָרנט ר׳ נחמיהן ער זאָל זיך ניט משתדל זיין פאַר ר׳ יהונתן, ווייל זיי האָבן אַ גבית עדות גאָרניט צום גונסטן פאַר אים. ר׳ נחמיה האָט אָבער ניט אויסגעפאָלגט זייער בקשה און ניט אין אַכט גענומען זייערע וואָרענישן, ער האָט נאָר פריער אָוועקגעשיקט אַ בריוו צו ר׳ יהונתן און אים דערקלערט אין וואָס מען איז אים חושד, און ווען ער האָט באַקומען פון אים אַן ענטפער, אַז זיינע שונאים האָבן אויף אים אַרויסגעבראַכט אַ שם רע און אים איבערצייגט מיט דעם חרם וואָס ער אַליין האָט אַרויפגעלייגט אויף דער סעקטע, האָט ער אָנגעווענדעט

זיין שתדלנות און ער האָט געפּועלט. ר׳ יהונתן איז אויפגענומען געוואָרן אַלס רב אין מעץ.

לערך ניין יאָר איז ער געווען רב אין מעץ.

אויסער רבנות האָט ער זיך אויך אָפּגעגעבן מיט דרשנות, געהאַט וכוחים — ווי ער האָט זיך אויסגעדריקט — מיט קריסטלעכע געלערנטע אין פילאָזאָפיע, אַסטראָנאָמיע און טעאָלאָגיע און האָט זיי — ווי ער וויל האָבן — מנצח געווען.

זייענדיק אין מעץ איז פאָרגעקומען אַ בריוו - וועקסל צווישן אים און זיין תּלמיד ר׳ שמעון ב״ר נתן בוכהאַלטער, וועלכער האָט געוואוינט אין פּרעסבורג, איבער טעאָלאָגישע ענינים. צו יענער צייט זיינען אויפ־געשטאַנען פיל קעגנער קעגן אים. ר׳ נחמיה רישר, וועלכער איז צוערשט געווען זיין פריינט און זיך משתדל געווען פאַר אים, אויפצונעמען אים פאר אַ רב אין מעץ, איז געוואָרן זיין שונא. ער איז אים חושד געווען, אַז ער האָט אים באַצאָלט שלעכטס פאַר גוטס, דערמיט, וואָס ער האָט אים אין אַ שלעכטער שיין פאַרגעשטעלט פאר דער רעגירונג, וועלנדיק צונעמען דאָס רבנות אין לאָטרינגען. צו אים זיינען צוגעשטאַנען נאָך אַנדערע, וועלכע האָבן אים געהאַסט, און אים אָנגעהויבן צו פאַרפאָלגן; ר׳ יהונתן האָט פאַרשטאַנען, אַז ער וועט ניט קאָנען רואיק אָנפירן דאָס רבנות אין מעץ, און האָט אָנגעהויבן טראַכטן וועגן אַן אַנדער פּלאַץ. און ווען זיין שווער ר׳ יצחק שפּירא איז נפטר געוואָרן, האָט ער אָנגעבאָטן זיין פאַרצווייגטע גרויסע משפּחה, זיי זאָלן זיך משתדל זיין פאַר אים, ער זאָל פאַרטרעטן זיין שטעלע אין פראַג. די שתדלנות האָט אָבער ניט געהאָלפן און ער איז ניט אויפגענומען געוואָרן.

אין יענער צייט זיינען די דריי קהלות א. ה. ו. (אַלטונא, האַמבורג, וואַנזבעק) פאַרבליבן אָן אַ רב, ווייל נאָכדעם, ווי ר׳ יחזקאל קאַצענעל־בויגן איז נפטר געוואָרן (כ״ג תּמוז תק״ט), האָבן זיי זיך ניט געקאָנט צו־קלייבן קיין רב, וועלכער זאָל זיין ראוי צו פאַרנעמען דעם ווירדיקן אַמט. אין אַלטונא האָט דעמאָלט געוואוינט דער גאון ר׳ יעקב ישראל (יעב״ץ) און מערערע פריינט זיינע האָבן זיך געווענדעט צו אים, ער זאָל דעם רבנות - אַמט אָננעמען. יעב״ץ האָט אָבער בשום אופן ניט איינגעוויליקט, און מיט רעכט, ווייסנדיק, אַז ער מיט זיין כאַראַקטער קאָן קיין רב ניט

זיין. ער איז געווען אַ מענטש מיט אַ פעסטן ווילן. אַ קנאי בן קנאי, ניט אָפּגעשראָקן זיך פאַר קיינעם, אַרויסגעזאָגט דעם אמת יעדן, ווי ביטער ער זאָל יענעם ניט זיין.

אינ׳ם יאָר תק״ח האָט יעב״ץ אַרויסגעגעבן דעם סדור מיט זיין פּרוש „עמודי שמים״, דורך וועלכן ער האָט זיך אַ גרויסן נאָמען געשאַפן. ער האָט אָבער דורך דעם סדור פיל פיינט זיך דערוואָרבן, ווייל אין איין אָרט אין זיין פּירוש, ווען ער רעדט וועגן משא ומתן, אַז ער מוז געפירט ווערן אָרנטלעך, אָן דעם מינדסטן שווינדל, האָט ער אויך אַ מאמר חז״ל „ולא ילמד אדם את בנו חנוני״ — „אַ מענטש זאָל ניט לערנען זיין זון צו מאַכן אים פאַר אַ קרעמער״ — האָט ער מוסיף געווען: „גם השולחני בדורות הללו״ — „אויך די געלט - טוישער אין דער איצטיקער צייט״. און די חלפנים אין אַלטונאַ, וועמעס צאָל ס׳איז גרויס געווען, האָבן זיך געפונען דערפון געטראָפן און ס׳האָט ניט געהאָלפן זיין פאַרטיידיקן זיך, אַז ער האָט מיט זיינע ווערטער געצילט נאָר קעגן די שווינדלערישע און באַטריגערישע חלפנים. זיי זיינען אים פאַרבליבן שונאים אַ לאַנגע צייט.

ר׳ יהונתן האָט אויסגענוצט די געלעגנהייט און אָנגעשטעלט זיינע קרובים און גוטע פריינט, זיי זאָלן אויסווירקן פאַר אים דעם רבנות-אַמט אין די דריי קהלות און דאָס מאָל איז אים געלונגען. גראַדע צו יענער צייט זיינען פאָרגעקומען פיל טויט-פאַלן צווישן קימפעטאָרנס און זיינע פריינט זיינען אַרומגעגאַנגען פון שטוב צו שטוב און דערציילט וואונדער פון ר׳ יהונתן, אַז ער איז אומשטאַנד דורך קמיעות און שמות אָפּצוהאַלטן די עפּידעמיע, און דאָס האָט געווירקט. אין יאָר תק״י (ט״ז אלול) איז ר׳ יהונתן געקומען אַלס רב קיין אלטונאַ און גלייך אָנגעהויבן זיך באַנוצן מיט קמיעות. אויב די קמיעות האָבן געהאַט אַ ווירקונג אָדער ניט, שווייגט די היסטאָריע, אָבער דאָס מחלוקות, וואָס האָט זיך געשאַפן דורך די זעלבע, האָט אין דער היסטאָריע אַ גרויס פּלאַץ פאַרנומען.

די ערשטע קמיע, וועלכע ער האָט אַרויסגעגעבן אין פראַנקפורט אַם מאַין, וואו ער האָט זיך דאַן געפונען, איז געווען איינע צום דינ׳ם ר׳ משה ראַפּס אַ אייניקל. זי איז פונ׳ם דין געעפנט געוואָרן און ער האָט חושד געווען, אַז די קמיע איז אַ שבתי צביאידיקע... ער האָט זי גלייך אַוועקגעשיקט קיין אַלטונאַ. און דאָרט איז זי פאַרגעבראַכט געוואָרן פאַרן יעב״ץ.

ער האָט זי געעפנט און געלייענט אין איר דעם אויפשריפט:

„אנאי צוה אכהם
ישראך הבוכט
בתפארת עוזו נא
בזכוא עבדן בבאא
חביק שלח רפואה
לאבה זאת למעט
יתקרב שמך ושם
מביהף בבאא יהבק
בעולם
אלל נא אן ראפ.

ווען יעב"ץ האָט זי איבערגעלייענט, האָט ער מיט אַ ציטערדיקער שטימע אויסגעשריען: די קמיע איז אַ שבתי צביאידיקע. דאָס וואָרט ב"ב א"א איז דער נאָמען פון שבתי צבי (דער א. ב. ווערט פון די מקובלים און קמיע-שרייבער צוזאַמענגעשטעלט אויף דער פאָרמע ווי זיי זיינען פון זיי פאַרבונדן. אויף א"ת, ב"ש, ג"ר, ד"ק א. א. און אויך אויף אי"ק, ב"כ"ר, ג"ל"ש, ד"מ"ת א. א. און דאָס וואָרט ב"בא"א ווערט אויף דעם אופן צוזאַמענגעשטעלט די ערשטע ב אויף ש", נאָך דער א"ת, ב"ש, פאַרמע. די ערשטע א. אַלס ת. די לעצטע א אַלס י. נאָך דער אי"ק פאָרמע. די אַלע אותיות פאַרבייטן זיך איינע אויף דער צווייטער. מ. ר.). אויף דעם אַרט ווערן דערקלערט די אַנדערע ווערטער.

ווען מ'האָט עס איבערגעגעבן יהונתן, האָט ער זיך אויסגעלאַכט און גע־זאָגט: אַז זיי פאַרשטייען ווייניק פון קבלה'שן א. ב. און די קמיע איז צוזאַ־מענגעשטעלט פון „המלאך הגואל". יעב"ץ (ישראל יעקב עמדין) האָט פיל געליטן פון דער דאָזיקער דערקלערונג. ער האָט זיך אָבער ניט אָפּגעשטעלט, און כּסדר איבערגעוויזן נאָך זיין מיינונג דעם שבתי צביאיזם אין די פון ר' יהונתן אַרויסגעגעבענע קמיעות. און דאָ האָבן זיך געבילדעט צוויי צדדים: איינער וועלכער האָט צוזאמען מיט יעב"ץ באַשולדיקט ר' יהו־נתן, צווישן זיי דער רב פון מעץ ר' שמואל הילמאַן, דער מינסקער רב ר' שמואל עסינגין, דער גאון מה"רי פאלק. אויך דער ווילנער גאון און ר' יחזקאל לאַנדא זיינען אריינגעצויגן געוואָרן אין דעם מחלוקות, און

דער חלול השם איז ביז גאָר גרויס געוואָרן. ר׳ יהונתן אייבעשיץ האָט געהאַט פיל פריינט אין פוילן, וועלכע האָבן אים פאַרטיידיקט, און זיינע קעגנער האָבן זיי גערודפט אויף אַ געפערלעכן אופן.

ר׳ ישראל יעקב עמדין האָט מיט מסירות נפש געהאַלטן אין איין באַשולדיקן אים, און ווען ר׳ יהונתן האָט אַרויסגעגעבן זיין ספר „לוחות העדות״ אין וועלכן ער איבערצייגט דאָס פאַלשקייט פון די, וועלכע זיינען אים חושד אין שבתי צביאיזם, איז ר׳ ישראל יעקב עמדין אַרויס אַקעגן מיט זיין „שברי לוחות״ און „תורת הקנאות״, אין וועלכע ער שלאָגט אָפּ אַלע זיינע ראיות.

ווי געזאָגט, איז דער חלול השם אויף אַזוי פיל גרויס געווען, אַז די קריסטן האָבן זיך פון דעם מחלוקות דערוואוסט, און אין די צייט־שריפטן איז דאָס מחלוקות אַרויסגעבראַכט געוואָרן, אַז אידן קריגן זיך וועגן משיח. אויך די רעגירונג האָט זיך דערוואוסט דערפון. דער קעניג פרידריך דער פינפטער איז געווען אויף דער זייט פון ר׳ ישראל יעקב עמדין, און ר׳ יהונתן איז דערוויטערט געוואָרן פון זיין רבנות־אַמט אין האַמבורג.

ביז היינט צו טאָג איז נאָך דער אמת ניט דערקלערט געוואָרן, טראָץ די דערקלערונגען פון ביידע צדדים וועגן די קמיעות. יעדנפאַלס איז ר׳ יהונתן געווען אַ גרויסער גאון, ער האָט פאַרפאַסט מערערע ספרים, צווישן זיי דער „יערות דבש״ און „אורים ותומים״, און זיין נאָמען, ניט אין אַכט נעמענדיק דאָס גרויסע מחלוקת אַרום אים, איז דאָך פאַרבליבן ביזן היינטיקן טאָג גרויס און באַרימט.

ה. תפ״ו — 1726 — דער געבורט פון יעקב פראַנק.

איך וועל מיך לענגער אָפּשטעלן צו שילדערן די באַוועגונג פון יעקב פראַנק, וועלכער האָט אויך ניט וויינִיק צרות פאַרשאַפט דעם אידישן פאָלק. ווי באַוואוסט, איז דער שבתי צביאיזם ניט פאַרשוואונדן געוואָרן מיטן פאַלשן משיח; די סעקטע איז פאַרבליבן, איבערהויפּט אין פוילן און דאָרט אין געהיים זיך אויפגעפירט נאָך דער שטה, און געהאָפט אויף דער צייט אין וועלכער שבתי צבי וועט זיך אַנטפּלעקן אין אַ גלגול פון אַ פערזאָן, וועלכע וועט זיין מסוגל אויפצונעמען די נשמה זיינע... און אינם יאָר תקט״ז האָט זיך דער גלגול באַוויזן... און דער איז געווען ניט קיין אַנדערער ווי יעקב פראַנק. יעקב פראַנק איז געבוירן געוואָרן

ביי זיין פאָטער יהודה ליב, אינ׳ם יאָר תפ״ו, אין אַ קליין שטעטל אָדער דערפל אין גאַליציע. פראַנק רופט אָן זיין געבורטס־אָרט אַ מאָל מיטן נאָמען בערעזשאַנקא און אַ מאָל מיטן נאָמען קאַראַלאַווקאַ. פון קינד־ווייז אָן האָט ער זיך ארויסגעוויזן פאַר אַ שווינדלער און אַן אויסוואורף. מערערע מאָל אָפּגענאַרט דעם פאָטער, כּדי צו באַקומען פון אים אַ נייַ מלבוש. זיין אויסזען איז געווען אַ העסלעכעס און אויך זיין שפּראַך ניט קיין דייטלעכע. פונם תּלמוד האָט ער ניט געוואָלט וויסן און זיך אַריינגעלאָזט אין קבלה־ספרים.

אין דער עלטער פון צוועלף יאָר איז ער געקומען מיט זיין פאָטער קיין בוקאַרעסט. דאָרט איז ער געוואָרן אַ משרת אין אַ געשעפט פון אַ פּוילישן אידן מיטן נאָמען מרדכי מרגליות. נאָך אייניקע יאָר איז ער מיט דעמזעלבן סוחר אָפּגעפאָרן קיין טערקיי און דאָרט אָנגעהויבן צו האַנדלען מיט בריליאַנטן. אינ׳ם יאָר תקי״ב, איז ער אוועק קיין ניקיפּאַל, בולגאַריע, און דאָרט האָט ער חתונה געהאַט פאַר אַ זייער שיין מיידל מיטן נאָמען חנה, די טאָכטער פונ׳ם סוחר טוביה. אין יאָר תקי״ד, האָט זי אים געבוירן אַ טאָכטער, וועלכער ער האָט אַ נאָמען געגעבן חוה. אין יענער צייט איז ער אוועקגעפאָרן קיין סאַלאָניק. דאָרט איז ער אַריינגעטרעטן אין דער סעקטע, וואָס רופט זיך דונאַמאַ, וועמעס מיטגלידער האָבן אָנגענומען למראית עין דאָס מאַכמעדאַנישע גלויבן, כאָטש אין געהיים זיינען זיי געווען שבתי צבי אָנהענגער, וועלכע האָבן זיך געהיט צו דערקלערן עס אין דער עפנטלעכקייט. ער האָט אויך, ווי זיי, אָנגענומען דאָס מאַכמעדאַנישע גלויבן, און אָנגעהויבן צו אַגיטירן צווישן די טערקישע אידן די לערע פון שבתי צבי. אייניקע לייכטזיניקע האָבן געגלויבט, אַז אין אים איז מגולגל געוואָרן שבתי צבי. דאָס רוב אָבער, האָבן אים אָנערקענט פאַר אַ שווינדלער, און אים אָנגעהויבן צו פאַרפאָלגן און נאָכוואַרפן שטיינער. ארויסזעענדיק, אַז צווישן די טערקישע אידן וועט ער גאָר ניט קאָנען אויפטון, און אויך מורא האָבנדיק פאַר דער טערקישער רעגירונג האָט ער זיין פרוי חנה ארויסגעשיקט צו איר פאָטער אין ניקאָפּאָל און אַליין האָט ער זיך אַוועקגעלאָזט קיין פּוילן. דאָרט וואו די געהיימע שבתי צבי סעקטע האָט זיך געפונען.

אינ׳ם יאָר תקט״ו—ט״ז איז ער אָנגעקומען קיין פּאָדאָליע, צוזאַמען מיט עטלעכע הונדערט אָנהענגער פון וואַלאַכי, אונגאַרן, און מערן. צו־

זאַמען מיט זיי זיינען געקומען צוויי מקובלים מרדכי בן אליהו און נחמן און אַ מיידל, וועלכע האָט זיך גערעכנט פאַר זיינע אַ פלעגערין...

די געהיימע סעקטע האָט זיך דערפון דערוואוסט, איז ער איינגעלאַדן געוואָרן אין מערערע שטעט. אין יעדער שטאָט, וואו ער איז געקומען, האָט ער אָנגעהויבן אין געהיים פרעדיקן די פאַרדאַרבענע לערע פונם שבתי צביאיזם, אויף דעם זעלבן אופן ווי ער האָט עס געטון אין סאַלאָניק און אָנגעהויבן צו דערציילן נסים ונפלאות פון זיך: אַז אליהו הנביא קומט צו אים יעדע נאַכט לערנען מיט אים די שבתי-צבי-קבלה און אַז אַ מלאך פון הימל האָט אים באַגלייט פון סאַלאָניק ביז קיין פוילן. און ער אַליין האָט אָנגעהויבן דורך שווינדל באַווייזן מופתים. ער האָט געוויזן, ווי אַ גרינער פלאַם פייער נעמט ארום ווי אַ ראָד זיין קאָפּ, און עס פאַרמירט זיך דאָרט אַ ראָד מיט אַ לבנה אין דער מיט... ער האָט אויך אָנגעהויבן פותר חלומות זיין, און איינגערעדט זיינע אָנהענגער אַז ער איז דער גלגול ניט נאָר פון שבתי צבי, נאָר אויך פון ברכיה; וועלכער האָט זיך פאַרנומען צו אויס-לייזן די אידן. אָבער די צייט איז ניט געווען מסוגל דערצו, און ער, יעקב פראַנק, איז געשיקט געוואָרן צו ווערן זיין פאַרטרעטער און אויס-לייזן זיי. און דער פסוק: מה טובו אוהליך יעקב, איז מרמז אויף אים... אויף אַזאַ אופן האָט ער ערוואָרבן פיל אָנהענגער. ער האָט אויך געטיילט פיל נדבות און דערמיט האָט ער זיי גענומען צו גלויבן אין אים ניט נאָר ווי אין אַ משיח, נאָר ווי אין אַ גאָט.

פיל פון זיינע חברים פלעגן קומען צו אים אייניקע טעג אין דער וואָך און זינגען פאַר אים לויבגעזאַנגען, און בעטן פאַר אים מיט די ווער-טער: „אנת הוא אלהא שבתי צבי, בידך אפקיד רוחי ונשמתי” — „דו ביסט גאָט שבתי צבי, אין דיין האַנט גיב איך איבער מיין גייסט און מיין נשמה”. די סעקטע, וואָס איז פון אים געשאַפן געוואָרן, האָט זיך גע-רופן די זוהר׳יסטישע אָדער קבלה׳יסטישע.

אָבער אומגעריכט איז באַקאַנט געוואָרן, אַז די חסידים זיינען פשוט׳ע מופקרים, אויסגעלאַסענע שאַרלאַטאַנעס. דאָס איז געווען כ״ו שבט, פונ׳ם יאָר תקט״ז. אינ׳ם שטעטל לאַנצקרינע, אין פאָדאָליע, איז געווען יענעם טאָג א יאַריד, און אהין האָבן זיך פאַרזאַמלט די פראַנקיסטן, אין אַן איינפאָר - הויז פון איינעם פון זייערע חברים, ליב ב״ר אהרן. דאָרט האָבן זיי פאַרמאַכט אַלע פענסטער, כדי מען זאָל ניט זען זייערע מעשים,

אַריינגענומען אַהין די שיינע יונגע רביצן, וועלכע איז אויך געווען פון דער חברה, און א מופקרת גלייך ווי זיי, ארויפגעזעצט זי אויף אַ שיינער שטול, אונטער אַ חופה, א נאַקעטע... אָנגעטון איר אויפן קאָפּ א כתר תורה און אָנגעהויבן זינגען, שפּילן און טאַנצן ארום איר. און טאַנצנדיק אַרויפּ־געפאַלן אויף איר און אָנגעהויבן זי צו קושן ווי מע קושט אַ מזוזה. דערפון האָבן זיך אָבער דערוואוסט די אידן וועלכע זיינען געקומען אויפן יאַריד, און אַריינבּרעכנדיק זיך אין דעם איינפאַר־הויז האָבן זיי געכאַפּט אַלע פאַר־זאַמלטע, זיי געבונדן און גלייך אַוועק צום פאַרוואַלטער פון דעם פּריץ איבּערן שטעטל, און אים איבּערגעגעבן, אַז ס׳איז געקומען אַ מאַכמעדאַ־נער, און רעדט איבער די אידן זיי זאָלן ווערן מאַכמעדאַנער און אויסוואַנ־דערן קיין טערקיי, און אז ער פירט זיך אויף זייער אוממאָראַליש. דער פאַרוואַלטער, ראָמאַנאָווסקי, איבערצייגנדיק זיך אין דער ריכטיקייט פון די ווערטער, האָט גלייך אַרעסטירט פראַנקן צוזאַמען מיט אַלע פראַנקיס־טן. פראַנק איז אָבער, אויף דער בקשה פון אייניקע רייכע מאַכמעדאַנער, אויף מאָרגן באַפרייט געוואָרן, מיט דעם תנאי ער זאָל פאַרלאָזן די שטאָט, און ער איז פון דאָרט אַוועק קיין כאטין, אין בעסאַראַביע.

די מעשים רעים פון די פראַנקיסטן האָבן ניט וויניק שרעק אַריינ־געוואָרפן אין די הערצער פון די פּוילישע אידן, וועלכע האָבן מורא גע־האָט פאַר די קאָנסעקווענצן פון אזעלכע מעשים, און פאַרן שלעכטן איינ־פלוס, וואָס זיי קאָנען האָבן אויף די לייכטזיניקע. און אידן האָבן אָנגע־הויבן אומברחמנותדיק צו רודפן די פראַנקיסטן, וועלכע האָבן זיך געווענ־דעט צום בישאָף ניקאָלאַי דאָמבראָווסקי, אין קאַמעניץ, און געבעטן, ער זאָל זיי נעמען אונטער זיין שוץ. דעם אַכטן אדר זיינען איינגעלאַדן גע־וואָרן אידן און פראַנקיסטן צום בישאָף צו האָבן פאַר אים אַ ויכוח. צוליב פאַרשידענע סבות איז דער ויכוח צו יענער צייט ניט פאָרגעקומען. די רבנים האָבן זיך אָבער ניט איבערגעשראָקן און האָבן מחרים געווען די פראַנקיסטן, און אין בראָדי זיינען די פראַנקיסטן אין אַ שרעקלעכן חרם אַריינגעלייגט געוואָרן, מיט תקיעות שופר און פאַרלאָשענע ליכט. ארויפגעלייגט אַן אסור אויף יעדן אידן מיט זיי זיך מתחתן זיין. זיי־ערע קינדער פאַררעכנט פאַר ממזרים און זייערע פרויען פאַר אויסגע־לאַסענע, זייער ברויט איז פת כותים און זייערע כלים זיינען טרפה. מע טאָר זיי ניט מצרף זיין צו קיין דבר שבקדושה. און אויך איז פאַרבאָטן

יעדן אידן פאַר דרייסיק יאָר צו לערנען זוהר און ספרי רמ״ק (ר׳ משה קאָרדאָווער), און די כתבי אר״י — פאַר פערציק יאָר. און איבערהויפּט ניט צו לייענען קבלה־ספרים אין מאַנוסקריפּט, נאָר געדרוקטע. און אויף וועמען עס וועט נאָר ארויס אַ חשד, אז ער איז נכשל געוואָרן אין דער פראַנקיסטישער שטה, טאָר ער ניט זיין ניט קיין רב, ניט קיין שוחט, און ניט קיין סופר סת״ם, ביז עס וועט זיך איבערצייגן אז דער השד איז געווען אַ פאַלשער, אָדער ביז ער וועט תשובה טון.

די אידן אין פוילן האָבן זיך פאַרנומען אויסראָטן אין גאַנצן די גע־פערלעכע סעקטע. זיי האָבן זיך געווענדעט צו רעגירונגס - לייט און אָנגעגעבן אַז די פראַנקיסטן זיינען געפערלעך אויך פאַר דער רעגירונג. דאַמבאָווסקי איז שוין געווען גרייט ער זאָל זיי פאַרמשפּטן צו פאַרברע־נען. ווען פראַנק האָט זיך דערוואוסט דערפון, האָט ער זיינע אָנהענגער געראָטן זיי זאָלן זאָגן פאַר די פוילישע רעגירונגסלייט, ווען מען וועט זיי רופן, אַז זיי גלויבן אין דער דרייאייניקייט, און אַז דער תלמוד איז אַ ביז גאָר אַ שעדלעכער און זיי גלויבן ניט אין אים. אויף זיין עצה האָבן זיך גלייך דאַן געטויפט עטלעכע און צוואַנציק פראַנקיסטן.

אינם יאָר תקט״ז זיינען געקומען צום בישאָף דריי און צוואַנציק פראַנקיסטן מיט אַ קלאַגע אויף די אידן, פאַר דעם חרם וואָס איז אויף זיי ארויפגעלייגט געוואָרן אין בראָדי, און ווייל דער בישאָף האָט שוין אָנ־געהויבן מיט זיי צו סימפּאַטיזירן פאַר דער דערקלערונג וואָס זיי האָבן געגעבן אז זיי גלויבן אויך אין דער דריי אייניקייט, האָט ער דעם דריטן אב איינגעלאַדן איניקע אידן אָפּצוגעבן דין וחשבון, און אויך דער־קלערן דעם אונטערשיד פון זייער אָנשויאונג איבער דער רעליגיע, און די פון די פראַנקיסטן. עס זיינען געקומען צוואַנציק אידן און דריי פראַנ־קיסטן, צו דערקלערן יעדער די הויפּט־פּרינציפּן פון זייער גלויבן. און נאָכן אָפּנעמען פון זיי אַ שבועה, אין דער געגנוואַרט פון די שופטים און רעגירונגס־באַאַמטע, האָבן די פראַנקיסטן דערקלערט די הויפּט־פּרינ־ציפּן פון זייער נייעם גלויבן, וועלכע באַשטייען אין דער צאָל פון ניין:

1. מיר גלויבן אַלעם וואָס ס׳איז אָנגעזאָגט געוואָרן אין אַלטן טעס־טאַמענט; 2. די הייליקע שריפטן זיינען ניט פאַרן מענטשלעכן שכל צו פאַרשטיין, און נאָר מיט גאָטס גנאַדע פאַרנעמען מיר זיי נאָך אונזער פאַרשטאַנד נאָך; 3. דער תלמוד איז פול מיט לעסטערונג קעגן גאָט, און

ס'איז נויטיק צו פארניכטן אים; 4. גאָט איז איינער און ער האָט אַלעם באַשאַפן; 5. די איינהייט פון גאָט איז אין דריי אומטיילבאַרע געשטאַלטן; 6. גאָט קאָן זיך מתלבש זיין אין געשטאַלט פון אַ בן אדם און זיך אונטערוואַרפן אַלע מענטשלעכע באַגירדע, אויסער דעם יצר הרע; 7. די שטאָט ירושלים וועט קיינמאָל צוריק ניט אויפגעבויט ווערן; 8. משיח וועט מער ניט קומען; 9. גאָט אַליין וועט אַראָפּנעמען די קללה, מיט וועל-כער ער האָט פאַרשאָלטן אדם מיט חוה, אַפוואַשן די זוהמה פון אדם הראשון, וועלכע האָט זיך נאָך ניט אָפּגעטאָן, און דאָס וועט אין גיכן געשען אינ'ם וועזן פון משיח - גאָט אין געשטאַלט פון אַ מענטשן."

גלייך נאָך דער דערקלערונג האָבן זיי זיך געקלאָגט אויף די תלמודיסטן אַז זיי, אויסער דעם וואָס זיי האָבן זיי מחרים געווען, דערלאָזט מען זיי ניט צו קיין שום מסחר. זיי האָבן מיט פאַלשע בלבולים באַאיינפלוסט די רעגירונגס - מענער זיי זאָלן אונז אויך פאַרפאָלגן. און מיר בעטן די שופטים זיי זאָלן דעקרעטירן, ערשטנס: די פאַרפאָלגונגען זאָלן אויפ-הערן, צווייטנס, די רעגירונג זאָל אונז נעמען אונטער איר שוץ".

וואָס די רבנים האָבן אָפּגעענטפערט קעגן די נייַן פון זיי אויסגע-שפּראָכענע הויפּט - פּרינציפּן, פאַרשווייגט די היסטאָריע; מעגלעך אַז אויך די שופטים זיינען ביז גאָר ניט צופרידן געווען מיט די דאָגמאָס זייערע און פאַרשוויגן די אָפּווענדונג פון די דריי און צוואַנציק דיספּו-טאַנטן. זיי האָבן אָבער פאַראָרדנט אַ חקירה ודרישה וועגן דער באַשול-דיקונג אויף די פראַנקיסטן, און אין צווייטן אלול פון דעם זעלבן יאָר איז די חקירה ודרישה געמאַכט געוואָרן אין לאַנצקריני און דער רע-זולטאַט פון דער זעלבער איז געווען — מיט אַ פאַרזאָג פונ'ם בישאָף — צו גונסטן פון די פראַנקיסטן, און ס'איז זיי אַרויסגעגעבן גע-וואָרן אַ שוץ - דאָקומענט קעגן די רדיפות.

דער בישאָף דאָמבראָווסקי האָט זיך אָבער ניט צופרידנגעשטעלט מיט דעם שוץ - דאָקומענט; ער האָט אויך פאַרלאַנגט, אַז די אידן פון לאַנצקריני, אין דער שטאָט וואו די פראַנקיסטן זיינען אין חרם אריינ-געלייגט געוואָרן, כאָטש דער חרם איז אין בראָדי פאַרגעקומען, אַז זיי זאָלן שיקן דעלעגאַטן קיין קאַמעניץ צו האָבן דאָרט אַ ויכוח מיט די פראַנקיסטן. אכט טאָג אין אדר פון דעם יאָר, זיינען געקומען דעלעגאַטן,

צווישן זיי דער באַוואוסטער שתדלן ר׳ שמעון ב״ר הירש מיעזעריזאָן, וועלכער האָט דערקלערט, אַז ער איז נאָר באַפולמעכטיקט צו פאַרטיידיקן די אידן אין יורידישע אינטערעסן, אָבער ניט אויף צו האָבן אַ וכוח אויף רעליגיעזע ענינים. ער האָט געזוכט צו איבערצייגן, אַז לויט די שטאַטס־געזעצן פון די צייטן פון דעם גרויסן קאַזימיר, קעניג פון פוילן, ביז אין דער דערמאנטער צייט, זיינען אָפּגעשאַפט געוואָרן די שטרייטיקייטן, וועלכע פלעגן פאָרקומען אויף רעליגיעזע ענינים. דער בישאָף דאָמבאָווסקי האָט זיך אָבער דערמיט ניט געוואָלט רעכענען. נאָר אַזוי ווי ניט אַלע דעלעגאַטן זיינען געקומען, האָט ער דאָס ערשטע אַרויפגעלייגט אַ געלט־שטראָף אויף אַלע אידן פון זיין יעפּאַרכיע, און באַשטימט צו שיקן אַ שטרענגע אויפפאָדערונג צו קומען ב תמוז, תקי״ז, קיין קאַמעניץ צו דעם וכוח.

אין דעם באַשטימטן טאָג זיינען געקומען 7 רבנים, צווישן זיי דער באַוואוסטער רב פון סאַטאַנאָוו, ר׳ מנחם מענדל, ר׳ בער, דער רב פון יאַזלאָוויץ, אין דעם נאָמען פון ועד ד׳ ארצות — ר׳ יוסף קרעמניץ, דער רב פון מאָהילעוו. פון די פראַנקיסטן זיינען געקומען מערערע צענדליקער צווישן זיי ליב בן נטע, וועלכער רופט זיך ליב קרים פון נאַדוואַרנא, חיים בן משה פון קאַפּישטניץ, ליב באַבאַז פון זבּרעזש און שלמה בן אלישע, פון ראהטין.

אויך אין דעם וכוח איז, פּונקט ווי אין ערשטן, פאָרגעלייגט געוואָרן ניין פראַנקיסטישע פּרינציפּן.

אויף די ערשטע פיר, וועלכע שטימען מיט די אָנגענומענע אידישע עקרים, האָבן זיי זעלבסטפאַרשטענדלעך מסכים געווען; די אַנדערע פינף אָבער, וועלכע באַציען זיך צו די עקרים פון קריסטנטום האָבן די רבנים מחמת מורא אָפּגעשוויגן און ניט אָפּגעלייקנט. און אַזוי איז פון די גייסטלעכע שופטים אַרויסגעבראַכט געוואָרן דער שרעקלעכער משפט: וועגן דאָס אומרעכט וואָס איז געטון געוואָרן די פראַנקיסטן אין לאַנצקרינע, זאָל דעם אידן גרשון געגעבן ווערן הונדערט מלקות, צו פינפאונצוואנציק אין יעדן שטאָט־פערטל; דעם אידן נפתלי — אכציק מלקות: באַצאָלן די געליטענע אין לאנצקריני פינף טויזנט גולדן: דעם שתדלן מצד די רבנים, שמעון ב״ר הירש, וועלכער האָט זיך חוצפּהדיק פאַרהאַלטן קעגן די ריכטער זאָל איבערגעגעבן ווערן צום פּריץ פון דער שטאָט, וואו ער וואוינט

צו באַשטראָפן אים מיט דער שטרענגסטער שטראָף, אויסער טויט-שטראָף; די אידישע געמיינדע פון דער שטאָט, וועלכע האָט געוואָגט אזא שתדלן צו שיקן דאַרף אַרויסגעבן הונדערט צוויי און פופציק אונגאַרישע דוקאַטן, צו רעפּארירן די קירכע אין קאַמעניץ. און א כח הרשאה איז אַרויסגעגעבן געוואָרן די פאַרשטייער פון די פראנקיסטן צונויפצונעמען די ספרי התלמוד און זיי פאַרברענען אין קאַמעניץ.

דער שרעקלעכער טאָג פון פאַרברענען דעם תלמוד איז אויסגעפאַלן יום ג. ד"חשון. די פראנקיסטן האָבן אין דעם דאָזיקן טאָג פאַרברענט אַלע ספרי התלמוד, וועלכע זיי האָבן צוזאַמענגענומען אין קאַמעניץ. און נאָכדעם האָבן זיי זיך געלאָזט, מיט דער הילף פון פאָליצייאישע אַגענטן און מיליטער איבער מערערע שטעט, צונויפגענומען אלע תלמוד - ספרים און אויך די ספרי פוסקים און צוגעבונדן זי צו די עקן פון די פערד און זיי געשלעפּט קיין קאַמעניץ. און דאָרט זיינען זיי, צו דער שמחה פון די פראַנקיסטן, פאַרברענט געוואָרן אין מיטן שטאָט. אום שבת, ענדע חודש חשון פון תקפ"ח, זיינען אויך פאַרברענט געוואָרן די ספרי התלמוד און פוסקים אין בראָדי, לעמבערג, זשאָלקאָוו און נאָך פיל אַנדערע שטעט. דער טאָג אין וועלכן דער תלמוד איז פאַרברענט געוואָרן איז באַשטימט געוואָרן אלס תענית טאָג. און אים נאָך מער מחמיר געווען ווי יום כפור. די פרויען האָבן אַ גאַנצן טאָג ניט געטאָרט אָנזויגן זייערע קינדער.

דאָ מוז אַרויסגעזאָגט ווערן א שבח די פרויען פון די פראנקיסטן. אַרויסזעענדיק דאָס אונגעהייערע רשעות פון זייערע מענער, זיינען פילע פון זיי אַנטלאָפן צוריק צו זייערע אידישע פאַמיליעס און ווען די שאַר-לאַטאַנעס האָבן זיך באַקלאָגט פאַר דאַמבאָווסקי, אַז אידן האָבן מיט געוואַלד אַוועקגערויבט זייערע פרויען, און ער האָט זיי דערלויבט זיי זאָלן זיי מיט געוואַלד אָפּנעמען, האָבן זיך פיל פרויען געלאָזט מערדערלעך שלאָגן און אַ טייל פון זיי זיינען אפילו פאַרשמיסן געוואָרן ביז צום טויט, און זיי האָבן זיך ניט צוריקגעקערט.

אידן האָבן זיך אָבער דאָך דערלעבט אַ נקמה. נאָכן פאַרברענען דעם תלמוד, האָט דאַמבאָווסקי פאַראַנשטאַלטעט אַ גרויסן יום טוב און משמח געווען צוזאַמען מיט פיל גלחים און פריינט. ווען ער האָט זיי אָנגעזאָגט די בשורה אַז ער פאָרט קיין לעמבערג, צו פאַרנעמען דאָרט דעם

אמט פון אַרכי־בישאָף, האָט ער באַקומען די עפּילעפּסיע און אָפּליגנדיק דריי טעג איז ער געשטאָרבן.

פאַר די פראַנקיסטן איז זיין טויט געווען גאָר אַ שווערער קלאַפּ. זיי האָבן פאַרלוירן זייער באַשיצער. פאַר אידן איז עס אָבער אַ גרויסע שמחה געווען, זיי זיינען פּטור געוואָרן פונם גרעסטן שונאי ישראל.

די פראַנקיסטישע באַוועגונג איז אויף אַ צייט אָפּגעשוואַכט געוואָרן. פראַנק אַליין האָט זיך באַזעצט אין דזשורזשעווא, אין טערקיי, זיך אויפגעפירט ווי א טערקישער פּאַשא, געהאַט אַ האַרעם און ס׳איז אים גאָר ניט אָנגעגאַנגען, וואָס עס קומט פאָר מיט זיינע חסידים אין פוילן. ווען ער האָט זיך אָבער דערוואוסט, אַז די טערקישע אידן זוכן אים צו טויטן, האָט ער זיך געווענדעט צום פּאַשאַ און צום מופטי, זיי זאָלן אים באַשיצן, ווייל ער איז אַ מאַכמעדאַנער. די פראַנקיסטן האָבן אָבער אויפגעהויבן דעם קאָפּ, ווען דער משיח זייערער איז געקומען קיין פוילן. זיי האָבן ווייטער פאָרגעזעצט זייערע אינטריגעס קעגן תּלמוד און ס׳איז זיי געלונגען צו פאַררופן נאָך אַ מאָל רבנים אויף אַ וכוח. דאָס מאָל אָבער איז דער וכוח אויסגעפאַלן צום גונסטן פון די רבנים, און ס׳איז פאַרבאָטן געוואָרן צו פאַרברענען דעם תּלמוד. און אַ דאַנק אַ משומד פון זאַמושטש, וועלכער האָט איבערצייגט די גלחים דעם שווינדל פון פראַנק און פון זיין סעקטע, וועלכע גיבן זיך אוים אַלס גלויביקע אין קריסטנטום און זיינען נאָר פאַרמאַסקירטע, איז פראַנק איינגעשפּאַרט געוואָרן אין טשענסטאָכאָווער פעסטונג.

אויך פיל פון זיינע אָנהענגער זיינען מיט אים פאַרשפּאַרט געוואָרן און דאָרט האָט מען מיט זיי געאַרבעט עבודת פּרך. פיל פון זיי האָבן זיך געוואַלגערט ביי די קלויסטערס, אָפּגעריסענע און אָפּגעשליסענע, בעטנדיק נדבות.

כן יאבדו כל אויביך ד׳.

ה. תצ״ב — 1732 — דער געבורט פון ר׳ יעקב קאָפּל טהעבן.

צווישן די אידישע פּרנסים, אידישע מנהיגים און שתּדלנים, צו משתּדל זיך זיין פאַרן אידישן פאָלק אין יעדער עת צרה, וועלכע האָט זיך ווידערהאָלט פון צייט צו צייט, האָט זיך קיין פּרנס אַזוי ניט קונה

שם געוועז אַלם אַ שתדלן מיט מסירת נפש, ווי ר׳ יעקב קאַפּל טהעבן. זיין שתדלנות האָט שטענדיק געהאַט דעם בעסטן דערפאָלג.

ווער זיינען געוועז די פרנסים, די שלוחי צבור צופאַר מיט צוויי הונדערט יאָר?

אויף דערויף קאָן מען ענטפערן: מענטשן אָרימע, בדוחק פאַרדינט זייער לעבנסמיטל, און ווען ס׳איז געקומען אַ צייט זיי זאָלן ווערן די שלוחי צבור, אָדער ווי מען האָט זיי אויך גערופן: שלוחי דרחמנא, האָבן זיי אין זיך אינגאַנצן פאַרגעסן, ניט אין זינען געהאַט ווייב און קינד, ניט אין אַכט גענומען די אומשטענדן פון דער צייט, ס׳האָט זיי ניט אָפּגעהאַלטן די גרעסטע רעגנס, שנייען און פרעסט, מיט מסירת נפש האָבן זיי זיך געלאָזט צו משתדל זיך זיין וואו מען האָט געדאַרפט און זיינען גרייט געוועז צו פאַלן אַ קרבן פאַרן אידישן פאָלק. זיי, די פרנסים, האָבן ניט געזוכט קיין כבוד, ניט פאַרלאַנגט קיין מעדאַלן, קיין באַנקעטן. זייער גרעסטער פאַרגעניגן איז געוועז, ווען זיי איז געלונגען דורך זייער שתדלנות אָפּצושאַפן אַ גזירה, אָדער אויסווירקן אַ טובה פאַר זייערע אומגליקלעכע ברידער. אויסצואווירקן וועלכע ניט איז ישועה פאַרן פאָלק, איז ביי זיי געשטאַנען פיל העכער פון דער גרעסטער מצוה פון די תרי״ג מצות. עס האָט זיי ניט אָפּגעהאַלטן דאָס וואָס זיי האָבן געמוזט צוליב זייער שתדלנות עובר זיין אויף אַ מצוה, אָדער טון אַן עבירה, אפילו מחלל שבת זיין בפרהסיא, כאָטש ביי זיך אין דער היים, זיינען זיי ביז גאָר פרום געוועז, ניט עובר געוועז די קלענסטע מצוה און ניט געטון די מינדעסטע עבירה.

ווער איז געוועז ר׳ יעקב קאַפּל?

ר׳ יעקב קאַפּל איז געבוירן געוואָרן אין פרעסבורג; זיין פאָטער האָט געהייסן ר׳ אברהם מאנדל. נאָך אַלס קינד האָט מען שוין דערקענט אין אים אויסערגעוויינלעכע פעאיקייטן און שאַרפזיניקייט.

די עלטערן האָבן לכתחילה בדעה געהאַט צו לאָזן אים לערנען אויף צו ווערן אַ רב, אַ גדול בישראל. און ער איז ווירקלעך געוואָרן אַ גדול בישראל אָבער ניט אויפן געביט פון רבנות, נאָר אַלס פאָלקס-פאָרשטייער, אָדער ווי מען האָט אַזעלכן גערופן צו יענער צייט: פרנס און מנהיג. ווען זיין פאָטער האָט זיך איבערצייגט, אַז זיין קינדס טאַלאַנט אַנטוויקלט זיך מער אין עולם המסחר און אויף געזעלשאַפטלעכע אַרבעט, אַלס צו

גייסטיקער, אַז ער איז מער פּראַקטיקער ווי טעאָרעטיקער, האָט ער אים אַריינגענומען אין זיין געשעפט, און אין אַ קורצער צייט האָט ער אַרויסגעוויזן וואונדערלעכע קענטעניש אויפן האַנדלס-געביט און איז מיט דער צייט געוואָרן אַ שותּף צום געשעפט, וואָס האָט זיך גערופן: האַנדלס-פירמע פון אברהם און קאָפּל מאנדל. אַ דאַנק דער האַנדלס-פירמע האָט ר׳ יעקב קאָפּל געהאַט אַן אַריינגאַנג אין די גרעסטע רעגירונגס-הייזער, און באַזיצט טיכטיק די לאַנדעס-שפּראַך און אויך אַריסטאָקראַטישע מאַניערן וואָס האָט אים געמאַכט זייער חשוב אין די רעגירונגס-קרייזן.

נאָכן פּאָטערס טויט, איז יעקב קאָפּל פאַרבליבן דער איינציקער פירער פון דער האַנדלס-פירמע, וועלכע האָט זיך נאָכדעם גערופן „קאָפּל טהעבן״.

אַ דאַנק זיינע מעשים טובים איז ער באַליבט געוואָרן ביי אַלע קלאַסן אידן. אַ טייל פון זיינע מעשים טובים וועל איך דאָ פאַרצייכענען:

יעדן ערב שבת און ערב יום-טוב פלעג ער טיילן שפּייז צו אַלע אָרימע לייט פון דער שטאָט. מערערע מאָל האָט געטראָפן אַז נאָכן צוטיילן די שפּייז איז פאַר אים מיט זיין פאַמיליע גאָר ניט געבליבן און ער האָט געמוזט באַשטעלן עסן פון אַ כשר׳ער קיך, און איינקע מאָל ווען אין די כשר׳ע קיכן האָט אויסגעפעלט געקעכטס, איז ער זיך באַגאַנגען מיט דער אָרימסטער סעודה. ר׳ קאָפּל איז אויך געווען אַ זעלטענער אוהב און רודף שלום. ווען אַ פּאָר פאָלק איז געקומען צום רב זיך גט׳ן האָט ער מאַן און ווייב פריער געשיקט צו ר׳ יעקב קאָפּל׳ן און זעלטן, זעלטן האָט געטראָפן ס׳זאָל אים ניט געלונגען צו מאַכן שלום צווישן דעם פּאָר.

זיין וואָרט איז ביי יעדן געווען הייליק און קיינער האָט ניט געוואַגט עס איבערטרעטן. איינמאָל האָט זיך געטראָפן אַז די קריסטלעכע פישערס, ווייסנדיק אַז אידן קענען זיך אָן פיש אויף שבת ניט באַגיין, האָבן זיי געהעכערט די פּרייז אויף אַזוי פיל, אַז דעם אָרימען אידן איז אוממעגלעך געווען צוצוקומען צו אַ שטיקל פיש אויף שבת. ר׳ יעקב קאָפּל, דערוויסנדיק זיך דערפון האָט גלייך פאַראָרדנט אַז קיין איינציקער איד פון די פאַרמעגלעכע זאָל זיך ניט וואַגן צו קויפן פיש אויף שבת, ביז די פישערס וועלן ניט פאַרביליקערן די פּרייז. און געפאָלגט האָבן אים אַלע, און אין פאַרלויף פון אַ מאָנאַט, איז שוין די פּרייז נאָרמאַליזירט געוואָרן.

זיין ליבע האָט זיך אַרויסגעוויזן ניט נאָר צו אידן אַליין: אויך ניט־אידן האָבן פון איר גענאָסן. ווען איינער פון די קריסטן איז אין אַ נויט געווען, איז ער שטענדיק אים צו הילף געקומען.

דערנעבן זיין הויז איז געשטאַנען אַ הילצערן ביידל, און אַ קריסט־לעכע אָרימע שכנה האָט אים געבעטן ער זאָל איר דערלויבן צו פאַרקויפן דאָרט בראָנפן מיט פאַרבייסן און דערפון זיך מפרנס זיין מיט אירע קינדער. ר' קאָפל האָט איר עס דערלויבט. ער פלעגט יעדן טאָג אָפּשטייגן אַהין און זי אויספרעגן צי זי האָט פרנסה פונם פאַרקויף.

איינמאָל איז ער אַריינגעקומען אַהין און זי געטראָפן אַ וויינענדיקע. אויף זיין פראַגע פאַרוואָס זי וויינט, האָט זי אים געענטפערט, אַז זי האָט איבערגעלאָזט אין שטוב אַ קראַנק קינד און זי האָט ניט אויף וועמען איבערצולאָזן די פרנסה כדי זי זאָל קענען גיין זען איר קראַנק קינד. ר' קאָפל האָט גלייך איר געהייסן גיין אהיים און ער וועט די צייט, ביז זי וועט זיך צוריקקערן, פאַרבלייבן אין שענקל. „נישט קשה — האָט ער איר געזאָגט — איך קאָן אויך אַזוי ווי דו פאַרקויפן". די אָרעמע פרוי האָט לכתחלה נישט געוואָלט איינשטימען דערצו, זי האָט עס גערעכנט פאַר דעם גרעסטן אומכבוד פאַר איר וואוילטעטער. ר' יעקב קאָפל איז אָבער אויף זיינס באַשטאַנען און געפאָדערט פון איר זי זאָל גלייך אַהיימגיין.

אין דער צייט ווען ר'יעקב קאָפל איז געשטאַנען און פאַרקויפט, איז דורכגעגאַנגען דער עסטרייכישער קייזער יאָזעף דער צווייטער, וועלכער האָט ר' יעקב קאָפלען גוט געקענט. מיט אים צוזאַמען זיינען אויך גע־גאַנגען זיינע מיניסטאָרן. דער קייזער, דערזעענדיק אים אין שענקל, האָט אַ פאַרוואונדערטער אויסגערופן: „דו, קאָפל, אין שענק!" ר'קאָפל האָט אים דערציילט די אורזאַכע פון זיין שטיין דאָרט. „אויב אַזוי — האָט דער קייזער זיך אָנגערופן — גיב־זשע מיר אַ גלעזל שנאַפּס". ווען ער האָט עס אויס־געטרונקען, האָט ער ארויסגענומען אַ גאָלדן רענדל און אים דערלאַנגט. קוקנדיק אויף אים האָבן אויך די מיניסטאָרן געטרונקען צו גלעזלעך שנאַפּס און באַצאָלט די אייגענע פרייז. ווען די קריסטלעכע פרוי האָט זיך צוריקגעקערט האָט איר ר' יעקב קאָפל איבערגעגעבן דעם גאַנצן פדיון און נאָך פון זיין קעשענע דערלאַנגט צו אַ גלייכן סכום, און ניט וואַרטנדיק אויף קיין דאַנק, איז ער גלייך ארויס פונ'ם שענקל און מער זיך נישט געוויזן פאַר איר.

דאָס זיינען נאָר אַ פּאָר פאַקטן, וואָס שילדערן זיין כאַראַקטער אַלס גוטהערציקער און געטרייער איד און מענטש. און איצט וועלן מיר אים שילדערן — לויט דער היסטאָריע — אַלס פרנס הצבור ניט נאָר איבער דער קהלה פון פּרעסבורג, נאָר איבער גאַנץ אונגאַרן, און אים, דעם איד, וואָס האָט געלעבט צופּאַר מיט צוויי הונדערט יאָר, שטעלן אלס אַ מוסטער פאַר אונזערע כלל-טוער וועלכע לעבן אין דעם ציווויליזירטן צוואנציקסטן יאָרהונדערט...

ווען ר׳ יעקב קאָפּל איז געוואָרן דער אידישער פרנס הצבור, האָט די קייזערן מאַריאַ טערעזאַ נאָך רעגירט איבער עסטרייך - אונגאַרן, און ס׳איז לייכט זיך פאָרצושטעלן דעם עגמת נפש פון א אידישן מנהיג אין אַ צייט פון שרעקלעכע גזרות וואָס זיינען פון צייט צו צייט פון דער קייזערן ארויסגעגעבן געוואָרן אויף אידן און דאַרפן שטענדיק זיין אויף דער וואך זיך משתדל זיין, כדי — אויב נישט אינגאַנצן אָפּשאַפן זיי — פאַר־לייכטערן זיי. זיבן יאָר, זיבן שווערע יאָר, איז ר׳ יעקב קאָפּלען אויסגע־קומען מיט מסירת נפש זיך משתדל זיין פאַר זיינע אומגליקלעכע ברידער. און די צייטן האָבן זיך געביטן. אינם יאָר 1781, איז מאַריאַ טערעזאַ געשטאָרבן, און איר זון, יאָזעף דער צווייטער, איז געוואָרן קייזער. יאָזעף דער צווייטער איז ווירקלעך געווען א מלך של חסד. מען האָט אים גע־רעכנט פאַרן גנעדיקסטן און באַרמהערציקסטן פון אַלע פריערדיקע הער־שער. ער האָט אָפּגעשאַפט דעם יעזואיטישן אָרדן, אַרויסגענומען פון זייערע קירכן דאָס גאַנצע גאָלד און זילבער וואָס זיי האָבן דאָרט אָנגע־זאַמלט, און עס אַריינגעלייגט אין רעגירונגס שאַץ-קאַמער. ער האָט גע־שאַפן דעם טאָלעראַנץ-עדיקט. אידן האָבן אויף אים גרויסע האָפענונגען געלייגט, געגלויבט האָבן זיי, אַז דער גוטער קעניג וועט זיי צוריק־קערן די רעכטן וועלכע די פריערדיקע הערשער האָבן פון זיי אָפּגע־רויבט. דער גוטער קייזער האָט אָבער אויף זיינע אידישע אונטער־טאַנען ניט געקוקט מיט דעמזעלבן בליק ווי אויף זיינע קריסטלעכע. ער איז געווען אַ צוויי געשטאַלטיקער, אָדער ווי דער פּרייסישער קעניג פרידריך דער גרויסער האָט אים גערופן: „דער פלוטישער קעניג“. ער מאַכט דעם צווייטן זורים פאַרן ערשטן... דער זעלבער וואָס האָט ארויס־געגעבן דעם טאָלעראַנץ-עדיקט, האָט דאָך נישט אָפּגעשאַפט דעם באַ־זונדערן שטייער וואָס ער האָט ארויפגעלייגט אויף אידן אלס שוצגעלט.

און נאָר אָפּגעשאַפט דעם קאָפּשטייער, וואָס איז געווען ארויפגעלייגט אויף די אידן פון די גרויסע שטעט. דעם 27־טן דעצעמבער 1785, האָט ער ארויסגעגעבן נייע גזרות, אַז אידן זאָלן זיך נישט באַשעפטיקן מיט שענק־הייזער. און אין 29־טן יוני 1786, מאַניפעסטירט, אַז אַ איד האָט נישט דאָס רעכט צו באַרגן דעם פויער מער ווי צוואנציק קרייצער. און ווער עס וועט נישט אויספאָלגן דעם געזעץ וועט שטרענג באַשטראָפט ווערן.

און ווען ר׳ יעקב קאָפּל האָט זיך צוגלייך מיט זיינע ברידער אַנטווישט אין דער האָפנונג צו באַקומען די זעלבע רעכטן ווי אַלע קריסטלעכע אונטער־טאַנער, האָט ער אַ נדר געטון אַז ביז זיין לעצטן אָטעם־צוג וועט ער קעמפן און ניט דערלאָזן אַז קיין אומרעכט זאָל געשען מיט זיינע ברידער.

דורך זיין שתדלנות איז אָפּגעשאַפט געוואָרן די גזרה אַז אַלע אידן אין עסטרייך ־ אונגאַרן דאַרפן זיך אָפּגאָלן די בערד. צו יענער צייט איז עס געווען אַ שרעקלעכע גזרה; מיט מסירת נפש האָט ער זיך דער־שלאָגן צו אַ אוידיענץ ביים קייזער און האָט געפועלט די גזרה מבטל צו מאַכן.

דער קייזער יאָזעף איז געשטאָרבן און ס׳איז אויפגעשטאַנען אַ נייער קעניג, לעאָפּאָלד דער צווייטער.

קאָפּל, ארויסזעענדיק די שווערע אַרבעט וואָס עס שטייט אים פאָר אין דעם קאַמף לטובת זיינע ברידער אין דער צייט פון דעם נייעם קעניג, האָט זיך צו הילף גענומען נאָך דריי פּרנסים: זיין קרוב ר׳ נפתלי פון דער שטאָט מארן, זיין זון, און דעם באַוואוסטן פּרנס ר׳ אליהו ראָזענטאַל. און ס׳איז ביי זיי געבליבן צו דערלאַנגען אַ ביט־שריפט צום אונגאַרישן פּאַרלאַמענט, פאָדערנדיק פון דער רעגירונג די 8 פּונקטן:

1. אידן זאָלן האָבן דאָס רעכט ניט געשטערט ווערן אויסצופאָלגן זייער תורה סיי שבכתב, און סיי שבעל פה. קיינער האָט ניט קיין רעכט צו צווינגען וועלכן ס׳איז אידן אָנצונעמען דאָס קריסטלעכע גלויבן. ס׳זאָל אויך ניט געצוואונגען ווערן קיין אידן צו היטן די קריסטלעכע ימים טובים אויף ניט צו אַרבעטן ביי זיך אין געשעפט; די געשעפטן דאַרפן נאָר זיין געשלאָסן אין דער צייט ווען עס קומט פאָר דאָס גאָטעס דינסט אין די קירכן.

2. ס׳זאָל דערלויבט זיין אידן צו פאָרן אומגעשטערט פון איין שטאָט צו דער צווייטער אָן אַ באַזונדערן שטייער.

3. אידן זאָלן האָבן דאָס רעכט צו עקספּאָרטירן און אימפּאָרטירן סחורות גלייך מיט אַלע קריסטלעכע בירגער פונ׳ם לאַנד.

4. ס׳זאָלן געשלאָסן ווערן די באַזונדערע — נאָר פאַר אידן — שענ־קען וואָס געפינען זיך אין פאַרשידענע שטעט, אין וועלכע אידן ווערן געצוואונגען דאָרט איינצושטיין און צאָלן די פּרייז וואָס ווערט אויף זיי אַרויפגעלייגט.

5. אידן זאָלן האָבן דאָס רעכט צו באַשעפטיקן זיך מיט וועלכער ס׳איז האַנטווערק, באַצאָלנדיק דעם זעלבן שטייער וואָס קריסטן.

6. אידן זאָלן האָבן דאָס רעכט צו באַזוכן יעדע אָרט שולע, סיי עלע־מענטאַרע סיי הויכשולן. ענדיקנדיק, זאָלן זיי באַקומען דעם זעלבן אַטעס־טאַט, אויף וועלכער ס׳איז פּראָפעסיע, גלייך מיט אַלע אַנדערע.

7. ווען עס וועט פאָרקומען א משפט צווישן איד און קריסט, זאָל ער פאָרקומען פאַר די שטאָט־ריכטער, און ניט ביי די דאָרפס־ריכטער.

8. ווען עס וועט פאָרקומען אַ משפט צווישן איד און איד, זאָלן די רבנים האָבן דאָס רעכט דעמזעלבן צו שליכטן, נאָר ווען איינער פון די בעלי דינים וועט ניט זיין צופרידן פונם פסק דין, קאָן ער פאָרקומען פאַרן שטאָטס־געריכט.

דער הערצאָג אַלעקסאַנדער האָט די בית־שריפט אָנגענומען און זי פאָרגעלייגט פאַר די פּאַרלאַמענטס־מיטגלידער, און כמעט אַלע זיינען אָנגענומען און אָנערקענט געוואָרן.

צום אומגליק איז אָבער דער פּאַרלאַמענט צוליב פאַרשידענע פּאָ־ליטישע טעמים געשלאָסן געוואָרן, און די אָנערקענטע פונקטן לטובת די אידן, האָבן ניט באַקומען אַ געזעצלעכע קראַפט, און אין דער זעל־בער צייט איז לעָאפּאָלד דער צווייטער געשטאָרבן, און פראַנץ דער ער־שטער איז געוואָרן קייזער. און דאָ האָבן זיך אָנגעהויבן נייע אידישע צרות, און אויסער די שוין צו געוואוינטע צרות האָט דער קייזער פראַנץ דעקרעטירט אַז אידן דאַרפן דערפילן מיליטער־פליכט. די אידן וואָלטן מיט דער גרעסטער צופרידנקייט דערפילט די פליכט, זיי האָבן שוין מערערע מאָל אַרויסגעוויזן זייער איבערגעבנקייט צום לאַנד, אריינטרעטנדיק אלס פרייוויליקע און פאַרגאָסן זייער בלוט פאַרן לאַנד. דאָס איז אָבער געווען

אין דער צייט ווען אידן האָבן גלייך מיט אַלע געהאַט בירגער־רעכט. איצט אָבער, ווען זיי זיינען פון דעם רעכט געדרייבט געוואָרן, האָבן זיי ניט געקענט איינשטימען צו דערפילן מיליטער־פליכט. און געשיקט האָבן זיי דעם שתדלן ר׳ יעקב קאָפּל צום קיסר.

און דאָ איז צו זען דאָס מסירת נפש פון ר׳ קאָפּל, מיט זיין אומ־דערשראָקנקייט צו מאַכן פּאָרווירפע דעם קייזער פאַר זיין אומקאָרעקט־קייט לגבי די אידן. „קיין בירגער־רעכט האָבן זיי ניט — האָט ער מיט ביטערניש פאָרגעוואָרפן דעם קייזער — און זעלנער פאָדערסטו פון אונז, צו פאַרגיסן זייער בלוט פאַר די פון וועלכע זיי ווערן געפייניקט און פאַר־פאָלגט?” ר׳ יעקב קאָפּל איז אַזוי אויפגערעגט געוואָרן, אַז ענדיקנדיק זיינע רייד, איז ער אַנידערגעפאַלן אויף דער ערד אַ פאַרחלשטער, און מיט שווערע מי האָט מען אים דערמונטערט. דער קייזער האָט זיין דעקרעט בנוגע מיליטער־פליכט פאַר אידן צוריקגעצויגן, ווייל געבן די אידן בירגער־רעכט האָט ער בשום אופן ניט געוואָלט, און צוגעזאָגט ר׳ יעקב קאָפּלען צו שיקן דעם נייעם דעקרעט צו אים אַ היים. ר׳ יעקב קאָפּל האָט שוין אָבער צו זיך ניט געקאָנט קומען. געציילטע חדשים האָט ער נאָך דעם נייעם דעקרעט געלעבט און איז נפטר געוואָרן אַרויסזאָגנדיק פאַרן טויט די ווערטער: „מיין שתדלנות וואָלט פאַר מיר אַ גרעסערן ווערט געהאַט, ווען מען זאָל אונז געוועזן געבן בירגער־רעכט אנשטאָט צו באַ־פרייען אונז פון מיליטער־פליכט”.

ר׳ יעקב קאָפּל האָט געלעבט 67 יאָר. און דער נאָמען זיינער איז פאַר־אייביקט געוואָרן אין דער אידישער געשיכטע.

ה. תקמ״ח — 1788 — דער געבורט פון ר׳ יצחק בער לעווינזאָן.

ווען דאָס אידישע פאָלק ווערט אָנגערופן „עם הספר”, קענען זיינע חכמים, זיינע וויסנשאַפטס־מענער מיט רעכט אָנגערופן ווערן „פאָנען־טרעגער”; און ווען אויך ווי פאָנען־טרעגער גייען זיי פאַרן פאָלק אַלס וועג־ווייזער, איז דאָך זייער לעבן איינגעוועבט אין פאָלקס־לעבן, און זייער נשמה — אין דער פאָלקס־נשמה. אָבער ניט אַלע פון די פאָנען־טרעגער זיינען די עניוות׳דיקע גאונים מיט אַזעלכע עניוות׳דיקע נשמות; גאַנץ ווייניק זיינען זיי, און ווען זיי ווייזן זיך, זיינען זיי נאָר ווי די מעטעאָרן, זיי דערשיינען אויף אַ קורצע צייט און פאַרשוואונדן.

איינער פון די מעטעאָרן איז געווען ר׳ יצחק בער לעווינזאָן, וועלכער האָט זיך באַוויזן אין דער צייט ווען — ווי פּאָעטן דריקן זיך אויס — דער אידישער הימל איז מיט שוואַרצע וואָלקן פאַרצויגן געווען. זיין גייסטיקע אַרבעט פאַרן פאָלק, דורך וועלכע זיין געזונט איז געבראָכן געוואָרן, און האָט דאָס רוב פון זיינע יאָרן אויפן קראַנקן־בעט זיינע פילע ספרים געשריבן, זיין בקיאות אין דער תלמודישער ליטעראַטור בכלל, און חכמת ישראל און חכמת העמים בפרט, זיין הייס אידיש האַרץ, וועלכעס האָט געוויטיקט צוזעענדיק אידישע גייסטיקע דערשלאָגנקייט דאַנקענד די שרעקלעכע פיזישע און עקאָנאָמישע ליידן זיינע, זיין אָפּפערווילינקייט צו לייסטן מיט זיין פעדער הילף דעם אומגליקלעכן פאָלק; זיינע מעררערע ספרים, וועלכע זיינען פון אים געשריבן געוואָרן נאָר אויף דעם איינציקן געביט צו העלפן זיינע ברידער סיי בגשמיות און סיי ברוחניות, זיין מיזעראַבל אָרעם לעבן, וואָס ער האָט אָפּגעלעבט אין גרעסטן דחקות, דאָס אַלעס איז באַוואוסט צו יעדן, וועלכער האָט זיינע ספרים געלערנט און זיינען אויך מעררערע מאָל באַשריבן געוואָרן אין די צייטשריפטן.

לעצטנס איז פון איינינקע שרייבער אַרויסגעשוואומען די פראַגע, ווער פון די ביידע: ר׳ נחמן קראָכמאַל און ר׳ יצחק בער לעווינזאָן, שטייט העכער. אָבער דאָ איז ניט וויכטיק צו רעכענען איינעם העכער פונס צווייטן אין וועלכער ס׳איז וויסנשאַפט; יעדער איינער האָט זיך זיינע פאַרדינסטן. ווען קראָכמאַל איז געווען אַ פילאָזאָף, און אויף דעם פילאָזאָפישן געביט איז ער געשטאַנען העכער פון ר׳ יצחק בער לעווינזאָן, איז אָבער דער לעצטער אויף זיין געביט צו פאַרטיידיקן זיינע ברידער קעגן זיינע שונאים, פיל העכער געשטאַנען פון קראָכמאַל; קראָכמאַל איז געווען — ווי מיר וועלן אים אָנרופן — אַ „איש הרוח״, אַנטפּלעקט דעם „מאור שבתורה״, און זיין ווירקונג איז געווען אויפן פאָלקס־גייסט אָן אַבסטראַקטע, אָן אַ מינדסטן לבוש, אַ נאַקעטע; דאַגעגן ר׳ יצחק בער לעווינזאָן, האָט דעם גייסט אָנגעטון אַ מלבוש... ער האָט אויפן גייסט אַרויפגעבראַכט פלייש, אַרויפגעצויגן אַ הויט, און אים געמאַכט פאַר אַ ווירדיקן אידישן מענטשן, וועלכער פילט אַלעס וואָס קומט פאַר און מיט אַלע רמ״ח איברים און שס״ה גידים. ר׳ יצחק בער לעווינזאָן האָט געלעבט נאָך דער עפּאָכע פון מענדעלזאָן, און זיין השכלה האָט זיך אונטערשידן

פון מענדעלזאָנס אָן אַן ערך. זי איז געווען ווייט פון יענער, ווי דאָס ווייט־קייט פון מזרח צו מערב. לעווינזאָנס השכלה איז ניט געווען ארויסגע־בראַכט פון אים אויף דער אַרט ווי מענדעלזאָנס, אין וועלכער די נאָכקו־מענדע האָבן אַ טעות געהאַט און דורכדעם פאַרפירט געוואָרן, און זיך אַריינגעוואָרפן אין אַפּטריניקייט, דערוויטערנדיק זיך פון אידישן גייסט און זיינע טראַדיציעס. און אייניקע אויך פונם גאַנצן מחנה ישראל. לעווינזאָנס השכלה איז געווען נאָכן גייסט פון דער ריינער אידישער אמונה און אין נצחיות פון דער תורה. צום אַלעם ערשטן האָט ער גע־צילט מיט זיין גייסטיקע אַרבעט צו ברענגען נוצן בפועל דעם אידישן פאָלק, צו פאַרלייכטערן זיינע פיזישע שמערצן.

ווי געזאָגט, וועל איך קיין אויספירלעכע היסטאָריע וועגן לעווינזאָן ניט שרייבן. איך וועל אויך ניט דערקלערן דעם אינהאַלט פון די פיל ספרים, וועלכע ער האָט אין זיין קראַנק לעבן געשאַפן. וועמען פון אונז זיינען ניט באַקאַנט זיינע ספרים דורך וועלכע ער האָט ניט נאָר אַראָפּ־געוואָרפן די שאַנדע מיט וועלכע זיינע ברידער אין רוסלאַנד זיינען באַ־דעקט געוואָרן, צעשטערט די פאַרלוימדונגען פון די פאַרלוימדער, סיי פון קריסטלעכע שונאים און סיי פון אידישע משומדים שונאים, ווי ס'איז צו זען אין זיינע ספרים: „זרובבל", „תעודה בישראל", „בית יהודה", „אחיה השלוני" און נאָך אַנדערע. ער האָט אויך פּאַקטישע נוצן גע־בראַכט דעם פאָלק מיט זיין ספר „אפס דמים", אין וועלכן ער צייגט אי־בער דעם נידערטרעכטיקן בלבול פון „עלילת דם". דער „אפס דמים" האָט צו זיינער צייט אַ גרויסע ווירקונג געהאַט אויף מערערע געלערנטע און זאָגאַר אויף די רעגירונגס־קרייזן, כאָטש ס'איז אים ניט געלונגען דורך זיין ווערק אין גאַנצן אויסצוואָרצלען דעם דערמאַנטן פאַראור־טייל און דער מאָנסטער איז נאָך ניט פאַרשוואונדן.

צו אונזער גליק געפינען זיך אָבער אויך איצט געלערנטע אויף וועמען די השפעה פון „אפס דמים", וואָס איז איבערזעצט געוואָרן אין מערערע אייראָפּעאישע שפּראַכן, האָט געווירקט אויף זיי אויף ניט צו גלויבן אין דעם מיאוסן בלבול. דאָס געגנווערטיקע יאָר תרצ"ג ווערט געפייערט דאָס הונדערט פינף און פערציקסטע יאָר פונ'ם געבורט פון ר' יצחק בער לעווינזאָן.

ה. תקנ"ד — 1794 — דער געבורט פון אברהם דוב הכהן לעבענזאָן.

אברהם דוב הכהן לעבענזאָן איז געבוירן געוואָרן אין ווילנע, אינ'ם יאָר תקנ"ד. ווען ער איז נאָך גאָר אַ קינד געווען, איז אים געשטאָרבן די מוטער, און ער מיט זיין פאָטער זיינען פארבליבן ביים זיידן, וועלכער האָט אים דערצויגן ווי אַ פאָטער. דאָס קינד, אברהם בערעלע, האָט זיך אויסגעצייכנט מיט באַזונדערע פעאיקייטן, געגאַנגען אין חדר, און גלייך ווי ער האָט נאָר פארשטאַנען אַ פסוק חומש, האָט ער שוין אָנגעהויבן לערנען גמרא. אַלט וווערנדיק דרייצן יאָר, האָט מען אים — ווי דער שטייגער צו יענער צייט איז געווען — חתונה געמאַכט, און געזעסן אויף קעסט ביים שווער, אינם שטעטעלע מיכאַלישאָק (אויף וועלכנס נאָמען ער האָט זיך גערופן א" ד" ם").אַכט יאָר. ביים שווער האָט ער געלערנט תלמוד, אָבער אין דער זעלבער צייט אין געהיים אויך געלערנט די כתבי הקדש און אויך דקדוק. גלייך נאָכדעם געוואוינט פיר יאָר אין אשמינא. דאָרט האָט אים דער שטאָטישער רב באַשטימט פאַר זיין דין, אנדער־קענענדיק אים אַלס אַ בקי אין ש"ס און פוסקים. אין פאַרלויף פון די יאָרן געפּטר'ט זיין נדן־געלט, און געקומען קיין ווילנע און געוואָרן דאָרט אַ מלמד און געלערנט תלמוד און כתבי הקדש מיט די נגיד'ישע קינדער.

לעבענזאָן האָט אויך ארויסגעוויזן זיין טאַלאַנט אין אידישער פּאָ־עזיע. זיינע שירים זיינען געשריבן געוואָרן אין אַ געלייטערטער הע־ברעאישער שפּראַך און זיך אויסגעצייכנט מיט זייערע טיפע געדאַנקען. ביז צו זיין צייט האָט נאָך קיין משורר פון זיין עפּאָכע אַזעלכע שירים ניט געשריבן, די ערשטע שירים האָבן ניט געטראָגן דעם אידיש־נאַ־ציאָנאַלן כאַראַקטער; לעבענזאָן האָט זיינע שירים פאַררעכנט פאַר אַ מלאכת הקדש, אויף וועלכע ער איז באַשטימט געוואָרן צו זיין דער כהן אין דעם היכל פון גאָט...

און אַזוי זינגט ער:

אל שלחן אלהים ישבתי שבת
ובידי עט סופר לו אנהלה
ושפתו בקדש ידי כותבת
ושפת תורתו ושפת עמו סלה
אלי נא עורה, הרוח העירה
בשפתך אלי, אליך אשירה.

(ביי גאָטס טיש האָב איך מיך געזעצט,
אין מיין האַנט אַ שרייבער־פּען צו אים פיר איך.
און זיין הייליקע שפּראַך שרייבט מיין האַנט,
די שפּראַך פון זיין תורה, די שפּראַך פון זיין פאָלק.
מיין גאָט! דערוועק אין מיר דעם גייסט!
אין דיין שפּראַך, מיין גאָט, זינג איך צו דיר.)

זיין נאָמען איז באַלד באַוואוסט געוואָרן אַלס דער גרעסטער משורר, און אַלע ווילנער געלערנטע האָבן אים גערופן: „די קרוין פון דער אידי־שער פּאָעזיע".

אין פאַרלויף פון אַ קורצער צייט, טראָגן שוין זיינע שירים אַ נאַ־ציאָנאַל - ציוניסטישן כאַראַקטער. עס פילט זיך אין זיי אַ בענקעניש נאָך ציון. ער זינגט:

אויה, מי יתן לי כנפי ברק
ורעש קול נהימת רעם
רגע אעופה מעל לבנון
מעל ראשי הררי תבור וכרמל
עם משברי ימים אתן קול:
זכרה אלה ירושלים זאת.

הבט, אהה, חרבותיה אלה,
הר ציון זה הביטה בו.
ומקום מקדשך מה היה לו
אולם ודביר איפה המה
ומה זה עוללת לקדש פנימה.

(אוי, ווער וואָלט מיר געגעבן בליצן פליגל
און אַ שטימע זאָל שטורמען ווי אַ דונער!
אין אַ מאָמענט וואָלט איך געפלויגן העכער דעם לבנון,
העכער די שפּיצן בערג תבור און כרמל,
דאָרט וואָלט איך געדונערט, צוזאַמען מיט די לייבן,
מיט די כוואַליעס פון די ימים וואָלט איך געלאָזט
הערן מיין קול: געדענק, גאָט, אין ירושלים, טו אַ קוק
אויף אירע חורבות, אויפן באַרג ציון טו אַ קוק.)

אינ'ם יאָר תר"כ האָט ער געדרוקט זיין ספר „שירי שפת קדש", וועל־כער איז שנעל פאַרשפּרייט געוואָרן איבער גאַנץ רוסלאַנד, און איז פון יעדן באַוואונדערט געוואָרן, סיי פאַר דער שיינער שפּראַך, און סיי פאַר די הויכע געדאַנקען. די שירים זיינען פון יעדן יונגן משכיל מיט אַנטצי־

קונג געזונגען געוואָרן. ווער פון די שוין עלטערע משכּילים געדענקט ניט דעם שיר „התמורה”:

עפר יינק עשב,	(ערד זויגט דאָס גראָז,
אותו ילחך כשב,	דאָס גראָז פרעסט דאָס לעמעלע,
כשב יאכל גבר —	דאָס לעמעלע פרעסט דער מענטש —
אותו יבלע קבר.	דעם מענטש שלינגט איין דער קבר.)

צו אייניקע שירים זיינע איז אויך פאַרפאַסט געוואָרן מוזיק, און זיי פלעגן געזונגען ווערן אין פיל אידישע הייזער, ווי די שירים: „המתאונן”, און „דל מבין”, איבערהויפּט דער לעצטער איז צוליב דער שיינער מעלאָדיע איבעראַל געזונגען געוואָרן:

אשאל למה	(איך פרעג פאַרוואָס
עשיר שמה	דער רייכער דאָרט
לו רב ענין,	האָט פיל געשעפטן,
ואני עני	פיל פאַרמעגן,
אל נשני.	און איך, אָרעמער,
רק בעמלי	מיך האָט גאָט פאַרגעסן.
שת גורלי	נאָר צו מיזאַמקייט
אך הוא יחרד	צוגעטיילט מיין גורל.
לא ינוח	אָבער ער איז אין שרעק,
הונו נפרד	ער איז ניט רואיק.
אל כל רוח	זיין פאַרמעגן איז צעוואָרפן
ואנו שלו אין פחד,	אין אלע זייטן
אנו ועמלי יהד,	איך בין מיר רואיק, ניט געשראָקן
ואני שלו אין פחד,	איך מיט מיין פאַרמעגן, ביידע צוזאַמען.
עוני ועמלי יחד.	איך מיט מיין פאַרמעגן, ביידע צוזאַמען.
לו עבדים	ער האָט קנעכט
מה נחמדים	ליבלעכע פאַר אים,
עושים אונו	טוען זיין אַרבעט,
מרבים הונו	פאַרמערן זיין פאַרמעגן.
ואני עני	און איך, אָרעמער,
בדד אָני	בין מיר אַליין,

בלתי ידי	נאָר מיינע הענט
הם עבדי	זיינען מיינע קנעכט.
אך הוא ידאג	אָבער ער איז אין זאָרג
פן יברחו	טאָמער וועלן זיי אַנטלויפן
תמיד ישאג	ער געוואלדעוועט
פון יקחו	טאָמער וועלן זיי עפּעס פאַרקויפן.
ואם לא כן אפונה,	איך זאָרג מיך ניט דעריבער,
אני ידי אמונה.	מיינע הענט זיינען מיר שטענדיק געטרייע.
ואני לא כן אפונה	איך זאָרג מיך ניט דעריבער,
אני ידי אמונה.	מיינע הענט זיינען מיר שטענדיק געטרייע.

מער פון אלע שירים זיינע האָט אויסגענומען זיין שיר „החמלה”, אין וועלכן עס ווערט פאַרגעשטעלט ווי די „חמלה”, די הימלישע טאָכטער, קען ניט צוזען די ליידן פון די מענטשן אויף דער וועלט, און באַהאַלט זיך טיף אין דער ערד; אָבער אויך דאָרט זעט זי ניט קיין נחת... אין דער ערד ליגנדיק, שוועבט פאַר אירע אויגן דאָס אכזריות, וועלכעס הערשט אויף דער וועלט. דער שיר „החמלה” איז איינגעטיילט אין פינף פּרקים. אינ׳ם ערשטן פּרק ווערט געשילדערט די מאָרדן, וועלכע אַלע לעבע־דיקע באַשעפענישן באַגיין איינער קעגן צווייטן; אין צווייטן — דאָס אומרעכט און גרויזאַמקייט, וואָס איין מענטש פירט אוים אויפן צווייטן; אין דריטן — וועגן בלוט־פאַרגיסונג צווישן מענטשן־קינדער; אין פערטן — די אומגליקן, וואָס קומען פון הימל, און די צרות וואָס שטאַמען פון דער ערד, פון וואסער, פייער און שטורעם; אין פינפטן — וויינט די „חמלה”, און באַקלאָגט אַלע ערדישע וועזנס; און עס דערהערט זיך אין שטורעם גאָטס שטימע און דערקלערט איר די אייביקע נאַטור געזעצן, מיט וועלכע ער האָט באַשאַפן די וועלט...

נאָך יעדן פּרק קומען צוויי סטראָפן:

אנא סמכוני פן אמס כמים
חמלה אנכי מבנות השמים.

(האַלט מיך אויף, לאָזט ווי וואסער צעגיין מיך ניט,
איך בין די חמלה, פון די הימלישע טעכטער.)

אינם יאָר תר״י — 1850, ווען משה מאָנטעפיאָרע איז געקומען קיין ווילנע, האָבן אים די ווילנער געזעלשאַפטלעכע פאַרשטייער אויפ־

געגומען מיט אַ שיר וואָס לעבענזאָן האָט אים פון זיין כבוד וועגן אָנגע־שריבן, און האָט ביי מאָנטעפיאָרען זייער אויסגענומען. לעבענזאָן איז אויפגענומען געוואָרן אַלס הויפּט־לערער אין דעם ראַבינער - סעמינאַר אין ווילנע, צו אונטערריכטן די העברעאישע שפּראַך, אויף אַ צופרידנ־שטעלנדן געהאַלט. און ער וואָלט געקאָנט לעבן אַ רואיק לעבן, ווען ניט דאָס גרויסע אומגליק, וואָס אים האָט געטראָפן מיטן טויט פון זיין זון מיכה יוסף, אין זיין פריעסטער יוגנט. זיין זון מיכה יוסף איז געווען איינער פון די גרעסטע משוררים, און ווי מבינים האָבן געזאָגט, האָט ער נאָך איבערגעשטיגן דעם פאָטער אין דער פּאָעזיע. לעבענזאָן האָט נאָך זיין זון געטרויערט ביז זיין טויט. ניט געקענט זיך טרייסטן.

לעבענזאָן איז נפטר געוואָרן אין יאָר תרו"ט אין דער טיפער עלטער פון פינף און אַכציק יאָר.

תקנ"ו — 1796 — דער געבורט פון ר' מרדכי אהרן גינצבורג.

ר' מרדכי אהרן גינצבורג איז געבוירן געוואָרן אין יאָר תקנ"ו, אין סאלאנטיקאווגער גובערניע. זיין פאָטער יהודה אשר, פון די ערשטע משכילים, האָט דערצויגן זיין זון אויף דער אַרט ווי די דערציאונג איז צו יענער צייט אָנגעגאַנגען. די הויפּט־לימודים זיינען פאַר אים געווען דער תלמוד מיט זיינע מפרשים, אויף וועלכע ער האָט פאַרבראַכט אין הדר יעדן טאָג, פון אין דער פרי ביז נאַכט. זיין פאָטער, אַלס משכיל, האָט אויך פאַרלאַנגט, אַז זיין זון זאָל לערנען די כתבי הקדש און די העברע־אישע שפּראַך. זיין פאָטער איז געווען זיין לערער אויף די למודים, און דורך זיין השפעה איז ער געוואָרן איינער פון די אויסגעצייכנטע העברע־אישע שרייבער, און אויך איינער פון די השכלה - פּיאָנערן אין יענער עפּאָ־כע. נאָך אין זיין פריער יוגנט האָט ער אָנגעשריבן זיין „אביעזר". דאָס ערשטע — צו יענער צייט — רעאַליסטיש בוך, אין וועלכן ער שילדערט דאָס לעבן פון אידן בכלל, און דאָס לעבן פון זיינע מלמדים בפרט. ער קריטיקירט שאַרף דעם חנוך פון יענער צייט, און דאַנקט זיינע עלטערן וואָס האָבן פאַרשטאַנען אים צו געבן אַ גאַנץ באַזונדערע דערציאונג, איינפלאַנצנדיק אין אים גוטע מדות, און אויך גיבן אים די מעגלעכקייט צו דערלערנען גרינטלעך די העברעאישע שפּראַך מיט איר גראַמאַטיק. מרדכי אהרן גינצבורג האָט די ערשטע צייט געשריבן אינ'ם סטיל פון

אַלע אַנדערע משכּילים צו יענער צייט, מיט פּסוקים און שברי פּסוקים, זיין פאַטער האָט אָבער אים פון דער געמיינטער מליצה אָפּגעווינט, און ער האָט זיך אָנגעהויבן באַנוצן מיט אַ ריינעם גלאַטן העברעאיש, ניט מיט קיין מיט פּסוקים געפלאַכטענעם.

ווען ער איז אַלט געווען עלף יאָר איז אים געקומען צו דער האַנט די ספרים „יוסיפון", „צמח דוד", „שארית ישראל", וועלכע האָבן אים דעם ערשטן אימפּולס געגעבן צו דער אידישער היסטאָריע, וועלכע איז ביי אים געווען דער בעסטער למוד. ער האָט געהאַט דאָס גרעסטע פאַר־גניגן איבערצוזעצן היסטאָריע פון פרעמדע שפּראַכן אין העברעאיש. ווען ער איז נאָך גאָר יונג געווען, פלעגט ער זיך מתבודד זיין און שטודירן די העברעאישע שפּראַך, און ווייזנדיק דעם פאָטער דאָס געשריבענע, האָט ער עס קאָרעגירט, אויסגעבעסערט דעם סטיל, און אים אריינגעגעבן חשק אויף צו פאַרפאָלקאָמענען זיך אין העברעאיש.

מרדכי אהרן גינצבורג האָט חתונה געהאַט, אַלט זייענדיק פופצן יאָר, און זיצנדיק ביים שווער אויף קעסט אין שאַוויל, האָט ער זיך אָפּגעגעבן נאָר מיט לערנען די השכּלה־ספרים פון יענער צייט, און אַליין שרייבן זיינע ביכער.

מרדכי אהרן גינצבורגס השקפה אויף דעם דת איז געווען אַ פּשוטע און אַ תמימות'דיקע; ער איז געווען מיטן גאַנצן האַרצן איבערגעגעבן צו דער אידישער אמונה, ער איז נזהר געווען צו היטן יעדע פאַרשריפט, און אפילו א אידישער מנהג איז ביי אים הייליק געווען. די השכּלה איז ביי אים פאַררעכנט געווען נאָר ווי פּרפּראות צו דער אידישער תורה, וועל־כע מאַכט רייך דעם שכל און ליכטיק די אויגן. מרדכי אהרן גינצבורג האָט לאַגיש געדענקט און לאָגיש געשריבן. ווענן אים האָט פרישמאַן זיך אויס־געדריקט: אַז ס'איז נאָך ניט אויפגעשטאַנען נאָך איינער מיט אַזאַ לויטערן געדאַנק און פאַרשטיין וואָס צו שרייבן, ווי מרדכי אהרן גינצבורג.

די זאָרג ווענן פּרנסה האָט געצוואונגען גינצבורגן אין יאָר 1816 פאַרלאָזן שאַוויל. ער האָט זיך צום ערשטן באַזעצט אין פּלונגיאַן, און געהאַט פּרנסה בצמצום פון איבערזעצן פאַרשידענע שריפטן אין דער דייטשער שפּראַך, וועלכע ער האָט טיכטיק געקענט. גינצבורג איז אָבער פון דער ארבעט ניט צופרידן געווען, און אָנגעהויבן וואַנדערן, זוכנדיק פּרנסה פון שטאָט צו שטאָט און פון לאַנד צו לאַנד, און אויך

דאָס אָרט לעבן וועגן וועלכן ער האָט געחלומט. ער איז געווען אין ווין, אין מעמעל, אין ליבאו, ער האָט אָבער דאָס געחלומטע לעבן אין זיי ניט געפונען.

זיין ערשט בוך, וואָס ער האָט אין ווילנע ארויסגעגעבן אין יאָר 1823, איז געווען: „גלות ארץ החדשה״ — רייזע־באַשרייבונגען פון קאָלאָמבוס, נאָך קאמפא. אין יאָר 1835 גיט ער ארויס זיין בוך „תולדות בני האדם״, אַלגעמיינע היסטאָריע באַארבעט נאָך דער מעטאָדע פון פליין; גלייך נאָך דעם, „קרית ספר״, אַ זאַמלונג פון מערערע בריוו, אויך אַן איבערזעצונג פון דייטשן „מלאכות פילאן אלכסנדרוני״, „עתותו רוסיא״, (די רוסישע היסטאָריע), „הצרפתים ברוסיא״ (די פראַנצויזן אין רוסלאַנד), „דבור״, אַ זאַמל־בוך פון בריוו, משלים און ביאָגראַפיעס.

די אַלע ביכער האָבן געהאַט אַ גוטן אָפּגאַנג, זיי האָבן זיך פאַרקויפט אין די הונדערטער, צו יענער צייט אַ קאָלאָסאַלע צאָל, און אים אריינגעבראכט שיין פרנסה.

אין ווילנע איז גינצבורג מפורסם געוואָרן, און איז אויך באַליבט געווען פון זיינע באַקאַנטע און גוטע פריינט. ער איז געוואָרן איינער פון די משכּילים מיט וועלכן מע האָט זיך גערעכנט.

גינצבורג איז געוואָרן, אַ דאַנק זיין ארומוואַנדערן, אַ קרענקלעכער און האָט מער ניט געלעבט ווי איין און פופציק יאָר. זיינע ספרים „אביעזר״, „תקון לבן הארמי״, און „המוריה״, זיינען ערשט נאָך זיין טויט געדרוקט געוואָרן.

ה. תקנ״ו — 1796 — דער געבורט פונם דר. צונץ.

דר. צונץ האָט געלעבט אין דער צייט פון די אידישע רעפאָרמאַטאָרס, וועלכע האָבן מיט זייער רעפאָרמע גורם געווען צו דער שמד־עפּידעמיע. צונץ האָט אין דער יוגנט זיך פאַרנומען צו רעפאָרמירן דאָס אידנטום, און זיך פאַרייניקט מיט ג אַ נ ז און מ אַ ז ע ר, און געגרינדעט די „חברה שוחרי השכלה״ אויף צו פאַרשפּרייטן די „בת השמים״ צווישן זייערע ברידער. די ענדע פון דער חברה איז באַקאַנט: אנשטאַט דער „בת השמים״, האָבן די אָנהענגער אָנגענומען די „בת המים״... די הויפּט־גרינדער אַליין — אויסער צונץ — האָבן זי אָפּגעטובל׳ט לשם דעם סטאַליארס זונדל. צונץ, וועלכער איז ניט צופרידן געווען מיטן אידנטום אין זיין אויסערלעכעם אויסזען, האָט געגלויבט, אז זיינע חברים וועלן — גלייך ווי ער —

פאַרשטיין, אַז מען דאַרף עס נאַר אין אַ שיינעם מלבוש אָנציען, ס'זאָל באַקומען אַ שענערע צורה. די נשמה אָבער, דאַרף בלייבן ווי זי איז. צו זיינע שמערצן האָט ער זיך אָבער אין זיי אַנטוישט, זיי האָבן געזוכט מיט זייער רעפאָרמע דאָס אידנטום אינגאַנצן אָפּצוטויטן, מאַכן עס פאַר אַ פּגר, און מיט שיינע מלבושים עס מקבר זיין... און צונץ האָט חרטה אויף דעם „התחברות". ער האָט זיך פון זיי דערווייטערט.

אינ'ם יאָר 1823 שרייבט ער וועגן דער חברה די ווערטער: „ס'איז ניטאָ קיין גוטס צו דערוואַרטן פון דער חברה, קיין שום נוצן קאָן די חברה מיט איר רעפאָרמע ניט ברענגען; פאַרקערט, זי קאָן פיל שאָדן ברענגען. מיר דאַרפן אַרויסטרייבן דעם שלעכטן גייסט, וועלכער האָט זיך אַריינ־געכאַפּט אין אידישן לאַגער. דאָס אידנטום איז געוואָרן ווי אַ אייגנטום פאַר אויסוואורפן. פראַצענטניקעס זיינען זיינע פאַרשטייער, וועלכע ווילן דורכאוים דאָס פאָלק זאָל אין·זייערע, — פאַר אים — אָנגעצייכנטע טריט גיין". אויך מ א ז ע ר האָט זיך אויסגעדריקט, אַז די רבנים, וועלכע ווערן פון די אויסוואורפן באַטיטלט מיטן נאָמען מ ו מ י ע ן, פאַר־מאָגן אַ פיל מער זויבערע נשמה ווי די „נייע אידן" — ווי זיי רופן זיך — אין האַמבורג, וועלכע פרעדיקן רעפאָרמען. אין איינעם פון זיינע בריוו, וואָס ווערן געבראַכט פון דר. גרעץ, שרייבט ער: „פון די מבול־וואַסערן, אין וועלכע ס'האָט זיך געדוכט, אַז אַלעס וועט פאַרפלייצט ווערן, איז דאָך די חכמת ישראל געבליבן אַ געראַטעוועטע. און זי וועט אייביק פאַרבלייבן מיט איר אומשעצבאַרן ווערט, ווען אפילו זי וועט מערערע הונדערטער יאָרן פאַרבלייבן פאַרשטעקט אין אַ ווינקל, ניט צו וועלן זיך אינטערע־סירן מיט איר. איך בין מודה — אָן שום בושה — אַז אויסער מיין גלויבן אין דער העכערער השגחה, איז אויך די חכמת היהדות מיין איינציקע טרייסט אין מיין לעבן. אַלע צופאַלן פון שלעכטע באַגעגענישן, וואָס זיינען איבער מיר געקומען און מיך געטראָפן, האָבן קיין ווירקונג ניט גע־האַט אויף מיר מיך אָפּצונייגן פון דעם וועג אין וועלכן איך האָב פאַר מיר אָנגעצייכנט. איך בין אין דעם וועג געגאַנגען און געקעמפט, גלויבנדיק אַז איך וועל דעם קאַמף געווינען אויף די קאַנדידאַטן וואָס איך האָב אָנ־געגעבן. ליידער אָבער איז דער קאַמף געוואָרן אַ פאַרשפּילטער. מיין רוף איז געווען אַ קול קורא במדבר. איך בין אָבער ניט פאַרבליבן פאַלש צו אַלעם וואָס פאַרן פאָלק איז הייליק און טייער".

צוניץ האָט זיך נאָך דעם פאַרנומען מיטן גרעסטן אייפער און ערנסט אָפּצוגעבן זיך מיט חכמת ישראל. זיינע ספרים זיינען פעסטע זיילן צו דער אידישער ליטעראַטור און צום אידנטום. ער האָט אָבער אויך מודה געווען, אַז צו פאַרדאַנקען האָט ער די צוויי גדולים: ק ר אָ כ מ אַ ל און ר אַ פּ אַ פּ אָ ר ט. זיי האָבן אים איבערגעגעבן דעם שליסל צו קע־נען עפענען דעם אוצר פון חכמת ישראל.

ה. תקנ״ט — 1799 — עגיפּטן ווערט דעראָבערט פון בואָנאַפּאַרט, דער העלד פון פראַנקרייך. בואָנאַפּאַרט לאָזט אַרויס אַן אויפרוף אין אָריענט, אַז די אידן זאָלן זיך שטעלן אונטער זיין פאָן, און ער פאַרשפּרעכט זיי צוריקצוברענגען זיי אין הייליקן לאַנד און גרינדן דאָרט אַ אידישע מלוכה. — ר׳ חיים פרחי אין עכו, אַ טערקישער רעגירונגס־באַאַמטער, איז קעגן בואָנאַפּאַרטס הבטחה. די אידן אין ירושלים באַפעסטיקן זיך און גרייטן זיך צו פאַרטיידיקן די שטאָט קעגן בואָ־נאַפּאַרטס אַן אָנגריף. — אידן ווערן צום ערשטן מאָל דערהויבן אויף רעגירונגס־אַמטן אין האָלאַנד. מאָרעסקו און משה אשר, זיינען די ערשטע רעגירונגס־מענער. — די שמד־באַוועגונג פאַרשפּרייט זיך אין דייטשלאַנד. — די אַנטשטייאונג פון דער רעפאָרמאַציע. — די פאַרשפּריי־טונג פונם חסידיזם אין פוילן, רוסלאַנד און גאַליציע.

ה. תק״ס — 1800 — דער פילאָזאָ־פיכטע פאַרעפנטלעכט זיינע ערשטע אַר־טיקלען קעגן אידן און אידנטום. ער ווערט גערעכנט פאַרן פאָטער פון דעם אַנטיסע־מיטיזם אין דייטשלאַנד. — די דערשיי־נונג פון געטע׳ס ביכער. זייער ווירקונג אויף אידן און אידנטום.

מיר ווען זיך דאָ אָפּשטעלן און געבן אַ ברייטערן איבערבליק איבער די אידן אין דייטשלאַנד; דער אונטערשיד פון די באַציאונגען פון דייטשע געלערנטע צו אידן און אידנטום אין די פעריאָדן פאַרן מיטלאַלטער אין פאַרגלייך מיט די באַציאונגען פון די געלערנטע אינם שכנה׳שן לאַנד אי־טאַליען.

די פריינטשאַפט צווישן די געלערנטע פון די צוויי באַזונדערע נאַציאָנאַליטעטן אין איטאַליע, איז אַזוי גרויס געווען, אַז אידישע גע־לערנטע פלעגן זיך ווענדן מיט פאַרשידענע וויסנשאַפטלעכע אָדער סתם ליטעראַרישע פראַגן צו קריסטלעכע געלערנטע.

די אידישע געלערנטע האָבן געהאַלטן פאַר אַ מצוה, און פאַר אַ חוב, צו לערנען דאָס אמת׳ע וואָרט אויך פון ניט - אידן.

ר׳ יוסף עקנין, אַ תלמיד פונם רמב״ם, שטיצט זיך אויף אַ מאמר

אין תלמוד: „דער יעניקער וואָס זאָגט אַ דבר חכמה, אַפילו אַ נכרי, ווערט אָנגערופן חכם״ (מגילה ט״ז). ער שטעלט אויך פאָר אַ מוסטער ר׳ שמואל הנגיד, וועלכער האָט אין זיין ספר „העשר״ געבראַכט מערערע קאָמענטאַרן אויף כּתבי הקדש, פון קריסטלעכע געלערנטע. ער ברענגט אויך דעם בריוו, וועלכער איז געשיקט געוואָרן צו ר׳ שמואל הנגיד פון רבי מצליח בן אלבזק, דין אין סיציליע, נאָך זיין צוריקקערן פון באַגדאַד. אין דעם בריוו ווערט געשילדערט דאָס גרויס געלערנטקייט פון רבי האי גאון און זיין טאָלעראַנץ צו ווענדן זיך נאָך אַ דערקלערונג פון אַ פּסוק אין תהלים צו דעם „קאַטאַליקאָס״ (דער גרעסטער גייסטלעכער מאַן אין איטאַליע). „איינמאָל — שרייבט ער — האָבן די תלמידים פון רבי האי׳ס ישיבה מיר ניט געקענט דייטלעך דערקלערן דעם פּשט פונם פּסוק אין תהלים: קאַפּ. קמ״א, ה׳: „שמן ראש אל יניא ראשי״, און ער, רב האי גאון, האָט רבי מצליח׳ן אָנגעוויזן זיך צו ווענדן צו דעם קאַטאַליקאָס, וועלכער איז באַקאַנט פאַרן גרעסטן פּשטן אויף די כּתבי הקדש, און ווען ער — רבי מצליח — איז דערפון ניט צופרידן געבליבן, האָט אים רב האי גאון באַרואיקט, אָנווייזנדיק אים אויף אונזערע פּאַטריאַרכן, וועלכע האָבן גענומען לעקציעס אויך ביי ניט אידן, און אַפילו פון פּאַסטוכער האָבן זיי זיך געלערנט די באַדייטונג פון מערערע ווערטער אין די הייליקע שריפטן.״

„איך האָב געפאָלגט — שרייבט מצליח — און זיך געווענדעט צום קאַטאַליקאָס און ער האָט מיר אָנגעוויזן די איבערזעצונג פונם פּסוק אין דער סורישער שפּראַך, פון וועלכער איך בין צופרידן געבליבן״.

פרידריך דער צווייטער פון האָהענשטויפן, וועלכער ווערט גערימט פון דעם וויסנשאַפטסמאַן רוימער, אין זיין בוך וועגן דאָס רייך פון האָהענשטויפן, אַוועקשטעלנדיק אים אין דער רייע פון די גרעסטע וויסנשאַפטסמענער, האָט אויף זיין באַפעל געלאָזט איבערזעצן דעם „מורה נבוכים״ פונם רמב״ם אויף לאַטיין. ער איז געווען זייער באַפריינדעט מיט רבי יהודה בן שלמה אבן מאטקא, פון טאָלעדאָ, אַ תלמיד פון רבי מאיר הלוי אבואלעפיא, און געקומען מיט אים אין בריוו ווערקלונג אין דער אַראַבישער שפּראַך איבער פאַרשידענע פילאָזאָפישע טעמען. איך שטעל מיך אָפּ לענגער אויף איטאַליע, כּדי צו ציען אַ פּאַראַלעל מיט דייטשלאַנד און קענען אורטיילן די צוויי קעגנזאַצן אין די

צוויי שכנות - לענדער. אין איין לאַנד האָט פאַרן אידישן גייסט אָנגע־האַלטן אַ לענגערע צייט דער ליכטיקער מעטעאָר, בעת אין דעם צווייטן, האָט געהערשט די עקליפּטיק (זונען - פינסטערניש) ביז אינם מיטל־אַלטער.

ווי ווייט דאָס פריינטשאַפט צווישן פרידריך דעם צווייטן און אי־דישע געלערנטע האָט דערגרייכט, קאָן מען ארויסזען דערפון, וואָס ער האָט איינגעלאַדן צו זיך אידישע געלערנטע אויף איבערצוזעצן פאַרשי־דענע אַראַבישע וויסנשאַפטלעכע ווערק אויף לאַטיין. אַזוי האָט איבער־געזעצט פאַר אים דער וויסנשאַפטסמאַן רבּני יעקב אנטאלי, די פילאָ־זאָפישע ווערק פון אבן רשד, דער אַראַבישער פילאָזאָף, און ער, אנטאלי, איז פון אים אַזוי אַנטציקט געווען, אַז קיין אַנדער נאָמען האָט ער ניט ביי אים ווי נאָר פילאָזאָף. ס'איז צו יענער צייט אַנטשטאַנען מערערע קעניגלעכע אידן - פריינט און פריינט פון אידישער ליטעראַטור.

ראָבערט, דער קעניג פון נעאַפּאָל, האָט פאַררופן צו זיך אינם יאָר 1320 ר' קלונימוס בן ר' קלונימוס, אַ באַוואוסטער משורר (געבוירן אין 1287, און נפטר געוואָרן 1337) ער זאָל אנטיילנעמען אין ליטעראַרישע אַרבעט מיט וועלכע ער האָט זיך אָפּגעגעבן. און ניט נאָר קעניגלעכע קעפּ זיינען געווען די פריינט פון אידישע געלערנטע און אידישער לי־טעראַטור, נאָר אויך שריפטשטעלער און פּאָעטן. אַזוי איז צו זען אַז ד אַ נ ט ע איז געווען אַ האַרץ־פריינט דעם אידישן געלערנטן מאַנועלי. און ווען דאַנטע איז געשטאָרבן, האָט מאַנועלי באַקומען אַ טרייסט־בריוו פון דעם יורי - מיניסטער ב ו ז אַ נ ע פון אַגאַביא.

ווי אַזוי געפונען מיר דייטשלאַנד צו יענער צייט?

דאָס גאַנצע לאַנד געזונקען אין פינסטערניש, פאַנאַטיזם און אָבער־גלויבן האָבן דאָרט דאָמינירט, קולטור און ליטעראַטור זיינען אויף דער נידעריקסטער שטופע געשטאַנען, אינם גאַנצן משך פון די יאָרן וואָס איטאַליע האָט גייסטיק געבליט, און ערשט אין מיטלאַלטער, אין דער צייט ווען דער הימל איז פאַר די אידן אין גאַנץ אייראָפּע אַ פינסטערער געווען, האָט זיך אין דייטשלאַנד אַ שטראַל פאַר זיי באַוויזן, און דאָס איז געווען אין די צייטן פון פרידריך דעם דריטן. אינם יאָר 1492 איז דער ערשטער וועלכער האָט אַרויסגעוויזן ליבשאַפט צו אידן, צו אידי־שער ליטעראַטור און וויסנשאַפט, געווען יאָהאַן רייכלין וועלכער האָט

געזוכט דאָס באַקאַנטשאַפט און פריינטשאַפט פון אידישע געלערנטע. ער האָט קיין מי ניט געשפּאָרט מיט זיי זיך צו באַקענען. זייענדיק אין קייזערלעכן הויף אין לעניץ, האָט ער געשלאָסן פריינטשאַפט מיט דעם קעניגלעכן אַרצט ר׳ יעקב ב״ר יחיאל לאאנס, וועלכער איז געוואָרן זיין לערער, פון וועמען ער האָט געלערנט חכמת ישראל. דאָס פריינטשאַפט איז אויף אַזוי פיל גרויס געווען, אַז ר׳ יעקב האָט קיין אַנדער נאָמען ביי רייכלין ניט געהאַט נאָר: „מיין טייערער לאאנס". ער האָט זיך אויך באַקאַנט מיט אַנדערע אידישע וויסנשאַפטס - מענער. די גאַנצע צייט וואָס ער האָט זיך געפונען אין רוים פונם יאָר 1500—1498, אַלס געזאַנדטער פונם קורפירסט פון פפאלץ, האָט ער געלערנט תורה פון ר׳ עובדיה ספורני. און ער איז אויף אַזוי פיל פאַר אַ מומחא און אַ בר סמכא געהאַלטן געוואָרן, אַז ווען פפעפערקאָרן איז אַרויס מיט זיינע נידערטרעכטיקע בלבולים אויפן תלמוד און אויף דער גאַנצער רבנישער ליטעראַטור, איז ער פונם מאינצער אויבער־פריסטער באַשטימט געוואָרן אַלס אַן אויטאָריטעט אין דער תלמודישער ליטעראַטור, ער זאָל זיין מיינונג וועגן דער זעלבער אַרויסזאָגן. און מיט זיין „הות דעת" האָט זיך דער קייזער גערעכנט. ווי עס שרייבט וועגן דעם דער געלערנטער ראַנקע אין דעם בוך „דייטשע געשיכטע אים צייטאַלטער דער רע־פאָרמאַציאָן". „די אויסגעשפּראָכענע מיינונג פון רייכלין גייט אַרויס פון אַ ריינעם געדאַנק און געזונטער לאָגיק. אַ קריסט — שרייבט ער — האָט קיין רעכט ניט צו אורטיילן, וואָס גוט און ניט גוט איז אין תלמוד, און אַרויסגעבן וועגן דעם אַ משפּט. נאָר גאָט אַליין קאָן און האָט דאָס רעכט זיי צו משפּטן. זיי — די אידן — קענען ניט גערעכנט ווערן פאַר געטצער (כופרים)..." און דורך דעם איינפלוס פון רייכלין זייַנען צוריקגעקערט געוואָרן די אידן, די ספרים, וואָס ביי זיי איז צוגענו־מען געוואָרן.

מיר וועלן גיין ווייטער. יאָהאַנעס בוקסדאָרף, דער וועלכער האָט אַריינגעבראַכט דעם למוד התורה, צווישן קריסטלעכע געלערנטע, און זיינע ביכער ברענגען ביזן היינטיקן טאָג ניט ווייניק נוצן אידישע וויסנשאַפטס - מענער, האָט געהאַט אַ בריוו - וועקסלונג מיט אידישע געלערנטע אין פאַרשידענע לענדער, און געשאַפן פאַר זיך אַ רייכע העב־ברעאישע ביבליאָטעק, וועלכע איז פאַרקויפט געוואָרן אינם יאָר 1705

פאַר דער ביבליאָטעק אין באַזעל אין דער פרייז פון טויזנט רייכסטאַלער.

ווען מיר האָבן געשילדערט דעם ליכטיקן שטראַל וואָס האָט זיך באַוויזן פאַר די אידן אין דייטשלאַנד, איז נאָר בנוגע די וויסנשאַפטס־מענער, די דייטשע געלערנטע, דענקער און פילאָזאָפן, וועלכע זיינען פיל העכער געשטאַנען אין געלערזאַמקייט פון פיכטע. דער קלער, אָבער, איז אויך צו יענער צייט געווען אַ פאַרביסענער שונא דעם אידן און אידנטום, און די דייטשע רעגירונג, האָט זיך מיט אים גערעכנט. איך שטעל מיך אָפּ ווייטער אויף בוקסדאָרף. ווי באַוואוסט איז אינם יאָר 1557 אַרויסגעגעבן געוואָרן אַ רעגירונגס־דעקרעט וועלכער פאַרבאָט אידן דעם אַריינפאָר קיין באַזעל אויפן האַנדלס־יאַריד (פעריען). ערשט אין יאָר 1615 איז דערלויבט געוואָרן אידן אַריינצוקומען קיין באַזעל איינמאָל אין חודש פאַר דעם אָפּצאָל פון פינף שילינג דער רעגירונג, און אַ שילינג באַזונדער דעם טויער־וועכטער און אויך צו קומען ניט אַנדערש ווי נאָר מיט דעם שאַנדע־צייכן אויף דער פלייצע... ווען בוקסדאָרף האָט אַרויסגערופן אַ אידישן געלערנטן, און נאָך דער מיינונג פון אַנדערע היסטאָריקער, צוויי אידישע געלערנטע, צוזאַמען מיט זייערע פרויען און קינדער, ווען ער האָט געהאַלטן אויף קעסט, האָט ער פאַר זיי אויסגעווירקט ביי דעם שטאַטס־ראַט אַ דערלויבעניש אויף צו וואוינען אַ לענגערע צייט ביי אים אין הויז, מיט דעם באַדינג זיי זאָלן זיך נאָר באַשעפטיקן מיט גייסטיקע אַרבעט. און ס'איז געשען אַז נאָך צוויי יאָר איז געבוירן געוואָרן ביי איינעם פון די געלערנטע אַ זון. בוקסדאָרף, וועלכער האָט שטענדיק גענאַרט צו זען דעם מילה־ריטועל, איז ביז גאָר צופרידן געווען פון דער געלעגנהייט, און האָט געלאַדן מערערע קריסטן בייצוזיין די צערעמאָניע, אויך זיין איידעם מיטן נאָמען קעניג. אָבער די ענדע איז זייער אַ טרויעריקע געווען. דער קירכן־סאָבאָר האָט זיך דערוואוסט דערפון, און זיי אַלע צוגעצויגן צום געריכט, פאַרן פאַרשוועכן די קריסטלעכע אמונה מיט אַ אידישן ריטועל. און דאָס געריכט האָט זיי אַלע באַשטראָפט: דעם פאָטער צו באַצאָלן 400 גולדן, בוקסדאָרף און קעניג — 400 און די אַנדערע ביי וועזנדע צו דריי טעג אַרעסט.

מיר וועלן ברענגען נאָך אַ דאָקומענט וועלכער איבערצייגט אונז די פריינטשאַפט וואָס האָט אָנגעהאַלטן צווישן די געלערנטע פון די צוויי

נאַציאָנאַליטעטן, און דאָס איז דער בריוו וואָס ר׳ שבתי כהן (ש״ך) האָט געשיקט אלס ענטפער אויף דעם בריוו וואָס ער האָט דערהאַלטן פון דעם דייטשן פילאָזאָף מ א ג י ס ט ע ר וו א ל ע נ ט י נ י וו י ד ר י ך.

„היינט — שרייבט זיך אין בריוו — האָב איך דערהאַלטן דיינע ליכטיקע בוכשטאַבן. מיין פרייד איז ניט צום אָפּשאַצן. ווער בין איך עס צו פאַרדינען דעם גרויסן כבוד פון דיר צו באַגריסט ווערן, און מיך אויפפאָדערן דיר צו שרייבן?״ און אזוי ווייטער ווערט פאַרגעזעצט אין בריוו לויב-געזאַנגען און פול ברכות. אונטערגעשריבן: שבתי בן הגאון און ר׳ מאיר הכהן, העלישו, דריטן פעברואר 1660. ווי געזאָגט, איז עס צו די אידישע מאַרטירערשאַפט, צו די אידישע פינסטערע ליידן פון דעם פינסטערן המון, אַ גאַנץ קליינע רפואה געווען. ס׳מוז אָבער דאָך אָנגעוויזן ווערן אז דער אידן - האָט — מיט דעם ליטעראַרישן נאָמען „אַנטעמיטיזם״ האָט מען נאָך דעמאָלט ניט געוואוסט — ער האָט געטראָגן אַ זאָאָלאָגישן כאַראַקטער. ווי די ווילדע פיר פיסיקע חיות זיינען די צוויי פיסיקע איבערגעפאַלן די אידן, נאָר מיט דעם איינעם מאָטיוו, וואָס זייערע עלטערן האָבן געטויט זייער דערלייזער. און ס׳איז געקומען דער פילאָזאָף פ י כ ט ע, און געשאַפן אַ פילאָזאָפישן אַנטיסעמיטיזם. און אינם משך פון הונדערט צוויי און דרייסיק יאָר האָט זיך דער אַנטיסעמיטיזם אויף אַזוי פיל פילאָזאָפיש אַנטוויקלט, אַז ער האָט אַרומגענומען די גאַנצע שטודירנדע יוגנט. און ווען די ווערטער ווערן געשריבן געפינט זיך דאָס דייטשע אידנטום אין זייער אַ טרויעריקער לאַגע, דאַנקענד די אַנטיסעמיטישע היטלערישע באַוועגונג.

היסטאָרישער איבערבליק איבער דער רעפאָרמאַציע נאָכן טויט פון מענדעלזאָן, אין דער צייט פון דוד פרידלענדער און מרדכי הירץ, און זיין פרוי העטריעטא הירץ

(נאָך יעב״ץ און זיין מגדל המאה).

ווען משה איז אַרויפגעגאַנגען אויפן באַרג אָנשרייבן אויף די לוחות דאָס געטלעכע וואָרט, וועלכעס דאָס פאָלק האָט פון זיין מויל געהערט אונטער דעם באַרג סיני, האָבן די פינסטערלינגע, דאָס ערב רב, קיין געדולד

ניט געהאַט צו וואַרטן אויף אים, און עס האָט געוואַלדעוועט: „אַ געטלעכן פירער דאַרפן מיר! אויב ניט משה, מעג זיין ווער ס'איז: אַ מאַן צי אַ קאַלב, אַלץ איינס פאַר אונז!" און ווען משה מענדעלזאָן האָט זיינע געדאַנקען אַרויסגעזאָגט אין זיין ספר „ירושלים", אין וועלכן ער דערקלערט אַז יעדער איד דאַרף זיך אָנשטרענגען אויסצופאָלגן אַלע פאָרשריפטן אין דער תורה, זיינען גלייך נאָך זיין טויט אויפגעשטאַנען, ווען ניט קיין פינסטערלינגע, אָבער דאָך אַ מאָדערנער „ערב רב" מיט פאַלשע באַגריפן, און אויך אויסגעשריגן: „אַ נייעם פירער — אנשטאט מענדעלזאָן דאַרפן מיר, וועלכער זאָל זיין אונזער וועג־ווייזער". און זיי האָבן אויסדערוויילט דעם שמאָלקעפיקן און חוצפהדיקן דוד פרידלענדער'ן אַלס פירער, מרדכי הירץ — אַלס וועג־ווייזער, און הענריעטאַן, מרדכי הירץ'ס פרוי, אָט די אומווירדיקע פרוי מיט אירע שענדלעכע און אויסגעלאַסענע אויפפירונגען — אַלס גאָלדענער קאַלב. און אָט די דריי־אייניקייט האָט איר גיפט פאַרשפרייט אין אידישן לאַגער, אין אַ משך פון פופציק יאָר. מיט דער גרעסטער חוצפה האָבן זיי זיך געשטעלט קעגן די וועלכע האָבן ניט געוואָלט אָנערקענען זייערע רעפאָרמען. זיי האָבן זיך ניט אָפגעשטעלט אָנצופאַלן אויף יעדן רעליגיעזן אויטאָריטעט, אויף יעדן גאון, און אים דערנידעריקן און באַשמוצן זיין כבוד. אין יאָר 1772 האָט דער פירסט פון מעקלענבורג אַרויסגעגעבן אַ געזעץ, אַז אידן זאָלן זייערע טויטע — גלייך מיט די קריסטלעכע — אויפהאַלטן דריי טעג, און נאָכדעם ערשט באַערדיקן. דער גאון ר' יעקב עמדען — פאַר וועמען דער באַפעל, פונקט ווי פאַר אַלע רעליגיעזע אידן, איז געווען אַ גזירה — האָט זיך געווענדעט צו מענדעלזאָנען, וועלכער איז געווען אַ קרוב למלכות, ער זאָל אויסווירקן אַז די גזירה זאָל אָפגערופן ווערן. מענדעלזאָן האָט צוליב געטון דעם גאון, כאָטש פאַר אים איז עס קיין גזירה ניט געווען, ווי ער האָט עס דעם גאון אָנגעמערקט, אַז אַפילו גופי תורה ווערן נדחה פאַר נאָר אַ ספק פקוח נפש, און צו באַערדיקן א מת באַלד נאָכן טויט, קען זיך טרעפן אַז דער טויט איז גאָר געווען אַ שיינבאַרער, און מען האָט אים לעבעדיקערהייט באַגראָבן. דער גרויסער אידישער געלערנטער האָט געבעטן דעם פירסט ער זאָל די גזירה פאַרלייכטערן.

ווען דער דערמאַנטער גאון האָט אים אַמאָל אויפמערקזאַם געמאַכט אויף דער שלעכטער אויפפירונג פון זיינע הויז־פריינט, וועלכע זיינען

מיט זייערע מעשים מחלל זיין כּבוד און אים געראטן ער זאָל זיי אוים־וויזן פון זיין הויז, איז מענדעלזאָן אַלץ פאַרבליבן דער בעסטער פריינט דעם גאונ׳ס; און ווען אין די צייטן פון מרדכי הירץ איז די גזירה צוריק באַנייט געוואָרן, און דעם גאונ׳ס זון, ר׳ יחזקאל לאנדא, האָט ניט גע־וואָלט נאָכקומען די גזירה, איז מרדכי הירץ אויף אים אָנגעפאַלן מיט די ערגסטע זידל - ווערטער.

אין דער באַציאונג וואָס מרדכי הירץ און דוד פרידלענדער האָבן געהאַט צום אידנטום, איז געווען אַ גרויסער אונטערשיד. דער ערשטער האָט זיך ווייניק וואָס אינטערעסירט מיטן אידנטום, ניט געזוכט פאַר דעם אייניקע רעפאָרמען, אָדער גאָר אינגאַנצן עס איגנאָרירט, און, אַלס גרוי־סער וויצלער, האָט ער מיט דער גרעסטער חוצפה, און שניידנדער סאַ־טירע אָפּגעחוזקט פון דעם אידישן פאָלק. דאַגעגן אָבער דוד פרידלענדער, אַלס אַ סוחר און דערצו אַן אויסגערעכנטער סוחר, האָט מיט זיין סוחרישן חוש פאַרשטאַנען, אַז דאָס אידנטום איז אים אַ שטיין אין זיין האַנדלס־וועג. איבער זיין אידישע אָפּשטאַמונג איז אים ניט דערלויבט צו מאַכן פאַרשידענע סוחרישע קאָמבינאַציעס.

און ווען ער האָט זיך אין יאָר 1788 געווענדעט צו דער רעגירונג מיט דער בקשה, צו געבן די אידן גלייכע רעכט מיט אַלע בירגער פונם לאַנד, און די רעגירונג האָט אים אָפּגעזאָגט, און נאָכדעם ווי ער האָט זיין בקשה באַשרענקט אויף צו פאַרלאַנגען גלייכע רעכט נאָר פאַר זיין אָדעליקע — ווי ער האָט עס אָנגערופן — פאַמיליע, און האָט דאָס אויך ניט גע־פּועל׳ט, האָט ער פאַרשטאַנען, אַז דאָס איינציקע מיטל איז די אַסימילאַ־ציע, און וועגן דער זעלבער האָט ער געפּרעדיקט.

אָבער נאָך מיאוס׳ער, נאָך עקלהאַפטער האָט זיך הענריעטאַ אויפ־געפירט. זי האָט אריינגעבראכט אין איר הויז צוויי געטער, דעם אַמאָר און דעם ווענוס, און אויסגעשריגן: „אָט די זיינען דיינע געטער, איד!.. צו זיי זאָלסטו דינען און זיי זאָלסטו פאַרגעטערן!" און אַזוי ארום האָבן פרידלענדער, מרדכי הירץ מיט זייערע חברים פון איין זייט, און הענריע־טא פון דער צווייטער זייט, געזוכט צו פאַרשטויסן דאָס אידנטום פון נחלת ישראל, און עס אריינברענגען תחת כּנפי יעזוס און מאַריע; אָדער צו מטמא זיין און אריינשליידערן עס אינם זומף פון אומריינקייט.

די ערשטע צייט האָבן זיי, פרידלענדער, הירץ עט קאמפ., כּלומרשט

אנדערקענט נאָר תורה שבכתב, און פונם תלמוד ניט געוואָלט וויסן. „מיר ווילן ניט אנדערקענען — האָבן זיי געלאָזט וויסן — די תלמודישע מיסטיק." נאָכדעם אָבער, ארויסזעענדיק ווי דאָס דייטשע פאָלק האָט אנדערקענט די ביבל, נאָר אין דער דייטשער איבערזעצונג, האָבן זיי זיך פאַרנומען צו איגנאָרירן די ביבל אין דער העברעאישער שפּראַך, און נאָר אנדערקענען די ביבל, וועלכע איז איבערזעצט אין דייטש, כּדי דערמיט צו האָבן דאָס רעכט צו רופן זיך דייטשן פון מאָזעס גלויבן... פרידלענדער עט קאַמפּ, האָבן זיך אָבער דערמיט ניט צופרידנגעשטעלט, און פאַרגע־שלאָגן אז מען זאָל פון דער ביבל אין דייטשער איבערזעצונג זיך דערוויי־טערן, און אנשטאט איר בעסער איינפירן אין די אידישע שולן היסטאָריע געשריבן פון דייטשן אין דער דייטשער שפּראַך. פרידלענדער וואָלט זיך אפשר אינגאַנצן אָפּגעזאָגט פון אַלעם וואָס האָט אַ שייכות מיט אידן און אידנטום, ווען ט ע ל ע ר, דער פּראָטעסטאַנטישער פּאַסטאָר, זאָל אים נאָר געוואָלן צוליב טון און נותר זיין אויף דער דריי - אייניקייט, וואָס ער האָט ניט געקאָנט ביי זיך פּועלן דאָס נאַרישקייט צו אנדער־קענען...

פרידלענדער האָט אויך דערלאַנגט אַ בית־שריפט צו דער דייטשער רעגירונג אַרונטערצוזעצן די רבנים און צונעמען ביי זיי זייער רעלי־גיעזע אויטאָריטעט. צו יענער צייט אָבער, האָט ער געהאַט אַ מיאוסן דורכפאַל. ווייל אין דער זעלבער צייט האָט דער באַפאָלמעכטיקער פון די קהלות פון לאָטרינגען, ר' יצחק בער, אויך דערלאַנגט אַ בית־שריפט צו דער נאַציאָנאַל - פאַרזאַמלונג צו אויטאָריזירן די רבנים אין אַלע רעלי־גיעזע אנגעלעגנהייטן, און אַז זייער אויטאָריטעט זאָל האָבן אַ גרויסע מאַכט; ער אַליין האָט זיך פאָרגעשטעלט פאַר דער זעלבער, און מיט זיין שיינער פראַנצויזישער שפּראַך, מיט זיין געלערזאַמקייט און אָראַטאָרישן טאַ־לאַנט, האָט ער אַזוי פיל נושא חן געווען ביי די גרעסטע רעגירונגס־מע־נער פון דער פאַרזאַמלונג, אַז דער פּרעזידענט פון דער פאַרזאַמלונג האָט זיך אויסגעדריקט, אַז פאַרן פראַנצויזישן פאָלק איז אַ גרויסער כּבוד צו אנערקענען די בקשה פון דעם בכבוד'יקן באַפאָלמעכטיקטן, און דער רב, ר' יצחק בער, איז באַערט געוואָרן צו רעכענען אים אַלס ערן־גאַסט, און פרידלענדער האָט אַ פאַרשעמטער פאַרלאָזט די פאַרזאַמלונג.

איך האָב דעם פאַקט געבראַכט, כּדי צו באַווייזן ווי ווייט נידעריק

די רעפאָמאַטאָרן זיינען געשטאַנען צו זוכן מחלל זיין דעם שם ישראל אין די אויגן פון אַזעלכע קריסטן וועלכע זיינען דורכאוים — בנוגע דעם אידנטום — פיל מער טאָלעראַנט געווען.

מיר וועלן זיך נאָך צוריקקערן צו דער רעפאָרמאַציע - עפּאָכע ווען מיר וועלן קומען צו דער כראָנאָלאָגיע פון די משומדים בכלל, און צו די צוויי גרויסע אומפאַרגלייכבאַרע געוועזענע אידן, די גרעסטע אין זייער צייט וויסנשאַפטס-מענער און שריפטשטעלער: בערנע און היינע, וועלכע פאַרלאָזנדיק דעם אידישן לאַגער האָבן זיי נאָר פון אים מיטגע־נומען דעם אידישן „פעפער" און מיט אים פאַרביטערט דאָס לעבן פון אַלע דייטשע אידן־פרעסער — און אויסגעקערט דעם שמוץ פון די בער־לינער פאַנטאַזיאָרן וועלכע האָבן פאַנטאַזירט אין דער וואַך, און געזען אין חלום.. .

ה. תקס"א — 1801 — הערץ בער, אַ עלזאַסער בירגער, לאָזט אַרויס אַן אויפ־רוף צו אַלע אייראָפּעאישע רעגירונגען, שילדערנדיק פאַר זיי די אומדערטרעגלעכע ליידן פונם אידישן פאָלק און פאָדערט זיי אויף צו מאַכן אַן ענדע צו דעם מאַרטי־רערטום, און עס מזכה זיין אמוועניקסטן מיט „מענטשלעכער רעכט"... — רוס־לאַנד, נאָך איר דעראָבערן ווייסרוסלאַנד, וועלכעס האָט געהערט צו פוילן, פאַר־נעמט זיך איינצוארדנען אידישע ענינים. שיקט דעם באַוואוסטן זשורנאַליסט, סע־נאַטאָר דערזשאווין, אין ווילנער גובערניע און קיין ווייסרוסלאַנד, אויסצופאָרשן דאָס אידישע גייסטיקע און מאַטעריעלע לעבן. און זייערע פאַרהעלטענישן צו די קריסטלעכע איינוואוינער. גיט אַרויס אַ באַפעל אַז אין די אידישע לוחות זאָל פאַרצייכנט ווערן צוזאַמען מיט די אידי־שע, אויך די קריסטלעכע ימים טובים. — דער געבורט פון ר' זכריה פראנקעל.

ר' זכריה פראנקעל, איינער פון די גרעסטע תלמודיסטן, אויף וועלכן ס'איז — אין זיינער צייט — געזאָגט געוואָרן, אַז קיינער פון די תלמודים־טישע געלערנטע קענען זיך מיט אים ניט פאַרגלייכן, איז געבוירן געוואָרן אין פראג, די שטאָט וועלכע איז באַרימט געווען מיט איר אַל־טער אידישער קהלה. אין זיין יוגנט האָט ער דערקענט די תורה־העלדן: ר' שמואל לאַנדא, ר' אליעזר פלעקעלס און נאָך מערערע גאונים. נאָך דעם וואָס ר' זכריה פראנקעל האָט זיך פאַרפולקאָמט אין אידישער ווי־סנשאַפט, האָט ער אויך גרינטלעך דערלערנט וועלטלעכע, ווי מאַטע־מאַטיק און אַלוועלטלעכע היסטאָריע. פון פראג איז ער אַפּגעפאָרן קיין

פעסט, אין אונגאַרן, דאָרט געענדיקט דעם אוניווערזיטעט, און דיפּלאָ־מירט געוואָרן אַלס דאָקטאָר פילאָזאָפיע, צוזאַמען מיט אַ רעכט אויפגע־נומען צו ווערן אַלס אויבער־רב אין דער גרעסטער אידישער קהלה; און טאַקע גלייך איז ער אויפגענומען געוואָרן אַלס אַזעלכער אינם באַ־צירק לייטערמעריץ אין בעהמען, און זיך באַזעצט אין טעפּליץ, און זיין נאָמען איז באַקאַנט געוואָרן אַלס גרויסער וויסנשאַפטסמאַן און זעל־טענער פאָלקס - פירער.

צו יענער צייט זיינען אידן שרעקלעך פאַרפאָלגט געוואָרן אין זאַק־סען; זיי איז ניט דערלויבט געוואָרן צו באַזעצן זיך אין אַנדערע שטעט אין דעם פירשטנטום, אויסער לייפּציק און דרעזדן, און אויך דאָרט זיי־נען זיי באַלעסטיקט געוואָרן מיט שווערע קאָנטריבוציעס. ערגער און באַליידיקנדיקער איז פאַר זיי געווען דער באַזונדערער שענדלעכער שבועה - נוסח, מיט וועלכן זיי פלעגן באַשוואוירן ווערן און אין וועלכער זיי זיינען פאַרגעשטעלט געוואָרן אַלס שעדלעכע פאַר דער מענטשלעכער געזעלשאַפט, פאַר ליגנער און פאַלש - שווערער. די אידישע געמיינדע אין דרעזדן האָט נאָכגעזוכט אַ גייסטיקן פירער, וועלכער זאָל ווערן דער פאָרשטייער אויף צו פאַרטיידיקן זיי אין יעדער עת צרה, און ניט געפונען קיין פאַסנדערן פון ר׳ זכריה פראַנקעל, און אים אויפגענומען אַלס אויבער־רב. און די דאָרטיקע געמיינדע האָט זיך ניט אָפּגענאַרט אין אים. זיינע ווערטער, ווען ס׳איז אים נאָר אויסגעקומען צו פאַרטיי־דיקן מיט זיי זיינע גלויבנס - גענאָסן, האָבן אַ שטאַרקן איינדרוק גע־מאַכט. איינמאָל — דערציילט די היסטאָריע — ווען ער איז געקומען מיט אַנדערע צו אים אויסדערוויילטע, זיך פאַרצושטעלן פאַרן קעניג און פאַרלאַנגען פון אים צו געבן די אידן בירגער - רעכט, האָט דער קעניג זיך אויסגעדריקט, אַז ער וואָלט מיט דער גרעסטער צופרידנקייט געגעבן זיינע גלויבנס - גענאָסן בירגער - רעכט, ווען נאָר זיי זאָלן זיך אָפּזאָגן פונם נאַרישן און אַבערגלויבישן תלמוד; אויף די ווערטער זאָל אים ר׳ זכריה האָבן געענטפערט: „מאַיעסטעט! מיר זיינען געקומען בעטן בירגער־רעכט פאַר די אידן וואָס געפונען זיך אין דיין לאַנד; ווען זיי וועלן אויפהערן צו זיין אידן, דאַרפן זיי צו דיין הסד ניט אָנקומען, דעמאָלט וועלן זיי האָבן דאָס זעלבע רעכט ווי אַלע דייטשן אין דיין לאַנד״.

ר׳ זכריה פראַנקעל האָט פאַרטרעטן דעם אמט אַלס אויבער־רב אין

דרעזדען אין 1836, און אין יאָר 1840 האָט ער אַרויסגעגעבן זיין וואונ־דערבאַר בוך אין וועלכן עס ווערט געטאַדלט די באַשטימטע אידישע שבועה. דאָס בוך האָט דעם גרעסטן איינדרוק געמאַכט, און דורך דעם איז די באַליידיקנדיקע אידישע שבועה אָפּגעשאַפט געוואָרן. אין זיין ווערק: „דער געריכטלעכער באַווייז", האָט ער אַרויסגעוויזן אַ זעלטענע בקיאות אין תלמוד בבלי, אין תלמוד ירושלמי, אין אַלע „ספרי ראשונים" און „אחרונים", אין אַלע פאַרשידענע יוריספּרודענץ - קאָדעקסן פון די אוראַלטע און קעגנווערטיקע פעלקער. אין יענער צייט האָט ער אַרויס־געגעבן אַ זשורנאַל „צור אידישער היסטאָריע", וועלכער האָט דערשיינט ביז 1851. אין יאָר 1853 איז ער פאַררופן געוואָרן קיין ברעסלוי, צו פאַר־נעמען דעם אַמט אין דעם ראַבינער - סעמינאַר, אַלס אויבער־פּראָפעסאָר. דאָרט האָט ער צוזאַמען מיט דר. גרעץ אָנגעהויבן ארויסגעבן אַ מאָ־נאַטלעכן זשורנאַל וואָס איז דערשינען מערערע יאָרן. ער האָט אויך דאָרט אַרויסגעגעבן זיינע צוויי גרויסע חבורים אין העבּרעאיש: „מבוא הירושלמי" און „דרכי המשנה". אינם ערשטן ציינט ער אָן דעם אָנגע־צייכנטן וועג אין וועלכן די חכמי ארץ ישראל זיינען געגאַנגען, און אינם צווייטן, באַלייכט ער דעם אופן פונם צוזאַמענשטעל פון דער משנה. ר' זכריה פראַנקעל איז נפטר געוואָרן אין תרל"ה, 1875. אין גרוים כבוד איז אים צוגעטיילט געוואָרן אַלס צו איינעם פון די גרעסטע אידישע געלערנטע.

ה. תקס"ב — 1802 — דערזשאַווין קערט זיך צוריק פון זיין רייזע איבער ווייסרוסלאַנד, שרייבט שרעקלעכע באַשול־דיקונגען קעגן אידן; שלאָגט פאָר, ארויס־צוטרייבן זיי פון די דערפער, צו פאַר־באָטן דעם קויף פון אומבאַוועגלעכע גי־טער, האַנט־ווערקשאַפט און פאַרשידענע האַנדלס־אָפּעראַציעס. די רעגירונג באַ־שטימט אַ קאָמיסיע צו אינטערעסירן זיך באַזונדער מיט די אידישע ענינים און אידן, וועלכע וואוינען אין די מערב־געגנטן וואָס זיינען פון איר דעראָבערט געוואָרן. די פאָרזיצער אין ערשטן קאָ־מיטעט זיינען געווען הערשאַפטן פונם קעניגלעכן הויף: טשאַרטאָריסקי און נאָ־וואָסילצאָוו; דער מיניסטער ספּעראַנסקי באַציט זיך גוט צו אידן. דער קאָמיטעט באַשטימט אויסצוהערן מיינונגען וועגן זייער לאַגע, פון די אידישע געמיינדע־פאָרשטייער.

די עמאַנציפּאַציע וועלכע איז געגעבן געוואָרן אידן אין פראַנקרייך, שפּרייט זיך אויס אויך אויף די אידן וואָס וואוינען אין די געגנטן פון דרום־דייטשלאַנד, דאָרט וואו פראַנקרייך האָט אַן איינפלוס. — ר' אליהו חלפן, אַ גרויסער משורר, פאַר־

פאַסט אַ „שיר השלום" לכבוד בואָנאַ־פּאַרטן. — די אידן אין דרום־דייטשלאַנד דערלאַנגען אַ בקשה צום דייטשן פירסטנ־ראַט צו פאַרלייכטערן זייער טרויעריקע לאַגע, דערלויבן זיי צו וואוינען איבעראַל און אָפּשאַפן די באַזונדערע פאַר זיי געשאַ־פענע געזעצן, איבערהויפּט דעם קאָפּ־שטייער, וועלכער איז ארויפגעלייגט גע־וואָרן אויף יעדן אידן וואָס פאָרט פון איין באַצירק אין צווייטן. זייער בקשה ווערט צוריקגעוויזן. צוויי אידישע בכבודיקע פאַרשטייער: ישראל וואָלף ברייזענבאַך און ישראל יאַקאָבזאָן, הויבן אויף צום צווייטן מאָל די פראַגע פונם קאָפּ־שטייער, אָבער אָן דערפאָלג. דער פראַנצויזישער געזאַנדטער אין פראַנקפורט פּראָטעסטירט קעגן די דייטשע באַ־אַמטע וואָס נעמען קאָפּ־שטייער פון אידן, פראַנצויזישע בירגער, וועלכע פאָרן דורך דייטשע שטעט.

איך וועל מיך לענגער אָפּשטעלן צו שילדערן דאָס גייסטיקע לעבן פונם אידישן פאָלק אינם אַכצנטן יאָרהונדערט אין די סלאַווישע לענדער און וואָס פאַר אַ ראָל זיינע גייסטיקע פאַרשטייער האָבן ביים פאָלק געהאַט.

צוויי קלאַסן גייסטיקע פאַרשטייער האָבן די לעצטע דריי הונדערט יאָר אָנגעהאַלטן זייער הערשאַפט איבערן פאָלק: די רבנים און די פאָלקס־פאַרטרעטער וועלכע האָבן זיך גערופן פרנסים. צו יענער צייט האָט די אייראָפּעאישע ציוויליזאַציע נאָך ניט אַריינגעדרונגען אין די סלאַווישע לענדער. און ווען די רעגירונג האָט זיך ווייניק וואָס אינטערעסירט צו אַריינברענגען אַ ציוויליזאַציע - שטראַל אינם לעבן פון אירע קריסט־לעכע בירגער, איז דאָך זעלבסטפאַרשטענדלעך אַז דער אינטערעס פאַר אידן אינם משך פון די דריי הונדערט יאָר, האָט גאָר אין גאַנצן ניט עקזיסטירט. די רעגירונג האָט קיינמאָל זיך ניט פאַרטראַכט איבערן גורל פון אירע פילע טויזנטער אידישע בירגער; אָפּגערעדט פון דער מאַטע־ריעלער און פיזישער לאַגע, וואָס האָט דער רעגירונג לחלוטין גאָר ניט אָנגערירט, האָט זי קיין שום אינטערעס ניט אַרויסגעוויזן צו אידישע ענינים. אַלע אידישע אנגעלעגנהייטן זיינען געשליכטעט געוואָרן דורך די פרנסים, און זאָל עס דאָ דערמאָנט ווערן אַז אַ גרויסע טייל פון די זעלבע זיינען געווען באַקאַנט אין די רעגירונגס - קרייזן. די פרנסים צו יענער צייט אין אַלגעמיין, זיינען געווען אַזעלכע וואָס האָבן באַזיצט מדות טובות, זיך אויסגעצייכנט מיט דער גרעסטער איבערגעגעבנקייט צו זייערע קהלות וועלכע האָבן זיי אויפגענומען פאַר מנהיגים. פון ר' מרדכי מייזל, אין פּראַג, ביז ר' יהודה סוד, אין ווילנע, זיינען געווען

אַזעלכע וואָס דאָס פאָלק האָט מיט זיי שטאָלצירט. ניט ווייניקער פונם פאָלק געאַכטעטע זיינען אויך געווען די רבנים וועלכע זיינען געגאַנגען האַנט און האַנט מיט די פּרנסים. און ווען אויך זיי האָבן זיך ניט דערהויבן פון זייער צייט אין וועלכער זיי האָבן געלעבט, און זיך פאַרשלאָסן אין די דלת אמות פון תורה, האָבן זיי דאָך אויך פון זייער ענגן קרייז אַ ברייטן בליק געהאַט אויף אַלעם וואָס קומט פאָר און דאַרף פאָרקומען אין דער אידישער וועלט. ווירקלעך, אויך דער ברייטער בליק זייערער איז גאַנץ ווייט און פאַרשידן פון דעם בליק וואָס מיר האָבן איצט אייבערן לעבן. מיר דאַרפן אָבער אין אַכט נעמען אַז זיי זיינען געווען מענטשן פון זייער צייט. און דער גייסט פון יענער צייט האָט דעם שטעמפּל אויף זיי געלייגט. און דאָך האָבן זיי פאַרשטאַנען, אַז זייער מיסיע איז ניט נאָר דער ענגער קרייז פון איסור והיתר, עס ליגט אויף זיי אויך אַ חוב צו שטיין אויף דער וואַך און זיך אינטערעסירן אין אַלע ענינים, סיי גייסטיקע און סיי פילאַנטראָפּישע. זיי האָבן אויף זיך גענומען דעם הייליקן חוב צו זיין די היטערס פונם אידנטום, ניט צו דערלאָזן עס פאַרפלעקט צו ווערן דורך אומווירדיקע מעשים און אוממאָראַלישע אויפפירונגען. מיט איינעם וואָרט, דאָס רבנות און דאָס פאָרשטייערשאַפט זיינען געווען צוויי אַמטן, אין וועלכע ס'איז קיין נייד, קיין שנאה, קיין קאָנקורענץ ניט אָנגעגאַנגען. פיל פון די פּרנסים זיינען אויך געווען גרויסע תלמודי חכמים, און דאָך האָבן זיי געוואוסט צו שעצן די רבנים, ווען אַפילו זיי זיינען קלענער געווען פון זיי אין תורה־וויסנשאַפט. פון פּרנסים תלמודי־חכמים, קאָנען פאַרצייכנט ווערן די באַוואוסטע פּרנסים ר' יהושע צייטלין, ר' זלמן פּויזנער, ר' חיים נחמן פּרנס. און ווען מיר באַמערקן אין זייערע תקנות אַזעלכע וואָס מיר קענען פון זיי ניט צופרידן זיין, דאַרף אָבער אין אַכט גענומען ווערן די צייט, און די רעגירונג פון יענער צייט. אַזוי האָט זיך עס געפירט ביז אין דער צייט פון די קאָמיסיעס, וועלכע זיינען נאָך ד ע ר ז ש אַ ו ו י נ ס צוריקקערן זיך פון ווייסרוסלאַנד געגרינדעט געוואָרן. פון דער צייט אָן איז דאָס חשיבות פון די פּרנסים געפאַלן, און צוזאַמען מיט זיי אויך דער כבוד פון די רבנים. דער ערשטער דעקרעט איבער זיי, איז אַרויסגעגעבן געוואָרן פון י ע ק אַ ט ע ר י נ אַ ן, געמאַכט זיי פאַראַנטוואָרטלעך פאַר די אַלע שטייערן וואָס אידן האָבן געדאַרפט איינצאָלן.

שפּעטער מיט אייניקע יאָרן (1835) האָבן די פּרנסים באַקומען דעם נאָמען „סבאָרטשיקעס" וואָס האָט זיי פאַרשאַפט די גרעסטע שאַנדע צוליב די אויפגאַבן וואָס זיינען אויף זיי אַרויפגעלייגט געוואָרן: צו צושטעלן רעקרוטן פאַר יעדער קהלה (וועגן דער טרויעריקער געשעעניש אין אידישן לעבן וועט קומען באַזונדער). דאָס פאָלק, אנשטאט זיי צו שעצן האָט אָנגעהויבן מורא האָבן פאַר זיי און זיי צו האַסן. אָנגעזעענע און בכבוד'יקע, האָבן זיך צוריקגעצויגן פון צו זיין קהלה־פאָרשטייער מיט אַ נאָמען פאַר וועלכן אידן שרעקן זיך, און אַלע הדיוטים, פון די נידעריקסטע פאָלקס־שיכטן, זיינען באַשטימט געוואָרן פאַר קהלה־פאָרשטייער, און די זעלבע האָבן זיך ניט אָפּגעשטעלט צו באַגיין אַלערליי שווינדל און פאַרברעכן.

אַזעלכע פאָרשטייער מיט דעם געקרוינטן נאָמען האָבן עקזיסטירט ביז 1844, ווען די רוסישע רעגירונג האָט אָפּגעשאַפט דעם קהלה־נאָמען, אָדער ווי זי האָט עס גערופן „קאַהאַל", צוזאַמען מיט די פאָרשטייער. צוזאַמען מיט זייער פאַל, איז אויך דער כבוד פון רבנות ביז צו אַ נידעריקער מדרגה געפאַלן. און ס'איז געקומען די פּעריאָדע פון השכלה.

אויך די רוסישע רעגירונג האָט זיך פאַרנומען צו ציוויליזירן די אידן אויף איר שטייגער... דאָס ערשטע האָט זי זיך גענומען צו די רבנים. און אויף דער עצה פון מער פאָרגעשריטענע אידן באַשטימט צו פאַרבייטן זיי אויף רבנים מטעם. רבנים מיט אַ טעם... געבילדעטע, ניט קיין בטלנים. וועגן דער עפּאָכע, אין אַ באַזונדערער כראָנאָלאָגיע.

ה. תקס"ג — 1803 — שלום הכהן קומט פון פוילן קיין דייטשלאַנד, מאַכט אַ פּרואוו צו באַנייען זיינע זאַמלשריפטן (מאספים), אַרויסרופן דורך זיי ביי די דייטשע אידן אַ חשק צו דערלערנען די העברעאישע שפּראַך. — רבי מיכאל בעער, דער ערשטער אידישער אַדוואָקאַט אין פראַנקרייך. — די גרינדונג פון דער ישיבה „עץ החיים" אין וואָלאָזשין. די ערשטע אַרבעט אויפן תלמודישן געביט פונם גאון ר' חיים און אנדערע פונם הגר"א'ס תלמידים. — די דייטשע אידן־פרעסער: פּאַאַלצאָוו און גראַטענויער, פאַרעפנטלעכן פּאַמפלעטן קעגן אידן. זיי זיינען געווען די ערשטע אַנטיסעמיטישע יוריסטן. דער אידישער אַדוואָקאַט יוסף טראַפּלאָוויטש פאַרטיידיקט גלענצנד אידישע משפטים.

ה. תקס"ד — 1804 — אַלעקסאַנדער דער ערשטער, דער רוסישער קייזער, וועלכער האָט באַשטימט אַ אידישע קאָמיסיע פאַר אידישע אינטערעסן, ענדיקט

זיין אַרבעט מיט די פאָלגענדע באַשלוסן:

1) ס'זאָלן געעפנט ווערן די טויערן פון הויך־שולן פאַר אידן גלייך ווי פאַר די קריסטן.

2) די לערער פון די אַלגעמיינע פאָלקס־שולן זאָלן באַאויפטראָגט ווערן ניט צו אַגיטירן אין די שולן צו באַקערן אידישע שילערס צום קריסטלעכן גלויבן.

3) צו באַרעכטיקן די אידישע שילער וועלכע וועלן ענדיקן די שולן, צו באַקומען נאָך זייערע אויסצייכנונגען דעם טיטל דאָקטאָר און מאַגיסטער גלייך מיט די קריסטלעכע שילער.

4) פאַרבאָטן די אידן צו האנדלען מיט שאַרפע געטראַנקען אין די דערפער.

5) באַזונדערע פאַרשידענע באַשרענקונגס געזעצן בנוגע אידן האַנטווערקער און ערד־אַרבעטער.

6) אַ באַשרענקונגס געזעץ פאַר רבנים און קהלה־פאָרשטייער (זע אינם פאָריקן היסטאָרישן איבערבליק וועגן די לעצטע צוויי. מ. ר.)

ה. תקס"ה — 1805 — אָפּגעשאַפט אין רוסלאנד דער געזעץ וואָס פאַרפליכטעט אידן צו צאָלן אַ דאָפּלטן שטייער פאַר איבערשיקן קאָרעספאָנדענץ דורך דער פאָסט. פאַרבאָטן די אידן צו נעמען אין אַרענדע שענק־הייזער, פאַכט־ערד און אַלגעמיינע האַנדלס־געשעפטן מיט דעם פויערישן קלאַס. — די דערשיינונג פון דער צייטונג „שולמית", וועלכע איז געווידמעט פאַר בלויז אידישע אינטערעסן, רעדאַקטירט פון דוד פראנקל.

ה. תקס"ו — 1806 — אידן־פיינט־לעכער אויפברויז אין די מזרח־געגנטן פון פראנקרייך. — די דייטשן אין שטראַסבורג, דאנאסירן פאַלשע באַשולדיקונגען אויף די אידן פאַר נאַפּאָלעאָן, ווען ער האָט זיך צוריקגעקערט פון זיין מלחמה מיט די פרייסן. עס פאַרשטאַרקט זיך די שנאה קעגן אידן אין עלזאַס. דער פאַרביסענער אידן־פיינט, דער פראנצויז באנאל, שרייבט שרעקלעכע בלבולים אויף אידן. ר' משה פיינאדא פון באַרדאָו, פאַרעפנטלעכט זיינע ענטפערס אויף די בלבולים. — דער גראַף מאלע שלאָגט פאָר פאַרן פראנצויזישן קייזערלעכן ראטהויז צוצונעמען ביי אידן דאָס בירגער־רעכט. זיין פאָרשלאַג ווערט אָפּגעוואָרפן. נאַפּאָלעאָן באַשליסט צו פאַררופן די אידישע פאָרשטייער פון אַלע קהלות, און אויך מערערע אידישע וויסנשאַפטסמענער אויף צו באַהאַנדלען די אידן־פראַגע. די ערשטע זיצונג פון די זעלבע איז פאָרגעקומען אין 23־טן יוני. ר' דוד זינצהיים, דער מחבר פונם ספר „יד דוד" און אברהם פארטאדא, צווישן די וויסנשאַפטס־מענער. דער קייזער נאַפּאָלעאָן דריקט אויס זיין דאנקבאַרקייט צו די דעלעגאטן פאַר זייער איבערגעגעבענער אַרבעט, און דעם 18־טן סעפּטעמבער ווערט פון אים דעקרעטירט צו באַשטימען אַ סנהדרין מיט אַ פרעזידענט און רעליגיעזער פאָרשטייער, אַלס פאָרזיצנדע אין דעם סנהדרין, וועמענס אויפגאַבע זאָל זיין צו באַהאַנדלען אַלע אידישע אינטערעסן אין פראנקרייך און אין די לענדער, וועלכע זיינען אונטער איר פּראָטעקטאַראַט. — דער געבורט פון ר' נתן אדלער, דער אויבער־רב פון לאָנדאָן.

די סנהדרין אין פראַנקרייך

איך געפין פאַר ניט איבעריק צו פאַרצייכענען אַ וויכטיקן פּעריאָד פאַר אידן, די אין וועלכע ס׳איז פון נאַפּאָלעאָנען אָרגאַניזירט געוואָרן די סנהדרין אין פראַנקרייך.

נאָך פאַר דער פראַנצויזישער רעוואָלוציע, וועלכע האָט אויסגעבראָכן אין 1789, האָט לודוויק דער זעכצנטער, קעניג פון פראַנקרייך, זיך באַצויגן פריינטלעך צו די אידן. און ווען אַ אידישע דעלעגאַציע פון עלזאַס, איז געקומען צו אים און זיך געקלאָגט אויף זייער טרויעריקן גורל וועלכע ס׳קומט זיי אויס צו ליידן פון די באַשרענקונגס - געזעצן וואָס די דייטשן האָבן איינגעפירט אין עלזאַס אין דער צייט ווען די ביידע פּראָווינצן, עלזאַס לאָטרינגען זיינען נאָך אין זייער רשות געווען, האָט ער גלייך אָפּגעשאַפט די זעלבע, באַפרייט די אידן פון די באַזונדערע קאָפּ-שטייערן וואָס ס׳איז אויף זיי אַרויפגעלייגט געוואָרן, און דערלויבט זיי צו וואוינען אין גאַנץ פראַנקרייך. די רעוואָלוציע האָט אויסגעבראָכן, און לודוויק דער זעכצנטער איז געטויט געוואָרן. די אַלטע אָרדענונג איז געשטירצט געוואָרן, דער אַטעאיזם האָט פאַרנומען איר פּלאַץ. די רעליגיע צוזאַמען מיט אירע אָנהענגער, זיינען אייפעריק פאַרפאָלגט געוואָרן. ר׳ דוד זינצהיים פון ווירצבורג, איז געווען געצוואונגען צו אַנטלויפן, נאָכדעם וואָס מע האָט אים פאַרמסר׳ט אַז ער היט אָפּ שבת. און כאַראַקטעריסטיש איז דער פאַקט, אַז ווען אייניקע אידן זיינען באַשולדיקט געוואָרן צו האָבן געבאַקן מצות אויף פּסח, האָבן זיי זיך פאַרטיידיקט, אַז די מצות טראָגן ניט קיין רעליגיעזן, נאָר אַ באַפרייאונגס - כאַראַקטער. זיי זיינען אין אָנדענק צו דער צייט ווען אידן זיינען באַפרייט געוואָרן פון עגיפּטן. און די רעוואָלוציאָנערן זיינען פון דער פאַרטיידיקונג העכסט צופרידן געווען. די רעוואָלוציאָנערע רעגירונג האָט איבערגעגעבן די אידן - פראַגע צו דער קריסטלעכער באַפעלקערונג צו באַשעפטיקן זיך מיט איר. קיין אַנטי-סעמיטן האָבן אויך אין פראַנקרייך, אפילו אין איר פלומרשטער באַפרייאונגס - עפּאָכע, ניט געפעלט. און די הויפּט-פירער פון דער רעוואָלוציע האָבן זיך גאָר ניט גינסטיק אויסגעשפּראָכן וועגן דער אידן-פראַגע, און פאָרגעשלאָגן אָוועקצורויבן פון זיי אייניקע רעכטן. ס׳האָבן זיך אָבער אויך געפונען אידן - פריינט, וועלכע האָבן געקעמפט פאַר דער פאָלקאָמער פרייהייט פאַר אידן. אין דער שפּיץ פון די קעמפער איז געשטאַנען

דער גראַף מ י ר אַ בּ אָ, דער גייסטלעכער ג ר י ג ו אַ ר, און דער איד שלמה זאַלקינד ה ו ר ו ו י ץ, פונם שטעטעלע זימלין, קאָוונער גובערניע, אַ תּלמיד פונם „שאגת אריה", ר' אריה ליב פון וואלאזשין. זאַלקינד הורוויץ האָט בּאַגלייט זיין רבּין פון רוסלאַנד קיין מעץ, אין פראַנקרייך, וואו ער איז אויפגענומען געוואָרן פאַר אויבּער - רב. פון מעץ איז זאַלקינד געקומען קיין פּאַריז. דאָרט שטו־דירט פילאָלאָגיע און זיך אויף אַזוי פיל אויסגעצייכנט, אַז ער איז בּאַ־שטימט געוואָרן פון דער רעגירונג אַלס אויפזעער פון דער גרויסער שטאַט־לעכער בּיבּליאָטעק.

הורוויץ, ווען אויך ער איז געווען אַן עקסטרעם פרייגעזאָנענער, האָט דאָך מיט מסירות נפש געקעמפט פאַר אידישער גלייכבּאַרעכטיקונג.

איך וויל דאָ בּרענגען די רעדעס וואָס די צוויי קריסטלעכע אידן־פריינט האָבּן געהאַלטן אין פראַנצויזישן פּאַרלאַמענט, צו פּאַרטיידיקן אידישע גלייכבּאַרעכטיקונג:

„די יודאָפאָבּן — האָט מיראַבּאָ אָנגעהויבּן — טיילן זיך פונאַנדער מיט זייערע טענות קעגן די גלייכבּאַרעכטיקונג. איין טייל זיינען קעגנער, מורא האָבּנדיק, אַז די אידן, דאַנקענד זייערע פעאיקייטן, זאָלן ניט מסיג גבול זיין די קריסטן. אַ צווייטע טייל ווידער, טענה'ט אַז אידן, צוליב זייער אומגעבּילדעטקייט וועלן קיינמאָל זיך קאָנען פאַרגלייכן מיט קריסטן, פּדי צו מאַכן וועלכן ס'איז פראַגרעס. און ווען די בּיידע פאַרטייען וועלן איינשטימיק זיין בּנוגע אידישע חסרונות, און וועלן זיך ניט ווידערשפּרעכן, וועלן מיר זיך אַלע קריסטן מיט זיי פאַרייניקן אויף ניט צו געבּן זיי גלייכ־בּאַרעכטיקונג... פראַנצויזן! — האָט ער מיט פּאַטאָס אויסגעשריגן — זאָל די אויסגעקעמפטע פרייהייט פאַר אונז הייליק זיין, און זאָל דער טערמין „טאָלעראַנץ" אפילו ניט דערמאנט ווערן. אין טאָלעראַנץ אַליין ליגט אויך פאַרבּאָרגן שקלאַפעריי, וועלכע דערנידעריקט דעם מענטשנס ווירדע... גיט פרייהייט און גלייכבּאַרעכטיקונג צו דעם עלנטן אידישן פאָלק, דאָס פאָלק וואָס וואַנדערט ארום איבּערן גאַנצן ערד - קוגל ניט מיט דעם לעבּן אַ פאַרזיכערטעס, דאָס פאָלק, וואָס יעדער נימאַנד דער־נידעריקט עס, יעדער טויגעניכטס אונטערדריקט עס. פאַרוואָרפט, פראַנצויזן, דעם שטאָלץ, די מיאוסע מדה פון דער אויטאָקראַטיע, די פאָלקס - פיינדין. שיקט ניט אַוועק די „בּני יעקב". ווען אונזער מאָרגנ־

שטערן איז אויפגעגאנגען, אָן פריער אים ניט צו בענטשן און זיי מזכה זיין מיט די זעלבע זכיות וואָס מיר האָבן.״

אויך דער גייסטלעכער גריגואַר האָט געהאַלטן אַ פאָרטראַג אין פּאַרלאַמענט, און זיך מיט די ווערטער אויסגעדריקט:

„שוין טויזנט אַכט הונדערט יאָר ווערט דאָס אידישע פאָלק געטראָטן מיט אײדעלע און גראָבע פּיס, מיט דעם אויסרייד, אַז ס׳איז פון גאָט אַ פאַרשאָלטנס; אָבער, זאָגט מיר, ווער איז פון גאָט אַ באַפאָלמעכטיקטער געוואָרן אויסצופירן די שטראָף אויף אים?.. אייערע עלטערן האָבן מיט דער גרעסטער אכזריות אויסגעפירט די שטראָף, דענקט איר אַז איר וועט זיך ריין וואַשן פון דעם אכזריות נאָר מיט דעם איינציקן וואָס איר וועט זיי לאָזן לעבן ניט קיין געקוילעטע און געפייניקטע פון אייך? מיר געפונען זיך איצט אויף דער שוועל פונם סוף אַכצנטן יאָרהונדערט, און ווילן מיר באמת ניט גיין אינם דרך פון אונזערע עלטערן, זאָלן מיר באַנייען דאָס אָנקומען פונם נייעם יאָרהונדערט מיט ליבע, פרידלעכע און ברודערלעכע צייכן צו די מענטשן וועלכע זיינען ווי אַלע גלייכע קינדער אין דער מענטשלעכער משפחה. פאַרבינדט זיך צוזאַמען מיט די ברידער אייערע. עפנט אויף די טויערן און מאַכט פלאַץ פאַר דעם אידישן פאָלק, אויף אַנידערלייגן זיין געפייניקטן קערפּער אויף אָפּצורוען. ווישט אָפּ די טרערן פון זיין פּנים. איך, אַ קריסטלעכער גייסטלעכער, בין דער ערשטער אויפצונעמען דעם ערשטן אידן וואָס איך וועל איצט באַגעגענען, מיט אָפענע אָרעמס.״

די גערעכטיקייט האָט געזיגט, און אין יאָר 1791, האָט דער נאַציאָנאַלער פאַרלאַמענט אָפּגעשאַפט אַלע אויסנאַמס - געזעצן פאַר אידן און זיי געגעבן גלייכבאַרעכטיקונג. רבי יצחק בער מאלוטער, דער מיטגליד אין נאַציאָנאַלן פאַרלאַמענט, האָט אַרויסגעלאָזן אַ צירקולאַר צו די אידן מיט די פאָלגנדע ווערטער:

„אידן און פראַנצויזישע בירגער! זאָלן מיר אויפהויבן אונזערע הענט און שווערן שטענדיק אַזעלכע צו פאַרבלייבן; מיט דעם לעצטן טראָפּן בלוט צו פאַרטיידיקן אונזער טייער פאָטערלאַנד, אַלס פראַנצויזן, און אָפּהיטן אונזער תורה אַלס אידן... און זאָל אונז אונזער גאָט, דער גאָט פון ישראל, באַהילפיק זיין״.

ווען נאַפּאָלעאָן באָנאַפאַרט האָט באַשטיגן דעם פראַנצויזישן טראָן

אַלס קייזער און נאָכדעם ווי ער האָט געפירט אַ מלחמה מיט טערקיי און באַלאַגערט די שטאָט עכו, האָט ער אַרויסגעלאָזט אַ מאַניפעסט צו די טערקישע אידן און זיי פאַרשפּראָכן — ווען נאָר זיי וועלן זיך שטעלן אונטער דער פראַנצויזישער פאָן — צוריקקערן זיי ארץ ישראל, אויף צו גרינדן דאָרט אַ מלוכה. אידן האָבן געגלויבט זיין פאַרשפּרעכן, און האָבן זיך שוין צוגעגרייט צו דער גאולה, רעכענענדיק נאַפּאָלעאָנען אַלס דער צווייטער כורש. צום באַדויערן זיינען זיי נאָכהער — ווען נאַפּאָלעאָנס מאַכט איז געבראָכן געוואָרן — געבליבן אַנטוישטע אין זייער האָפענונג.

די שונאי ישראל, אין דער צייט ווען נאַפּאָלעאָנס שטערן האָט נאָך געגלאַנצט, האָבן זיך געווענדעט צו נאַפּאָלעאָנען אָפּצונעמען פון אידן די גלייכבאַרעכטיקונג, מאָטיווירנדיק די אַלטע בייזוויליקע טענה אַז אידן זיינען אַ שעדלעכער עלעמענט, זיי עקספּלואַטירן דעם אָרימען קריסט. נאַפּאָלעאָן, וועלנדיק זיך איבערצייגן אין דער ריכטיקייט פון דער באַ־שולדיקונג האָט פאַררופן אידישע געלערנטע און פאָרגעלייגט פאַר זיי זיינע פראַגן, כדי זיך איבערצייגן נאָך זייערע ענטפערס אויב אידן קענען זיין אַלס אידן אויך געטרייע פראַנצויזישע בירגער, און אויך געטרייע ברידער צו די פראַנצויזן.

הונדערט עלף געלאַדענע פון גאַנץ פראַנקרייך זיינען זיך צוזאַמען געקומען, און אויף אַלע זיינע געשטעלטע פראַגן געגעבן תשובות, וועלכע האָבן צופרידן געשטעלט נאַפּאָלעאָנען, און גלייך האָט ער פון זיי אויס־דערוויילט זיבעציק מאַן נאָך דער צאָל פון די סנהדרין, ווען זיי זיינען גע־ווען אין ארץ ישראל, און זיי פאַראָרדנט אַז די אַלע אים געגעבענע תשובות זאָלן אַריין גיין אין קראַפט אַלס אַ געזעץ, וועלכע אידן זאָלן זיי אויספאָלגן אין אַלע דורות. און אַזוי האָט די כנסת ישראל זוכה געווען אין יאָר תקס"ו — 1806 — צו אַ סנהדרין. ר' דוד זינצהיים איז באַשטימט געוואָרן אַלס נשיא; רבי אברהם סאגארי — אב בית דין; און רבי אברהם דע קאלאנא, פון איטאַליע — אַלס חכם.

צום באַדויערן קאָן געזאָגט ווערן אויך אויף די צייטווייליקע סנהדרין דער באַקאַנטער משל: דער באַרג האָט געהאַט געבורט - ווייען, און גע־בוירן אַ מויז... די סנהדרין איז מער ניט געווען ווי נאָר אַ שפּילצייג אין דער האַנט פון דער רעגירונג, אויסגעפאָלגט אַלעס וואָס זי האָט פאַרלאַנגט, ווי געטרייע רעגירונגס - משרתים האָבן זיי אויסגעפאָלגט אַלעס, וואָס

די רעגירונג האָט געוואונטשן. די ענדע איז געווען אז די סנהדרין איז פאַרוואַנדלט געוואָרן אין אַ קאָנסיסטאָריע, אַ פּשוטער קאָמיטעט, אויף אַכטונג צו געבן אויף די פראַנצויזישע רבנים זיי זאָלן זיך אויפפירן כשורה. דער אנשטאַלט האָט עקזיסטירט ביז דער לעצטער צייט ווען די פראַנצויזישע רעגירונג האָט אָפּגעטיילט די קירכע פונם שטאַט. און די קאָנסיסטאָריע האָט געהאַט דעם אייגענעם גורל ווי די קאַטוילישע. מיר נעמען זיך אָבער ניט צום האַרצן דערפון...

רבי נתן אדלער — זיין לעבן און שאַפן.

דר. נתן אדלער איז געבוירן פון אַ פאַרנעמסטער פאַמיליע אין פראַנקפורט אם מאין, פון וועלכער עס שטאַמען פיל וויסנשאַפטס - מענער, וועלכע האָבן פאַרשאַפט כבוד דעם אידישן פאָלק.

וועגן דעם פאַמיליען - נאָמען אדלער ווערט דערציילט פאָלגנדעס: נאָכדעם ווי די שטאָט פראַנקפורט איז איינגענומען געוואָרן פון דעם באַרבאַר וויניצענץ פעטמילך, זיינען אידן פון דאָרט אַרויסגעטריבן געוואָרן און די אומגליקלעכע האָבן אָנגעהויבן צו וואַנדערן פון שטאָט צו שטאָט, און פון דאָרף צו דאָרף, כדי צו רעטן זיך פון זייערע גרויזאַמע פאַרפאָלגער. ס'האָט אָבער פיל ניט געדויערט, און דער באַרבאַר איז פון זיין קעניגלעכן טראָן געשטירצט געוואָרן, און נאָכדעם ווי זיינע מעשים זיינען אים באַצאָלט געוואָרן, זיינען אידן פאַררופן געוואָרן זיך צוריק צו קערן. אידן האָבן זיך פון אַלע ערטער וואו זיי זיינען צעשפרייט געווען קאָנצענטרירט, און מיט יובל - געזאַנג מאַרשירט קיין פראַנקפורט. פאַר דער קאָנצענטראַציע איז געגאַנגען דער אויסגעוויילטער פון די אידן — דער פאַרשטייער, טראָגנדיק אין דער האַנט די קעניגלעכע פאָן וועמענס עמבלעמאַ איז געווען אַן אָדלער. און אַזוי איז די עמבלעמאַ פאַרבליבן אַ פאַמיליען-נאָמען ביי דער משפחה.

ר' נתן אַדלער איז געווען דער דריטער זון צו זיין פאָטער ר' מרדכי אדלער, וועלכער איז געווען רב אין האַנאָווער, געשטאָרבן אין 1830. זיין ברודער, דער בכור ר' גבריאל אדלער, אַ גרויסער געלערנטער, איז געווען רב אין אָבערנדאָרף (אין ווירטעמבערג), דער דריטער ברודער זיינער, ר' דוב בער אדלער, איז געווען דער צווייטראַנגיקער רב נאָך זיין ברודער אין פראַנקפורט אם מאין. מער פון זיינע ברידער האָט זיך אויס-

געצייכנט ר׳ נתן אדלער. ווען ער איז געווען נאָך גאָר אַ יונגער מאַן, איז ער שוין אויפגענומען געוואָרן אלס רב אין אלדענבורג נאָך זיין פּאַטערס טויט. זעכצן יאָר איז ער דאָרט געווען רב, און זיך פאַרדינט אַ גרויסן נאָמען מיט זיין חכמה און געלערזאַמקייט. ווי באַוואוסט, איז דאָס פירשטנטום האַנאָווער געווען אונטער דעם פּראָטעקטאָראַט פון ענגלאַנד, און דער ברודער פונם ענגלישן קעניג איז דאָרט געווען וויצע־קעניג. אין איין טאָג איז די פירשטין, ביים געבוירן אַ קינד, געווען אין גרעסטן געפאַר. די דאָקטוירים האָבן זיך שוין מיאש געווען פון איר. און דער פירשט האָט זיך געווענדעט צו ר׳ נתן אַדלער ער זאָל גאָט בעטן פאַר דער פירשטין. ר׳ נתן אַדלער האָט פאַררופן אַלע אידן אין שול און אָפּגעהאַלטן אַ תּפלה פאַר דער פירשטינס לעבן. און אַ נס איז געשען: די פירשטין איז ארויס פון געפאַר און פון טאָג צו טאָג זיך געבעסערט. דער פירשט האָט געשיקט ר׳ נתן אדלערן אַ דאַנק - בריוו, מיט אַ מתנה פון הונדערט פרידריכסדאָר. ר׳ נתן אַדלער האָט דעם פירשט געדאַנקט פאַר דער מתנה, אָבער זי צוריק געשיקט, מיטן תנאי ער זאָל דאָס געלט פאַרטיילן צווישן אָרימע. דערמיט האָט ער זיך נאָך מער ליבע דערוואָרבן ביים פירשט. אינם יאָר 1845 איז געשטאָרבן דער רב פון לאָנדאָן ר׳ שלמה צבי בערלינער. די געמיינדע - פאָרשטייער האָבן געזוכט אַ ממלא מקום וועלכער זאָל פּאַסן פאַר אַזאַ לאָנדאָנער קהלה. ווען דער פירשט פון קעמברידזש האָט זיך דערפון דערוואוסט, האָט ער רעקאָמענדירט ר׳ נתן אדלער, וועלכער איז אים געווען גוט באַקאַנט פון האַנאָווער. און אַזוי איז ר׳ נתן אדלער אויפגענומען געוואָרן אַלס לאָנדאָנער אויבער־רב. די ערשטע דריי יאָר האָט ער — ניט קענענדיק די ענגלישע שפּראַך — געהאַלטן זיינע פּאָרטרעגע אין דייטש. ער האָט אָבער אין דעם משך גרינטלעך דערלערנט ענגליש און געהאַלטן זיינע פּאָרטרעגע אין דער דאָזיקער שפּראַך. ר׳ נתן אדלער האָט זיך באַליבט געמאַכט אין דער אידישער געמיינדע אין לאָנדאָן און ער איז זייער שטאָלץ געווען. ר׳ נתן אדלער האָט זיך אַ גרויסן נאָמען פאַרשאַפט מיט זיין חבור „נתינה לגר", אַ פירוש אויף תרגום אונקלוס.

ה. תקס"ו — 1806 — דער געבורט פון ד"ר גבריאל ריעסער.

גבריאל ריעסער איז אַן אייניקל פון ר׳ רפאל כהן, וועלכער האָט געטראָגן אויף זיך די רבנישע קרוין פון דריי קהלות: האַמבורג, וואַנסבורג און אַלטונא (הוא). איינער פון די דריי רבנים וואָס האָבן מחרים געווען

דעם איבערזעץ פון דער תורה אין דייטשן דורך מענדעלזאָן. ריעסער איז געווען דער ערשטער וועלכער האָט זיך באַקלאָגט אויפן נידעריקן גייסטיקן צושטאַנד פון די דייטשע אידן וועלכע דערמאַנען דעם נאָמען איד ווי מע דערמאָנט דעם „ברוך שם כבוד מלכותו”, שטילערהייט. דער אונטער־שיד איז נאָר אין דעם וואָס דאָס לעצטע קומט פאָר אין דער שטיל, מלאכים זאָלן זיך ניט דערוויסן; און דאָס ערשטע — קריסטן זאָלן ניט וויסן...

די ערשטע צייט־שריפט וואָס ער האָט אַרויסגעגעבן אין 1832, האָט ער אַ נאָמען געגעבן: „דער יודע”, צו להכעים די וועמען דער נאָמען האָט ניט געשמעקט... און טראָץ דעם וואָס מען האָט אים ניט דערלויבט צו זיין אַן אַדוואָקאַט, ווען אויך ער איז געווען איינער פון די אויסגעצייכנטע יוריסטן, נאָר צוליב דעם אייניציקן טעם וואָס ער איז אַ איד, איז ער דאָך פאַרבליבן אַ געטרייער איד, און איז צופרידן געווען מיט די קליינע פאַר־דינסטן פון אַ ליטעראַט, און אויך ניט געוואָלט פאַלן צו לאַסט זיינע רייכע קרובים.

גבריאל ריעסער, אויסער וועלטלעכע וויסנשאַפט איז געווען אויך אַ גרויסער למדן און אַ וויסנשאפטס־מאַן אין חכמת ישראל, ווי ס'איז צו זען אין זיין חבור „זכר צדיק” אין וועלכן ער באַשרייבט די ביאָגראַפיע פון זיין זיידן ר' רפאל כהן. טראָץ זיין גרויסער ליבע און טרייער איבערגעבנקייט צום אידישן פאָלק, האָט ער דאָך ניט פאַרגעסן צו זיין א טרייער בירגער צום דייטשן פאָלק, מיט לייב און זעלע געקעמפט פאַר דייטשלאַנדס וואוילשטאַנד, פאַר איר פרייהייט און אַנטוויקלונג; ער איז אָבער ניט געווען עקסטרעם אין זיין שרייבן וועגן דער פרייהייט, ווי בערנע און היינע. ניט געוואָלט אַרויפציען מיט עקסט־רעמקייט — ווי די דערמאַנטע — אַ באַשולדיקונג אויף די אידן אַז זיי שטרעבן צו מאַכן א רעוואָלוציע, און די „פרייהייט” איז נאָר צו פאַר־בלענדן די אויגן. ריעסער איז פון דער נאַטור געווען אַ גאַנץ רואיקער און אַ פרידלעכער; אָבער דער האַס פון דייטשן צו די אידן האָט אים זיין לעבן אזוי פאַרביטערט, אַז ער האָט באַשלאָסן ארויסגיין אין אָפענעם קאַמף מיט די אידן־פרעסער. און ער איז ניט אַנטלאָפן פונם קאַמפס־פּלאַץ, ווען אויך פילע פיילן האָבן זיין אידיש האַרץ פאַרוואונדעט. ער האָט בשום אופן ניט געוואָלט מותר זיין אפילו קיין חוט השערה פון די רעכט וואָס דאַרף געגעבן ווערן דעם פאָלק וואָס האָט אונטער זיך אַ דריי

טויזנט יעריקע היסטאָריע. אין יאָר 1848, ווען דעלעגאַטן פון אלע דייטשע פאַרשידענע שטאַטן האָבן זיך פאַרזאַמלט קיין פראנקפורט זיך צו באַראַטן וועלכע נייע אָרדענונגען דאַרפן איינגעפירט ווערן אין דייטשלאַנד, כּדי צו פאַרבעסערן דעם מאַטעריעלן און מאָראַלישן שטאַנד פונם דייטשן פאָלק, איז ריעסער געווען אריינגערעכנט צווישן די הויפּט-רעדנער. ער האָט איבערצייגט אז די ערשטע קעמפער - פיאָנערן פאַר דער דייטשער פרייהייט זיינען גראַד געווען צוויי אידן: ב ע ר נ ע און ה י י נ ע און דער דריטער איז געווען דער אידן-פריינט דר. יאָהאַן יאַקאָבי. גבריאל ריעסער האָט געלעבט 54 יאָר, נפטר געוואָרן אין 1860 און זאָל זיין נאָמען צום גוטן דערמאַנט ווערן. ער האָט עס כּשר פאַרדינט.

ה. תקס"ז

— 1807 — די רוסישע רעגירונג גיט ארויס אַ באַפעל, אז די אידן פון וואָלינער און פּאָדאָליער גוב. זאָלן פאַרלאָזן די דערפער אין וועלכע זיי וואוינען אין אַ משך פון דריי יאָר און זיך באַזעצן אין די זעלבע גובערנישע שטעט. — דער צוזאַמענקונפט פון אידישע וואָלמענער אין פראנקרייך אויף צו ווילן אַ סנהדרין אין כ"ד תשרי — 6-טן אָקטובער; עס ווערט פו זיי צעשיקט צירקולארן איבער אלע אידישע קהלות, אז דער סנהדרין האָט זיך אויפ'סניי עסטאַבליזירט. די עפנונג פונם סנהדרין דעם פינפטן חשון.

ה. תקס"ח

— 1808 — די רוסישע רעגירונג גיט ארויס אַ באַפעל אז אלע אידן זאָלן באַשטימען פאַר זיך פאַמיליען־נעמען און די זעלבע צושטעלן אויף אריינצופירן זיי אין דער אלגעמיינער פאָלקס־סטאַטיסטיק. נאָך דער פאַראייניקונג פון ביאַליסטאָקער גובערניע צו רוסלאַנד ביים געשלאָסענעם פרידן אין טילזיט, ווערט פון דער רעגירונג ארויסגעגעבן אַ באַפעל, אז אידן זאָלן פון צווישן זיך אויסוויילן ראַטמענער אויף דריי יאָר. — דער קעניג יורם, נאַפּאָלעאָנס ברודער, גיט בירגער־רעכט די אידן וועלכע וואוינען אין וועסט־פאַלן, אַ דאנק די השתדלות פון ישראל יאַקאָבזאָן. — דער געבורט פון ר' שמשון בר' רפאל הירש.

ר' שמשון ב"ר רפאל הירש איז געבוירן געוואָרן ביי עלטערן, סוחרים, וועלכע האָבן געוואָלט אויך דעם זון זייערן, וועלכער האָט פאַרמאָגט זעלטענע פעאיקייטן אויף דעם מאַטעמאַטישן געביט, מאַכן פאַר אַ סוחר. אים האָט אָבער געצויגן צו חכמת ישראל, און מיט דער הילף פון דעם באַוואוסטן גאון ר' יצחק בּארנאַים, דער האַמבורגער רב, וועלכער האָט אנדערקענט די אויסערגעוויינלעכע כשרונות פון דעם יונגן ר' רפאל שמשון הירש, האָט ער זיך אָפּגעגעבן צו תורה און חכמה, און פאַרלאָזט

דאָס געשעפט - הויז אין וועלכן ער איז געווען איינגעשטעלט. ער האָט זיך ניט צופרידן געשטעלט מיט דעם אידישן שטודיום וואָס ער האָט געמאַכט אונטער דער אויפזיכט פון ר׳ יצחק בארנאַים, און זיך גענומען צו וועלטלעכער בילדונג. אַנגעקומען אין גימנאַזיע און זי געענדיקט. נאָכ־הער האָט ער זיך פאַרפאַלקאָמט אין ש״ס און פוסקים, אין דער ישיבה פון ר׳ יעקב עלינגער, אין דער שטאָט מאַנהיים. אינם יאָר תקפ״ט — 1829 — אַלט זייענדיק איין און צוואַנציק יאָר, איז ער אַריין אין אוני־ווערזיטעט אין באָנן, און אין דעם זעלבן יאָר געענדיקט אויף אַ וואונדער־לעכן אופן דעם קורס. אַלט ווערנדיק דריי און צוואַנציק יאָר, איז ער אויפ־גענומען געוואָרן פאַר רב אין גרויס־פירשטנטום אַלדעספבורג, און פון דאָרט איז ער באַקאַנט געוואָרן אַלס איינער פון די גרעסטע וויסנשאַפטס־מענער דורך זיינע פילע ספרים וואָס ער האָט פאַרפאַסט, איבערהויפט דורך די באַוואוסטע ניינצן בריוו, געשריבן אין דער דייטשער שפּראַך, אין וועלכע עס קומט אַ גענויע אָפּהאַנדלונג וועגן אידנטום. די בריוו זיינען נאָכדעם איבערגעזעצט געוואָרן אויף העברעאיש פון דעם געלערנטן משה זלמן אהרנזאָן, אונטער דעם נאָמען: „אגרות צפון". אינם יאָר תקצ״ח — 1838, האָט ער פאַרפאַסט דאָס גרויסע ספר „חורב", אַ וויסנשאַפטלעכער איבערבליק איבער אַלע תרי״ג מצוות. דער „חורב" איז אויך איבערגע־זעצט געוואָרן אויף העברעאיש פון דעם זעלבן איבערזעצער פון די ניינצן בריוו. די צוויי ספרים האָבן פילע אָפּטריניקע פונם כרם ישראל מחזיר למוטב געווען.

ער האָט אויך פאַרפאַסט די שריפטן אונטערן נאָמען: „ערשטע מיט־טיילונגען אויס נאַפטאַלים בריעפוועקסעל", אין וועלכע ער פירט אַ קאַמף קעגן די הויפט־רעפאָרמער פון זיין צייט. דאָס לעצטע יאָר פון זיין וואוינען אין אַלדענבורג האָט ער פאַרפאַסט אַ בוך געווידמעט דעם גרויס־הערצאָג, וועלכער האָט ביי אים ביז גאָר אויסגענומען און אים דורך זיין אַדיו־טאַנט הערצלעך באַדאַנקט. עלף יאָר איז ער געווען רב אין אַלדענבורג, נאָכהער איז ער איינגעלאַדן געוואָרן פון די קהלות אין אַלריך און אסנא־ברוק צו ווערן קרייז־ראַבינער אין עמדען. זייענדיק רב אין עמדען האָט ער זייער פיל אויפגעטאָן אויף אויסצובעסערן דעם גייסטיקן מצב פון די דאָרטיקע קהלות. ער האָט אויך דאָרט אָפּגעדרוקט די צווייטע בריוו־

וועקסל אין וועלכע ער טאַדלט דעם הויפּט־רעפאָרמאַטאָר האָלדהיים און זיין קאָמפּאַניע.

ווען ער איז אַלט געוואָרן פערציק יאָר איז ער אויפגענומען געוואָרן פאַר רב אין ניקעלסבורג, אין מעהרען. געגרינדעט דאָרט ישיבות און געוואָרן דער ראש ישיבה. דער כּבוד זיינער איז ניט נאָר געקומען פון אידן, נאָר אויך פון די קריסטלעכע איינוואוינער, אַ דאַנק זיין געלער־זאַמקייט און זיין טיפן פאַרשטאַנד. אינם יאָר 1848 איז ער אויסדערוויילט געוואָרן אַלס מיטגליד אין רייכסטאַג, אין קרעמזיר, און איז דאָרט פאַר־בליבן ביז דער זעלבער האָט זיך געשלאָסן. ער האָט דעם רייכסטאַג ניט פאַרלאָזט, כּדי צו קאָנען דאָרט פאַרטיידיקן זיינע ברידער, ווען אויך ער האָט מערערע מאָל באַקומען דראָאונגען, אַז מע וועט אים דערמאָרדן.

אינם יאָר תרי״א — 1851 — איז ער געוואָרן רב אין פראַנקפורט אַם מאַין, אין דער צייט ווען די גאַנצע אידישע געמיינדע האָט געהאַט אַ רעפאָרמאַטאָרישע ריכטונג. אַ חוץ עלף, וועלכע האָבן זיך אָפּגעטיילט און זיך געהאַלטן אין דער אָרטאָדאָקסישער ריכטונג. און די דאָזיקע עלף האָבן אים פאַר אַ רב אָנגענומען. און ווען אויך זיינע פילע תּלמידים האָבן אים דערקלערט, אַז ס׳איז פאַר אים אַ פּחיתת הכּבוד צו זיין רב איבער אַן עלף מיטגלידערישע קהלה, האָט ער זיך צו זיי ניט צוגעהערט. ער האָט פאַרשטאַנען, אַז אין פראַנקפורט האָט ער פאַר זיך דאָס צוגע־פּאַסטע פּלאַץ צו שאַפן פאַר אים אַ געמיינדע נאָך זיין וואונטש נאָך. און אַזוי איז עס געשען. אים איז געלונגען אין משך פון זיבן און דרייסיק יאָר, וואָס ער איז דאָרט רב געווען צו אָרגאַניזירן די גאַנצע געזעלשאַפט אין דער ריכטונג וואָס ער האָט פאַר איר אָנגעצייכנט.

מיט זיין אָראַטאָרישער קראַפט האָט ער די גרעסטע השפּעה געהאַט איבער איר. ער האָט אויך געגרינדעט מערערע דערציאונגס - אַנשטאַלטן און דערהויבן דעם קרן הדת און אַלע אידישע טראַדיציעס.

אין יאָר תרי״ד, 1854, האָט ער אָנגעהויבן אַרויסגעבן אַ צייטשריפט אין דער דייטשער שפּראַך מיטן נאָמען „ישורון״, געווידמעט צו חכמת ישראל, וועלכע איז דערשינען אין פאַרלויף פון זעכצן יאָר.

אין דער צייט וואָס ער האָט געוואוינט אין פראַנקפורט האָט ער פאַרפאַסט זיין גרויס ווערק: אַ קאָמענטאַר אויף חמשה חומשי תורה, אויף תּהלים, משלי און פּרקי אבות. אין יאָר תרמ״ד, 1884, האָט ער פאַר־

פּאַסט אַ ווערק צו פּאַרטיידיקן דעם תּלמוד. דר. לאַצאַרוס האָט עס אַנדערקענט אַלס דאָס בּעסטע ווערק אויף צו פּאַרטיידיקן דעם תּלמוד. דורך זיין השתדלות בּיי דעם מיניסטעריום אין עסטרייך איז אויך צוריק געצויגן געוואָרן דער פאַרבּאָט פון די הויזירער, ניט צו מעגן האַנדלען אין גאַס. מערערע מאָל האָט ער געהאַט אַן אוידיענץ מיט די גרעסטע רעגירונגס־לייט, איבּערהויפּט מיט ל אַ ס ק ע ר, און געפּועלט פיל טובות פאַר אידן.

ר׳ שמשון רפאל הירש איז נפטר געוואָרן אינם יאָר 1899, אין דער עלטער פון איין און אַכציק יאָר.

ה. תקס״ח — 1808 — יאַקאָבזאָן שטרענגט זיך אָן צו רעפאָרמירן די גאָטעס־דינסט, באַשטימט פּרעדיקער צו האַלטן דרשות אין דער דייטשער שפּראַך. דער רעפאָרם גייסט איז גורם צו אַן אידעען־שפּאַלטונג צווישן די דייטשע אידן.

יאַקאָבזאָן און פרידלענדער, האָבּן בּיידע געזוכט צו רעפאָרמירן דאָס אידנטום און איינפירן אַ רעפאָרמע אין גאָטעס־דינסט, און דאָך איז אַ גרויסער אונטערשיד פונם ערשטן בּיז דעם צווייטן. דער ערשטער מיט זיין רעפאָרמע האָט פיל דערוויטערטע דערנענטערט צום אידנטום. דער צווייטער, פרידמאַן, האָט נענטערע, דערווייטערט. יאַקאָבזאָן האָט אָבּער אויך מיט זיין רעפאָרמע איבּערגעכאַפּט די מאָס, מיט זיין ווילן נאָכאַמען מיט אַלע פּרטים און דקדוקים די אידישע גאָטעס־דינסט אין די טעמפּלען, דער קריסטלעכער. מיר מיינען ניט צו זאָגן די רעפאָרמע בּנוגע דער עסטעטיק און די מוזיק. אונזערע אַלע גדולים האָבּן דאָך מקפּיד געווען ווען זיי האָבּן בּאַמערקט וועלכע ס׳איז ניט איז אומריינלעכקייט אין אידישע שולן.

אויך די נגינה איז דערלויבּט נאָך די מוזיקאַלישע כּללים. געפינען מיר דאָך אין „תשובת ה״ב״ח קכ״ז״, אין וועלכער עס ווערט דערקלערט אַז אַלע נגונים זיינען דערלויבּט צום גאָטעס־דינסט אפילו אַזעלכע וועלכע קריסטלעכע מוזיקער בּאַנוצן, ווען נאָר זיי זיינען ניט בּאַשטימט צו קלויסטער געבּעט. מיר מיינען אָבּער די צערעמאָניעס וועלכע זיינען אין די טעמפּלען איינגעפירט געוואָרן דורך דער רעפאָרמע פון יאַקאָבזאָן צוגלייך מיט די אין די קלויסטערס איינגעפירטע. ווי צום בּיישפּיל, דאָס איבּערגעבּן דעם קדוש־פּוס וואָס דאַרף דורכגעפירט ווערן אויף דער אָרט

ווי אין קלויסטער. אזוי ווי דאָרט ווערט דער כּוס איבּערגעגעבּן פונם צווייטן גלח צום ערשטן, אזוי אויך אינם טעמפּל פונם צווייטן קאַנטאָר צום ערשטן. וכדומה די קליידער רעפאָרמע ביים קאַנטאָר און די כאָריסטן, אַ רעפאָרמע צו וועלכער מיר האָבּן זיך מיט דער צייט צוגעוואוינט. צו יענער צייט, אָבּער, האָט עס אַרויסגערופן בּיי פיל פון די דייטשע אידן — ווען אויך ניט קיין עקסטרעם רעליגיעזע — גרוים פאַרדרוס.

ה. תקס״ט, 1809. די רוסישע רעגירונג באַשטימט צום צווייטן מאָל אַ קאָמיסיע צו באַהאַנדלען די פראַגע וועגן דעם פאַרבּאָט קעגן אידן צו וואוינען אין דערפער, צוליב וועלכן זיי זיינען ביז גאָר פאַראָרימט געוואָרן. די קאָמיסיע באַשליסט, אַז קיין אַנדער אויסוועג אויף צו פאַרבּעסערן די עקאָנאָמישע לאַגע פון די אידן און זיי רעטן פון אַ הונגער־טויט איז ניטאָ ווי נאָר אָפּשאַפן דעם אַרויסגעגעבענעם דעקרעט צו פאַרבּאָטן אידן צו באַזעצן זיך אין די דערפער, כדי זיי זאָלן זיך קאָנען פאַרנעמען אין די דערפער מיט האַנדל. — דער פאַרבּאָט אויף אידן צו באַזעצן זיך אין דער שטאָט זיבקאָוו, טשערניגאָווער גובערניע. — אידן באַקומען בירגער־רעכט אין דייטשלאַנד און פּרייסן, באַדען, מעקלענבורג און די פרייע שטאָט פראַנקפורט אַם מאַין. — די רוסישע רעגירונג פאַרבּאָט די אידן צו קומען אין פאַרבינדונג מיטן סנהדרין אין פראַנקרייך. די רוסישע רעגירונג, נאָך איר אַנדערקענונג, אַז די אידן אין קיעוו ברענגען ניט ווייניק נוצן דער קריסטלעכער באַפעלקערונג, באַשליסט צוריקציען די גזרה אויף אַרויסצוטרייבּן אידן פון דאָרט. — דער געבּורט פון דעם גאון מאיר ליבוש בן ר׳ יחיאל מיכל (מלבּי״ם).

ר׳ מאיר ליבּוש מ״לבּי״ם (מאיר ליבּוש בּן יחיאל מיכל) איז געבּוירן געוואָרן אין וואָלאָטשיסק, אין פוילן. זיין פאָטער איז געשטאָרבּן נאָך גאָר א יונגער מאַן און איבּערגעלאָזט אים אַלס אַ זעקס יאָריקעס קינד. זיין מוטער האָט נאָכדעם חתונה געהאַט אַ צווייט מאָל פאַרן וואָלאָטשיסקער רב, ר׳ יהודה ליב. בּיז צוועלף יאָר האָט ער געלערנט אין חדר, און ניט אַרויסגעוויזן קיין אויסערגעוויינלעכע כשרונות. ערשט ווען ער האָט אָנגעהויבּן לערנען בּיי דעם גרויסן תּלמודיסט ר׳ משה הלוי הורוויץ, האָט זיך זיין טאַלאַנט אויף א גאונישן אָרט אַרויסגעוויזן. און ניט נאָר אויפן תּלמוד׳ישן געבּיט, נאָר אויך אין רעליגיעזער פילאָזאָפיע און פּאָעזיע. ער האָט אויך געלערנט קבלה פון דעם קבלהיסט, ר׳ צבי פון זוטשאָוו. ווי דער שטייגער צו יענער צייט איז געווען האָט אים זיין שטיף פאָטער חתונה געמאַכט ווען ער איז אַלט געווען פערצן יאָר פאַר אַ טאָכטער פון אַ גרויסן עשיר אין זיין שטאָט. ער האָט זי אָבּער בּאַלד אָפּגעגט, ניט קאַ־

נענדיק האַרמאָנירן מיט איר כאַראַקטער. אומצופרידן מיט זיין קליין שטעטל וואו ער האָט ניט געפונען די מעגלעכקייט צו אַנטוויקלען זיך און שטילן זיין דורשט צו וויסנשאַפט, איז ער אַוועקגעפאָרן קיין וואַרשע, און דאָרט איז ער אין אַ קורצער צייט אנדערקענט געוואָרן פון אַלע פוילישע גדולים אַלס גדול בישראל און באַקומען דעם נאָמען דער „וואָלינער עלוי". פון וואַרשע איז ער אָפּגעפאָרן קיין לאַנטשיץ, און דאָרט האָט ער חתונה געהאַט פאַר ר' חיים אויערבאַכס טאָכטער. זיצנדיק ביים שווער אויף קעסט, אָן זאָרגן פאַר פרנסה, האָט ער זיך אינגאַנצן איבערגעגעבן צום לערנען און דאָרט מסדר געווען דעם ערשטן חלק פון זיין ספר „ארצות החיים" אויף שולחן ערוך אורח חיים. ער האָט אויך געשריבן פיל תשובות און חדושים אויף די אַנדערע דריי חלקים שולחן ערוך און אויך מערערע פאַרשידענע ספרים. אין יאָר תקצ"ד, 1834, האָט ער באַזוכט די שטעט פרעסבורג, טאַפלשיין, און אַמסטערדאַם, און דאָרט באַקומען הסכמות אויף זיין ספר „ארצות החיים" פון ר' משה סופר, דער מחבר פונם „חתם סופר", פונם גאון ר' וואָלף, דער מחבר פון „שערי תורה" און פונם גאון ר' שמואל, דער אַמסטערדאַמער רב. פון אַמסטערדאַם איז ער אָפּגעפאָרן קיין ברעסלוי, אין דער שטאָט וואו דער באַוואוסטער גאון ר' זלמן טוקטין האָט געוואוינט. דאָרט איז ער פאַרבליבן אַ יאָר און אָפּגעדרוקט זיין ספר „ארצות החיים". ער איז דעמאָלט אַלט געווען אכט און צוואַנציק יאָר.

ר' מאיר ליבוש מ"לבי"ם איז חוץ זיין אויסערגעוויינלעכע גאונות, געווען אויך אַ זעלטענער רעדנער. זיינע דרשות האָבן עלעקטריזירט די הערצער פון טויזנטער צוהערער, און מיט דער רעקאָמענדאַציע פון ר' זלמן טוקטין איז ער געוואָרן רב אין ווָרעשנאַ. ווי גרויס זיין נאָמען איז געווען איז צו זען פון דעם אַז די פויזנער אידישע קהלה האָט אים געוואָלט באַשטימען פאַר רב אויפן אָרט פון ר' עקיבא איגר, און אים פאַרגעשלאָגן אַ גרויס געהאַלט. ער האָט אָבער ניט געוואָלט פאַרלאָזן ווָרעשנאַ אין וועלכער ער איז פון דער קהלה מיט גרויס כבוד געהאַלטן געוואָרן. זיבן יאָר איז ער אין ווָרעשנאַ פאַרבליבן, און פון דאָרט איז ער אויפגענומען געוואָרן אַלס רב אין קעמפּין.

פופצן יאָר איז ער דאָרט פאַרבליבן און געאַפּפערט זיין צייט אויף זיין פירוש איבער תנ"ך, מיט וועלכן ער האָט זיך פאַרייביקט אין דער

היסטאָריע. פון קעמפּין איז ער פאַררופן געוואָרן צו ווערן רב אין בוקאַ־רעשט אין וועלכער שטאָט ער איז פאַרבליבן פינף יאָר. אין די יאָרן האָט ער שרעקלעך געליטן. אַ דאַנק זיין אויפריכטיקייט, האָט ער אין זיינע דרשות אין דער שיין געשטעלט דעם פאַרדאַרבענעם עלעמענט אין דער בוקאַרעשטער געמיינדע, אָט די נפשות וועלכע זיינען אַ שאַנדע פאַרן אידנטום מיט זייערע אויפפירונגען. און די רשעים האָבן אים פאַרמסר׳ט פאַר דער רעגירונג, וועלכע האָט אים אריינגעוואָרפן אין געפענקעניש, וואו ער האָט אַ לאַנגע צייט געשמאַכטעט, און נאָר דורך דער השתדלות פון ר׳ משה מאָנטעפיאָרע איז ער באַפרייט געוואָרן. די אינ־טריגאַנטן האָבן אָבער ווייטער ניט געשוויגן און נייע מסירות אָנגעגעבן אויף אים, און ער איז כמעט אויף אַ מיסט - וועגעלע פון דער שטאָט ארויס געשיקט געוואָרן. נאָך בוקאַרעשט איז ער אויפגענומען געוואָרן אַלס רב אין לאַנטשיץ. ער איז אָבער אויך דאָרט שרעקלעך פאַרפאָלגט געוואָרן פון די חסידים, און אין יאָר תרכ״ט, 1869, זיך באַזעצט אין כערסאָן, און פון דאָרט אויפגענומען געוואָרן פאַר רב אין מאָהילעוו. געגלויבט האָט ער אַז דאָרט וועט ער שוין קענען זיינע לעצטע יאָרן רואיק אָפּלעבן. צום באַדויערן איז ער אויך דאָרט פאַרפאָלגט געוואָרן. אַ שרעקלעכע מסירה איז אויף אים פאַר דער רעגירונג אָנגעגעבן געוואָרן און ער איז אויפן באַפעל פונם גובערנאַטאָר ארויסגעשיקט געוואָרן אויף ניט צוריקצוקערן זיך אין גאַנץ רוסלאַנד. דער מ״לבי״ם איז איינגעלאַדן געוואָרן צו ווערן רב הכולל אין ניו יאָרק מיט אַ געהאַלט פון פינף טויזנט דאָלאַר אַ יאָר. נאָר קומענדיק צו זיין טאָכטער זיך געזעגענען מיט איר, איז ער קראַנק גע־וואָרן און דעם ערשטן טאָג ראש השנה תר״ם, 1880, איז ער נפטר גע־וואָרן אין קיעוו. דער טרויער נאָך אים איז געווען גרויס ניט נאָר אין קיעוו נאָר כמעט איבער דער גאַנצער אידישער וועלט.

פיל ספרים האָט דער מ״לבי״ם פאַרפאַסט, אָבער מער פון אַלע האָט ער זיך אויסגעצייכנט אין זיין „ארצות החיים״, און אין זיין פירוש אויף גאַנץ תנ״ך. דער מ״לבי״ם האָט אויך געמאַכט אַ ספר אויף דקדוק מיטן נאָמען „אילת השחר״, אויך אויף קבלה, וועלכער רופט זיך: „מגילת סתרים״. אין זיין ספר „משל ומליצה״ איז צו זען זיין קראַפט אין מליצה, צום סטי־ליזירן די פּאָעזיע אין פאַרשידענע עפּאָכן.

ה. תק"ע — 1810. — פארבאָטן קעגן די אידן אין רוסלאַנד צו באַזעצן זיך אין די שטעט פון ווייסרוסלאַנד. — עס ווערן באַפרייט אין רוסלאַנד פון מיליטער דינסט אַלע אידן וועלכע שמד'ן זיך. אין די גובערניעס, וואָס האָבן זיך פריער גע־רעכנט צו פוילן איז דערלויבט געוואָרן די פרידנס־ריכטער אָנצונעמען אידישע עדות ביי פּראָצעסן, וועלכע קומען פאַר צווישן קריסטן און קריסטן. — די פאַרבאַריי־טונג צו דער גרויסער מלחמה פון 1812. — די אידן ווייזן אַרויס זייער איבערגע־געבנקייט צו דער רוסישער רעגירונג. די מיליטערישע באַהערדן לויבן די אידן פאַר זייער טרייהייט. — די פטירה פון ר' לוי יצחק בערדיטשעווער און ר' ליב, דער שפּאָלער זיידע.

איך וועל מיך אָפּשטעלן צו שרייבן די היסטאָריע פונם חסיד'יזם וועלכע איז דורכגעלאָזט געוואָרן אין דער ערשטער טייל גלייך נאָך דער כראָנאָלאָגיע פונם בע'ש"ט.

איך וועל ניט שילדערן דאָ די פּערזענלעכקייט פון יעדן חסיד'ישן רבין בכלל און פון די צוויי אויבנדערמאנטע בפרט, ווייל ס'איז דאָך באַוואוסט אַז אַלע חסיד'ישע רבי'ס זיינען געגאַנגען אינם וועג וואָס דער שאַפער פון חסידות, ר' ישראל בע"שט, האָט אָנגעצייכנט. דאָ וועל איך נאָר אין אַלגעמיינע שטריכן שילדערן דעם מהות פון בע"שט און חסידות. איך וועל אויך היסטאָרישערווייזע שילדערן דעם כאַראַקטער פון די צדיקים וועלכע האָבן גוט פאַרשטאַנען דעם דרך וואָס דער בעש"ט האָט פאַר זיי אָנגעצייכנט.

אינם גייסטיקן לעבן פון יעדן מענטשן זיינען פאַראַן פאַרשידענע פּסיכאָלאָגישע, גייסטיקע, זעעלן - דערשיינונגען; דערשיינונגען וועלכע אַנטפּלעקן פאַר אונז דעם מהות פון זיין אינערלעך לעבן; א סך הכל פונם גייסטיקן פּראָצעס, די סימולירונג פון די גייסטיקע אייגנשאַפטן, וועלכע זיינען פאַרבאָרגן — ביי זייער ניט דערשיינונג — פון יעדן מענטשנס אויג. צווישן די פאַרשידענע זעעלן - דערשיינונגען קענען אַריינגערעכנט ווערן די פרייד און טרויער, אָדער ווי מיר וועלן דאָס אָנרופן: שמחה און עצבות, וועלכע דערקלערן אונז מיט זייער אַנטפּלעקונג דעם גייסטיקן און מאָראַלישן שטאַנד פון די וועלכע באַזיצן זיי.

דער טעאָרעטישער חסיד'יזם, אַלס א רעליגיעז - מאָראַלישע באַוועגונג, מיט א באַשטימטע וועלט־אַנשויאונג, האָט ניט געקאָנט דורכ־לאָזן און פאַרבייגיין די גייסטיקע דערשיינונגען פון פרייד און טרויער. ער האָט אַרויסגעזאָגט דורך קאָמענטאַרן צו פאַרשידענע שטעלן אין

תורת משה און תלמוד׳יסטישע לעגענדן, זיין פאַרהעלטעניש צו די צוויי גייסטיקע אייגנשאַפטן. דער טעאָרעטישער חסיד׳יזם האָט אין אַכט גע־נומען די ראָל וואָס די צוויי אייגנשאַפטן שפּילן, סיי אין פּראַקטישן און סיי אין אַבסטראַקטן און גייסטיקן לעבן.

דער טעאָרעטישער חסיד׳יזם באַציט זיך מיט זיין אַנשויאונג צו אַ עבר׳דיקער פּעריאָדע. ער שפּינט און וועבט וועזנטלעכקייט מיט די גייס־טיקע פּעדים פונם עבר אָן געשיכטלעכע איבערשפּרונגען. און אַזוי איז די באַנעמונג פון אים צו פרייד און טרויער אַ צו אַ עבר׳דיקע. די שפּי־נעריי און וועבעריי פון די צוויי גייסטיקע אייגנשאַפטן, זיינען פון די פאַנ־טאַסטישע זוהר פּעדים, פון די לוריא׳שע מיסטעריע, און פון דעם תמומית׳־דיקן, געזונטן, לעבעדיקן מאָראַל פונם חובת הלבבות. די שענסטע און פּרעכטיקע געדאַנקען וועלכע מיר געפינען אין דער חסיד׳ישער ליטע־ראַטור וועגן פרייד און טרויער, זיינען באַאיינפלוסנדיקע פון די ספרים. ווירקלעך, די גדולים פונם חסיד׳יזם האָבן נאָך צוגעגעבן צו די גייסטיקע פּעדים אַ קאָלאָריט, אַ הארה, אַ ניצוץ. דער חסיד׳יזם האָט אָבער בשום אופן ניט געשאַפן אַ שטה וועלכע זאָל זיין קעגן דער נאַטור פונם מענטשן. דער חסיד׳יזם האָט זיך פאַרטיפט אין דעם מהות פון די צוויי גייסטיקע אייגנשאַפטן אויף וועלכן ער האָט גענומען בויען זיין גייסטיקן בנין, אויף פרייד און טרויער, אָט די צוויי וועלכע האָבן מיט זייער איבערטריבנקייט געשאַפן אַ פאַרקריפּלונג אינם פאָלקס - לעבן. די לוריא׳שע קבלה מיט אירע סגופים און פאַראַכטונג צום עולם הזה׳דיקן לעבן פון איין זייט, און די שבתי צבי׳איזמדיקע אויסגעלאַסענע פרייד פון דער צווייטער זייט. דער חסיד׳יזם האָט זיך פאַרנומען צו אַנטפּלעקן דעם ריכטיקן קוואַל פון פרייד און טרויער, און דערקלערן ווי אַזוי מען דאַרף זיך פאַרהאַלטן צו זיי. צוויי סאָרטן שמחה — האָט דער חסיד׳יזם דערקלערט — איז צו מערקן ביי אַ מענטשן. די ערשטע איז אַ מאָמענטאַנע, אַ שנעל פאַר־איבערגייענדיקע. די סבה פון דער שמחה׳דיקער אַנטפּלעקונג איז אַן אוי־סערלעכע, אַ צום גשמיות׳דיקן לעבן, אַ פאַרהאַלטנדיקע; אַ שמחה וואָס פאַרפירט מערערע מאָל דעם בעל השמחה, ברענגט אים צו פאַרשידענע גרויסע אָדער קלענערע זינד. זי איז אַממייסטן די הבר׳טע פון זינד. זי האַלט אָן אַזוי לאַנג ווי די זינד ווערט פאַרטגעזעצט; ענדיקט זיך די זינד, נעמט אויך אַן ענדע צו דער שמחה, די חרטה קומט גלייך און די שמחה

ווערט פאַרוואַנדלט אין טרויער. די צווייטע שמחה אָבער, איז אַ בּת השמים׳דיקע, אַן אינערלעכע וועלכע קוועלט אַרויס פונם מענטשלעכן גייסטיקן מהות, און האָט ניט קיין שום דירעקטע גשמיות׳דיקע פאַר־בּינדונג מיטן גשמיות׳דיקן לעבּן.

פאָלגלעך, איז די שמחה אַ צוויי געשטאַלטיקע: די גשמיות׳דיקע, מיט אַלע גשמיות׳דיקע פאַרגעניגנס, און אַ גייסטיקע, מיט אַלע רוחניות׳דיקע תּענוגים. און דער חסיד׳יזם האָט געפּרעדיקט און פּראָפּאַגאַנדירט פאַר דער צווייטער. ער האָט אָבער די שמחה ניט צוזאַמען געצויגן און ניט מאַגנעטיזירט, כּדי זי זאָל זיך ציען נאָר צום הימל... פאַרקערט, ער ער האָט די שמחה אויסגעצויגן און אַראָפּגעבּויגן צום מענטשן. ער האָט דאָס רוחניות אין איר פאַרייניקט מיט אַן איידעלעם און צאַרטעם גשמיות. אויך דאָס גשמיות׳דיקע לעבּן דאַרף ניט זיין קיין פאַרזויערטעס. דער מענטש דאַרף פונם לעבּן הנאה האָבּן. אָבּער די הנאה דאַרף זיין ניט קיין ליידנשאַפטלעכע, נאָר א ריינע, אַ זויבּערע. ס׳דאַרף זיך פילן אין איר דאָס הימלישע צאַרטקייט, דאָס נשמה׳דיקע איידלקייט, כּדי ניט צו שטערן די אמתדיקע הימל - אדעליקע שמחה. דער חסידיזם האָט פאַר־שטאַנען אַז אַן די תּענוגים וואָס מע וועט אויף אַן ערלעכן אופן צוטיילן דעם גוף, וועט די ריכטיקע רוחניותדיקע שמחה ניט קענען עקזיסטירן. ווען דער גוף איז אין טרויער, איז די נשמה זיך מתלבּש אין דעם זעלבּן טרויעריקן בּגד. און אויף אַזאַ אופן האָט דער חסיד׳יזם אויסגעטראָטן פאַר זיך אַ וועג, אויף צו גיין אין אים פון דעם עולם הזה׳דיקן צום עולם הבּא׳דיקן לעבּן. די שמחה — זאָגט דער חסידיזם — קען בּיי איינעם זיין אַן אויסגעלאַסענע, ווייל ער פאַרשטייט ניט ווי אַזוי מיט איר זיך צו בּאַ־נוצן, און בּיים צווייטן — אַ שמחה של מצוה׳דיקע, פאַרשטייענדיק ווי אַזוי זי אויסצונוצן: ווען עס קומט אַ שמחה אויף דער וועלט — דריקט זיך אויס אַ בּאַוואוסטער צדיק *) — נעמען זי די צדיקים צו עבודת הבורא, און די רשעים צו דער עבודה זרה, צו אויספירן דורך איר שלעכטע מעשים, שלעכטס טון פרעמדע און אויך זיך...

דער מעזעריטשער מגיד דערקלערט עס מיט אַ משל: „ס׳איז געווען אַ מעשה מיט אַ בּן מלך וועלכער איז געפאַנגען געוואָרן פון אַ גרויסן הולטיי און שכּור. און פאַרוואַלט האָט זיך דעם הולטיי און שכּור, צו

*) „דרכי צדק״ פונ׳ם נועם אלימלך׳ס א תלמיד.

פאַרייניקן זיינע געדאַנקען מיט די געדאַנקען פונם בן מלך דורך דעם וואָס ער וועט צוזאַמען מיטן בן מלך פאַרשאַפן די תענוגים וואָס דער בן מלך איז געוווען געוואוינט צו האָבן ביי זיין פאָטער דעם מלך.

ער האָט געצוואונגען דעם בן מלך מיט אים צו שכּור'ן, גלויבנדיק אַז דורך דער שמחה וואָס ער וועט מיט אים האָבן וועט ער זיך פאַר־בונדן מיט די זעלבע געדאַנקען פונם בן מלך. אָבער בּיידנס כּוונות זיינען געווען גאַנץ פאַרשידענע. דער בן מלך, ווען אויך ער האָט פיל גע־טרונקען און פריילעך געוואָרן, האָט ער זיך דאָך מיט זיינע געדאַנקען פאַרייניקט מיט די פון זיין פאָטער און כּסדר פון זיי געטראַכט; דעם הולטיים און שכּור'ס געדאַנקען זיינען אָבער געווען איבּערגעגעבּן צו הולטייסטווע. און אַזוי איז אויך די הנאה פונם פרומען; זי איז אַ קדושה'־דיקע, און די פונם שלעכטן — א טומאה'דיקע. בּיי ווען די גייסטיקע אַנטוויקלונג שטייט אויף אַ העכער מדרגה, איז אויך די גשמיות'דיקע שמחה מיט אַ רוחניות'דיקע הנאה און אַ הימלישע פרייד.

די חסידישע לעגענדע דערציילט: איינמאָל איז דער בּע"שט געזעסן פרייטיק צו נאַכטס בּיי דער סעודה מיט מערערע תּלמידים זיינע, און האָט כּסדר גערעדט פון שמחה און עצבות, גערימט די ערשטע און גע־טאַדלט די צווייטע. פּלוצים האָט זיך דער בּע"שט צעלאַכט, און נאָך איניקע מינוט, ווידער זיך צעלאַכט. אַזוי האָט ער דריי מאָל געלאַכט. די תּלמידים האָבּן זיך פאַרוואונדערט. דער בּעש"ט איז טאַקע שטענדיק מלא שמחה, אָבער אַזוי לאַכן האָבּן זיי אים קיין מאָל ניט געזען. זיי האָבּן אָבער אים ניט געפרעגט, און געוואַרט ער זאָל זיי אַליין דערקלערן. דער בּע"שט האָט אָבער דעם גאַנצן שבּת געשוויגן. ערשט שבּת צו נאַכטס האָט ער אַ זאָג געטאָן צו זיינע תּלמידים: „איר האָט זיך געוואונ־דערט פאַר וואָס איך האָב געלאַכט. איר וועט עס אָבער באַלד וויסן. גייט אַהיים, טוט זיך איבּער וואַכנדיק, וועלן מיר זיך אַביסל דורכפאָרן אויסער דער שטאָט". אַז דער בּע"שט זאָגט דאַרף מען פאָלגן. גלייך נאָך זייער איבּערטון זיך, האָבּן זיי זיך געלאָזט אין וועג אריין, און ווי דער שטייגער איז, איז ער — ווי די לעגענדע האָט אים פאַררעכנט — געפאָרן מיט קפיצת הדרך און אָנגעקומען אין דער פרי קיין קאזעניץ. קומענדיק אַהין האָט ער געהייסן צו אים בּרענגען דעם איינבּינדער מיט זיין פרוי. און ווען זיי זיינען געקומען האָט זיך דער בּע"שט פאַר זיי אויפגעהויבּן און

זיך אָנגערופֿן: „איך בעט דיך זייער, דערציייל מיר וואָס מיט דיר איז פֿאָרגעקומען פֿרייטיק צו נאַכטס. נאָר זאָלסט פֿאַר מיר גאָר ניט באַהאַלטן". דער איינבינדער האָט מיט גרויס שרעק אָנגעהויבן דערציילן: „איך בין אַן אָרימער בעל מלאכה, אַן איינבינדער, און פֿון דער מלאכה זיך מפרנס געווען דאָס גאַנצע לעבן מיינס; איך בין קיינמאָל ניט אָנגעקומען צו דער מתנה פֿון אַ בשר ודם. מיין מנהג איז שטענדיק געווען פֿון דאָנערשטיק פֿאַרגרייטן אויף שבת, און פֿרייטיק פֿאַר נאַכט פֿלעג איך מיר גיין אין בית המדרש, פֿריער פֿאַר יעדן, אָפּזאָגן מיט כונה שיר השירים און נאָך עטלעכע קאַפּיטלעך תהלים. אַזוי האָב איך מיך אויפֿגעפֿירט, ביז איך בין אַלט געוואָרן און מער שוין קיין כח ניט געהאַט צו אַרבעטן, און ניט געהאַט ביי וואָס און מיט וואָס צו פֿאַרדינען. איך האָב אָבער בשום אופֿן ניט געוואָלט אָנקומען צו בעטן אַ נדבה ביי מענטשן, און האָב אָנגעהויבן צו פֿאַרקויפֿן אַלצדינג פֿון דער שטוב און מיין שבת איז שטענדיק געווען ווי אין מיינע יונגע יאָרן.

„די לעצטע וואָך אָבער, האָב איך שוין ניט געהאַט וואָס צו פֿאַרקויפֿן, און איך האָב ניט געהאַט קיין איינציקע מטבעה מיט וואָס צו קויפֿן אַ קאָרן - ברויטל אויף שבת. האָב איך באַשטימט צוזאַמען מיט מיין ווייב מיר זאָלן דעם שבת פֿאַסטן, אַפֿי ניט בעטן ביי יענעם. מיר האָבן זיך געגעבן אַ תקיעת כף אַז קיין בן אדם זאָל פֿון אונזער תענית ניט ווּיסן. און איך בין מיר אַוועקגעגאַנגען, ווי מיין שטייגער איז געווען, פֿאַרפֿרי אין בית המדרש. נאָכן דאַווענען האָב איך מיך געלאָזט גיין אַהיים. קומענדיק ניט ווייט פֿון דער שטוב, האָב איך באַמערקט, אַז ביי מיר אין שטוב ברענען שבת-ליכט. עס האָט מיר געגעבן אַ קלאַפּ אין האַרצן, און כ'האָב אַ טראַכט געטון: „ניט אומזיסט האָבן אונזערע חכמים געזאָגט: „נשים דעתן קלות", און קיין אונטערשיד ניט געמאַכט פֿון אַ פֿרוי ביז אַ פֿרוי. אָט האָט מיין פֿרום ווייב עובר געווען אויף איר תקיעת כף און געבעטן הילף ביי אַ בשר ודם". איך בין אַריינגעקומען אין שטוב און געזען פֿאַר מיר אַ געגרייטן טיש מיט חלה, מיט וויין. איך האָב איר גאָר ניט געזאָגט, כאָטש די טרערן האָבן מיך געשטיקט, איך האָב ניט געוואָלט מחלל שבת זיין, איך האָב מיר אָפּגעזאָגט שלום עליכם, געמאַכט קדוש, זיך געוואַשן, דאָס ווייב מיינס האָט דערלאַנגט גוטע פֿיש, נאָך דעם אַ יויך מיט לאָקשן מיט פֿלייש. איך האָב געגעסן און מיך האָט געוואָרגן...

מיין ווייב האָט עס באַמערקט, און זיך אָנגערופן: „מיין מאַן! דו קערסט אודאי טראַכטן אַז איך האָב עובר געווען אויפן תּקיעת כּף און געבעטן ביי פרעמדע אַ נדבה. זיי־זשע וויסן אַז דער רבונו של עולם האָט אונז מזמין געווען. דו געדענקסט אַז ביי מיר איז געווען פאַרפאַלן געוואָרן אַ בגד מיט זילבערנע קנעפּלעך שוין זייט פיל יאָרן. „אודאי געדענק איך, האָב איך געענטפערט". — אָט דעם בגד האָב איך היינט געפונען ווען איך האָב גענומען אויסקערן די שטוב לכבוד שבת. איך האָב די זילבער־נע קנעפּלעך אָפּגעריסן, זיי פאַרקויפט און פאַר דעם געלט געמאַכט שבת".

„ווען איך האָב פון איר דערהערט די ווערטער זיינען מיינע אויגן אָנגעפולט געוואָרן מיט פריידיקע טרערן און איך האָב פאַר גרויס שמחה זיך גענומען טאַנצן מיט מיין ווייב. געטאַנצט און זיך אָפּגערוט, און נאָך אַ מאָל געטאַנצט, אַזוי האָבן מיר דריי מאָל געטאַנצט".

ווען דער איינבינדער האָט זיין געשיכטע געענדיקט, האָט זיך דער בעש"ט אָנגערופן צו זיינע תּלמידים: „גלויבט מיר, אַז די גאַנצע פמליא של מעלה האָט מיטגעטאַנצט און זיך געפרייט מיט אים. און דעריבער האָב איך געלאַכט".

פון דער לעגענדע איז צו זען ווי ווייט ס'איז אָנגעגאַנגען די שמחה ביים חסיד'יזם, און וואָס פאַר אַ וויכטיק אָרט זי פאַרנעמט, ווען זי ווערט דורכגעפירט מיט אַ רוחניות'דיקע כּוונה.

און איצט וועלן מיר אַ טראַכט טאָן ווי אַזוי פאַרהאַלט זיך דער חסיד'יזם צו עצבות. איז דער חסיד'יזם אַן אַבסאָלוטער קעגנער צו עצבות, אַזוי ווי מיר זיינען געוואוינט צו גלויבן, אָדער נאָר צו די שלעכטע זייטן פון עצבות? דאָס אַלעם וועט אונז דערקלערט ווערן ווען מיר וועלן פריער פאַרשטיין דעם מהות פון עצבות, די פאַרשידענע טרויער - דערשיינונגען אין מענטשנס לעבן, אויף דעם אופן ווי דער חסידיזם האָט עס פאַרשטאַ־נען. דער עצבות ווי די שמחה איז אַ נאַטירלעכע דערשיינונג אין מענטשנס לעבן — סיי צום גוטן און סיי צום שלעכטן.

דער איינפלוס פון עצבות און זיין איינדרוק, דערקענען זיך אינם לעבן פונם כּלל, אַזוי ווי אינם לעבן פונם פּרט; און אַזוי ווי ס'איז פאַראַן צוויי פאַכן שמחה, אַ געטלעכע, פון דער נשמה אַרויסקוועלנדע, פון די ריינע געדאַנקען אַ דערשיינענדע, און אַ שמחה אַ וואַכנדיקע, אַ הומריות'דיקע, אַ קאָנסעקווענץ פונם טאָג און מאָמענט - געשעעניש. דאָס זעלבע גייט אָן

בײַ עצבֿות: אַן אינעווייניקסטע, אַ האַרציקע, אַ וועלט - שמערץ פֿילנדע; און אַן אויסערלעכע, אַן עצבֿות פֿון פֿיזישע, אייגענע אומאַנגענעמלעכקייטן. דער ערשטער פֿאַך עצבֿות ליגט אין דער נאַטור פֿונם אדם העליון מיט זיינע הויכע באַגריפֿן וועגן דער וועלט. דער וועלכער פֿאַרשטייט אַריינ־צודרינגען אין די געהיימנישן און צו דערקענען דעם מהות פֿון די זעלבע, וועלכע פֿאַראורזאַכן דעם עצבֿות. צו אַזאַ מדרגה — ווי געזאָגט — איז נים יעדער מענטש מסוגל, נאָר דער וואָס פֿאַרמאָגט אַ נשמה, וואָס איז פֿעאיק צו פֿאַרנעמען דעם בת קול פֿון דער וועלט-שכינה, וועלכע טרויערט אויף דער פֿאַרשוועכטער קדושה און לעבן פֿון דער וועלט. נאָר דער קאָן אין זיך איינזאַפּן דעם וועלט-שמערץ, דעם שמערץ פֿון דער וועלט-שכינה און באַקומען דורך דעם עצבֿות. דער צווייטער פֿאַך עצבֿות האָט נים קיין שום שייכות מיטן ערשטן. נישטאָ אין דעם דער מינדעסטער פֿונק פֿון קדושה, ער האָט נים די מינדעסטע פֿאַרהעלטעניש מיטן וועלט-שמערץ. אַן עצבֿות איבער געשעענישן וואָס רירן אָן נאָר אים. דעם איינציקן מענטשן, איינצלנע געשעענישן וואָס האָבן מיט דעם אינדיווידואום גע־טראָפֿן: פֿון אַזאַ עצבֿות וויל דאָס חסידיזם נים וויסן, אַזאַ עצבֿות איז אַ פֿאַרברעכן. דער מאָראַלישער שאָדן וואָס אַזאַ עצבֿות ברענגט, איז נים צו פֿאַרציכטן. מען מוז בלויז באַפֿרייען זיך פֿון אים אינגאַנצן. דער עצבֿות — זאָגט דער חסיד׳יזם — קען זיך אַמאָל פֿאַרקליידן אין אַ מאַנטל פֿון יראה, אָבער ס׳איז מער נים ווי נאָר אַ יצר הרע׳דיקע תחבולה. ער פֿאַר־שפּרייט נאָר מיט דעם עצבֿות אַ נעץ פֿאַר דעם חסיד שוטה, ער זאָל זיך פֿאַרפֿלאָנטערן אין נאַרישע חומרות׳דיקע שטריק, דורך וועלכע דאָס לעבן ווערט אים צו לאָסט גלויבנדיק אַז ער קאָן נים יוצא זיין קעגן קודשא בריך הוא, ער קען נים נזהר זיין אין אַלע פּרטים און דקדוקים פֿון די מצוות. קיין תענוג איז פֿאַר אים נימאָ. ער וויל אפֿילו זיך נים רעכענען מיט אַ תענוג של מצוה. און דער חסידיזם וואָרנט פֿון אַזאַ עצבֿות און לערנט צו פֿלייסן זיך צו שטעלן אויף דער מדרגה פֿונם אדם העליון, צו דערגרייכן די מדרגה אויף צו פֿאַרשטיין דעם אונטערשיד פֿון עצבֿות ביז עצבֿות, פֿון דעם וואָס קוואַלט אַרויס פֿון אַ ריינער, אומבאַפֿלעקטער ...ה, אַן עצבֿות, וואָס דער יצר טוב לערנט, ביז צו דעם וואָס קומט פֿון נים קיין ריינעם קוואַל, פֿון אַ קוואַל וועלכן דער יצר הרע האָט אים פֿאַר־אומרייניקט, און זוכה זיין זיך צו שטעלן אויף דער הויכער מדרגה קאָן

מען נאַר, ווען מען פאַרשטייט ווי אַזוי אָנצוגיין מיט דער שמחה, וועלכע ברענגט צו התרוממות הנפש צו קאָנען אונטערשיידן פון עצבות אַ שעדלעכע, ביז עצבות אַ ווירדיקע.

און נאָך מער, דער וואָס האָט דערגרייכט צו דער מדרגה פון אַן אמת'ער שמחה, אַ שמחה נצחית, איז אים שווער צו אונטערשיידן פון דער זעלבער שמחה ביז דעם אויסדערוויילטן עצבות. אין דער שמחה געפינט ער די קערנדלעך פון טרויער, אַ טרויער אויפן וועלט-שמערץ, און אין עצבות — די ישועה - שפּראָצונגען. „דער צער פונם חורבן בית המקדש — זאָגט ר' לוי יצחק בערדיטשעווער — וועט אין דער צוקונפט, ווען דער רבונו של עולם וועט אים מיט זיין גרויסן חסד ווידער אויפבויען, אַנטפּלעקט ווערן אַז דער צער און דער חורבן זיינען ביידע געווען אַ חסד. די מאָראַלישע וועלט - אָנשויאונג, אַנטפּלעקט אויך אין שמערצן די געטלעכע שכינה, און די צער'דיקע ניצוצין, ווערן פאַרוואַנדלט אין שמחה'דיקע... „גלויב מיר — האָט דער לובלינער חוזה געזאָגט צו זיינעם אַ תלמיד, וועלכער האָט אים אויסגערעדט פאַר וואָס ער איז שטענדיק פריילעך און דערמיט עובר אויף אַ דין אין שולחן ערוך, אַז יעדער מענטש מוז זיין אין צער אויפן חורבן בית המקדש — דאַרפסט וויסן, אַז מיר זאָגן תקון חצות מיט דעם גרעסטן געוויין און קלאָג, און דאָך איז עס מתוך שמחה...״

דער צער און די שמחה, זיינען נאָך דער טעאָריע פון חסיד'יזם, צוזאַמען געפלאָכטן איינער מיטן צווייטן, די פאַרהעלטעניש פון די ביידע איז ווי די פאַרהעלטעניש צווישן ליכט און שאָטן. דער שאָטן ווערט באַאיינפלוסט פונם ליכט, און דער צער ווערט באַאיינפלוסט פון דער שמחה. דער צער פאַרגרעסערט דאָס חשיבות פון דער שמחה. די אמת'ע צדיקים — זאָגט דער חסידיזם — וויסן און פאַרשטייען צו פאַרייניקן די ביידע רשויות, דעם עצבות מיט דער שמחה, און פאַר אַן איינפאַך אויג פון אַן איינפאַכן מענטשן, איז שווער צו דערקענען אין וועלכן רשות דער צדיק געפינט זיך. אַ צער — זאָגט ווייטער דער חוזה — וועלכער קומט אויף דעם עבר'דיקן אידישן חורבן, און איז אינגאַנצן איינגעזאַפּט מיט האָפנונג אויפן עתיד'יקן אידישן בנין, קאָן ניט אָנגערופן ווערן צער אין פשוט'ן זין פונם וואָרט. „וויים — זאָגט ר' נחמן בראַסלאַווער, — אַז עצבות אין העברען זין פון וואָרט מיינט אַ צעבראָכן האַרץ. דער געוויינלעכער

עצבות איז אין דער בחינה פון כעס און רוגזה, און אן עצבות אינם זיין פון א לב נשבר, איז אין דער בחינה פון א קינד וועלכעס וויינט און באַקלאָגט זיך פאַרן פאָטער פאַר וואָס ער האָט זיך דערווייטערט פון אים".

איך וועל מיך לענגער אָפּשטעלן צו כאַראַקטעריזירן דעם דרך אין שמחה און עצבות פון מערערע הסיד'ישע רבי'ס, נאָך די הסיד'ישע לעגענדעס.

די צוויי ברידער ר' אלימלך פון ליזענסק, און ר' זוסי פון האנאפאל, האָבן אויף זיך גענומען צו פאַרייניקן די שמחה מיטן עצבות דורך אָפּריכטן גלות. ביידע צוזאַמען, כדי צו ווייזן אַ וועג פאַר בעלי תשובה. און אָט וואָס די חסיד'ישע לעגענדע דערציילט: אַ גאַנצן טאָג, אַזוי לאַנג די זון האָט געשיינט, האָבן זיי געוואַנדערט אין פעלדער און וועלדער, דאָרט עוסק געווען אין סתרי תורה, און מיחד געווען יחודים. און מיטן זונאונטערגאַנג זיך אַוועקגעלאָזט צו אַ ישוב. ר' אלימלך איז אַריינגעגאַנגען אין איין בית המדרש, און ר' זוסי אין אַ צווייטן. ר' זוסי איז שטענדיק געשטאַנען אונטערן אויוון און געדאַווענט מנהה. קומענדיק צו תחנון האָט ער זיך אָנגעהויבן צו קלאַפּן אין האַרצן, און מיט טרערן וועלכע האָבן זיך געגאָסן ווי אַ קוואַל פון זיינע אויגן, אָנגעפאַנגען זיין „על חטא". אַלע חטאים צוגערעכנט אויף זיין השבון... „על חטא שחטא זוסי בהונאה ותרמית", „על חטא שחטא זוסי בלשון הרע" א. א. וו. זיין געוויין און זיינע טרערן האָבן געשאַפן הרהורי תשובה אין די הערצער פון די מתפללים, און דער וועלכער איז נכשל געוואָרן אין אַ חטא וואָס ר' זוסי האָט גענומען אויף זיך, האָט גלייך תשובה געטון. באַלד נאָך מעריב איז ער פאַרשוואונדן געוואָרן פון בית המדרש, זיך צונויף געקומען מיטן ברודער און ווייטער געוואַנדערט.

געפונענדיק זיך ביים מעזריטשער מגיד, האָט זיך ר' זוסין פאַרוואָלט צו פאַרבלייבן דאָרט דריי חדשים. דער מגיד האָט עס אָבער נית דערלויבט.

— איך פאָלג אייך, הייליקער רבי; איך וואָלט אָבער געוואָלט איר זאָלט מיך לערנען דעם דרך פון שמחה און עצבות, און מיט זיי דינען גאָט.

— גוט, איך וועל דיר דעם דרך ווייזן, — האָט דער מגיד אים געענטפערט. — דריי זאַכן זאָלסטו זיך אָפּלערנען פון אַ קינד: 1) די שמחה דיינע זאָל זיין ווי די פון אַ קינד; 2) זאָלסט נית זיצן בטל אפילו איין

רגע, דאָס זעלבע ווי אַ קינד וועלכעס איז באַשעפטיקט אַ גאַנצן טאָג; 3) זאָלסט ביים רבש"ע בעטן וואָס דו האָסט צו בעטן מיט דעם זעלבן עצבות פון אַ קינד וועלכעס דריקט אויס אין טרערן זיין בקשה פאַרן פאָטער...

זיבן זאַכן זאָלסטו זיך אָפּלערנען פון אַ גנב:...

1) אַ גנב וועט זיין אַרבעט קיינמאָל ניט טון ווען אַ מענטשנס אויג זעט אים, דאָס זעלבע זאָלסטו אויך טון.

2) א גנב, אויב ס'גליקט אים ניט דאָס ערשטע מאָל, פּרואווט ער זיין מזל צום צווייטן מאָל. אויך דו זאָלסט ניט פאַרצווייפלט ווערן. ווען עס גייט דיר ניט אין דיין בקשה פאַרן רבונו של עולם צום ערשטן מאָל, פּרואוו אַ צווייטעס מאָל.

3) אַ גנב, ווען עס ווערט ליכטיק, פאַרקויפט ער זיין גנבה פאַר אַ וועלכער ס'איז פּרייז, מען זאָל ניט דערקענען די גנבה. אויך דו, זוסי, דאַרפסט זען מען זאָל ניט דערקענען דאָס וואָס דו האָסט זיך דערוואָרבן.

4) אַ גנב שטעלט זיך ניט צופרידן מיט איינמאָל גנב'ענען, ער זוכט כסדר נייע גנבות. אויך דו, זוסי, זאָלסט זיך ניט צופרידן שטעלן מיט איין מאָל פון דיינע אָפּגעטוענע מעשים, זאָלסט כסדר זוכן נייע מעשים צו טון...

5) אַ גנב איז ניט מודה אויף זיין גנבה; ווען אפילו מען שלאָגט אים נעמט ער צו מיט שמחה די קלעפּ, וויסנדיק, אַז דורך זיי וועט די גנבה ניט אַנטדעקט ווערן; אויך דו, זוסי, דאַרפסט האָבן די זעלבע שמחה ווען דו ווערסט פון וועמען ס'איז געפּייניקט, וויסנדיק אַז דיינע מעשים וועלן ניט אַנטפּלעקט ווערן.

6) אַ גנב גיט קיין מאָל ניט אויס זיין חבר; אויך דו, זוסי, זאָלסט ניט אויפדעקן די מעשים פון דיין גלייכן...

7) א גנב איז זיך מוסר נפש אויף דער מינדעסטער גנבה ווען אויך ס'איז אַ ספק ביי אים צי ער וועט זי קענען דורכפירן. אויך דו, זוסי, דאַרפסט זיך מוסר נפש זיין אויף אַ מצוה קלה, כבחמורה, ווען אפילו ביסט אין ספק אויב דו וועסט זי קענען דורכפירן. און דער עיקר איז זיך אָפּלערנען פון די ביידע ווי אַזוי דורכצופירן אין לעבן די שמחה און די עצבות.

וועגן דער שמחה פון ר' משה ליב סאַסעווער, דערציילט די חסיד'ישע לעגענדע:

איינמאָל האָט ער באַגעגנט אַ שלעכטן מלאך פאַר וועלכן ער האָט זיך תּחילת דערשראָקן, גלייך אָבער האָט ער זיך דערמאָנט אינם דרך פון שמחה און אויסגעשריגן: „זע! איך האָב אַ פּיאַטאַק, (אַ מטבע) און מאָרגן וועל איך מיט אים מחיה זיין אן אָרימאַן, און דאָס ביסטו ניט אימשטאַנד צו טון". און דער שלעכטער מלאך איז גלייך פאַרשוואונדן.

די שמחה פון ר' לוי יצחק בערדיטשעווער איז געווען א מלאה וקדושה'דיקע, מיט ליבע צו יעדן אידן, אפילו אויף דעם שלעכטן אידן מלמד זכות געווען. דאָס עצבות וועלכעס ער האָט געפילט ארויסזועענדיק די שלעכטע מעשים, איז באַלד פאַרוואַנדלט געוואָרן אין א שמחה דורכן זכות וואָס ער פלעגט געפינען אויף יעדע שלעכטע מעשה. זיין מלמד זכות זיין איז גענוג באַקאַנט. איך וועל נאָר ברענגען איין פאַל אַלס מוסטער.

דערוויסנדיק זיך אז די אידן וואָס זיינען געקומען אויפן יאריד אין בערדיטשעוו זיינען זייער טרוד, און דאַוועגען ניט קיין מנחה ומעריב צוליב מידקייט און ווערן גלייך, תּחלת נאכט, אנטשלאָפן נעבן זייערע וואָגנס סחורה, איז ער אין איין פאַרנאַכט געקומען צו לויפן אהיים און א זאָג געטאָן צו זיין רביצן: „חוליה קרוין! נעם אויף גיך קאָך אָפּ פיש און פלייש וואָס מער! איך דאַרף עס האָבן מיטן טאָג גלייך". ווען די זון איז נאָר אויפגעגאַנגען האָט ער באַפוילן זיין משמש זעליק ער זאָל מיטנעמען דאָס פלייש מיט די פיש, און אויך אַ גרויסע פלאַש בראַנפן, און מיטגיין מיט אים אויפן יאריד. אין דער צייט ווען אַלע סוחרים, סיי די קריסטלעכע סיי די אידישע זיינען נאָך געשלאָפן. ר' לוי יצחק מיטן משמש זיינען אריין צווישן די וואָגנס פון די אידישע סוחרים, צוגעקומען צו איינעם און אים אָנגעהויבן וועקן: „שטיי אויף, סיערדצע קרוין, אָט האָב איך דיר געבראַכט אַ גוט ביסל בראַנפן, גוטע פיש און פעטע פלייש, דו וועסט זיך גאָר מחיה זיין". דער איד האָט זיך אויפגעכאַפּט, אויסגעריבן די אויגן, און אַ זאָג געטאָן: „ס'איז דאָך שוין גרויסער טאָג, איך האָב זיך קיין נעגל-וואַסער אפילו ניט אָפּגעגאָסן, ניט געדאַוונט, און פלוצים גאָר טרונקען און עסן? גייט אייך געזונטערהייט!" און אַזאַ ענטפער האָט ער באַקומען פון יעדן סוחר צו וועלכן ער איז צוגעגאַנגען. נאָכדעם איז ער צוגעגאַנגען צו די קריסטלעכע סוחרים און זיך געווענדעט צו איינעם: „שטיי אויף, גאָלובטשיק! אָט האָב איך דיר געבראַכט בראַנפן, פיש און

פלייש!״ אויסגעריבן האָט זיך דער קריסט די אויגן, און מיט ביידע הענט צוגענומען דעם בראנפן, פיש און פלייש. אַ היבשן זופּ געטון צום ערשטן, נאָכדעם זיך גענומען צו דער אכילה. אַזוי איז עס צוגעגאַנגען מיט די איבעריקע. אַ שמחה האָט אָנגעפילט ר׳ לוי יצחק׳ס האַרץ: „נו, רבונו של עולם! זע דעם אונטערשיד פון דיינעם אַ אידן ביז דיינעם א גוי... קענסטו ברוגז זיין אויף א אידן ווען ער האָט אַ מאָל פאַרפעלט א מנחה אָדער אַ מערב?...״

דעם מעזעריטשער מגיד׳ס תלמידים, ווען זיי פלעגן קומען מקבל פנים זיין זייער רבין, פלעגן זיי זיך פריער טובל זיין. ר׳ אהרן קאַרלינער פלעגט אָבער טון פאַרקערט, און ווען דער מגיד האָט אים איין מאָל אַ זאָג געטאָן: „אהרנ׳צי ליטוואַק, פאַרוואָס ביסטו מקדים דעם קבלת שלום פאַר דער מקוה?״ — „כדי — האָט אים ר׳ אהרן גלייך געענטפערט — איך זאָל קומען פאַר אייך מיט דער גאַנצער זוהמה אין וועלכער עס ליגט עצבות, איר זאָלט זי באַטראַכטן... און נאָך דער טבילה וועט שוין מיין שמחה זיין א שמחה שלמה...״

ווען דעם בעש״ט אַליין דערציילט די חסידישע לעגענדע אַז ביי זיין התבודדות וואָס ער פלעגט האָבן פון מוצאי שבת ביז ערב שבת, פלעגט ער זיך יעדעס מאָל אין זיין אַרויסלאָזן זיך אין וועג מיטנעמען צען חלות, און צוריקקערנדיק זיך, זיי אַלע מיטברענגען ניט גערירט. און ווען זיין שוואָגער האָט אים איין מאָל אַ פרעג געטאָן: „ממה נפשך, האָסטו בדעה צו פאַסטן משבת לשבת, דאַרפסטו דאָך קיין חלות ניט מיט־נעמען; ווילסטו ניט פאַסטן, פאַר וואָס־זשע ביסטו ניט טועם פון זיי?״ און דער בעש״ט האָט אים געענטפערט: ווען איך גיי אַרויס און גיב אַ קוק אויף די חלות, נעמט מיך אַרום אַן עצבות פון א שברון לב, טאָמער וועל איך האָבן אַ פשוטע הנאה פונם עסן. אָבער פאַרשטעלנדיק זיך דעם בורא יתברך, ווערט מיין האַרץ אָנגעפילט מיט אַזאַ שמחה, אַז איך פאַרגעס פשוט אין עסן. און דאָס איז דאָך די מדרגה פון דוד המלך, וועל־כער זאָגט אין תהלים: „כי שכחתי מאכול לחמי...״

ר׳ רפאל בערשאַדער פלעגט זאָגן: „ווי דאַנקבאַר דאַרף איך זיין דעם רבונו של עולם, וואָס ער האָט זיך געהייסן דינען מיט שמחה. וואָס וואָלט איך געטון ווען די תורה הייסט אים דינען מיט גאוה, ווען איך פיל מיך אַן עפר ואפר...״

דער סאַדוגערער פלעגט זאָגן: „די אייגענע שמחה וואָס מיר האָבן פונם אייזנבאַן, פונם טעלעגראַף און פונם טעלעפאָן, דאַרפן מיר אויך באַנוצן צו עבודת הבורא און פון זיי אויך זיך לערנען. דער אייזנבאַן לערנט אונז ניט צו פאַרשפעטיקן אפילו אויף איין מינוט, ווייל מיט איין מאָמענט פאַרשפעטיקונג פאַרלירן מיר די נויטיקסטע רייזע... דער טעלעגראַף לערנט אונז ניט אַרויסצולאָזן קיין איין וואָרט קיין איבעריקס, ווייל יעדעס וואָרט גייט אריין אין חשבון פאַר וועלכן מע דאַרף צאָלן. דער טעלעפאָן לערנט אונז צו פאַרשטיין אַז וואָס מע רעדט דאָ, הערט זיך דאָרט...”

קיין אפטא איז געקומען אַ ליטוואַק, אַ למדן, זיך איבערצייגן אין דעם גרויסן, גייסטיקן כח וואָס די חסידים האָבן אים צוגעשריבן. קומענדיק אין בית המדרש וואו דער אַפּטאַ'ר האָט געדאַוונט, האָט זיך דער ליטוואַק אַנידערגעזעצט לערנען, און דער אַפּטאַ'ר איז אַרומגעגאַנגען איבערן בית המדרש מיטן ליולקע ציבוק און כסדר געגרויכערט. דער ליטוואַק האָט זיך אַנגעלערנט מיט ש"ס און פוסקים, און זיך געשטעלט דאַווענען. אָפּגעדאַוונט, און דער אַפּטאַ'ר רויכערט אַלץ. פלוצים איז דער אַפּטאַ'ר צוגעגאַנגען צום ליטוואַק און אַ זאָג געטאָן: „ליטוואַק, דו האָסט שוין אַ פולן בויך מיט תורה און תפלה, און איך האַלט ערשט ביי מודה אני, און מיין שמחה וועט ערשט זיין אַ פולקאָמע ווען איך וועל האַלטן ביי לפניך. אָבער ביז איך וועל צוקומען צו פאַרשטיין דעם לפניך דאַרף ביי מיר פיל צייט פאַרנעמען, ביז איך וועל דאָס עצבות צוברעכנגען צו דער מדרגה פון שמחה...”

איך האָב דאָ כאַראַקטעריזירט לעגענדאַרישערווייזע דעם דרך פון עצבות און שמחה ווי עס האָבן דאָס פאַרשטאַנען די גרעסטע פון די צדיקים. איך האָב דורכגעלאָזט פיל אַנדערע גרויסע צדיקים און דערמאָן ניט זייער דרך אין עצבות און שמחה, צוליב מאַנגל אין פלאַץ. אָבער פון די פון מיר געבראַכטע איז זיך לייכט צו שאַפן אַ באַגריף וועגן דעם ווי אַזוי יעדער איינער האָט פאַרשטאַנען דעם דרך פון עצבות און שמחה און זיך מיט זיי באַנוצט צו עבודת הבורא, און בכלל באַקומען אַ באַגריף פון דעם דרך וועלכן דער שאַפער פון חסידיזם האָט אָנגעוויזן און די ליניעס וועלכע יעדער צדיק באַזונדער האָט פאַר זיך אָנגעצייכנט כדי אויף די

זעלבע צו גיין. דאָך האָבן זיך אַלע ליניעס צו ענדע צוזאַמען געטראָפן ביי איין הויפט-פונקט וואָס רופט זיך „נקודה עליונה של שמחה...״

ה. תקע״א — 1811 — דער טויט פון ר׳ נחמן בראָסלאָווער.

מיט דעם דאָזיקן חסידישן רבין וויל איך מאַכן אַן אויסנאַם און באַשרייבן זיין לעבן, זיין דרך אין חסידות דורך וועלכן ער האָט אויף זיך אַרויפגעצויגן דעם האַס פון אַלע אַנדערע חסידים בכלל, און פונם שפּאָלער זיידן בפרט. ער איז פאַרפאָלגט געוואָרן ביים לעבן צוזאַמען מיט זיינע חסידים, און ער ווערט באַליידיקט אויך נאָך זיין טויט. ס׳זיינען געווען צייטן ווען זיין קבר איז באַוואָרפן געוואָרן מיט שטיינער. און די שויבן פון די בראַסלאַווער חסידישע קלויזן פלעגן פון צייט צו צייט אויסגעשלאָגן ווערן.

דער היסטאָריקער וועלכער וועט באַשרייבן די מחלוקות׳ן וואָס האָבן אויסגעבראָכן צווישן אונזערע גדולי הדור און האָבן זיך נאָכדעם אָפּגערופן אויף דעם יהדות, און געשאַפן טרויעריקע קאָנסעקווענצן, וועט אין אַכט נעמען די דריי גרעסטע מחלוקות׳ן. די מאָטיוון פון די דאָזיקע קריגערייען זיינען געווען כמעט איינע און די זעלבע, גלויבנדיק אַז די נייע אָנגענומענע שטה פונם קעגנער, וועט אונטערגראָבן דעם יסוד פון יהדות.

מיר וועלן דאָ אויסרעכענען די קריגערייען:

ר׳ ישראל יעקב עמדין מיטן גאון ר׳ יהונתן אייבשיץ; די מחלוקות פונם ווילנער גאון מיטן רב ר׳ שניאור זלמן פון לאדי; און די מחלוקות פונם שפּאָלער זיידן, ר׳ אריה ליב, מיט ר׳ נחמן בראָסלאַווער.

„אינם פערציקסטן יאָר פונם פאָריקן יאָרהונדערט, אין יאָר תק״ם, אין איינע פון די שטאַרק קאַלטע ווינטער - נעכט, ווען אַלע טייכן זיינען פאַרפרוירן, איז אין דער שטאָט מעזשבוש אַרויסגעגאַנגען אַ מאָגער, אויסגעצערט נייַן יעריק אינגעלע צוזאַמען מיט זיינע חברים אינגלעך צו גליטשן זיך אויפן אייז. די קינדער, ווי געוויינלעך, האָבן געשפּרונגען, געטאַנצט, און באַוויזן פאַרשידענע קונצן אויפן אייז; פּלוצים האָט זיך דאָס נייַן יאָריקע קינד אָפּגעטיילט פון זיינע חברים און זיך אַנידער געזעצט אַ טרויעריק - פאַרטראַכטער ביים ברעג פונם פאַרפרוירענעם טייך.

און ווען די קינדער האָבן אים אַ פרעג געטון וואָס מיט אים איז געשען, האָט ער זיי תחלת ניט געענטפערט. און ערשט ווען זיי האָבן די פראַגע נאָך אַ מאָל איבערגעחזר'ט, האָט ער זיך ווי פון אַ טיפן שלאָף אויפגע־כאַפּט, אָנגעקוקט זיי מיט פאַרחלום'טע אויגן, און אַ זאָג געטון: „גאָר ניט, גאָר ניט". דאָס קינד איז ניט קיין אנדערס געווען ווי דער קינפטי־קער רבי ר' נחמן בראַסלאַווער, דער וועלכער האָט אַריינגעדרונגען — ווי ער אַליין דרוקט זיך אויס — אין דעם טיפן סוד פון דער קבלה און חסידות, אויסרייניקן אים און רעפאָרמירן די ביידע, אויף אַזאַ אופן אַז דער בנין זאָל באַפעסטיקט ווערן און ניט מורא האָבן אַז די שטאַרקסטע מתנגד'ישע שטורעמס זאָלן עם אומוואַרפן.

„דער בעש"ט און זיינע נאָכפאָלגער — דריקט זיך אויס ר' נחמן בראַס־לאַווער — האָבן מתקן געווען אויף דער וועלט דאָס וואָס זיי זיינען גע־ווען ביכולת מתקן צו זיין; ווען זיי זיינען נפטר געוואָרן, איז אַלץ אָפּגע־האַקט געוואָרן. זייער באַלייכטונג אין תלמוד איז ניט געווען קיין דויער־האַפטע, און דעריבער דאַרף מען זיך זאָרגן צו איבערבויען אויף אַזאַ אַרט אַז דער בנין זאָל האָבן אַ קיום אויף דור דורות. (ח. מהר"ן סימן כ"ח). און פאַר די תקונים איז ער צוזאַמען מיט זיינע אָנהענגער פאַר־פאָלגט געוואָרן אויף אַ גרויזאַמען אופן. די פראַזע וואָס דער שפּאָלער זיידע האָט פונם מויל אַרויסגעלאָזט: „ווער עס פאַרפאָלגט די בראַסלאַ־ווער חסידים בין איך אים מבטיח צו האָבן דעם בעסטן אָרט אין גן עדן", איז געננוג געווען אויפצובלאָזן דאָס שנאה'דיקע פייער קעגן זיי. זיי זיינען אויף אַזאַ גרויזאַמען אופן געררודפט געוואָרן, אַז זיי — די רודפים — האָבן געפּסלט די ספרי תורות וואָס אַ בראַסלאַווער סופר האָט געשריבן, געאסר'ט די שחיטה פון אַ בראַסלאַווער שוחט. זיי האָבן אָפּגעגט זייערע ווייבער, ווען זיי האָבן באַמערקט אַז זיי זיינען געוואָרן דעם בראַסלאַ־ווערס אָנהענגערינס. און מערערע מאָל זיינען זיי איבערגעפאַלן די בראַס־לאַווער חסידים און זיי מערדערלעך געשלאָגן. און מערקווירדיק, ר' נחמן בראַסלאַווער איז זיי דאַנקבאַר געווען פאַר דער פאַרפאָלגונג, אויסדריי־קנדיק זיך (אין זיינע שיחות סימן י"ט): „איך בין צופרידן פון די רדיפות ווייסנדיק אַז געשאַפענע עקסטרעמען ברענגען אַ פאַרשטאַרקונג און ניט צעשטערונג. אויך אין דער נאַטור זיינען דאַ עקסטרעמע כחות. איך וואָלט אפשר עגמת נפש געהאַט — זאָגט ער ווייטער — ווען מיינע

מתנגדים זאָלן זיין רשעים. זיינען זיי אָבער די גרעסטע צדיקים און פרומע אידן, און דערמיט ווייס איך, אַז דו, גאָט, פאַרלאַנגסט מיך" („בזאת ידעתי כי חפצת בי, כי לא יריע אויבי עלי"). אויף אַ צווייט אָרט אין זיינע חידושים (חידושים סימן מ"ו) דריקט ער זיך אויס: „מיר דאַרפן דאַנקבאַר זיין די רמאים. דורכן מחלוקת וואָס זיי קריגן אויף אונז, קומען מיר צו גרויסע זאַכן". און די דאָזיקע ווערטער זיינען שוין פונקט דער היפוך פון די פריערדיקע. ווי עס שיינט, האָט ער זיין פאַרטרויאונג צו זיי — אַ דאַנק די כסדר'דיקע רדיפות — פאַרביטן אויף גרינגשעצונג און מערערע מאָל אויך אויף שניידנדיקע סאַטירישע אויסדרוקן. אין איין אָרט פון זיינע שיחות זאָגט ער: „מוטב שיפול עצמו לתוך גוב אריות ואל ימסר בידי שונאיו, אבל מה עושין כשהשונא בעצמו הוא אריה"... „ס'איז בעסער זיך אריינוואַרפן אין אַ לייבן-גרוב, איידער צו אַריינפאַלן אין די הענט פון די שונאים. וואָס טוט מען אָבער ווען דער שונא אַליין איז אַ לייב?". דאָס האָט ער אָנגעדייטעט אויפן שפּאָלער זיידן וואָס האָט זיך גערופן אריה ליב.

ר' נחמן בראַסלאַווער איז געבוירן געוואָרן אין יאָר תקל"א, ביי זיין פאָטער הר' שמריה, דעם בעש"ט'ס און ר' נחמן האָראַדינקערס אן איי-ניקל, אין דער שטאָט מעזשעבוזש. יענע עפּאָכע איז געווען די גליקלעכ-סטע פאַר די פוילישע אידן. די פויערן (פּאַנשטשעניקעס) האָבן רייך געמאַכט די פוילישע גוט - באַזיצער און די זעלבע — ווי דער שטייגער זייערער איז צו יענער צייט געווען — פלעגן לעבן אַ משוגענעם טאָג, ווי מען זאָגט, הולטייעווען, און ניט אין זינען האָבן צו פירן גע-שעפטן, און זיי איבערגעגעבן אין די הענט פון די אידן, וועלכע האָבן מיט זייער טאַלאַנט צו מסחר, געמאַכט גוטע געשעפטן. זייער מאַטעריעלישער שטאַנד איז געווען אַ פאַרזאָרגטער, און זיי האָבן ניט געדאגה'ט פאַר פרנסה, און געהאַט צייט אָפּצוגעבן זיך מיט רוחניות. די דייטשע השכלה האָט זיך נאָך ניט איינגעוואָרצלט אין פוילן, די רעליגיע איז נאָך געווען אין פולן גאַנג, און דער בעש"ט'יזם האָט זיך געפילט אין גאַנץ פוילן. זיין מאָטאָ איז געווען: „ליב האָבן גאָט, פאַרייניקן זיך מיט אים, דינען אים בשמחה, און לעבן אָדער אייגזאַם, אָדער, נאָר מיט איי-גענע אידען - ברידער". ר' נחמן האָט אין זיך דעם בעש"ט'יזם אַריינ-געזאַפּט און האָט אים אויסגעטייטשט אויף זיין אופן: זיין פריילעך, און

דאָך קיין הנאה ניט האָבן פון דער וועלט; און אַזוי דערציילט ער אויף זיך, אַז אַלט זייענדיק זעקס יאָר, האָט ער זיין תאוה געבראָכן... ניט עסן, נאָר שלונגען... (שיחת הר"ן). ווען ער האָט חתונה געהאַט איז ער אַלט געווען פערצן יאָר און זיך שוין באַרימט, אַז ער האָט צו דעם נאַטיר־לעכן געברויך קיין תאוה ניט... און קען שוין זאָגן: גירא בעיני דשטנא (חימ"הרן); ווער ס'איז באַקאַנט אין דער אַנאַטאָמיע — זאָגט ער — דאַרף פאַר אים די סעקסועלע באַדערפעניש נמאס זיין... (דאָרט ט"ז).
ר' נחמן בראַסלאַווער איז אָבער אויך געווען אַ גרויסער למדן אין כמעט גאַנץ תורה שבעל פה. געווען אויך דער גרעסטער בקי ניט נאָר אין זוהר און קבלה, נאָר אויך אין פאַרשידענע חקירה ־ ספרים און זייי טיכטיק פאַרשטאַנען. און ווען מען האָט זיין תלמיד ר' נתן אויפמערקזאַם געמאַכט אויף דעם וואָס דער רבי לערנט חקירה, דאָרט וואו ער אַליין האָט פאַר־באָטן אַנדערע צו לערנען, האָט ער געענטפערט דעם באַקאַנטן תירוץ: „דער רבי מעג... ביי אים איז עס על פי סוד..."

ווי באַוואוסט האָט ר' נחמן בראַסלאַווער פיל געשריבן, און אַלעס פון אים געשריבענע איז נאָר מיט רמזים און סודות — מעשיות אָן אַ שיעור מיט בני מלכים און בת מלכה'ס. און מערקווירדיק, אַז דער וואָס האָט מיט אַזוי פיל רמזים געשריבן האָט זיך אויסגעדריקט אַז די קבלה, פון אַנדערע געשריבן, איז א סודות'דיקע און אַ רמזימדיקע...

ווי געזאָגט, האָט ר' נחמן בראַסלאַווער טראָץ דעם וואָס ער אַליין האָט געלערנט חקירה ספרים, זיי פאַרבאָטן אַנדערע צו לערנען. „ווער עס וויל אויף זיך רחמנות האָבן — שרייבט ער — זאָל זיך דערווייטערן פון די ספרי חקירה". ער פאַרבאָט צו לערנען דעם „מורה נבוכים" פונם רמב"ם, דערקלערנדיק אַז ער פאַרקרומט דעם אמת'ן פשט פון דער תורה. ער וויל אויך ניט ליידן צו לערנען די ספרים „עקדה", „שער היחוד", „מלות הגיון", „אבן עזרה" און רלב"ג...

איינער פון די עקרים פון חסידות איז ביי אים די ודוי. יעדער חסיד דאַרף זיך מתודה זיין פאַרן צדיק. עס ווערט דערציילט, אַז איינמאָל איז פאַר אים געקומען א יונגערמאַן, אַ תלמיד חכם, און געבעטן ער זאָל אים אַריינרעכענען צווישן זיינע חסידים. האָט אים ר' נחמן געענטפערט: „אונזערע טויערן זיינען אָפן פאַר יעדן איינעם וואָס וויל אין זיי אַריין גיין. נאָר מיט איין תנאי: פריער זיך מתודה זיין אויף אַלעס וואָס ער

האָט אין זיין לעבן געטון״. און דער יונגערמאַן האָט אים געזאָגט: „איצט פאַרשטיי איך שוין פאַר וואָס איר ווילט מע זאָל זיך פאַר אייך מתודה זיין; איר ווילט דעם חסיד, דורך דער ודוי זיינער, צובונדן צו אייך אויף תמיד, מורא האָבנדיק איר זאָלט ניט אויפדעקן זיין ודוי״.

און ס׳איז ניט צו פאַרשטיין פאַר וואָס דער בראַסלאַווער האָט אָנגענומען די מעטאָדע וואָס די קריסטלעכע גייסטלעכע האָבן אָנגענומען... וועגן דעם פיזישן וועזן דריקט ער זיך אויס: „די אמת׳ע באַדייטונג פונם פסוק: „ומבשרך אל תתעלם״ איז די: אַז דער מענטש האָט ניט דאָס רעכט צו פאַרנאַכלעסיקן דעם גוף, ער דאַרף אים צוטיילן פון דעם רוחניות וואָס די נשמה איז משיג...״ אויף אַ צווייט אָרט דריקט ער זיך אויס: „קומט, באַטראַכט דאָס גרויסקייט פונם בורא: ווי אַ „מועט״ איז מחזיק דעם „מרובה״, אַ קליינער מח, אַ קליין האַרץ און עס האַלט אויף אין זיך אַזעלכע גרויסע געדאַנקען, און דאָס איז אַלץ ווייל דאָרט געפינט זיך דאָס געטלעכקייט...״

און ס׳איז ניט צו פאַרשטיין ווי ר׳ נחמן איז געווען אַ נאה דורש, און ניט קיין נאה מקיים, ניט נאָר וועגן דעם לימוד פון חקירה, נאָר אויך בנוגע דאָקטוירים און רפואות. אין זיינע „שיחות״ (סי״ג) שרייבט ער: „מע טאָר זיך ניט היילן ביי דאָקטוירים, ווייל זיי זיינען מקרב די מיתה...״ און ווען ער אַליין איז קראַנק געוואָרן, האָט ער זיך באַנוצט מיט דאָקטוירים, לויט זיינע תלמידים שרייבן אים צו.

די שטה פון זיין חסידות בדרך כלל איז באַשטאַנען פון די פונקטן: דערווייטערן זיך פון השכלה און חקירה; אמונת צדיקים; פאָרן צו זיי; מתודה זיין זיך פאַר זיי; זיך מזרז זיין אין פונות; און דערלויטערן זיך פון עצבות. און ס׳איז ניט צו פאַרשטיין פאַר וואָס די שטה האָט אַרויסגערופן די קעגנערשאַפט קעגן אים. מעגלעך אַז צוליב דעם גרויסן לויבגעזאַנג וועלכן ער האָט אויף זיך אַליין אַרויסגעזונגען.

איך וועל ברענגען די שבחים, וועלכע ער האָט אויף זיך אַליין געזאָגט, ווי זיי זיינען באַשריבן אין „חידושי מהרן״:

1) מיך דאַרף די גאַנצע וועלט, אפילו די צדיקים וואָס גלויבן אַז זיי קענען אַליין תפלה טון, וועל איך זיי איבערווייזן אַז זיי ווייסן גאָר ניט וואָס תפלה הייסט (חדושי מהרן סי״ט).

2) ווען די וועלט זאָל ווייסן ווי אַזוי איך גיי, וואָלט זי יעדן טריט

מיינעם געקושט, מיט יעדן טריט מיינעם בין איך מכריע די וועלט לכף זכות.

3) אויף מיין ספר וואָס איז פאַרברענט געוואָרן, וועט משיח שרייבן אַ פירוש...

קיינער איז אים ניט געווען אימשטאַנד צו פאַרשטיין (דאָרט סימן ואו).

4) ווען ר׳ ליב פון דובראָוונע איז ביי אים געווען, האָט ער אים געזאָגט: „גיט אַפּ אַ גרוס מיין טאָכטער אין קרעמענטשוג, און זאָגט איר, אַז זי האָט אַ פאָטער, וועלכער איז אַ חידוש אין גאַר דער וועלט. און ווען איך וואָלט זיך אין גאַנצן אַנטדעקט, וואָלט די גאַנצע וועלט צו מיר געלאָפן״... (דאָרט חב״י).

5) די וועלט דאַרף בעטן גאָט פאַר מיין געזונט, ווייל די וועלט נויטיקט זיך אין מיר, אפילו אלע אַנדערע צדיקים דאַרפן אָנקומען צו מיר, איך זאָל זיי מחזיר למוטב זיין; איך בין אימשטאַנד די גאַנצע וועלט מחזיר למוטב זיין (דאָרט ט׳).

6) א חידוש ווי איך בין, איז נאָך אויף דער וועלט ניט געווען; עס וועט קומען אַ צייט, ווען אַלע וועלן באַדויערן, וואָס האָבנדיק אַזאַ חידוש, האָבן זיי אים פאַרלאָזט. איך בין אַ „קנקן חדש מלא ישן״, איך בין דער וואָס קאָן זאָגן, אז אַלע חכמי ישראל זיינען אַקעגן מיר „בקליפת השום״. איך וויל עס אָבער ניט זאָגן, ווייל ס׳איז ניטאָ דער „חוץ״... דער אויסנאָם. פון יעדן טריט מיינעם ווערט באַשאַפן א מלאך. די שבתים וואָס מיינע חסידים האַלטן אַפּ ביי מיר, זיינען בעסער פון זיבן תעניתים... איך בין דער טייך וואָס בין מטהר אַלע אין זינד פאַרפלעקטע... די וועלט האָט מיך נאָך ניט אנדערקענט. ווען די מענטשן זאָלן פאַרשטיין איין תורה מיינע, וואָס איך זאָג מיטן נגון און רקוד, וואָלטן זיי בטול געוואָרן. און ניט נאָר מענטשן נאָר אויך חיות און בהמות, גראָזן און בוימער, וואָלטן בטל געוואָרן און דאָס חיות וואָלט זיך זיי אויסגעלאָזט פון גרוים תענוג.

און אָט דאָס באַרימעריי האָט מעגלעך אויפגערעגט דעם שפּאָלער זיידן, און ער האָט אים גערודפ׳ט. אַממערסטן האָט געברענט זיין כעס אויף אים פאַרן אויסדרוק: „ס׳איז דאָ צווישן אייך אַ צדיק הדור, וואָס ער איז אין דער בחינה פון משה׳ן, אין דער בחינה פון משיח...״ פאַרן וואָרט „משיח״, גלויבנדיק אַז ער מיינט עס אויף זיך, האָט ער ניט גע-

קענט פאַרבלייבן גלייכגילטיק און ער האָט זיך געשראָקן פאַרן שבתי צבי־איזם...

אינם זעלבן דרך פונם בראַסלאַווער איז אויך געגאַנגען זיין תלמיד מובהק ה"ר נתן. ער האָט צוזאַמען גענומען אַלע כתבים פון זיין רבי'ן און זיי אָפּגעדרוקט אין זיין אייגענער דרוק. אויך אויסגעבויט אַ בית המדרש אין אומאַן אין וועלכן די חסידים קומען זיך צוזאַמען און ניט וויניק שטייען זיי אויס פון די אַנדערע חסידים. די בראַסלאַווער חסידים זיינען אַזוי ווי מנודים פון אַלע אַנדערע חסידים. זייער צאָל דערגרייכט נאָך אויך איצט אין די טויזנטער. כמעט אַלע זיינען זיי תלמידי חכמים, איבערגעגעבן מיט דער גאַנצער נשמה זייערע צו דער שטה פון זייער רבי'ן, און זיי פאַרגעטערן אים אויך איצט נאָכן טויט. יעדעס יאָר קומען זיי מתפלל זיין אויף זיין קבר די תפלות, וואָס זיין תלמיד ר' נתן האָט פאַרפאַסט. לעצטנס האָט די סאָוועטישע רעגירונג פאַרבאָטן צו קומען קיין אומאַן אויף זיין קבר.

ה. תקע"ב — 1812. — דער געבורט פון משה העס.

משה העס איז געבוירן געוואָרן אין דייטשלאַנד, אין דער שטאָט באָנן. פון זיין זיידן, אַ פוילישער איד, האָט ער באַקומען אַ טראַדיציאָנעלע ערציאונג, וועלכע האָט שפּעטער מיט יאָרן אַרויסגעגעבן גינסטיקע נאַציאָנאַלע פרוכט. אין דער יוגנט האָט ער אייפריק געקעמפּט פאַר דעם סאָציאַליסטישן געדאַנק, געשטאַנען אין קאַמף פונם פראָלעטאַריאַט קעגן דער בורזשואַזיע. געווען אַ געטרייער איבערגעגעבענער שילער צו קאַרל מאַרקס און פרידריך ענגעלס. נאָך די געשעענישן אין דמשק, דער שענדלעכער און בייזוויליקער בלוט־בלבול וואָס איז דאָרט פאָרגעקומען און אין וועלכן די קאָנסולאַטן פון ציוויליזירטע לענדער האָבן דאָרט געשפּילט אַ גרויסע ראָלע און אידן זיינען דאָרט אויף אַ גרויזאַמען אופן געפּאַלטערט געוואָרן, האָט ער פאַרלאָזט דעם לאַגער אין וועלכן ער האָט זיך געפונען, און זיך אריינגעוואָרפן מיט דער גאַנצער נשמה אין שוים פון דער אַלטער מאַמע ציון, און פאַרפאַסט זיין באַרימט ווערק „רוים און ירושלים".
מאַרקס' געוועזענער תלמיד איז געוואָרן אין די זעכציקער יאָרן פונם פאַרגאַנגענעם יאָרהונדערט, אַן איבערגעגעבענער פריינט פון ר' צבי הירש קאַלישער, ר' אליהו גוטמאכער, ר' דוד גאָרדאָן און פּראָפעסאָר גרעץ. צוזאַמען מיט זיי געשטרעבט צום אויפלעבונג פונם אידישן פאָלק

אינם „ארץ אבות". משה העס האָט צוגלייך אַרויסגעוויזן גרויסע ליבע צום אידישן פאָלק און צו זיין נאַציאָנאַלע שפּראַך.

און אַזוי דריקט ער זיך אויס אין איינעם פון זיינע צוועלף בּריוו צו אַ פריינדין: „אַזוי ווי איך שעם זיך ניט מיט מיין פאָלק, וועלכעס פאַר־נעמט אַ ווירדיק פּלאַץ אין דער וועלט - היסטאָריע, אַזוי שעם איך זיך ניט מיט זיין הייליקע שפּראַך. און נידערטרעכטיקע זיינען אין מיינע אויגן די וועלכע דערנידעריקן און פאַראַכטן זי. און די גרעסטע חוצפה בּאַגייען די וועלכע דערלויבן זיך אָנשרייבן אויף מצבות דייטשע אנשטאט העברעאישע אויפשריפטן; די אידישע תפלות אין לשון קודש, האָבּן תמיד אָנגעפילט מיין האַרץ מיט יראת הכבוד. איך הער אין זיי דעם קלאַנג פון טויזנטער דורות וועלכע האָבּן אויסגעגאָסן זייער האַרץ, אין דער צייט פון אַן אומגליק, און פאַרלייכטערט דורך זיי זייערע שמערצן"...

וועגן זיין ליבע צו ארץ ישראל, ווערט פון אים אין איין בּריוו אויסגע־דריקט: „יעדע זאַך וואָס דערמאָנט דעם אידן זיין ארץ אבות איז בּיי אים ליבּ און טייער ווי די זכרונות פון אַ גליקלעכן עבר. בּיים אידן איז די ערד אויף וועלכער ער האָט אַמאָל גליקלעך געלעבּט אויף אַזוי פיל טייער, אַז ער פילט זיך גליקלעך, ווען ער פאַרזאָרגט זיך מיט אַ „קומץ" פון איר צו לייגן עס צו קאָפּנס נאָך זיין טויט אין קבר... דאָס זעלבּע איז בּיי אים ליבּ און טייער דער אתרוג און לולב וואָס קומט פון ארץ ישראל, און מע קאָן עס בּשום אופן ניט צושרייבּן צו פאַנאַטיזם. דאָס נעמט זיך נאָר פון דער טיפער ליבע וואָס זיי פילן צום לאַנד."

ווי ווייט ער האָט געהאַסט די אַסימילאַנטן איז צו זען אינם פערטן בּריוו, אין וועלכן ער שרייבּט: „אומזיסט שטייט איר, דייטשע אידן, נעבּן שפּיגל שעה'נווייז צו קעמען אייערע געקרייזלטע האָר, אויף צו מאַכן זיי גלאַט. עס וועט אייך ניט געלונגען. די שוואַרצע געקרייזלטע אידישע האָר וועלן בּשום אופן ניט פאַרוואַנדלט ווערן אין בּלאָנדע און גלאַטע. איר פאַרגעסט אויך אייער נאָז צו וועלכער עס איז קיין אַנדער מיטל ניטאָ אויף צו פאַרדייטשן זי ווי נאָר אָפּצוהאַקן זי. וויסט, נאַרישע אַסימי־לאַנטן, אַז די אידישע ראַסע איז און וועט תמיד פאַרבּלייבּן אָריגינעל, אַז ניט דאָס אָרט און ניט די צייט וועט די זעלבּע ענדערן... זייט זיך מטריח, און פאָרט זיך דורך קיין טעבּן, אין עגיפּטן, דאָרט וועט איר זען אַ מצבה נאָך פון משה'ס צייטן אויף וועלכער ס'איז אויסגעקריצט די

געזיכטער פון די אידן אין זיין צייט, וואָס האָבן געאַרבעט ציגל, און דער טיפּ איז דער זעלבער, מיט די זעלבע געזיכטס-ציגע ווי בײַ די היינטיקע..."

משה העס האָט גאַנץ הויך געשטעלט דאָס אידישע פאַמיליען-לעבן, און אָט וואָס ער שרייבט: „צוואַנציק יאָר בין איך געווען ווייט פון מיין פאָלק. און איך האָב זיך צוריקגעקערט צו דעם אַ דאַנק מיין ליבער מוטער וועמעס געשטאַלט האָט שטענדיק געשוועבט פאַר מיינע אויגן. איך, אַלס קינד פון דעם פאָלק בײַ וועמען דאָס פאַמיליען - לעבן איז טייער, האָב ניט געקענט פאַרגעסן אין דער מאַמען וועלכע שפּילט די גרעסטע ראָל אין דער אידישער משפּחה."

„ווי ריכטיק זיינען די ווערטער פון אונזערע חכמים — שרייבט ער — וועלכע האָבן געזאָגט, אַז אינם זכות פון נשים צדקניות זיינען אידן אויסגעלייזט געוואָרן פון מצרים; אויך איך, אינם זכות פון מיין ליבע מוטער, בין אויסגעלייזט געוואָרן פון דער אַסימילאַציע... די ליבע צו דער פאַמיליע איז דער לעבנס-קוואַל פאַר אידן." אין איין אָרט פון זיינע בריוו ווענדעט ער זיך צום אַסימילאַטאָר מיט די ווערטער: „אומגליקלעכער פאַררעטער! גלויבסטו אַז די מאַסקע וועט דיר שאַפן חן אין די אויגן צו וועלכע דו חנ'דלסט זיך? מיינסטו אַז „יאָהאַן" אנשטאַט יונה, וועט אָפּווישן דעם אידן פון דיר? האָסט אַ טעות, פאַררעטער! אפילו דאָס „הייליקע וואַסער" וועט דעם אידן פון דיר ניט אָפּוואַשן. דעם נאָמען איד וועט מען דיר שטענדיק דערמאַנען און ליידן וועסטו פון דעם פון דיר פאַרלייקנטן „איד" — פיל מער ווי פון דעם אמת'ן אידן, וועלכער ליידט צוליב אַן אידעאַל... און דו, פאַררעטער, וועסט ליידן אַן אידעאַללאָזער..."

משה העס שטעלט אויף אַ הויכער מדרגה די אָרטאָדאָקסישע אידן. „אין די לענדער וואָס טיילן אָפּ דעם מערב פונם מזרח — שרייבט ער — און דאָס זיינען רוסלאַנד און פוילן — לעבן מיליאָנען אידן וועלכע גיסן אויס זייערע הערצער אין אַ געבעט פאַר דעם גאָט פון זייערע עלטערן, ער זאָל צוריקקערן זיינע קינדער אינם לאַנד פון זייערע עלטערן. זיי שטייען אויף דער וואַך און היטן זייער נאַציאָנאַליזם, וועלכער איז ניט קיין אנדערער, ווי נאָר דער „רוח החיים" אינם „יהדות", מיט מער

פאַרשטאַנד ווי אונזערע ברידער אין מערב, וועלכע ווילן אויפלעבן די טרוקענע ביינער פונם יהדות מיט אַן אַסימילאַציאָנס - רעצעפּט. און די נשמה וועלכע איז אינם יהדות ניט קיין אַנדערע ווי נאָר די נאַציאָנאַלע אויפלעבונג, איז פאַר זיי אַ ווערטלאָזע. און איך זאָג צו די מיליאָנען רוסישע און פּוילישע אידן: „הויב אויף דיין פּאָן, מיין פאָלק! הויב אויף אַן שרעק, אָן מורא, אין דיר ליגט באַהאַלטן דאָס זאַט-קערנדל, ווי דאָס זעלבע אינם ארון פון די עגיפּטישע מומיען, וועלכעס ווערט ניט אָן די אויפבליאונגס - קראַפט אין די טויזנטער יאָרן וואָס עס ליגט דאָרט, און עס וואַקסט און געדייעט, ווען עס ווערט פון דאָרט ארויסגענומען און פאַרזעצט אויף פרוכטבאַרער ערד.”

ווען דער גליקלעכער צוקונפט פונם אידישן פאָלק ווען עס וועט זיך צוריקקערן אין זיין לאַנד, דערציילט ער אונז די לעגענדע: „צוויי פריינט, א קריסטלעכער ריטער און אַ אידישער חכם, זיינען געווען אין אַ לאַנד. גרויס איז געווען די פריינטשאַפט פון די ביידע, און ווען דער ריטער איז געפאָרן אַלס טוריסט קיין ארץ ישראל, האָט ער פאַרשפּראָכן זיין אידישן פריינט ברענגען אים פון יריחו אַ רויז. דער ריטער האָט געהאַלטן זיין וואָרט, און אויף זיין צוריק-וועג מיטגענומען די יריחו-רויז. צום באַדויערן, אָבער, איז די רויז אין דער צייט ביז זיין צוריקקומען פאַרטרוקנט געוואָרן. נאָר וואָס פאַר אַ וואונדער איז געשען! דער אידישער חכם האָט גענומען די טרוקענע רויז אין זיין האַנט, און צוויי פריידן-טרערן, וואָס האָבן זיך פון זיינע אויגן אַראָפּגעקייקלט, האָבן באַנעצט די רויז וועלכע האָט אויפגעלעבט און אָנגעהויבן אויפצובליען מיט פּראַכט און גלאַנץ. און ווען דער ריטער איז דערשטוינט געוואָרן פון דעם וואונדער, האָט צו אים דער חכם די ווערטער געזאָגט: „וויים, מיין פריינט, אז ליבע האָט אין זיך אַן אומגעהייערע אייגנשאַפט; ווען מיינע טרערן, אַ קאָנסעקווענץ פון מיין גרויסער ליבע צו דער רויז וועלכע האָט געוואַקסן אין מיין ליב פאַטערלאַנד, האָבן די זעלבע באַנעצט, האָבן זיי אין איר אַריינגעגעבן דעם כח אויף אויפצולעבן און באַנייען איר פרישקייט, ווען אויך זי איז שוין אַ לאַנגע צייט אָפּגעריסן געוואָרן פון דער מוטער - ערד; וויים-זשע אויך, מיין פריינט, אַז דער זעלבער וואונדער וועט אויך געשען מיטן אידישן לאַנד. עס וועט אויך אויפלעבן ווען אידן וועלן זיך צוריקקערן צו דעם, און צוריקקערן וועלן זיי זיך דאָך אַהין,

דאָס איז פאַר מיר קיין ספק ניט, און דאָרט וועט עס צוזאַמען מיטן לאַנד אויפבליען און וואַקסן מיט פראַכט און גלאַנץ".

משה העס איז געווען דער ערנסטער, אייפריקער און איבערגעגע־בענער ציוניסט, און זיין האַרץ איז געווען פול מיט ריינער ליבע צום אידישן פאָלק און אידישן לאַנד.

משה העס איז געשטאָרבן אין פאַריז אין יאָר 1875.

ה. תקע"ד — 1814 — רוסלאַנד באַשטימט אַ קאָמיטעט מיטן נאָמען: „קריסטלעך אידישער קאָמיטעט" צו פאַרגיטיקן די אידן וואָס וועלן זיך שמד'ן" צוטיילנדיק זיי לאַנד אין די נאָרד מזרח־דיקע גובערניעס און געבנדיק זיי בירגער רעכט צו וואוינען איבעראַל וואו זיי וועט געפעלן; אונטער די מיטגלידער פונם קאָמיטעט, געפינען זיך גרויסע רעגירונגס־באַאמטע. — דער געבורט פון אברהם אַלבערט כהן:

מיר וועלן זיך אָפּשטעלן צו כאַראַקטעריזירן באריכות די פּערזענ־לעכקייט פון אַלבערט כהן.

אברהם אַלבערט כהן איז געבוירן געוואָרן אין פּרעסבורג, אַ זון פון אַ באַרימטער פאַמיליע פון עלזאַס וועלכע האָט זיך באַזעצט אין אונגאַרן.

אַלבערט כהן איז דערצויגן געוואָרן רעליגיעז; ווען ער איז אַלט געוואָרן צוועלף יאָר איז ער אַוועק קיין ווין און געענדיקט זיין שטודיום אין אוניווערזיטעט אַלס דאָקטאָר פון פילאָזאָפיע, אינם יאָר 1834. די גאַנצע צייט פון זיין שטודירן אין ווין האָט ער פאַרגעזעצט דאָס לערנען תלמוד ביים אָרטיקן רב הורוויץ. ער האָט אויך באַזוכט די קייזערלעכע ביבליאָטעק און אויטאָדידאַקטיש זיך פאַרפאָלקאָמט אין די צוויי שפּראַכן: אַראַביש און סוריש. די פּראָפעסאָרן פון אוניווערזיטעט זיינען אויף אַזוי פיל צופרידן געווען פון אים, אַז ער איז דורך זייער פּראָטעקציע אויפ־גענומען געוואָרן אַלס לערער פון דער העברעאישער שפּראַך אין אַ פּראָ־טעסטאַנטישן סעמינאַריום. זיי האָבן אָבער גערעכנט ער זאָל אָפּפאָרן קיין פאַריז זיך פאַרפאָלקאָמען אין זיין שטודיום און אים מיטגעגעבן לויבנס־ווירדיקע רעקאָמענדאַציעס. אין יאָר 1836 איז ער געפאָרן קיין פאַריז; אָפּקערנדיק אויף זיין רייזע אין פראַנקפורט אַם מאַין, האָט ער באַזוכט דאָס הויז פונם באַראָן ר' שלמה ראָטשילד, און האָט אויף אַזוי פיל גע־ווינען די סימפּאַטיע ביי דער פאַמיליע, אַז דעם באַראָן ראָטשילדס טאָכ־

טער, די פרוי פון דעם באַראָן דזשעמס ראָטשילד, האָט אים באַשטימט אַלס העבּרעאישער לערער פאַר איר קליין טעכטערל.

אין פּאַריז האָט ער זיך פאַרפּאָלקאָמט אין פאַרשידענע שפּראַכן, און האָט ניט נאָר געשריבן נאָר אויך פּערפעקט גערעדט העבּרעאיש, דייטש, פראַנצויזיש, איטאַליעניש, ענגליש, אַראַביש און פּערסיש. ער האָט אויך פאַרשטאַנען סאַנסקריט. געלעבט האָט ער פון לעקציעס וועלכע ער האָט געגעבן. אינם יאָר 1838 איז ער צוזאַמען מיט דער פאַמיליע ראָטשילד געפאָרן אויף אַ לוסט-רייזע קיין איטאַליע, און צוזאַמען מיטן באַראָן געהאַט אַן אוידיענץ ביים פּויפּסט גריגאָר דער זעכצנטער. אין זיין צוריק קערן זיך פון זיינע רייזעס איבער דער שווייץ און אַנדערע לענדער, איז ער באַשטימט געוואָרן אַלס סעקרעטאַר איבער אַלע פילאַנטראָפּישע אַנשטאַלטן פונם באַראָן ראָטשילד. פון יענער צייט אָן האָט אַלבערט כהן זייער פיל אויפגעטאָן אין דער פּאַריזער געזעלשאַפט. אַ רעליגיעז געשטימטער און אַ „מוקיר רבנן” האָט ער איינגעפירט די גרעסטע אָרדענונג אין אַלע פילאַנטראָפּישע און דערציאונגס - אַנשטאַלטן. ער האָט אויך אַליין זיי מאַטעריעליש געשטיצט. ער איז אויך געוואָרן דער לערער אינם דאָרטיקן ראַבּינער-סעמינאַריום, אָן וועלכן ס'איז האָנאָראַר. אינם יאָר 1841 איז ער געקומען קיין אַלזשיר צו אָרגאַניזירן די דאָרטיקע אידישע קהלות. געהאַט אַן אוידיענץ ביי נאַפּאָלעאָן דעם דריטן, בעטנדיק אים ער זאָל זיין אויטאָריטעט אָנווענדן לטובת די אַלזשירער אידן. אינם יאָר 1846 איז ער נאָך אַ מאָל געקומען קיין אַלזשיר, אויפן וועג זיך פאַרגעשטעלט פאַרן „בעי” אין טוניס צו פאַרטיידיקן זיינע אומגליקלעכע ברידער.

ער רעכנט זיך אויך צווישן די משתדלים וואָס האָבן זיך משתדל געווען פאַרן טערקישן געזאַנדטן אין פּאַריז און פאַר מערערע אייראָפּעאישע הערשער, אויף אויסצואווירקן ביי דער טערקישער רעגירונג צו געבן גלייכבאַרעכטיקונג אידן ווי קריסטן.

מיט אַ מיסיאָן פון דער פראַנצויזישער צענטראַל - קאָנסיסטאָריע, און אויך פון ראָטשילד, איז ער אָפּגעפאָרן אינם יאָר 1854 קיין ירושלים, צו שטיצן דאָרט די וואָס נויטיקן זיך אין דעם, און אויך צו גרינדן דאָרט פילאַנטראָפּישע און דערציאונגס-אַנשטאַלטן, און זיך פאַרגעשטעלט פאַרן סולטאַן ממליץ זיין אויף די ארץ ישראל אידן.

אונזערע ברידער אין איטאַליע — אַלס אנדערקענונג צו זיין וואויל־טעטיקע אַרבעט — האָבן אויסגעגאָסן פון זיין כבוד וועגן אַ מעדאַל מיט אַ בכבודיקן אויפשריפט. אינם יאָר 1856 האָט ער צום צווייטן מאָל באַזוכט ירושלים, און געהאַט אַ צווייטע אוידיענץ ביים סולטאַן. אין די יאָרן 1864—1869 האָט ער צום דריטן און פערטן מאָל באַזוכט דאָס הייליקע לאַנד; אין 1860 איז ער געקומען קיין מאַראָקאָ צו בעטן דעם סולטאַן, ער זאָל די אומגליקלעכע אידן אַרונטערנעמען אונטער זיין שוץ, און דער סולטאַן האָט אים פאַרשפּראָכן צו באַשיצן זיי. און מערקווירדיק, טראָץ זיין שטענדיקע מי לטובת זיינע ברידער, און אויך זיינע פילע נדבות וואָס ער האָט געלייסטעט פאַר יחידים און פאַר אַלגעמיינע געזעלשאַפט־לעכע פילאַנטראָפּישע צוועקן, האָט ער נאָך אָפּגעשפּאָרט צייט עוסק צו זיין אין תורה און חכמה.

אַלבערט כהן האָט געשריבן מערערע ביכער און אויך אומציילקע אַרטיקלען אויף וויסנשאַפטלעכע טעמעס אין פאַרשידענע פרעמד־שפּראַ־כיקע צייטונגען און זשורנאַלן. ער האָט באַזיצט אַ זעלטענעם שכל, מיט אַן אויסעראָרדנטלעכן פליים, ענערגיע און מוט. ער איז אויך געווען געבענטשט מיט אַ זעלטענעם גוטן כאַראַקטער, אַ גוט האַרץ וועל־כעס האָט מיטגעפילט יענעמס ליידן גלייך ווי זיינע אייגענע. אינ׳ם יאָר 1862 איז ער אָנערקענט געוואָרן אַלס פראַנצויזישער בירגער, און אינם יאָר 1867 באַקומען פון דער פראַנצויזישער רעגירונג דעם ערן־מעדאַל:

„Chevalier de la Legion d'honneur''

זיינע זין און טעכטער האָט ער דערצויגן אויף דריי זאַכן: תורה, חכמה, און יראת שמים.

די אָנגעשטרענגטע אַרבעט האָט אים ביז גאָר אָפּגעשוואַכט, און אין יאָר תרל״ז — 1877, דעם 15־טן מערץ, איז ער נפטר געוואָרן אין דער עלטער פון 63 יאָר איבערלאָזנדיק אַ גוטן נאָמען, און דעם בעסטן אָנדענק.

ה. תקע״ה — 1815 — געגרינדעט צום ערשטן מאָל אין רוסלאַנד אַ דעפּאַר־טאַמענט וועגן פרעמדע רעליגיע - אַנגע־לעגנהייטן, מיט אַ באַזונדערער אָפּטיי־לונג וועגן דער אידישער רעליגיע. די רו־סישע רעגירונג טיילט איין אַלע בעסאַ־ראַבער איינוואוינער אין 9 מדרגות, בנוגע בירגער־רעכט. די אידן ווערן פאַררעכנט אין דער לעצטער מדרגה. — די קריסט־לעכע באַפעלקערונג אין פראַנקפורט אם

מאין, פאָדערט שטרענג פון דער רעגירונג בטל צו מאַכן די געזעצן בנוגע דער בירגער־רעכט פאַר די אידן וועלכע זיינען זיי געגעבן געוואָרן פון דער פראַנצויזישער רעגירונג אין דער צייט ווען זי האָט באַהערשט די שטאָט. די אידישע געמיינדע אין פראַנקפורט שיקט דעלעגאטן צום קאָנגרעס אין ווין צו בעטן די רעגירונגס־באַאמטע, וועלכע זיינען פאַרטרעטן אינם קאָנגרעס ניט אַוועקצונעמען ביי זיי די געגעבענע רעכטן. די פרוי האַני ראָטשילד, מיט אירע פינף זין, די קינדער פון מאיר ראָטשילד, באַמיען זיך צו באַוועגן די רעגירונגס־לייט צום גונסטן פון די אידן. האַרדענבורג און מעטערניק פאַרטיידיקן די אידן. דער קאָנגרעס אין ווין דערקלערט עפנטלעך פאַר גאַנץ אייראָפּע זיין באַשטימונג צו געבן בירגער־רעכט די אידן אין די לענדער וועלכע זיינען פריער געווען אונטער פראַנצויזישער ממשלה. — דער געבורט פון ר׳ חיים גדליה. — דער געבורט פון אברהם בער גאָטלאָבער. — דער געבורט פון משה שטיינשניידער. — דער געבורט פון אליעזר צבי הכהן צווייפל.

ר׳ חיים גדליה איז געבוירן געוואָרן אין פינסבורי סקווער, אין ענגלאַנד; שטאַמט פון אַ פאַרנעמסטע משפחה אין שפאַניע און פּאָרטוגאַל. די פאַמיליע גדליה — זאָגט די לעגענדע — איז אָנגענומען געוואָרן, נאָך דעם היסטאָרישן גדליה בן אחיקם, וועלכער איז געטויט געוואָרן נאָכן חורבן בית ראשון דורך ישמעאל בן נתניה. ווען ס׳איז אַרויס די גזרה אויף אידן, אין ענדע פונם 15-טן יאָרהונדערט, אין שפאַניע און פּאָרטוגאַל, אַז זיי זאָלן זיך ענטוועדער שמד׳ן אָדער פאַרלאָזן דאָס לאַנד, האָט די פאַמיליע גדליה אויסדערוויילט דאָס צווייטע, און אויסגעוואַנדערט קיין מאַגאַדאָר, אין מאַראָקאָ, נאָכהער קיין בריטאַניע און האָלאַנד, און אין יאָר 1798 זיך באַזעצט אין לאָנדאָן, געגרינדעט אַ גרויס האַנדלס - הויז, און געהאַט האַנדלס - פאַרבינדונגען מיט די גרעסטע קאָמערץ - הייזער, ווייטע און נאָענטע, און זיך דערוואָרבן אַ גרויסן נאָמען אין דער האַנדלס־וועלט דורך אָרנטלעכקייט און פּינקטלעכקייט, אינם פאַרלויף פון פערציק יאָר. ר׳ חיים גדליה׳ס פאָטער האָט חתונה געהאַט מיט דער באַוואוסטער פרייליין יעמימא זעבאַג, די טאָכטער פון משה מאָנטעפיאָרעס אַ פּלימעניצע. דער פאָטער אירער איז געווען א. גאָלדסמיד, אַ ברודער פונם באַוואוסטן י. ל. גאָלדסמיד.

אין יאָר 1855 האָט ר׳ חיים גדליה צוזאַמען מיט זיין פרוי, באַגלייט משה מאָנטעפיאָרע אויף זיין רייזע קיין מאַראָקאָ, דורך שפאַניע, צו דערוועקן דערבאַרעמונג אויף זיינע ברידער וועלכע זיינען באַרבאַריש

אונטערדריקט און געפּייניקט געוואָרן פון די מאַכטמעדאַנער.

דער מאַראָקאַנער סולטאַן האָט פאַרשפּראָכן זיין ביטע צו נעמען אין אכט.

זייענדיק אין שפּאַניע, האָבן זיי געהאַט אן אינטערוויו מיט גרויסע רעגירונגס - לייט, און ס'איז זיי געלונגען צו באַאיינפלוסן די זעלבע צו בייטן צום גוטן זייער מיינונג וועגן אידן, און אָננעמען אַ מער הומאַנישע שטעלונג צו זיי.

אינם יאָר 1868 האָט זיך ר' חיים גדליה משתדל געווען ביי דער שפּאַנישער רעגירונג אַ דערלויבעניש אַז אידן זאָלן זיך מעגן צוריקקערן צום לאַנד וואו זייערע עלטערן האָבן זיך איינגעבירגערט זייט זיי זיינען פאַרטריבן געוואָרן אין גלות, און שטענדיק געווען געטרייע בירגער און פיל אויפגעטאָן מיט זייער וויסנשאַפט אויף אַלע געביטן. דער שטאַטס-מיניסטער סעראַנאָ איז אים געקומען צו הילף, אָנגענומען זיין ביטע און צוגעזאָגט זי צו באַהאַנדלען. דרייצן יאָר איז פאַריבער, און אין דעם משך יאָרן האָט די רעגירונג געהאַלטן אין איין באַהאַנדלען... און ערשט אין 1881 איז דעקרעטירט און באַשטעטיקט געוואָרן דורכן פּרעמיער-מיניסטער סאַגאַסטאַ צו דערלויבן אידן זיך צו באַזעצן אין שפּאַניע.

דאָ וועלן מיר ברענגען דאָקומענטן אין דער פאָרמע פון בריוו-וועקסלונג מיט דער שפּאַנישער רעגירונג און די צוויי שתדלנים משה מאָנטעפיאָרע, און זיין פּלימעניק חיים גדליה (וועגן דעם ערשטן וועט אונז נאָך אויסקומען צו רעדן).

פונם מאַרשאַל סערראַנאָ, פּרעמיער-מיניסטער אין שפּאַניע, צו משה מאָנטעפיאָרע.

סער משה מאָנטעפיאָרע אין לאָנדאָן

חשוב'ער הער!

איך האָב דעם כבוד אייך צו שרייבן, אַז איך האָב פאָרגעלייגט פאַר דעם מיניס-טאָרן-ראַט דעם דאַנק-אויסדרוק, וועלכן איר האָט געשיקט אינם נאָמען פון דעם באַפולמעכטיקטן קאָמיטעט פון אַלע אידן אין גרויס בריטאַניע. און איך האָב אויף מיר גענומען די זייער בכבודיקע אויפגאַבע איבערצוגעבן די אַלע דאַנקבאַרע געפילן פון אַלע אונזערע רעגירונגס - באַאַמטע, צו יעדן איינציקן מיטגליד פון דעם בכבוד'יקן קאָמיטעט. זייט-זשע אַזוי פריינטלעך, גנעדיקער הער, איבערצוגעבן די געפילן צו די, איבער וועלכע איר זיינט זייער פאָרשטייער.

דערקלערט זיי אויך, אַז אונזער רעגירונג, וועלנדיק אַרויסווייזן אויף אַ פּאַק-

טישן אופן איר דאַנקבאַרקייט, האָט באַשטימט נאָך אַ מאָל צו דערקלערן עפנטלעך איר באַשלוס אויסצובּרייטערן דעם פרייהייטס-גרעניץ, כדי דורך דער אויסבּרייטערונג זיין אימשטאַנד צו פירן צום פּראָגרעס דאָס שפּאַנישע פאָלק מיט דער לאָזונג, וועלכע דאַרף זיין הייליק ביי יעדן באוואוסטזיניקן מענטשן: „רעליגיע און אידעען-פרייהייט צו יעדן וועלכער איז באַשאַפן אין גאָטס פאָרם".

דער בריוו וואָס איז געשיקט געוואָרן פונם יוסטיץ - מיניסטער דעם זעכצנטן דעצעמבער צו אייער גלויבנס-גענאָסע הער ח. גדליה, דורך דער פאַרמיטלונג פונם ענגלישן געזאַנדטן, וועט אייך איבערצייגן אַז אין שפּאַניע הערשט אַ פאָלקאָמענער רעליגיעזער און אידעען פרייהייטס-גייסט.

די רעגירונג האָט די פולע זיכערקייט, אַז אויך די דעפּוטאַטן-קאַמער און דער סענאַט וועלן ניט זיין קעגן דעם רעגירונגס-דעקרעט, ניט וועלן פאַרבּלייבן רעגרעסיוו צווישן די פעלקער וועלכע פּראָגרעסירן און גייען כסדר פאָרווערטס.

איך פאַרבּלייב אייער געהאָרכזאַמער

דעצעמבער 1868 י. סעררראַנאָ

נאָכדעם ווי ס'זיינען פאַריבּער דרייצן יאָר, און אין דעם משך יאָרן האָט חיים גדליה כסדר דערמאָנט דער שפּאַנישער רעגירונג, אַז זי זאָל אָפיציעל באַשטעטיקן איר דערלויבעניש, האָט ער דעם 27-טן יוני, 1881, באַקומען אויף זיין לעצטן בריוו פאָלגנדן ענטפער פונם מיניסטעריום-קאַבינעט:

„ה. חיים גדליה אין לאָנדאָן

חשוב'ער הער!

מיט גרויס פאַרגעניגן האָב איך אייער בריוו פונם 10-טן ד. מ. געליזענט, און איך האָב דעם כבוד אייך צו ענטפערן אַז נאָכן ערשטן סטאַטוט אינם אַרויסגעגעבענעם דעקרעט, וועלכער איז אַריינגעפירט געוואָרן אינם רעגירונגס-קאָדעקס, איז צייטווייליק דערקלערט געוואָרן אַז עס ווערט אָפּגעשאַפט דער געזעץ פון 1492, וועלכער האָט אָנ־געדייטעט אַרויסצוטרייבן די אידן פונם לאַנד. שטיצנדיק זיך אויף דעם גרונט, האָט די רעגירונג געפינען פאַר איבעריק אַרויסצוגעבן אַ ספּעציעלע דערלויבעניש צו די וועלכע זיינען פונם אידישן גלויבן, אויף אַריינצוקומען אין לאַנד. און אַזוי אַרום קאָנען אַלע אייערע גלויבנס-גענאָסן אַריינקומען אין לאַנד אָן אַ שום שטערונג מצד דער רעגירונג. זיי מעגן זיין זיכער, אַז די רעגירונג וועט זיי אויפנעמען מיט דער גרעסטער צופרידנקייט. נעמט אויף מיינע איניקסטע בכבוד'יקע געפילן צו אייך.

פּראַקסעדעס מאַ' סאַגאַסטאַ.

אויף דעם בּריוו האָט חיים גדליה געענטפערט:

הער מיניסטער דאָן סאַגאַסטאַ

חשוב'ער הער!

דערלויבט מיר צום ערשטן אויסצודריקן מיין דאַנק פאַר די הערצלעכע געפילן

וועלכע איר האָט אויסגעדריקט אין אייער בריוו פון 27־טן יוני. הער מיניסטער! צווישן מיינע ברידער אין אויסלאַנד׳ הערשט, ווירקלעך, אַן אומצופרידנקייט צו דער אויפנאַמע אין שפּאַניע אָן אַ שום שטערונג, ווייל אייניקע, אַפילו ניט פֿאַראַנטוואָרט־לעכע מענטשן, האָבן זיי געשראָקן, אַז די רעגירונג — ווען אויך זי וועט עפענען אירע טויערן פאַר די אידישע אימיגראַנטן, וועט דאָך ניט דערלויבן צו דערפילן עפנט־לעך אַלע רעליגיעזע טראַדיציעס, ווי צו בויען אידישע געבעט־הייזער, אין זיי עפנט־לעך גאָט צו בעטן, און אויך אַ באַזונדערן בית הקברות אויף מקבר צו זיין זייערע מתים. איך וואָלט זייער געוואונטשן צו באַקומען א הסכמה פון שטעט־פאַרוואַלטונגען אז זיי וועלן קיין שטערונג ניט מאַכן, און דאָס אַלעס באַשטעטיקן אין אַ בריוו, וועלכן איך וויל האָבן דעם כבוד פון אייך צו באַקומען, כדי צו באַרואיקן די שרעקנדיקע געמיטער פון מיינע גלויבנס־גענאָסן.

נעמט אויף א. א. וו. חיים גדליה.

ענטפער פונם מיניסטער סאַגאַסטא צו חיים גדליה.

חשוב׳ער הער!

אויף אייער בריוו וועלכן איך האָב לעצטנס באַקומען, נעם איך מיר דעם כבוד אייך צו ענטפערן: נאָך דעם עלפטן סטאַטוט אין דעם מלוכה׳שן קאָדעקס איז דייטלעך דערקלערט אויף דעם סמך פון אייער שתדלנות: דאָס הערשנדע גלויבן אין שפּאַניע איז די קאַטויליש־אַפּאָסטאָלישע. די רעגירונג דאַרף זיך זאָרגן פאַרן אויסהאַלטן די קירכע מיט אַלע אירע קירכלעכע באַאַמטע. זי — די רעגירונג — שטערט אָבער ניט קיין איין אויסלענדישן בירגער פון לאַנד, פון וועלכן ס׳איז אַנדער גלויבן, אויסצופאָלגן די אָנגענומענע טראַדיציעס. ס׳איז נאָר ניט דערלויבט צו דעמאָנסטרירן אין דער עפנט־לעכקייט דורך גאַסן־מאַניפעסטאַציעס וועלכע טראָגן אַ רעליגיעזן כאַראַקטער..

די מאַניפעסטאַציעס באַהאַלט פאַר זיך נאָר דאָס הערשנדיקע קאַטויליש־אַפּאָס־טאָלישע גלויבן. און אַזוי אַרום, האָט מען דאָס רעכט אויפצובויען געבעט־הייזער אויף צו בעטן, צו קויפן פּלאַץ פאַר אַ באַזונדערן בית הקברות, אָן אַ שום שטערונג. אין דער האָפענונג אַז מיינע ווערטער וועלן באַרואיקן די געמיטער פון די שרעקנדיקע פאַר־בלייב איך א. א. וו. פ. סאַגאַסטא".

פון דעם אַלעם איז צו זען אַז חיים גדליה איז געגאַנגען אין די זעלבע שריט ווי זיין עלטער - פעטער, משה מאָנטעפיאָרע. ביידע זיינען זיך משתדל געווען צו פאַרבעסערן די לאַגע פון אונזערע ברידער און געזוכט אויסצואווירקן אַז מען זאָל צוריק עפענען פאַר די אידן די שפּאַנישע טויערן, וועלכע זיינען געווען פאַרשלאָסן לערך 400 יאָר און קיינער פון זיי האָט ניט געהאַט דאָס רעכט אפילו איין טריט אויף דער הייליקער ערד צו מאַכן, ווייל ער איז געווען איינגעשטעלט צו באַצאָלן מיט זיין לעבן, אָדער זיך טויפן.

נאָך איין דאָקומענט וועל איך ברענגען בנוגע זיין אַלגעמיינע שתדלנות

אויף אויסצובעסערן די טרויעריקע לאַגע אין וועלכע עס האָבן זיך געפונען אונזערע ברידער אינם אָריענט.

דער בריוו איז געשיקט געוואָרן אין יאָר 1885 צו דעם זעלבן פּרעמיער מיניסטער סאַגאַסטאַ.

צו זיין דורכלויכט, דאָן פּראַקסעדעס סאַגאַסטאַ.

דערלויבט מיר, הער מיניסטער, אויסצודריקן מיין ברכה צו דעם הויכן אַמט אויף וועלכן איר זיינט דערהויבן געוואָרן, און איך גלויב, אַז אַזוי לאַנג איר וועט אויף אייער פאַראַנטוואָרטלעכן אַמט פאַרבלייבן, וועט איר אויסער כבוד, אויך גליק ברענגען אייער לאַנד. מיט אייער גרויס פּאָליטישע קענטעניש, וועט איר דאָס לאַנד צום גרעסטן פּראָגרעס פירן.

איצט וויל איך האָבן דעם כבוד אייך מיטצוטיילן, באַשטעטיקט דורך די בייליגנדיקע דאָקומענטן, אַז ווען איך צוזאַמען מיט מיין גאָטזעליקן פעטער בין געווען אין יאָר 1846 אין מאַדריד און טאַנגיר האָבן מיר אויסגעווירקט אַ „פערמאַן“ פונם מאַראָקישן סולטאַן צו געבן די אידן בירגער־רעכט. צום גרויס באַדויערן מוז איך דערקלערן, אַז באַלד נאָך דער פּטירה פון מיין פעטער, איז אָפּגעשאַפט געוואָרן דער „פערמאַן“ און אידן ליידן דאָרט פון די אייגענע צרות ווי פריער. אינם נאָמען פון מיינע אויסלענדישע ברידער ווער איך באַפולמעכטיקט אייך צו בעטן, אויסצואווירקן דורך אייער גרויסן איינפלוס צו באַשטעטיקן דעם פריער אַרויסגעגעבענעם „פערמאַן“ לטובת מיינע אומגליקלעכע גלויבנס־גענאָסן אין יענעם לאַנד.

אין דער האָפענונג א. א. וו. פאַרבלייב איך חיים גדליה.

אויף דעם בריוו האָט ער באַקומען אַן ענטפער פונם מיניסטער סאַגאַסטאַ, אַז ער וועט אָנווענדן אַלעם מעגלעכעס וואָס ליגט אין זיין כח לטובת די אידן וואָס וואוינען אין מאַראָקאָ.

חיים גדליה האָט אויך איבערגעזעצט די צוויי בראָשורן וועלכע זיינען געשריבן געוואָרן אין דער צייט פון די פּאָגראָמען פונם פּירסט דימידאָוו סאַן דאָנאַטאָ אויף צו פאַרטיידיקן די אידן. מיט זיין איבערזעצונג אין ענגליש האָט ער פאַרשאַפט אַ נחת רוח צום פירסט וועלכער האָט פאַרגעזעצט זיין פאַרטיידיקונג. נאָכן טויט פונם פירסט האָט חיים גדליה באַקומען פון דער אַלמנה אַ בראָנזענעם מעדאַל מיט דעם בילד פונם פאַרשטאָרבענעם אַלס דאַנקבאַרקייט פאַר דעם נחת רוח, וואָס ער האָט פאַרשאַפט איר ליבן מאַן.

אברהם בער גאָטלאָבער

אברהם בער גאָטלאָבער איז געבוירן געוואָרן אין יאָר תקע"ה אין אַלט קאָנסטאַנטין. זיין פאָטער, חיים גאָטלאָבער, וועלכער איז געווען דער שטאָט־חזן, האָט זיין זון דערצויגן נאָכן גייסט פון יענער השכלה־עפּאָכע. ווען ער איז נאָך גאָר יונג געווען האָט אים דער פאָטער אַרויסגענומען פונעם חדר, אַרויסזעענדיק אַז ער וועט פון דעם זעלבן גאָר ניט אַרויסנעמען, און האָט אָנגעהויבן אַליין מיט אים צו לערנען. די ערשטע לעקציע זיינע איז געווען דעם רמב"ם'ס הקדמה צום סדר זרעים און „יד החזקה", נאָכהער: דעם „מבוא התלמוד" פון ר' שמואל הנגיד, די שמונה פּרקים פונעם רמב"ם אויף די פּרקי אבות. אברהם בער האָט אויך פון זיין פאָטער, דער משכּיל, פיל מאָל געהערט שאַרפע קריטיק קעגן די היפּאָקריטן, וועלכע גיבן זיך אויס פאַר הייליקע, און זיינען ביז דעם ביין פאַרדאָרבענע. און די קריטיק האָט ער איבערגענומען מיט אַ הוספה... און זיך באַנוצט מיט איר כמעט זיין גאַנץ לעבן. ווען ער איז אַלט געוואָרן פערצן יאָר, האָט אים דער פאָטער חתונה געמאַכט פאַר אַ חסיד'ס אַ טאָכטער, און ביים שווער, וועלכער האָט געוואוינט אין טשערניכאָוו, איז ער יומם ולילה געזעסן און געלערנט תלמוד און חב"דס'קי קבלה, וועלכע ער האָט אָנדערקענט פאַר ניט קיין קריטיקבאַרע שטה. אינם יאָר תקפ"ח איז ער געקומען קיין קאָנסטאַנטין צו באַזוכן זיין פאָטער פּונקט אינם יאָר, ווען ס'איז דעקרעטירט געוואָרן פון דער רוסישער רעגירונג צו נעמען אויך אידן אין מיליטער־דינסט, און מיט שווערע מי איז אים געלונגען זיך צו רעטן פון די כאַפּערס און אַנטלויפן קיין אויסלאַנד. דורכפאָרנדיק גאַליציע, האָט ער זיך באַקענט מיט די גאַליציאַנער משכּילים, איבערהויפּט מיט ר' יוסף פּערל פון טאַרנאָפּאָל. אויפן וועג איז געשטאָרבן זיין קינד וועלכעס ער האָט מיטגענומען מיט זיך, און אַ פאַרצווייפלטער פון דעם אומגליק, האָט ער זיך צוריקגעקערט קיין קאָנסטאַנטין באַלד ווי ער האָט זיך דערוואוסט, אַז לויטן גורל דאַרף ער ניט גיין דינען.

די אידישע געמיינדע אין קאָנסטאַנטין האָט גאָטלאָבערן, וועלכער איז אויך געווען אַ באַרימטער בעל מנגן, געוואָלט אויפנעמען אַלס חזן. ער האָט עס אָבער צוריקגעוויזן און באַשטימט צו זיצן על התורה ועל ההשכלה. דורך אַ צופאַל האָבן זיך חסידים דערוואוסט אַז גאָטלאָבער לערנט השכלה־ספרים, און זיי האָבן דאָס איבערגעגעבן דעם זשיטאָמירער צדיק. דער צדיק האָט גלייך באַפוילן דעם שווער אויפהערן אים צו שטיצן,

און אים אויך אָפּגעט׳ן. גאָטלאָבער, אַרויסזעענדיק אַז פאַרבלייבן דאָרט איז אוממעגלעך, די חסידים וועלן אים פאַרפאָלגן אויף שריט און טריט, איז מיט דער גרעסטער פאַרביטערטקייט נאָכגעקומען דעם צדיק׳ס גזרה, אָפּגעגט די פרוי. ווען אויך ער האָט זי ליב געהאַט, און אויף זיך גענו־מען צו פאַרפאָלגן די חסידים און אויפדעקן אַלע פעלערן וואָס זיי באַ־גייען. זיינע קרובים וועלכע האָבן מורא געהאַט אַז ער וועט אַוועק קיין דייטשלאַנד שטודירן, האָבן אים פאַרשלייערט פאַר אַ דאָרפיש מיידל, ניט ווייט פון דער שטאָט באַר, כאָטש ער איז גאָר ניט צופרידן געווען פון דעם שידוך. אין באַר האָט ער זיך באַקענט מיט אַ תלמיד פון ר׳ מאיר לעפין, וועלכער האָט אונטעררריכטעט אין זיינער אַ שולע די אי־דישע שפּראַך, און אַליין פאַרפאַסט אייניקע ביכער. גאָטלאָבער האָט זיך מתקנא געווען אין אים, און אָנגעהויבן צו שרייבן און פאַר־פאַסן ביכער אין דער אידישער שפּראַך. און נאָכדעם ווי ער האָט די צווייטע פרוי אָפּגעגט, איז ער אָפּגעפאָרן קיין קאָנסטאַנטין, אָפּגעווען דאָרט ביז אינם יאָר תק״ץ. פון דאָרט אָפּגעפאָרן קיין אָדעס, זיך באַקענט מיט ב. שטערן, דער דירעקטאָר פון דער מאָדערנער שולע, און מיט די לערער שמחה פינסקער, הורוויץ, פרענקעל, און מיטן רב ר׳ אבלי, און ער איז אויפגענומען געוואָרן אַלס לערער. דאָרט האָט ער פאַרפאַסט זיין ספר „בקורת לתולדות הקראים״. צוליב די פאַרפאָלגונגען פון די חסידים איז גאָטלאָבער געוואָרן אַ וואַנדערער. פון אָדעס איז ער אָפּגעפאָרן קיין קישינעוו, פון דאָרט קיין דובּאסאר און פון דובּאסאר קיין דובנא. אין דובנא האָט ער פאַרפאַסט זיין ספר: „זכר רב טוב״. פון דובנא איז ער אָנגעקומען קיין מעזריטש, פון מעזריטש קיין לוצק.

אברהם בער גאָטלאָבער האָט זייער פיל ספרים פאַרפאַסט. איך וועל נאָר אָנדייטן אויף אייניקע: „בקורת לתולדות הקראים״, „תפארת לבנים״, „תולדות הקבלה והחסידות״, „נתן החכם״, „יום הזכרון״, „שם ושארית״, „הזהרו בבני עניים״. דער לויבנסווירדיקער פון אַלע זיינע ספרים איז דער ספר „הנצנים״ פונם יאָר תרל״ו. ביז תרל״ט האָט ער אַרויסגעגעבן אין לעמבערג אַ מאָנאַטלעכן זשורנאַל אונטערן נאָמען „הבוקר אור״. נאָכ־דעם האָט ער אים אַרויסגעגעבן אין וואַרשע, ביז ענדע יאָר תרמ״א.

משה שטיינשניידער

צווישן די וואָס האָבן פאַרדינסטן זיי זאָלן אויספירלעכער כאַראַק־

טעריזירט ווערן, קען מען בלי ספק ארייננרעכענען דעם אידישן געלערנטן משה שטיינשניידער.

עס וועט קיין גוזמא ניט זיין ווען מיר וועלן זאָגן, אַז שטיינשניידער האָט מיט אַ מייסטערהאַפטער סואווערעניטעט (אומבאַגרענעצטע הער־שאַפט) באַהערשט די ג אַ נ צ ע א י ד י ש ע נ אַ צ י אָ נ אַ ל ע ל י ט ע ר אַ ט ו ר. און אַט וואָס עס ווערט געשריבן וועגן אים:

שטיינשניידער האָט זיך געהאַלטן לעבנסלאַנג אין די ווערטער פון אַן איטאַליענישן דענקער: „האַלט זויבער דיין גייסט, און מאַך דיין אַר־בעט פלייסיק און שנעל, ערנסט און פאַרשטענדלעך, ווי דאָס וואָלט גע־ווען דיין לעצטער טאָג אין לעבן, און אין אָוונט וועסטו שוין דאַרפן אָפּ־געבן דין וחשבון פון אַלע דיינע מעשים; אָבער הויב אָן דיין אַרבעט ווי דו וואָלסט זיכער געווען, אַז דו וועסט לעבן נאָך הונדערט יאָר".

אַלס נייניציק יאָריקער מאַן, האָט ער זיין פעדער נאָך ניט אוועק־געלייגט. טאָג און נאַכט געגריבלט זיך אין אַלטע מאַנוסקריפּטן, געזאַמלט מאַטעריאַל פאַר נייע וויסנשאַפטלעכע אָפּהאַנדלונגען אויף פאַרשידענע געביטן, און דאָס אַלעס געמאַכט מיט גרוים געדולד, מיט פיל ישוב הדעת, ווי ער וואָלט זיכער געווען אַז ער וועט נאָך אַ מאָל אַזוי פיל יאָרן לעבן — ווי פיל ער איז אַלט.

משה שטיינשניידער האָט רעפּרעזענטירט דעם העכסטן טיפּ פון אַן אָביעקטיוון פאָרשער, דער אוניווערסאַלסטער אידישער געלערנטער אינם נייִנצנטן יאָרהונדערט. ער האָט איבערגעטראָפן מיט דער רייכקייט פון זיין וויסן און מיט זיין שאַפונגס - קראַפט, אַלע אידישע געלערנטע פונם דערמאנטן יאָרהונדערט.

דער הויפּט און דער צענטראַל געדאַנק פון שטיישניידערס וויסנ־שאַפטלעכער אַרבעט איז געווען פאָלגנדער: די העברעאישע ליטעראַטור פון מיטלאַלטער איז געווען באַאיינפלוסט פון דער אַלגעמיינער מענטש־לעכער קולטור, און די ערשטע האָט צוריק באַאיינפלוסט די לעצטע. דאָס וויל זאָגן, אַז די העברעאישע ליטעראַטור איז ניט קיין אָפּגעריי־סענער אבר פון דער וועלט-ליטעראַטור, נאָר איינער פון אירע לעבעדיקע אָרגאַנען, וועלכער איז צוזאַמענגעבונדן מיטן גרויסן אָרגאַניזם.

שטיינשניידער האָט פיינט געהאַט צו בויען אָדער צו שפּינען הי־פּאָטעזן (השערות); ער איז געווען פעדאַנטיש (אַ קלייניקייטס-גייסט)

אין יעדן אויסדרוק זיינעם. ער איז געווען פּרעציז אין יעדן וואָרט וואָס ער האָט אויפגעשריבן.

די פאַרשטויבטע מאַנוסקריפּטן מיט זייערע טויטע בוכשטאַבן אויף וועלכע ער האָט געאַרבעט צענדליקער יאָרן, האָבן אין אים ניט געטויט זיין לעבעדיקן און אומרואיקן גייסט. שטיינשניידער האָט אויך באַזעצט אַ קלוגן הומאָר, און דער זעלבער האָט אָנגעהאַלטן אין די הויכע אַכציקער יאָרן זיינע און מיט אים זיך אויסגעלאַכט פון די אַלע מענטשן מיט זייערע איינגערעדטע חכמות. מיט איין שאַרפן וויץ, מיט איין גיפטיקער סאַרקאַסטישער באַמערקונג, פלעגט ער מבטל מאַכן אַלע יענע נאַראָנים, וועלכע האַלטן זיך פאַר גדולים, און מערקווירדיק, אַלס שוין אַכציק יעריקער מאַן האָט ער אָנגעהויבן שטודירן די העכערע מאַטעמאַטיק, אום צו דערקלערן די נויטיקע קענטענישן וואָס ער האָט געדאַרפט פאַר זיין פאַרשונג, אויף דעם געביט פון מאַטעמאַטיק און דער אַלטער העברעאישער ליטעראַטור. שטיינשניידער פלעגט זאָגן: „איך שרייב נאָר פאַר דריי אָדער פיר לייענער". אוןווירקלעך, לייענען אין פולן זין פון וואָרט קען מען ניט אָנרופן די וועלכע האָבן פאַר זיך „קאַטאַלאָגן", ווי עס זייענען געווען אַלע ווערק פון שיינשניידער, און קאַטאַלאָגן לייענט מען ניט. אין טרוקענע באַצייכענונגען — אין וואָס עס האָט זיך קאָנצענטרירט די מייסטע פון זיינע וויסנשאַפטלעכע אַרבעטן — אינטערעסירן זיך פאַרשער, און אַזעלכע האָבן זיך אינטערעסירט מיט זיינע שאַפונגען, געלערנטע וואָס באַשעפטיקן זיך מיט דער אַנטוויקלונגס-געשיכטע און מעדיצינישער אָדער מאַטעמאַטישער וויסנשאַפט אינם מיטלאַלטער. אידן, אָדער ניט אידן — די אַלע זיינען די תלמידים פון שטיינשניידער וואָס שטודירן זיינע ווערק.

ר' אליעזר צבי הכהן צווייפל

ר' אליעזר צבי הכהן צווייפל איז געבוירן אין דער ליטע און התונה געהאַט, ווי דער מנהג העולם איז צו יענער צייט געווען, ווען מען האָט חתונה געמאַכט אַ בחור נאָך איידער ער איז אַ ראוי לחופה געווען, זיך ניט אָנפרעגנדיק ביי אים. צווייפלען איז דער „עזר" ניט געווען צום האַרצן, אוים געווען די צייט, פיל יאָרן אַרומגעוואַנדערט, און אַליין שטודירט אידישע און וועלטלעכע וויסנשאַפט און געוואָרן אַ באַרימטער שריפטשטעלער.

אין די צוואנציק יאָר וואָס ער איז געווען לערער אין ראַבינער־סע־מינאַריע אין זשיטאָמיר האָט ער פאַרפאַסט פיל ספרים, דורך וועלכע ער האָט זיך פאַרשאַפט אַ גרויסן נאָמען אין אונזער ליטעראַטור. מיר וועלן דאָ ברענגען די וויכטיקסטע פון זיי:

א) „מינים ועוגב", ערנסטע באַמערקונגען אין תנ"ך, אין נוסח התפילות, און אין תלמוד; צוגעווירצט מיט חקירה און קריטיק, מליצה און שיר.

ב) „מוסר אב", אַנטהאַלט צוויי בריוו: 1. אַ בריוו פון רמב"ם צו זיין זון ר' אברהם; 2. אַ בריוו פון ר' יהודה אבן תבון צו זיין זון ר' שמואל, מיט וויסנשאַפטלעכע אייגענע באַמערקונגען.

ג) „פרדס רמונים" אויף די תלמוד'ישע אגדות, פאַרפאַסט פונם ספרד'ישן חכם שם טוב שפרוט, מיט זיינע טיפזיניקע באַמערקונגען.

ד) שאַרפע באַמערקונגען אויפן ספר לקוטי צבי, פון ר' צבי הירש סגל פון ראָוונאָ.

ה) „תושיה", אַ דערציילונג.

ו) „שלום על ישראל", אַ קריטיק אויף חסידים און זייערע ספרים.

ז) „חשבונו של עולם", אַן איבערבליק איבער דער מענטשלעכער הנהגה.

ח) „סניגור", אַ ספר וועלכער האָט אים דעם גרעסטן רום פאַרשאַפט; ער האָט זיך קונה שם געווען, סיי ביי אידן, און סיי ביי וויסנשאַפטלעכע ניט אידן, נאָכדעם ווי ער איז איבערזעצט געוואָרן. אין „סניגור" פאַר־טיידיקט ער אויף אַ וואונדערבאַרן אופן דאָס אידישע פאָלק קעגן זיינע אַנגרייפער, און די אידישע תורה.

צוויפל האָט אויך געשריבן אידיש. ווי „תוכחת חיים", „דער גע־קויפטער מפטיר" און אין שלום עליכמ'ס „אידישע ביבליאָטעק" אַ זעלטן שיין געדיכט מיטן נאָמען: „די פאַרקערטע וועלט".

אליעזר צבי הכהן צוויפל איז נפטר געוואָרן אין תרמ"ח, אַלט זייענדיק דריי און זיבעציק יאָר.

ה. תקע"ז — 1817 — די לערער

פון יוריספרודענץ אין אוניווערזיטעט אין בערלין, באַשטימען צו פאָדערן אַפּצונע־מען די בירגער־רעכט פון די אידן, וועלכע איז זיי געגעבן געוואָרן אין פראַנקפורט אַם מאַין פון דער פראַנצויזישער רעגי־רונג, און זיי זאָלן זיך רעכענען אַלס שקלאַפן קעגן די קריסטלעכע איינוואוי־

נער. — די פרוי חנה אדאמס, א געביר־טיקע אין באסטאן, פארפאסט א בוך פון אידישע געשיכטע פון חורבן בית שני ביז אין דער לעצטער פעריאדע. — ישראל יאקאבזאן, דער ערשטער רעפארמאטאר אין דייטשלאנד, קומט פון קאסעל קיין בערלין צו גרינדן — מיט דער הילף פון דעם באנקיר יעקב בעער — (דער פאטער פונם באוואוסטן קאמפאזיטאר מאיר בעער) א רעפארם־טעמפל מיט ענדע־רונגען אין נוסח התפלה, און באשטימטע דרשות אין דער דייטשער שפראך, און ארגל און כאר־געזאנג. — א גרויסע אויפ־רעגונג מצד די ארטאדאקסן קעגן די רע־פארמער. די ערשטע פרעדיקער: יעקב אויערבאך, עדוארד קליי, און ל. גינס־בערג. — די פרייסישע רעגירונג פאר־שליסט דעם רעפארם־טעמפל אין בער־לין. — קליי פארט אפ פון בערלין קיין האמבורג צו גרינדן דארט א רעפארם־טעמפל. — י. ברעסלער און ז. פראנקעל פארזאסן א „סדר התפלה” אויף העברע־איש. — דער געבורט פון ר׳ צבי הירש גרעץ.

ר׳ צבי הירש גרעץ איז געווען דער ארכיטעקטאר וועלכער האט מיט דער גרעסטער ארכיטעקטישער קונסט אויפגעבויט דעם היסטארישן בנין. דער ארכיטעקטאר וועלכער האט אויף דעם היסטארישן גרונט־שטיין אויפגעשטעלט אן עלף שטאקיקע היסטארישע געביידע, דער אר־כיטעקטאר, וועלכער האט דאס מאטעריאל צו דעם בנין אין פארשידענע שטעט און לענדער געזאמלט און פארפארטיקט די שטיינער וועלכע האבן דעם היסטארישן בנין דעם גרעסטן פראכט און גלאנץ געגעבן.

אין א קליין שטעטל אין פרייסישן פוילן, אין באצירק פויזן, מיטן נאמען זשערקאוו, איז אין יאר 1817 ביי דעם דין פון יענעם שטעטל, ר׳ יעקב גרעץ, געבוירן געווארן א שוואך יונגעלע, וועלכעם מען האט א נאמען געגעבן צבי הירש. אין ארימקייט און דחקות איז דאס קינד דערצויגן געווארן, עס איז אבער ווי אן אומשעצבארער אוצר ביי די על־טערן פארערעכנט געווארן. ביז פיר יאר האט די מוטער זיינע מיט אים אליין געלערנט, נאך די פיר יאר האט מען אים צו א לערער אפגעגעבן, וועלכער האט גלייך דערקענט, אז א ליכטיקער שטערן איז אויפן אידישן הימל אויפגעגאנגען. נאך גאר אלס יונג קינד האט ער די דייטשע שפראך דערלערנט, און אין דער זעלבער צייט אויך תלמוד מיט אלע נושאי כלים זיינע. ווען דער גרויסער גאון ר׳ שמשון רפאל הירש פון פראנק־פורט, איז געווען רב אין אלדענבורג, און דארט פארעפנטלעכט זיינע בארימטע ניינצן בריוו, האט דאס יונגל גרעץ נאכן איבערלייענען די זעלבע, געשטעלט דעם גרויסן גאון פארשידענע פראגן, אין וועלכע דער

גאון האָט דערקענט, אַז פון דעם פרעגער וועט אויסוואַקסן איינער פון די גרעסטע געלערנטע. ער האָט אים אַרויסגערופן פון זשערקאָוו קיין אלדענבורג ער זאָל זיין חבר זיין אויף צו שטודירן חכמת ישראל. אונטער דער השגחה פון ר׳ שמשון רפאל הירש, האָט ער באַזוכט דעם גימנאַ־זיום, און פון דאָרט מיט דער גרעסטער אויסצייכענונג, אַריינגעטראָטן אין אוניווערזיטעט אין ברעסלוי, און זיך פאַרפאַלקאָמט אין אַלזייטיקע ווּיסנשאַפט און אויך אין חכמת ישראל.

אינם יאָר 1846 האָט ער פאַרעפנטלעכט זיין ערשט בוך: „גנאָסי־סיזמוס אין יודענטום״, איינגעטיילט אין זיבן פרקים: 1) די גנאָסטיקער און זייערע קעגנער; 2) דאָס צוזאַמענשטעלונג פון גימטריאות און נוטריקון דורך די אותיות אי״ק, בכ״ר, און א״תב״ש, וואָס ווערן דער־מאנט אין תלמוד; אחר — אלישע בן אבויה; 4) בן עזאי און זיין שטה אין דער טעאָלאָגיע; 5) בן זומא; 6) ר׳ עקיבה בן יוסף און זיין שטה; 7) דער „ספר יצירה״, זיין מחבר און זיין אַנטוויקלונג. אין דעם בוך האָט גרעץ אַרויסגעוויזן אַ געוואַלדיק גרויס וויסן אין תלמוד, אין די גריכישע פילאָ־זאָפיע, וועלכע האָט זיך סיסטעמאַטיזירט אינם דרך פון דער נייער אמונה.

גלייך נאָכדעם איז ער צוגעטרעטן צו דער קאָלאָסאַלע ליטערא־רישער אַרבעט, אַרויסצוגעבן די אידישע היסטאָריע. און זיין אומ־דערמידלעכע אַרבעט איז צו פאַרדאַנקען די פרוי זיינע, די טאָכטער פונם פאַרלעגער ה׳ מאנאש, אין קראטאשין, וועלכע מיט איר שיינקייט און חכמה האָט אים זאָרגלאָז געמאַכט, און איז אימשטאַנד געווען פאַרט־צוזעצן מיט אַ רואיקן קאָפּ זיין ליטעראַרישע אַרבעט. אין יאָר 1850 האָט ער פאַרענדיקט די טייל וועלכע ווערט פאַררעכנט פאַר דער פער־טער אין די עלף טיילן, אָדער פרקים, אין דער אידישער היסטאָריע. די דאָזיקע טייל נעמט אַרום דעם פעריאָד פון די מכבעער און דעם חורבן הבית דורך טיטוס, ביז חתימת התלמוד. און מיר זעען דאָרט דעם וואונ־דער־מאַן, זיין וואונדערלעכע פאַרשטענדעניש אין דער גריכישער און רוימישער וויסנשאַפט, זיינע שאַרפזיניקע באַטראַכטונגען און טיפע בקיאות אין ביידע תלמודים, תלמוד בבלי און תלמוד ירושלמי, און אַלע מדרשים; מיר זעען דעם זעלטענעם פסיכאָלאָג ביי זיין שילדערן דעם כאַראַקטער פון די תנאים און אמוראים. און מיר בלייבן דערשטוינט, ווען מיר מערקן דאָס וואונדערבאַרע גאונות פון גרעץ, צו פאַרטיפן זיך

אין הונדערטער מאַנוסקריפּטן וועלכע ער האָט אין אַ קורצע צייט צו־נויפגעזאַמלט אַלס מאַטעריאַל, און פון דאָרט אַ נייעם שיין אַרויסבאַ־קומען צו באַשטראַלן מיט דעם די פילאָזאָפיע פון די נייע אַלכּסנדריער, און אויך דורך דער זעלבער ברענגען אָרדענונג אין דער מורא׳דיקער ערבוביא, אינם שרעקלעכן כאַאָס פון ליכט און פינסטערניש וואו ס׳איז צו מערקן, ניט צוויי, נאָר הונדערטער קאָנטראַסטן ביים אידישן פאָלק: קנעכטשאַפט און אידעען - פרייהייט; גלות און ערנידערונג פון איין זייט, און מסירת נפש על קדושת השם פון דער צווייטער זייט; פון איין זייט שקלאַפן, פאַריאַכטע, וועלכע ווערן אויף אַן אכזריות׳דיקן אופן גע־מאַטערט, און פון דער צווייטער זייט בתי מדרשים מיט צענער טויזנטער תלמידים, וועלכע קעמפן פאַרן גייסטיקן עקזיסטענץ. אינם יאָר 1856, האָט גרעץ געענדיקט דעם דריטן כּרך, אַן אָפּהאַנדלונג פון דער זעלבער פּעריאָדע, אָבער מיט זעלטן וויסנשאַפטלעכע היסטאָרישע פּאַרטיפּע־נישן אין אַלע צווייגן פון פעלקערשער הומאַניטעט, צוליב וועלכע ער האָט זיך געמוזט באַנוצן מיט מערערע פּרעמד־שפּראַכיקע ביכער, ווי פּערסישע, אַראַבישע, רוימישע, און גריכישע און אויך אין ביכער גע־שריבן אין אַשורית. אינם יאָר 1861 געענדיקט דעם פינפטן און זעקסטן וועלכע אַנטהאַלטן די היסטאָריע פון די גאונים און רבנן סבוראי. די אויפבליאונג פון דער אידישער ליטעראַטור אין אַראַביע, און איסלאַמישע שפּאַניע. די גאָלדענע עפּאָכע פון דער אידישער פּאָעזיע. די אַנטוויקלונג פונם תלמוד אין דער צייט פון רש״י מיט די בעלי התוספות. אין יאָר 1864 האָט ער אַרויסגעגעבן דעם זיבעטן און אַכטן כּרך, פון דער פּטירה פונם רמב״ם ביז דעם גירוש שפּאַניע און פּאָרטוגאַל. אין יאָר 1866, איז פון אים אַרויס דער ניינטער כּרך, פון גירוש שפּאַניע ביז דער איינ־וואַנדערונג פון די מאַראַנען אין האָלאַנד. אין 1868 — דעם צענטן כּרך, פון יענער איינוואַנדערונגס - צייט, ביז מענדעלזאָן און אין זיינער צייט — די השכּלה - אַנטוויקלונג. אין יאָר 1870 דעם לעצטן, עלפטן כּרך, פון מענדעלזאָן ביז צום יאָר 1848. דער עלפטער כּרך איז אָבער נאָר דער ניינטער. די ערשטע צוויי כּרכים, אין וועלכע ס׳איז פון אים באַשריבן די פּעריאָדע פונם אידישן פאָלק אין זיין גליקלעכער צייט, ווען זיין הימל איז געווען לויטער, און די זון פון וועלכער ער איז געווען באַשטראַלט האָט איבער זיין קאָפּ געשיינט, האָט גרעץ אַ נדר געטון צו שרייבן ערשט

נאָך זיין באַזוכן דאָס הייליקע לאַנד, מיט זיינע אייגענע אויגן זען אַלע די ערטער אין וועלכע עס האָבן געלעבט די לערער פונם אייביקן פאָלק. און זיין נדר האָט ער מקיים געווען. אין יאָר 1873 איז גרעץ געקומען קיין ארץ־ישראל. דאָרט דורכגעגאַנגען דאָס לאַנד אין דער לענג און אין דער ברייט, ניט דורכגעלאָזט איין שטיקל ערד, איין שטיין, איין מצבה, וועלכע דערמאָנען נאָר דאָס ליכטיקע, דאָס אומאָפּהענגיקע, און אויך דאָס מו־טיקע, דאָס שטאָלצע לעבן פונם אידישן פאָלק, אויף זיין הייליקער ערד. און קומענדיק צוריק געענדיקט די ערשטע צוויי כרכים פון די אבות, ביז די חשמונאים. און דעם גאַנצן גייסטיקן בנין האָט דער גרויסער אַרכיטעקטאָר פאַרענדיקט אין תרל״ה — 1875.

ה. תקע״ח — 1818 — אליעזר לי־בערמאַן, דער דעלעגאַט פון די רעפאָר־מער אין האַמבורג, פאָרט אַרום איבער פיל שטעט אין עסטרייך צו שאַפן אָנ־הענגער צו דעם רעפאָרם־אידנטום. אהרן חאָרין, משה קוניץ פון אונגאַרן, שם טוב סאַמאַן און יעקב חיים ריקאַנטי פון איטאַליע, גיבן זייער הסכמה איינ־צופירן די רעפאָרמירטע גאָטעס־דינסט אינם דאָרטיקן טעמפּל. — די אָרטאָ־דאָקסישע רבנים פּראָטעסטירן קעגן די רעפאָרמען אין אַן אויפרוף וואָס זיי האָבן אַרויסגעלאָזט אונטערן נאָמען: „ואלה דברי הברית״. די אָרטאָדאָקסישע רבנים: רבי מרדכי בענעט אין ניקעלסבורג, ר׳ יעקב פון ליסא, ר׳ עקיבא איגער אין פּאָ־זען, ר׳ משה סופר פון פּרעסבורג, צו־זאַמען מיט די פאָרשטייער פון דער קאָנ־סיסטאָריע אין פראַנקרייך, פּראָטעסטירן קעגן דער רעפאָרם. — דער קעניגלעכער קאָנגרעס אין אַאַכען נעמט אויף אַ מע־מאָראַנדום פונם אידיש־ענגלישן שטאַטס־מאַן לואיס וואַי, אין וועלכן ער פאַרלאַנגט צו פאַרבעסערן די אידישע לאַגע אין רוסלאַנד. דער רוסישער קייזער, אַלעק־סאַנדער דער ערשטער, פאַרשפּרעכט צו נעמען עס אין אַכט. לואיס וואַי איז אויך דער ערשטער וועמען עס אינטערעסירט, ערנסט און אויפריכטיק, די אידישע נאַ־ציאָנאַליטעט. — ליבערמאַן לאָזט אַרויס זיין בוך: „אור נוגה״, וועלכעס שאַפט אַ שטורעם פון אויפרעגונג ביי די עסט־רייכישע אידן, אָס ענדע טויפט ער זיך. — פיל אידישע פאַמיליעס ווערן אריינ־געוואָרפן אין געפענגעניש אין וועליזש אי־בער „עלילת דם״. — מרדכי יאָסט הויבט אָן שרייבן זיין בוך „קורות היהו־דים״. — דער געבורט פון קאַרל מאַרקס.

קאַרל מאַרקס און פערדינאַנד לאַסאַל

איך וועל מיך לענגער אָפּשטעלן צו כאַראַקטעריזירן די צוויי היס־טאָרישע פּערזענלעכקייטן, קאַרל מאַרקס און פערדינאַנד לאַסאַל, ווען אויך זיי זיינען ביידע געוואָרן הוץ למחנה ישראל׳דיקע. דער ערשטער

איז אַלס זעקס יאָריקעס קינד געטויפט געוואָרן פון זיין פאָטער היינריך, און דער צווייטער, אַליין זיך אָפּגעטובל'ט אָן קיינעמס הילף... ווען אויך דאָס אידישע פאָלק קאָן זיי ניט מוחל זיין אויף זייער פאַרראַטן, לעבן מיר אָבער איצט אין אַ צייט פון אידישער טאָלעראַנץ, און מיר ווייסן אויך ווי צו שעצן אַ געניע, וועלכער האָט זיין פאָלק פאַרראַטן. מיר באַדויערן נאָר די פאַררעטער וועלכע האָבן אין פאַרראַט פאַרלוירן דעם געניע.

מיר וועלן דאָ קיין טעאָרעטישע פירושים און באַמערקונגען אויף זייערע טעאָריעס ניט מאַכן. מיר גיבן נאָר אַ כאַראַקטעריסטיק איבער די פערזאָנען און אן אויבערפלעכלעכן איבערבליק איבער זייער טעאָריע.

מיר וועלן אָנהויבן פון קאַרל מאַרקס.

דער ווירקלעכער פאַמיליען-נאָמען פון דער משפחה, וועלכע האָט געלעבט אין ערשטן פערטל פונם נייַנצנטן יאָרהונדערט, אין דער רהיין פראָווינץ אין שטעטל טריער, איז געווען „מרדכי". אין דער זעלבער משפחה זיינען געווען מערערע פרייסישע רבנים. היינריך מאַרקס — קאַרל מאַרקס' פאָטער — נאָכדעם ווי ער האָט זיך דורכגעדרונגען מיט די אידעען פון וואָלטער און אַנדערע וויסנשאַפטס-מענער פונם נייַנצנטן יאָרהונדערט, און איז באַהערשט געוואָרן פון די זעלבע השכלה-אידעען, צוזאַמען מיט פיל אַנדערע אידישע יונגעלייט אין דייטשלאַנד, האָט פאַרענדיקט מיט זיין אידישקייט דורך דער שמד-מגפה וואָס האָט געבושע-וועט אין דייטשלאַנד צו יענער צייט... ער האָט פאַרביטן זיין פאַמיליען-נאָמען „מרדכי" אויף מאַרקס.

ער האָט געשטודירט יוריספּרודענץ, און איז געוואָרן אַדוואָקאַט.

ווען נאַפּאָלעאָן האָט צו יענער צייט געמאַכט זיין „שפּאַציר-גאַנג" איבער דייטשלאַנד, איינגענומען פיל דייטשע פּראָווינצן, איז אויך צו אים אַריינגעפאַלן דאָס שטעטל טריער, וואו קאַרל מאַרקס' עלטערן האָבן געלעבט.

צוזאַמען מיט פיל אַנדערע פעאָדאַלע אָרדענונגען, האָט ער אויך אָפּגעשאַפט די אידישע רעכטלאָזיקייט. אידן זיינען געוואָרן גלייכע ביר-גער מיט אַלע אַנדערע איינוואוינער. היינריך מאַרקס איז געוואָרן ביי זיך אין שטעטל אַן אָנגעזעענער אַדוואָקאַט, און אַפילו פון דער פרייסישער רעגירונג באַשטימט געוואָרן פאַר יוסטיץ - ראַט. און ס'איז גאַנץ מעגלעך, אַז ווען היינריך מאַרקס זאָל געווען פריער וויסן,

פון דער בשפע׳דיקער עמאַנציפּאַציע וואָס אידן וועלן געניסן, וואָלט ער אפשר דאָס שמד־שטיק ניט געווען באַגאַנגען...

היינריך מאַרקס צוזאַמען מיט זיין פרוי הענריעטע און זייער זעקס יאָריקן זון קאַרל האָבן אין יאָר 1824 טבילה געהאַט אין דער עוואַנגע־ליש־לוטעראַנישער קירכע. קאַרל איז געווען אַ געזונט, שטאַרק קינד, און אַ גרויסער שטיפער. פון קינדווייז אָן זיך אויסגעצייכנט מיט אַ בייסנדן שפּאַס, מיט אַ שטעכנדיקן סאַרקאַזם. זיינע שול־חברים אין גימ־נאַזיום פלעגן האָבן פיל אויסצושטיין פון זיינע „שטעכווערטער”. ער פלעגט קיינעם ניט נושא פנים זיין. און דער סאַרקאַזם איז אים פאַר־בליבן ביי זיין באַהאַנדלען פּאָליטישע פראַגן, וואָס פלעגט אַרויסרופן קעגן אים האַס, געמישט מיט מורא. קאַרל מאַרקס איז אָבער בטבע ניט געווען קיין שלעכטער, פאַרקערט, פון זיינע קלוגע אויגן האָט אַרויסגע־קוקט גוטסקייט און ליבע. זיין פאָטער היינריך, דער פּראַקטישער אַד־וואָקאַט און פילאָזאָף, האָט זיך טאַקע געשראָקן פאַר זיין קינדס צוקונפט צוליב זיין גוטסקייט. ער האָט פאָראויסגעזען אַ טראַגישן מזל פאַר אים. קאַרל מאַרקס האָט שטודירט לויטן פאַרלאַנג פון זיין פאָטער, יורים־פּרודענץ. די לימודים געפעלן אים אָבער ניט, ער טרוימט צו ווערן אַ פּאָעט און פילאָזאָף. ער פאָרט אוועק קיין בערלין, באַפריינדעט זיך דאָרט מיט העגעלס שילער — לודוויג פייערבאַך, ברונאָ בויער און שטרויס, און פאַרנעמט זיך מיט אייפער צו שטודירן פילאָזאָפיע. קאַרל מאַרקס האָט אָבער מיט דער צייט באַפאַרצוגט די אַרבעט פון אַ זשור־נאַליסט, וועלכער קאָן „דינען דער מענטשהייט”. ער האָט אַרויסגעוויזן אַן אומגעהויערע אַרבעטס־פעאיקייט, פלעגט גאַנצע נעכט אָפּזיצן ביים שרייב־טיש.

אין יאָר 1841 איז ער אין יענאַ, אַ דאַנק זיינער אַ דיסערטאַציע איבער אַ פילאָזאָפישער טעמע, אָנדערקענט געוואָרן אַלס דאָקטאָר פילאָ־זאָפיע.

איך וועל דורכלאָזן די פעריאָדע פון 1841 ביז 1847, די איבערלעבע־נישן זיינע, סיי די גייסטיקע, און סיי די מאַטעריעלע, און קומען צום יאָר 1847, אין וועלכן ער, צוזאַמען מיט פרידריך ענגעלס, זיינען אַריינגע־טראָטן אין „קאָמוניסטישן בונד”. זייער ווירקונג אויף דער רעוואָלוציאָ־נערער אייראָפּע, ווערט פון דאַן שטאַרק און פילבאַר. מאַרקס פאָרט

אַפּ — אויף דער איינלאַדונג פון דער פראַנצויזישער פּראָוויזאָרישער רע־גירונג — קיין פּאַריז, דערנאָך קיין דייטשלאַנד, טרעט אַרויס אויף מי־טינגען, פּאַרטיפּט אומעטום, אין וואָרט און שריפט, די רעוואָלוציע אין איירָאָפּע. אין קעלן לאָזט ער אַרויס, צוזאַמען מיט ענגעלסן, די „נייע רהיינישע צייטונג", די ערשטע סאָציאַל - דעמאָקראַטישע צייטונג אין דער דייטשער שפּראַך.

אַ לאַנגע, גאַר אַ לאַנגע צייט האָט געלעבט אין גרויס דחקות אָט דער גרויסער פילאָזאָף, קענער און פאָרשער פון דער מענטשלעכער געזעלשאַפט. קאַרל מאַרקס, דער שוין ניט איד, האָט מקיים געווען דעם „כך היא דרכה של תורה" אין פולן זין פון וואָרט... צוליב זיין טעאָריע האָט ער זיך צופרידן געשטעלט מיט אַ טרוקן שטיקל ברויט. זיין פרוי, דזשעני מאַרקס, וועלכע האָט געשטאַמט פון אַ רייך אַדעליגעם הויז, שילדערט אין אַ בריוו די אומדערטרעגלעכע נויט. איך ברענג דאָ דעם בריוו, און זאָל ער דינען פאַר אַ מוסטער, פאַר אַלע פרויען, צו וועלכן שטאַנד זיי זאָלן ניט געהערן.

„איך האָב געזויגן מיין קינד — שרייבט זי — ווייל איך בין ניט געווען אימשטאַנד אַוועקצוגעבן עס צו אַן אַם, אין דער צייט ווען איך האָב געליטן שרעקלעכע שמערצן אין דער ברוסט און אין רוקן. די ברוסט איז געווען באַדעקט מיט וואונדן און דאָס קינד מיינס האָט ממש אין זיך אַריינגעזויגן דאָס בלוט פון דער וואונד. דאָס קינד איז שטאַרק קראַנק. די ווירטין איז אין דער צייט פון מיינע אייגענע גרויסע שמערצן און די פון מיין קינד, געקומען מאָנען אַ חוב פון פינף פונט שטערלינג. אַזאַ סומע האָבן מיר ניט פאַרמאָגט, און זי, מיט דער הילף פון די באַהערדע, האָט פאַרחתמ'עט די מעבל, בעטן, בעטגעוואַנד, דאָס וויגל און מיינע קינדערס שפּילצייג... און מיר אַלע זיינען געווען געצוואונגען צו שלאָפן אויפן הוילן פּאָל..."

ערשט שפּעטער, אינם סוף פון די זעכציקער יאָרן, האָט קאַרל מאַרקס באַקומען נאָך זיין פאָטערס טויט אַ ירושה פון אַ היבש פאַרמעגן, און דאָס לעבן איז לייכטער געוואָרן. אין יאָר 1881 איז זיין פרוי, וועלכע האָט ניט ווייניק געליטן אין איר לעבן פון נויט און אָרימקייט, געשטאָרבן. מאַרקס' געזונט איז נאָך איר טויט צעבראָכן געוואָרן און נאָכן צווייטן אומגליק, ווען זיין געליבטע טאָכטער איז געשטאָרבן, איז מאַרקס פאַר

גרויסע שמערצן קראַנק געוואָרן, און אין 14-טן מערץ 1883 איז ער, זיצנדיק אויף זיין שטול, אויף אייביק איינגעשלאָפן.

וועגן זיין טעאָריע קען מען זיך — ווי שוין געזאָגט — אין קיין האַנט-בוך ניט אָפּשטעלן. איבערהויפּט איך, אַלס אַ נאַציאָנאַל געזאַ־נענער, קען דאָך בשום אופן ניט איינשטימען מיט דער גאַנצער טעאָריע... איינס וויל איך דאָ נאָר פאַרצייכענען, אַז דער גרויסער דענקער, דער גרויסער פילאָזאָף, קאַרל מאַרקס, איז גאָר ניט געווען אַזאַ גרויסער „אוהב ישראל"... אין יאָר 1844 האָט ער אָנגעשריבן צוויי קורצע אַר־טיקלען וועגן דער אידן-פראַגע. צום באַדויערן פילט זיך אין זיי גאָר ניט קיין פריינטלעכקייט צו דעם אידישן פאָלק פון וועלכן ער שטאַמט אַליין... ער האָט געשפּיגן אין ברונעם פון וועלכן זיינע עלטערן האָבן גע־טרונקען... און ניט נאָר מיר, נאָר אפילו ניט אידן זיינען אים חושד אין אַנטיסעמיטיזם. ווי למשל פּראָפעסאָר בולגאַקאָוו. האָט קריטיקירט מאַרקסן פאַר דער „אידישער עולה" וואָס ער איז באַגאַנגען. דער זון — שרייבט ער — האָט אויפגעהויבן זיין האַנט אויף זיין אייגענער מוטער... האָט זיך גייסטיק אָפּגעזאָגט פון זיין אייגן פאָלק..."

און אונזערע ניט אידישע יודאָפאָבן, האָבן אויסגענוצט אויף זייער שטייגער געוויסע אויסדריקן פון מאַרקס' אַרטיקלען, און באַגרינדעט דערמיט זייערע אַנטיסעמיטישע טעאָריעס.

און ס'איז קיין וואונדער ניט, דער קאַפּיטאַליזם איז דאָך געווען ביי אים אַזוי פאַרהאַסט אַז ער האָט אים פאַררעכנט פאַר דעם אָנגענומענעם גאָט פון דער בורזשואַזיע, וועלכן מען דאַרף אויסראָטן צוזאַמען מיט זיינע אָנהענגער. און ס'איז פאַר אים קיין אונטערשיד ניט געווען פון אַ איד ביז ניט אַ איד... נו, ווי אַזוי-זשע קאָן ער שוינען אידן, וועמען ער האָט דאָס געלט צוגערעכנט פאַר זייער גאָט? אָבער איך בין ניט אויסן צו פאַרטיידיקן אָדער באַשולדיקן. איך האָב נאָר געשילדערט די פּער־זענלעכקייט פון קאַרל מאַרקס, און זיך אָפּגעהאַלטן צו גריבלען זיך אין זיין טעאָריע, און אין זיין אידישער אָדער ניט אידישער נשמה... איך וויל אויך דאָ באַמערקן דעם אונטערשיד צווישן היינען — דעם אַליין געטויפטן, ביז קאַרל מאַרקס, דער געוואָרענער געטויפטער. דער ערשטער, דער דיכטער, האָט אויף זיין שריט חרטה געהאַט און זיינע ברידער אידן ניט פאַרראַטן, פאַרקערט, געלויבט זייערע מעלות; און קאַרל

מאַרקס איז געשטאָרבן אָן דער מינדסטער חרטה אויף די ליפּן, און געזען אין זיינע בּרידער — אידן — חסרונות, ניט קיין מעלות, ווען אויך די אידישע חסרונות, זיינען דאָך ניט קיין גרעסערע פון די ניט אידישע...

און איצט אַ קורצער איבּערבּליק איבּער דער פּערזענלעכקייט פון פערדינאַנד לאַסאַל (געבּוירן אין יאָר 1825). דער אונטערשיד פון די צוויי געניעס, מאַרקס און לאַסאַל — ווי די היסטאָריע וויל האָבּן — איז אין דעם: מאַרקס איז גרעסער, ערנסטער, געלערנטער און טיפערער דענקער און מער אויסגעהאַלטן פון לאַסאַלן. דאַקעגן אָבּער לאַסאַל איז מער פּראַקטי־שער פּאָליטיקער. מאַרקס איז געווען אַ מענטש אַ טעאָרעטיקער, און לאַסאַל אַ מענטש פון מעשים. און אָט וואָס דר. גליקסמאַן שרייבּט וועגן זיי בּיידע: „מאַרקס גרויסע פּערזענלעכקייט איז בּאַהאַלטן אין זיין סיס־טעם, לאַסאַלס סיסטעם איז בּאַהאַלטן אין זיין פּערזענלעכקייט". לאַ־סאַלס לעבּן איז בּיז גאָר, סיי אינערלעך, סיי אויסערלעך, אינטערעסאַנט. געלעבּט צווישן גראַפן און פירשטן, און צווישן נידערגעשלאָגענע אָרימע אַרבּעטער; אין רייכטום, אין גרעסטן לוקסוס, און אויך אין ענגע תּפיסות. אין מאַרקס' נאַטור האָט געלעבּט געמיטלעכקייט, און אין לאַסאַלס — הוראַגאַנישקייט. מאַרקס איז געווען אַ זון פון אַן אַסימילירטער אידישער משפּחה. זיין פאָטער היינריך האָט נאָך פאַרן טויפן זיך חתונה געהאַט מיט אַ קריסטן, מיט זשעני, דעם בּאַראָן פון וועסטפאַלענס טאָכטער, און נאָך אין זיין יוגנט זיך אַריינגעלעבּט אין אַסימילאַציאָנס־גייסט... אַ קאַלט בּלוטיקער, און שטענדיק חוזק געמאַכט פון טעמפּעראַמענט־רעוואָלוציאָ־נערישקייט. לאַסאַל אָבּער איז געוואַקסן בּיי זיינע עלטערן, אין וועמעס שטוב מען פלעגט נאָך רעדן האַלבּ אידיש, און ער אַליין פלעגט אין זיינע פּריוואַט־בּריוו אַריינמישן אידישע ווערטער. לאַסאַל איז געווען אַ „פול־בּלוט־איד" פון דער סלאַווישער גרעניץ, און ווי אַ מזרח איד פאַרייניקט אין זיך אַ געמיש פון פאַרשטאַנד און חריפות.

לאַסאַל איז געווען אַ פילאָלאָג און פילאָזאָף, אַ גרויסער עקאָנאָ־מיסט און אַ געניאַלער פּאָליטיקער. זיינע צייט־גענאָסן כאַראַקטעריזירן אים ווי אַ גענּיאַלן עזות פּנים, אַ חצוף מחוצף... געאָרג בּראַנדעס זאָגט וועגן אים די ווערטער: „לאַסאַלס גייסטיקן מהות, קען מען נאָר אויס־דריקן מיטן אידישן וואָרט: „חוצפּה" וואָס האָט ניט קיין גלייכן אין קיין

שום שפּראַך. און דאָך איז לאַסאַל געווען דער ריטער פונם סאָציאַליזם... ער האָט ניט געוואָלט — ווי אַנדערע סאָציאַליסטישע נביאים — בלויז צעשטערן דאָס גרויסע, דאָס שיינע און דאָס איידלסטע צו וועלכע די בירגערלעכע געזעלשאַפט האָט דערגרייכט דורך איר קולטור; פאַרקערט, ער האָט געוואָלט אַריסטאָקראַטיש אויפהיטן עס און ברענגען דעם אַרבעטער דערצו... לאַסאַל האָט געוואָלט אויספילן די באַשטייענדע מלוכה מיט אַ נייעם זיטלעכן אינהאַלט דורכן זיג פון אַרבעטער־קלאַס אין דער זעלבער לטובת הכלל.

ה. תקע"ט — 1819 — די ערשטע עקסצעסן אויף אידן אין דייטשלאַנד באַקאַנטע אונטערן נאָמען קראַוואלן, אָדער פּאָגראָניים. — איבערפאַלן אויף אידן אין ווירצענבערג, אין בייערן. די קריסטן טויטן מערערע אידישע איינוואוינער, רויבן אַוועק זייער האָב און גוטס. — אידן ווערן אַרויסגעטריבן פון דער שטאָט, פאַרשפּרייטן זיך איבער די פעלדער, און באַזעצן זיך אין לייוועטענע געצעלטן. — די עקסצעסן פאַרשפּרייטן זיך אין די שטעט בראַמבערג און פראַנקפורט אַם מאַין. — עס ברעכן אויך אויס עקסצעסן קעגן אידן אין קאַרלסרוהע און היידעלבערג, אין באַדען. — די סטודענטן פונם דאָרטיקן באַרימטן אוניווערזיטעט פאַרטיידיקן און באַשיצן די אידן קעגן דער מאַסע איבערפאַלער און אויך קעגן דער פּאָליציי, וועלכע באַטייליקט זיך אין די איבערפאַלן. — פּאָגראָם־אויסברוך אין קאָפּענהאַגען, דענעמאַרק. — אין די קלענערע שטעט אין דייטשלאַנד, שוינען ניט די איבערפאַלער אויך די אידישע שולן און פאַרשוועכן זיי. — הונדט ראַדאָווסקי גיט אַרויס זיין אַנטיסעמיטיש בוך: „יודענשפּיגעל". — לאָרד בייראָן, דער באַרימטער ענגלישער דיכטער, פאַרעפנטלעכט זיינע וואונדערבאַרע לידער אין וועלכע עס ווערט געשילדערט די אידישע פאַרפאָלגונגען אין די גלות־לענדער. — דער דייטשער שרייבער יוליוס פוכס, פאַרטיידיקט די אידן אין זיינע ביכער. — צאַנקערייען צווישן רעפאָרמער און אָרטאָדאָקסן. — דוד קארא און ליב מיזים, אהרן חארין, און די רבנים פון איטאַליע, וועלכע האָבן פריער מסכים געווען צו די געמאַכטע רעפאָרמען אין דאַווענען, האָבן חרטה און ציען צוריק זייער הסכמה. — די ערשטע גייסטיקע אַרבעט פון ר' צבי חיות און ר' שלמה ליב ראַפּאָפּאָרט. — דער געבורט פון פּראָפ. דניאל חוואָלזאָן. — געבורט פון דער אידן־פריינדין מאַריאַן עוואַנס (געאָרג עליאָט).

ר' צבי הירש חיות איז געבוירן געוואָרן אין בראָד, גאַליציע. זיין פאָטער ר' מאיר חיות, איז געווען, אויסער זיין יחוס, תורה און חכמה, אויך אַ גרויסער סוחר. פופצן יאָר האָט ער זיין מסחר געפירט אין פלאָרענץ, איטאַליע, נאָכדעם האָט ער זיך באַזעצט אין בראָד, און געוואָרן

איינער פון די גרעסטע באַנקירן, און דורך זיין תורה און חכמה רעספעק־טירט געוואָרן פון יעדן איינעם.

ר׳ מאיר חיות האָט באַהערשט זעקס שפּראַכן; ר׳ צבי הירש׳ס מו־טער, אסתּר חנה, איז געווען אַ פרוי מיט פיל בּילדונג, און רעליגיעז גע־שטימט, און אַזוי האָבּן זיי דערצויגן זייער זון אויף תּורה און חכמה.

נאָך כּמעט אַלס קינד, האָט זיך שוין ר׳ צבי הירש אויסגעצייכנט מיט זיין שאַרפן שכל, און דורכגעגאַנגען תּלמוד מיט אַלע מפרשים, אויך ספרי חכמה און פילאָזאָפיע פון אידישע און ניט אידישע געלערנטע. ער האָט אויך באַזיצט פיר שפּראַכן: דייטש, פראַנצויזיש, איטאַליעניש און לאַטיין. דאָס האָט אים אָבּער ניט אָפּגעהאַלטן פון צו זיין עקסטרעם רע־ליגיעז און זיך אויפפירן מיט דער גרעסטער עניוות. ווען ער איז אַלט גע־וואָרן איין און צוואַנציק יאָר, האָט ער שוין באַקומען סמיכה אויף רבּנות פון דעם גאון ר׳ אברהם זלמן מרגליות און ר׳ אליעזר לאנדא, און שפּעטער מיט אַ יאָר אָנגענומען אַ רבּנות־שטעלע אין זאלקווע און אומגעגנט.

אינם יאָר תקצ״ו, אַלט זייענדיק ניין און צוואַנציק יאָר, האָט ער אָפּ־געדרוקט זיין ערשט ספר „אלה המצות״ געצילט קעגן די בּיבּל־קריטיקער, וועלכע ווילן האָבּן, אַז בּיז עזרא, האָבּן אידן ניט געוואוסט פון דער גאַנ־צער תורה, ווי זי איז געגעבּן געוואָרן פון משה רבּנו, און אַז די תורה אין אַלגעמיין איז אַ באשטימטע אין צייט און אָרט און וועט מיט דער צייט בטל ווערן. אין זיין ווערק וואָס טיילט זיך איין אין דרייצן מאמרים, איז דער גרונט־פּרינציפּ די שטה פונם רמבּ״ם: אַז די תּורה וועט ניט באַקו־מען קיין שום שנוי, ניט אין כּלל און ניט אפילו אין וועלכן ס׳ניט איז חלק.

ס׳איז כּדאי זיך אָפּצושטעלן אויף דער הקדמה פונם ספר, אין וועל־כער עס ווערט געשילדערט די באַציאונג, וואָס ווערט ארויסגעוויזן צו די ספרים, אפילו פון די וואָס קויפן זיי.

„איך ווייס — שרייבּט ער — אַז דאָס אייגענע וואָס קומט פאַר מיט פיל אַנדערע מחברים וועט אויך פאָרקומען מיט מיר. דער אייגענער גורל פון זייערע ספרים וועט אויך פון מיין ספר זיין. מע קויפט ספרים ניט אויף צו לערנען און פאַרטיפן זיך אין זיי, צו פאַרשטיין און אָפּשאַצן זיי־ערע מעלות און קריטיקירן זייערע חסרונות. מע קויפט זיי, מע בּינדט זיי איין דוקא אין אַ פּראַכטפולן איינבּונד, צו באַשיינען מיט זיי די בּיבּליאָ־טעקן און בארימען זיך פאַר די געסט וועלכע קומען אויף אַ באַזוך...״ ר׳

צבי הירש חיות האָט זיך געשראָקן פאַרן זעלבן גורל פון זיין ספר. אָבער דער שרעק איז געווען אן אומזיסטער. גלייך ווי זיין ווערק איז דערשינען, האָט ער אויף זיך ארויפגעצויגן אויפמערקזאַמקייט פון די גרעסטע לומדים. רבנים און גאונים האָבן אין אים דערזען אַ ניי שיינענדיק ליכט אויפן תלמוד'ישן הימל. זיי האָבן זיך גאַר ניט געקאָנט אָפּלויבן פון זיין אויסערגעוויינלעכע בקיאות אין דער גאַנצער תלמודישער ליטעראַטור. ער האָט באַקומען לויב-בריוו פון די גרעסטע גאונים ווי ר' יעקב ארענשטיין פון לבוב, ר' אליעזר הלוי הורוויץ פון ווין, ר' משה סופר פון פּרעסבורג, וועלכע אויך זיי זיינען פיל עלטער פון אים געווען. און אפילו די ביבל-קריטיקער האָבן ניט געוואָגט אים אָפּצואווענדן, וויסנדיק אַז אַקעגן זיין שאַרפן פאַרשטאַנד וועלן זיי זיך ניט קענען פאַרמעסטן.

אינם יאָר תר"א, האָט ער פאַרעפנטלעכט זיין צווייטן ספר מיטן נאָמען „עטרת צבי". אין דעם דאָזיקן בוך וואָס איז איינגעטיילט אין זעקס טייל טרעט ער אַרויס צו פאַרטיידיקן דעם רמב"ם קעגן זיינע קעגנער שד"ל (שמואל דוד לוצאַטי) און יש"ר (יצחק שלמה ראַפּאַפּאָרט), אָט די, וועלכע האָבן זיך אַרויסגעזאָגט, אַז דעם רמב"ם'ס אַלע ספרים זיינען געבויט אויף דער שטה פון אַריסטאָ און פיל אַנדערע אַראַבישע געלערנטע, און אַז זיי האָבן ניט קיין איינציקן גרונט, ניט אין תורת משה, און ניט אין תלמוד פון רבינא און רב אשי. ר' צבי הירש חיות האָט מיט גרויס שאַרפזיניקייט אָפּגעשלאָגן אַלע זייערע ראיות און איז אַרויס דער זיגער. זיין קורצער מאמר אין דעם זעלבן ספר: „אגרת בקורת", אין וועלכן ס'ווערט באַהאַנדלט די באַשטימטע צייט פון די מדרשים און תרגומים, איז צוליב זיין גרויסן ווערט, איבערגעזעצט געוואָרן אין דייטש פון דר. יוליוס פירסט און אָפּגעדרוקט אין „אָריענט", מיט באַמערקונגען צום שבח פונם מחבר. אין יאָר תר"ב איז דערשינען זיין ספר „דרכי הוראה", אַ באַלייכטונג וועגן פיל איינגעפירטע מנהגים. אין יאָר 1843 זיינען אָפּגעדרוקט געוואָרן זיינע הגהות אויף ש"ס; אין יאָר תר"ה איז דערשינען זיין ספר „מבוא התלמוד", איינער פון די וויכטיקסטע אויף צו פאַרשטיין די באַשטימטע כללים און עיקרים אין תלמוד בבלי און תלמוד ירושלמי.

אינם יאָר 1846 איז אַרויס אַ באַפעל פון דער עסטרייכישער רעגירונג אַז יעדער וואָס וויל פאַרטרעטן דעם אַמט פון קרייז ראַבינער, דאַרף

ענדיקן אן אוניווערזיטעט-קורס און באַקומען אן אַטעסטאַט אויף פילאָ־זאָפיע - וויםנשאַפט. ווען אויך דער געזעץ איז אַרויסגעגעבן געוואָרן פאַר די צוקונפטיקע, און ניט פאַר די וועלכע זיינען שוין געווען פארטרעטן אין דעם אַמט, האָט דאָך ר׳ צבי הירש חיות מקדש שם ישראל געווען, אי־בערצואווייזן, אַז פאַר א אידישן רב איז ניט שווער צו באַקומען אַזאַ אַטעסטאַט אין אַ קורצער צייט. און ווי דערשטוינט זיינען די פראָפעסאָרן פונם אוניווערזיטעט געבליבן, ווען ר׳ צבי הירש חיות האָט אַרויסגע־וויזן פאַר זיי זיין טיפע קענטשאַפט אין אַזעלכע געגנשטאַנדן ווי פעדאַ־גאָגיע, לאָגיק, פסיכאָלאָגיע, מאָראַל - פילאָזאָפיע און מעטאַפיזיק, אויף וועלכע ער איז עקזאַמינירט געוואָרן. דעם דריטן מערץ פון דעם דער־מאנטן יאָר האָט ער באַקומען דעם אַטעסטאַט „דאָקטאָר דער פילאָזאָ־פיע״, מיט דער גרעסטער אויסצייכענונג.

אין יאָר תר״ט, איז אַרויס פון דרוק זיין ספר: „שו״ת מה״ריץ״ אין דריי טייל: „עבודת המקדש״, „אמרי בינה״ און „מנחת קנאות״.

פיר און צוואַנציק יאָר איז ער געווען רב אין זאָלקווע. אינם יאָר תרי״ב איז ער אויפגענומען געוואָרן פאַר רב און ראש ישיבה אין קאַ־ליש, פוילן. דריי יאָר איז ער אויף דער רבנות - שטעלע פאַרבליבן. אין יאָר תרט״ו איז ער געפערלעך קראַנק געוואָרן און אומקערנדיק זיך פון מאַריענבאַד וואו ער איז געפאָרן זיך היילן, איז זיין שלאַפקייט פאַרשטאַרקט געוואָרן, און אָנקומענדיק קיין לוואָוו איז ער נפטר געוואָרן אין דער על־טער פון ניין און פערציק יאָר.

דניאל חוואָלזאָן

ווען איך האָב געפונען פאַר ניט איבעריק צו כראָנאָלאָגירן אינם האַנט-בוך אייניקע משומדים, האָב איך אָבער אויך אין זינען געהאַט, אַז דערמיט וועט ניט אָפגעשוואַכט און קלענער ווערן אונזער פאַרדרוס אויף די פאַררעטער צו פאַרלאָזן דעם מחני ישראל צוליב וועלכן ס׳ניט איז באַרעכטיקטן אָדער ניט באַרעכטיקטן מאָטיוו. מיר דאַרפן זיך אָבער דאָך רעכענען מיט אייניקע פון זיי. אַזעלכע וועלכע האָבן גרויסע פאַרדינסטן פאַר דער מענטשהייט בכלל, אַריינבאַרענגענדיק אַ נייעם דרך, אַ נייע ריכ־טונג; אַנדערע וואָס האָבן זיך קונה שם געווען מיט זייער ליטעראַרישע און קולטורעלע טעטיקייט, און צום לעצט אַזעלכע וועלכע זיינען נאָכן

שמד דאָך פאַרבליבן געטריי זייערע פאַרלאָזטע ברידער, און דורך זייער איינפלוס זיי געראַטעוועט פון פיל צרות. און אַזוי האָב איך כראָנאָלאָגירט היינריך היינען, צוליב זיין אויסערגעוויינלעכן טאַלאַנט אויפן ליטעראַרישן געביט, און אויך צוליב זיינע מיטליידס - געפילן, וואָס ער האָט אין זיינע שריפטן אַרויסגעוויזן צום אידישן פאָלק. איך האָב אַריינגענומען קאַרל מאַרקס און פערדינאַנד לאַסאַל, וועלכע האָבן אַ נייע שטה אין דער מענטשהייט געשאַפן, אַ שטה, מיט וועלכער עס רעכענען זיך מיליאָנען אַנהענגער. און איצט, חוואָלזאָנען דורך זיינע גרויסע פאַרדינסטן מיט זיין איבערגעגעבנקייט און אָפּפערווילקייט פאַרן אידישן פאָלק.

דניאל, אָדער, ווי ער האָט זיך גערופן פאַרן שמד'ן זיך, יוסף חוואָלזאָן, איז געווען אַ ליבּ, אידיש קינד ביי זיין פאָטער, וועלכער האָט געוואָלט זיין יאָסעלען מאַכן פאַר אַ רב און מקיים געווען די גמרא: „בן שית ספי ליה כתורא". אַלט זייענדיק זעקס יאָר, האָט ער געלערנט אין חדר אַ גאַנצן טאָג און ביי נאכט האָט דער פאָטער מיט אים אַליין געלערנט. צו צען יאָר האָט ער שוין געלערנט תּלמוד מיט אַלע מפרשים. זיין פאָטער האָט אָבער ניט דערלעבט, ניט דעם נחת, אויף וועלכן ער האָט געהאָפט, און ניט די שאַנדע, אויף וועלכע ער האָט ניט געהאָפט... ער איז געשטאָרבן ווען יאָסעלע איז אַלט געווען דרייצן יאָר. זיין מוטער האָט אים דאַן אַריינגעגעבן אין דער ישיבה פון דעם באַוואוסטן גאון ר' ישראל גינצבורג. און דאָרט איז ער געוואָרן — ווי מערערע ישיבה בחורים פון יענער צייט — אַ „פאַרכאַפּטער". געלערנט צום ערשטן אידישע חקירה ספרים, ווי דעם „מורה נבוכים", דעם „העיקרים", נאָכדעם בכלל השכלה ביכלעך. ער האָט אָבער מיט זיי זיך ניט צופרידנגעשטעלט, זיין גייסטיקן דורשט ניט געשטילט. באַקאַנט ווערנדיק מיט די לאַטיינישע בוכשטאַבן, איז אים צופעליק געקומען צו דער האַנט אַן אַלטע ביבל אויף דייטש און פון דאָרט האָט ער אויפגעכאַפּט פיל דייטשע ווערטער, און אַלס גאוני־שער קאָפּ, איז ער שוין אימשטאַנד געווען צו באַנוצן זיך מיט אַ ווערטער־בוך, און אין אַ קורצע צייט דערלערנט די דייטשע שפּראַך. אויף דער אָרט האָט ער אויך דערלערנט רוסיש און פראַנצויזיש. אַלס אַ געראָטענער ישיבה בחור, האָט אים אַ ישוב'ניק אויסגעכאַפּט. יאָסעלען איז אָבער דער „עזר", וואָס דער ישוב'ניק האָט אים געגעבן, ניט געפעלן. און ער האָט זי אַ קורצע צייט נאָך דער חתונה אָפּגעגט. און אָרים

ווי אַ מויז, איז ער אוועקגעפאָרן קיין אויסלאַנד שטודירן. איינגעעקשנ׳ט, ווי יעדער ליטוואַק בכלל איז פון דער נאַטור, האָט ער זיך נאָך גרויסע מאַטערניש דערשלאָגן קיין ברעסלוי און נאָך דריי יאָר אַליין לערנען איז ער אַריינגעקומען אין אוניווערזיטעט.

אַ באַזונדערן חשק האָט זיך אין אים דערוועקט צום שטודיום פון אָריענטאַלישע שפּראַכן. אין 1850 שיקט אַריין חוואלזאָן זיין דיסערטאַציע איבער אָריענטאַלישע שפּראַכן אין אוניווערזיטעט. זי ווערט אויפגענומען און אנדערקענט מיט גרויס בייפאַל און באַקומט דעם טיטל: דר. פילאָזאָפיע. חוואלזאָן גיט אַרויס זיין בוך: „די קולטור ביי די אַלטע סעמיטישע פעלקער״, און איז זיך דערמיט קונה שם אלס אַ גאונישער פילאָלאָג.

דורך אַ רעקאָמענדאַציע פונם דייטשן געלערנטן אַלעקסאַנדער הומבאָלד, באַקומט ער אַ דערלויבעניש אַריינצופאָרן קיין רוסלאַנד. מיט רעקאָמענדאַציע - בריוו פון די פּראָפעסאָרן, פון דער ווימנשאַפטלעכער אַקאַדעמיע, ווערט ער פאָרגעשטעלט פאַר דעם דעמאָלטדיקן בילדונגס-מיניסטער, פירשט שירינסקי-שאַכמאַטאָוו, און זיין געהילף נאראוו. אין דער זעלבער צייט איז דאָס מיניסטעריום געווען באַשעפטיקט מיט איבערקוקן דאָס מאַטעריאַל וואָס ס׳איז אים צוגעשטעלט געוואָרן אויף צו שאַפן השכלה-ביכער פאַר אידן.

דער בילדונגס-מיניסטער האָט זיך מיט חוואלזאָנען דערפרייט. עס איז צו דער האַנט געקומען אַן אויטאָריטעט אין אָריענטאַלישע שפּראַכן, וועלכער וועט זיין אויטאָריזירטע מיינונג אַרויסזאָגן וועגן דעם מאַטעריאַל. גלייך איז ער אַריינגענומען געוואָרן אינם קאָמיטעט וואָס איז צו דעם צוועק געשאַפן געוואָרן און דאָס מיניסטעריום האָט זיך מיט זיין מבינות גערעכנט. אין יאָר 1854, האָט זיך אין פּעטערבורג געעפנט אַ פאַקולטעט פאַר אָריענטאַלישע שפּראַכן, און דורך דער השתדלות פון נאראוו, דאַמאָלסדיקער בילדונגס-מיניסטער, איז חוואלזאָן דאָרט אויפגענומען געוואָרן אַלס פּראָפעסאָר. חוואלזאָן ווייזט אַרויס אַזוי פיל געלערנטקייט, אַז ער ווערט פונם מיניסטער נאראוו פאָרגעשטעלט פאַרן קייזער ניקאָלאַי, אַלס דער איינציקער אין זיין פאַך אין גאַנץ רוסלאַנד. אויפן צווייטן טאָג באַקומט דער מיניסטער אַ קייזערלעכן באַפעל, ער זאָל אים פאַרשטעלן חוואלזאָנען.

פאַרשטעלנדיק זיך פאַרן קייזער, האָט ער אים געשטעלט די פראַגע: „נאַש?״ (אונזערער?) חוואָלזאָן האָט געמיינט אַז דער קייזער פרעגט אים, צי ער שטאַמט פון רוסלאַנד, און ער האָט גלייך געענטפערט: „טאַק טאַטשנאָ, וואַשע אימפּעראַטאָרסקאַיע וועליטשעסטוואָ״ (יאָ, ריכטיק, אייער קייזערלעכע מאַיעסטעט). ניקאָלאַי האָט אים פריינטלעך דערלאַנגט די האַנט און געזאָגט: „אויב אַזוי, גיב איך דיר איבער מיט גרויס צוטרוי די דערציִאונג פון אונזער גלח׳ישן דור״. ווען דער מיניסטער האָט אים אָבער דערקלערט די באַדייטונג פונם קייזערלעכן „נאַש״, אַז דערמיט האָט ער געמיינט אַ פראַוואָסלאַוונער און אַז אויב ער וויל אָנקומען אויף דעם פּאָסטן דאַרף ער ווערן אַזעלכער, און אַז ער וועט דאַרפן דערציִען אַ גלח׳ישן דור אינם פּראַוואָסלאַוונעם גייסט, האָט זיך חוואָלזאָן תּחילת דערשראָקן, אָבער פילנדיק דעם גרויסן אַמט וואָס אים שטייט פאַר צו פאַרנעמען, האָט ער, ניט פיל דענקנדיק, מסכּים געווען צו שמד׳ן זיך. חוואָלזאָן האָט זיך געטויפט, און אנשטאַט יוסף, האָט מען אים געגעבן דעם הייליקן נאָמען דניאל.

איך וועל דורכלאָזן חוואָלזאָנס גוי׳יש גליק, וואָס מיט אים איז פאַר־געקומען נאָך זיין שמד׳ן זיך. האָט זיך דאָך די הייליקע קירכע מציל געווען אַזאַ געהויבענעם נפש, אַזאַ הויכע נשמה ווי חוואָלזאָן... גרויס און געאַכטעט איז ער געווען אין די אויגן פון ניקאָלאַיען, ביי זיין לעבן, און נאָך ניקאָלאַיס טויט, נאָך פיל מער אין די אויגן פון אַלעקסאַנדער דער צווייטער. חוואָלזאָן איז פונם צוגעטיילטן כּבוד אַזוי פאַרשכּור׳ט געוואָרן, אַז ער האָט אָנגעהויבן פאַרגעסן זיין אידישן עבר, זיינע ברידער און דאָס אידישע פאָלק.

ניט אַזוי אָבער, האָט די השגחה געוואָלט. זי האָט אים מיט געוואַלט אַריינגעריסן אין אידישן שטראָם, אין וועלכן זיי האָבן זיך געטרונקען, און אים געמאַכט פאַר זייער רעטער. און ער איז אַזעלכער פאַרבליבן זיין גאַנץ לעבן. חוואָלזאָן איז פאַרבליבן אַ משומד לפנים און אַ איד אין האַרצן, ווי ער אַליין האָט אויף זיך ממליץ געווען דעם פּסוק: עד שלא נוצרתי איני כדאי, ועכשו שנוצרתי כאלו לא נוצרתי... דאָס ערשטע איבערגעגעבנ־קייט און אָפּפערווויליקייט צו זיינע אידישע ברידער האָט ער אַרויסגעוויזן ביים עלילת דם אין סאַראַטאָוו (ווי ס׳איז שוין געווען באַשריבן אין דער כראָנאָלאָגיע). דאָס פּינטעלע איד האָט זיך אין אים אויף אַ וואונדערבאַרן

אופן צעפּלאַקערט, ווען דער נידערטרעכטיקער און בּייזוויליקער עלילת דם אין סאַראַטאָוו האָט אָנגענומען אַ געפערלעכן כאַראַקטער, ווען מען האָט בּאַשולדיקט ניט נאָר די סאַראַטאָווער, נאָר דאָס גאַנצע אידישע פאָלק; אַ געפערלעכע שעה איז אַנטשטאַנען פאַרן כּלל ישראל. און ס'איז בּאַשטימט געוואָרן אַ קאָמיסיע, אויף איבּערצוקוקן די בּיכער און די מאַנוסקריפּטן, וועלכע מען האָט אָפּגענומען בּיי די אָנגעקלאָגטע, כּדי „אויפצוקלערן די פאַרבּאָרגענע אידישע רעליגיעזע אוממענטשלעכע דאָגמאַטן” (?). אין דער דאָזיקער קאָמיסיע איז, לויט אַ קייזערלעכן בּאַפעל, אַריין אַלס עקספּערט אויך דניאל חוואָלזאָן. שווער איז געווען זיין קאַמף מיט די איבּעריקע קאָמיסיע-עקספּערטן, איבּערהויפּט מיט דעם צווייטן משומד, מיטן נאָמען לעוויסאָן, אַן עם הארץ, אָן שום ידיעה אין דער אַלטער אידישער ליטעראַטור, וועלכער האָט געזוכט איבּערצוצייגן אין דער ריכטיקייט פונם בּאַנוצן קריסטלעך בּלוט אויף פּסח. חוואָלזאָנ'ען איז אָבּער געלונגען איבּערצוצייגן דער קאָמיסיע לעוויסאָנ'ס גראָבּיונגעשקייט, און ער איז בּאַזייטיקט געוואָרן. חוואָלזאָנ'ס עקספּערטיזע איז פאַררעכנט געוואָרן אַלס אַ בּר סמכא'דיקע. דאָס העכערע געריכט, פאַר וועמען דער פּראָצעס איז אַפּעלירט געוואָרן, האָט אנערקענט חוואָלזאָנ'ס ראיות און די פאַלשקייט פון דער אָנקלאַגע. דעם פּראָצעס האָט מען בּטל געמאַכט און די אָנגעקלאָגטע זיינען בּאַפרייט געוואָרן. און ווען דער אידישער פונק האָט זיך אין חוואָלזאָנ'ען צעפלאַמט, האָט ער שוין ניט געקענט פאַרלאָשן ווערן: פאַרקערט, דער פלאָם איז וואָס ווייטער אַלץ גרעסער געוואָרן. חוואָלזאָן האָט זיך פאַרנומען צו שאַפן אַ גרויס ווערק דורך וועלכן ער זאָל איינמאָל פאַר אַלע מאָל אָפּוואַרפן דעם עלילת דם. אין יאָר 1861 איז דאָס ספר דערשינען. אינם ווערק האָט ער אַרויסגעוויזן גרויסע בּקיאות אין אַלטע אידישע מקורים און איבּערגעוויזן דאָס מיאוסע פאַלשקייט און פאַנאַטישע איינרעדענישן אַז אידן דאַרפן האָבּן קריסטלעך בּלוט.

די ערשטע צייט האָט דאָס בּוך פיל נוצן געבּראַכט צו די ווידערהאָלטע בּלבּולים, אָבּער דער שקר לאָזט זיך אַזוי לייכט ניט בּאַזיגן פונם אמת, און דער בּלבּול איז בּיז היינטיקן טאָג ניט אַראָפּ פון דעם שקר'ס טריבּונע.

דער נאָמען חוואָלזאָן איז פאַרהייליקט געוואָרן. אין די שולן און בּתי מדרשים האָט מען זיין נאָמען מיט ערעפורכט דערמאַנט. נאָך דעם קוטאַאיסער בּלוט-בּלבּול, ווען די אָנגעקלאָגטע זיינען בּאַפרייט געוואָרן, האָבּן

די ריכטער געזאָגט חוואָלזאָנ׳ען: „אונזער איבערצייגונג צו דער אומשול-דיקייט פון די אידן, האָבן מיר אויסשליסלעך געגומען פון אייער ווערק״. חוואָלזאָן איז נאָכן קוטאאיסער משפט אויף אַזוי פיל פאַרהייליקט גע-וואָרן ביים אידישן פאָלק, אַז אין פיל קהלות האָט מען אַ לאַנגע צייט ביי קריאת התורה אים געמאַכט אַ מי שברך מיטן טיטול: מורנו הרב ר׳ דניאל...

חוואָלזאָן איז אין יאָר 1863 געוואָרן אַ טעטיקער מיטגליד אין דער חברה „מפיצי השכלה״. נאָר דאָ פאָדערט זיך אַ באַזונדער קאַפּיטל, וואָס וועט באַהאַנדלט ווערן ווען מיר וועלן קומען צו דער עפּאָכע. עס בלייבט אונז איבער נאָר דאָס צו זאָגן: אַז חוואָלזאָנ׳ס נאָמען וועט שטענדיק דער-מאָנט ווערן מיט אַ ברכה אויף די ליפּן און פאַררעכנט ווערן ווי איינער פון די גרעסטע אידישע פריינט, וועלכער האָט זיך געאָפּפערט פאַר זיינע ברידער און פאַרהיט — וויפיל אין זיין קראַפט איז געווען — דעם אידישן כבוד פון בלוטיקע שונאים.

דעם 16-טן מערץ 1911 איז חוואָלזאָן געשטאָרבן אין דער טיפער עלטער פון צוויי און ניינציק יאָר.

געאָרג עליאָט

צווישן די היסטאָרישע פרויען וועלכע האָבן ניט נאָר סימפּאַטיזירט מיטן אידישן פאָלק, ניט נאָר ניט געהאַט קיין פאָראורטיילן קעגן אים, נאָר אויך עס פאַרטיידיקט און באַדויערט דאָס אומרעכט וואָס ווערט אויף דעם אויסגעאיבט, און דורך דעם זיך פאַראייביקט אין דער אידישער היסטאָ-ריע, קענען מיר מיט רעכט אָנרופן די צוויי פרויען: עליזאַ אָרזשעשקאַ, די פּוילישע פרוי, און געאָרג עליאָט, די ענגלענדערין. (וועגן דער ערשטער וועט די אָפּשאַצונג קומען אין אַ באַזונדער קאַפּיטל). געאָרג עליאָט האָט אָבער גרעסערע פאַרדינסטן ביים אידישן פאָלק, דורך איר טיפן אנאַליטישן בליק איבער דער אידישער נשמה. זי האָט פאַרשטאַנען די אידישע נשמה פיל מער ווי אַ **גרויסע טייל פון אונזערע אייגענע**.

איך וועל מיך באַמיען אויספירלעכער צו כאַראַקטעריזירן די גרויסע פריינדין אונזערע. איך וועל אָבער נאָר שרייבן וועגן געאָרג עליאָט די אידן-פריינדין און איר שריפטשטעלערישע שטעלונג בנוגע אונז אידן, און ניט וועגן געאָרג עליאָט די טאַלאַנטפולע ענגלישע שריפטשטעלערין, וועלכע האָט זיך אויסגעצייכנט מער ווי פילע אנדערע פון מענלעכן געשלעכט.

ווייל אין איר שרייבן געפינט זיך דאָס באַדאַכטקייט, באַזאָכטקייט און טיפקייט פון וויסנשאַפטס-מענער, און דאָס צאַרטקייט און ליבלעכקייט פון פרויען.

דער אמת׳ער נאָמען פון דער שריפטשטעלערין איז מאַריאַן עוואַנס, געבוירן אינם דאָרף ארבורי, ענגלאַנד, אין 1819. איר פאָטער איז געווען אַ איינפאַכער טישלער, אָבער דאָך אַ געבילדעטער און קולטורעלער, וועלכער האָט זיין טאָכטער געגעבן די בעסטע דערציאונג. מאַריאַן איז געווען די יונגסטע פון אירע דריי ברידער. די פאַמיליע עוואַנס איז אַריבער וואוינען אין דער שטאָט גריפהאוז, און אַלט זייענדיק 21 יאָר איז זי שוין באַקאַנט געוואָרן אַלס איינע פון די גרעסטע שריפטשטעלער און דיכטער. געאָרג עליאָט — זאָגט איינע פון אירע פריינדינס — איז קיינמאָל קליין ניט געווען. איר שכל האָט זיך אַנטוויקלט אין איר ניט נאָך די יאָרן.

צום ערשטן איז זי געווען אַ גלויביקע ווי אירע עלטערן, געגלויבט אין אַלעס וואָס די ענגלישע קירכע האָט געגעבן, אָבער שפּעטער איז זי געוואָרן אַ פריידענקערין, אָדער ווי זי האָט זיך אויסגעדריקט Antisupernatural (קעגן איבערנאַטירלעכקייט), דאָך אָבער, האָט זי ניט געקענט דערשטיקן אינגאַנצן אירע רעליגיעזע געפילן, וועלכע מען געפינט אין אַלע אירע דערציילונגען. איך וועל דורכלאָזן — ווי שוין געזאָגט — אויפצוצייכענען אַלע אירע ליטעראַרישע און וויסנשאַפטלעכע שאַפונגען און וועל זיך נאָר אָפּשטעלן אויף דאָס וואָס זי האָט פאַר אונז אידן געשאַפן.

דאָס ווערק וואָס האָט זי געמאַכט אומשטערבלעך פאַר אידן מיט איר טיפער ליבע וואָס זי האָט אַרויסגעוויזן צום אידישן פאָלק און איר זיכערקייט אין דער רעאַליזירונג פון זיינע האָפנונגען, און פאַר ניט-אידן מיט דעם זעלטענעם ליטעראַרישן סטיל און פילאָזאָפישע געדאַנקען, איז „דניאל דעראָנדע״.

ווען אירע פריינט האָבן זי געפרעגט די סבה פון דער פון איר אויסדערוויילטע טעמע, האָט זי געענטפערט: „איך האָב געשריבן וועגן אידן, ווייל איך רעכן דאָס אידישע פאָלק פאַר אַזעלכעס וואָס האָט פיל גרויסעס געשאַפן פאַר דער אַלגעמיינער מענטשהייט. איך פיל צו דעם פאָלק דעם גרעסטן כבוד-געפיל איך האָב זיך ניט לאַנג דערוואוסט אַז איינער פון די פאַרנעמסטע אידן, האָט געפאַסט צו גרינדן אידישע קאָלאָניעס אין ארץ ישראל, און דאָס האָט מיך ביז גאָר דערפרייט״.

אין מרדכי, דער העלד אין „דניאל דעראָנדע", איז פאַרקערפּערט געאָרג עליאָט אַליין. אַלע זיינע אויסגעשפּראָכענע געדאַנקען זיינען אירע. זיינע האָפנונגען — אירע. מרדכי ווערט פון איר פאַרגעשטעלט, ווי מאַציני פאַר די איטאַליענער. ווי מאַציני אַזוי אויך מרדכי, זיינען אַלע געדאַנקען געווענדעט צו איין ציל: צו העלפן זיין פאָלק. נאָך „נאַטאַן דער ווייזע" פון לעסינג, איז „דניאל דעראָנדע" דאָס צווייטע בוך געשריבן מיט אַזוי פיל ליבע און אַכטונג צום אידישן פאָלק. יעדעס וואָרט וואָס גייט אַרויס פון מרדכי — געאָרג עליאָט'ס מויל, איז עס פון טיפן האַרצן אַרויסגעקוועלט.

„זאָל יעדער פון אייך נעמען די היסטאָריע — זאָגט ער אויף איין אָרט — אָט די היסטאָריע פון דעם אידישן פאָלק, און זאָל ער דאָרט לייענען אַלע געשעענישן, אַלע פאָרפאַלן, וועלכע זיינען געשעען און פאַר־געקומען מיט דעם פאָלק; זאָל ער באַטראַכטן די דערנער, די שטעכלקעס וועלכע ליגן אין זיין מדבר-וועג, זאָל ער דאָס אַלעס זען, וועט ער פאַר־שטייען ווי גרויס איז די קראַפט וואָס גאָט האָט געגעבן דעם פאָלק, צו קאָנען דורכמאַכן אַזאַ דערנערישע און שטעכעדיקע וויסטע... וועלכעס פאָלק קאָן זיך פאַרגלייכן מיט דעם אידישן, ביי וועמען זיין גלויבן, זיין תורה און זיינע געבאָטן זאָלן זיך צוזאַמענשליסן און זיך פאַרבונדן אויף איין וועג צו גיין, ווי דאָס בלוט וועלכעס שטראָמט פון האַרץ און צירקו־לירט איבערן גאַנצן קערפּער... מענטשן דערציילן אונז וועגן דאָס גרויס־קייט פונם רוימער, וועלכער — כדי זיך צו רעטן פון זיינע פאַרפאָלגער — האָט זיך אַריינגעוואָרפן אין טייך, האַלטנדיק אין זיין מויל דאָס העפט אויף וועלכן זיינע שירים זיינען געווען אָנגעשריבן. פיל גרעסער זיינען אָבער די גבורות פון די אידן, וועלכע האָבן ווי לייבן געקעמפט צו פאַר־טיידיקן זייער לאַנד, און ניט אַרויסגעלאָזט די שווערד, — האַלטנדיק זי שוין אין מויל, — ווייל די הענט זיינען שוין פונם פיינט אָפּגעהאַקט גע־וואָרן, — ביזן לעצטן אָטעם-צוג..."

„ציון איז ווי אַ פעלד צעאַקערט — זאָגט זיך אויף אַן אַנדער אָרט — ירושלים איז וויסט, געוואָלט האָבן באַרבאַרן אָפּמעקן און אָפּווישן דאָס אידישע פאָלק פון דער ערד. דאָס בלוט פון זיינע גבורים האָט פאַרפלייצט די וויסטע ערד און זי נאָך מער אומפּרוכטבאַר געמאַכט. אין דער דאָזיקער צייט האָט דאָס פאָלק אויסגעשריען: „איר האָט אונזער פיזישע קראַפט

שוואַך געמאַכט, אָבער ניט אונזער גייסט. און מיר וועלן דעם גייסט איבערגעבן בירושה אונזערע קינדער. יעדער פאַטער וועט זיינע קינדער איבערלאָזן אַ גייסטיקע ירושה! די קינדער האָבן די ירושה איבערגענו־מען און געקומען מיט איר צווישן די פעלקער. און ס'זיינען אָנגעקומען צייטן אין וועלכע דאָס פאָלק איז געגליכן געוואָרן צו אַ טויטן, ליגנדיק שוין אין אַ ארון, אָדער צו אַ מלחמה־העלד געפאַלן אויף דעם שלאַכט־פעלד. זיינע פיינט האָבן שוין פריידיק געיוכצט, געגלויבט האָבן זיי אַז ס'האָט שוין אויסגעהויכט זיין נשמה. און דאָס פאָלק האָט אויפגעלעבט צום פאַרדרוס פון זיינע שונאים".

איך האָב נאָר געבראַכט אַ קורצן אויסצוג פון די פילע געדאַנקען און געפילן וועלכע זיינען אַרויסגעזאָגט געוואָרן פון געאָרג עליאָט בנוגע דעם אידישן פאָלק. געדאַנקען פון אַ לויטערן קאָפּ, און געפילן פון אַ היים פילנדיק האַרץ. „דניאל דעראָנדע", איז ניט נאָר אַ בוך פאַר אונז אידן אויף צו לייענען, נאָר אַ טייערער אוצר. טייערע פערל געפינען זיך אין אים, אומשעצבאַרע בריליאַנטן, וועלכע געאָרג עליאָט האָט אונז איבער־געלאָזט אַ ירושה. און אויך די ירושה, דאַרפן מיר איבערגעבן אונזערע קינדער. זאָלן זיי זיך מיט די פערל און בריליאַנטן צירן און זאָלן זיי זיך שטענדיק דערמאָנען אין אַלעם וואָס געאָרג עליאָט האָט געפונען פאַר נויטיק זיי צו דערמאָנען...

מאַריאַן עוואַנס נאָמען האָט זיך פאַרדינט פאַרשריבן צו ווערן מיט גאָלדענע אותיות אין אונזער היסטאָריע. „מי יתן ותרבנה כמוה בבנות ישראל". הלואי וואָלטן אונזערע טעכטער אמווייניקסטן דאָס בוך „דניאל דעראָנדע" געלייענט, וואָלטן זיי אפשר אַ מוסר השכל פון דעם זיך אַרויסגענומען...

ה. תקפ"א — 1821 — אידן ווערן אַרויסגעטריבן פון די דערפער אין פאָל־טאַווער גובערני. — ר' יצחק בארנייס נעמט אָן דעם אמט אַלס רב אין האַמבורג, פאַרפירט אַ פּאָלעמיק מיט די רעפאָר־מער. — ר' יצחק מאנהיימער אין ווין באַמיט זיך צו מאַכן שלום צווישן די פאַר־שידענע קלאַסן. — די גרינדונג פון דעם „קולטור פאַריין" דורך היינע, גאַנס און ר' יום טוב ליפּמאַן צונץ, אויפצוקלערן די קריסטן ווי ווייט זיי זיינען פאַרפירט מיט זייערע פאַלשע פיינטלעכע פאַראורטיילן קעגן אידן און אויך צו דערמונטערן די אידישע יוגנט אויף ניט צו פאַרלאָזן דאָס

אידישע פאָלק און זיין אמונה. — ר' שלמה לעווינזאָן פאַרטיידיקט דעם תלמוד קעגן די רעפאָרמער. — די ווירקונג פון דעם מדקדק בן זאב צו דער דערהויבונג פון דער העברעאישער שפּראַך אין ווין. — דער טויט פון ר' שלמה לעווינזאָן אין עלטער פון דריי און דרייסיק יאָר.

ר' יצחק באַרנייס

ניט פיל מענטשן, אפילו פון די מער ווינסשאַפטלעכע, איז באַקאַנט דער נאָמען ר' יצחק באַרנייס. זאָגאַר גרעץ, דער היסטאָריקער, דערמאָנט אים נאָר בדרך אגב. ר' יצחק באַרנייס האָט אָבער פאַרדינט מ'זאָל זיך וועגן אים לענגער אָפּשטעלן, כאַראַקטעריזירן זיין פּערזענלעכקייט, וועלכע קאָן אַריינגערעכנט ווערן צווישן אונזערע גרעסטע מיט וועלכע דאָס אידישע פאָלק שטאָלצירט. דערפאַר האָב איך געפונען פאַר נויטיק צו באַקענען אים מיט די לייענער פון דער כראָנאָלאָגיע.

ר' יצחק באַרנייס איז געבוירן געוואָרן אין יאָר תקנ"ב — 1792, אין דער צייט ווען די ציוויליזאַציע האָט אָנגעהויבן אַריינצודרינגען אין מערערע מענטשלעכע מחות, אַראָפּוואַרפנדיק פון זיך די שקלאַפן-קייטן מיט וועלכע די שטאַרקע האָבן געהאַלטן געפּענטעט די שוואַכע. זיין געבורטס-אָרט איז געווען דאָס קליינע שטעטל געראַ, נעבן מאַינץ. ווען ער איז נאָך גאָר אַ יונגערמאַן געווען, האָט ער אויף זיך שוין אַרויפגעצויגן די אויגן פון מערערע געלערנטע, איבערהויפּט פונם מאַינצער גאון ר' הירץ שייער, אַ דאַנק זיינע אויסערגעוויינלעכע פעאיקייטן און זעלטענעם פאַרשטאַנד. די נייע ווינטן וואָס האָבן אָנגעהויבן צו בלאָזן פון יענער זייט פונם ריין, פון פראַנקרייך, די דאַרטיקע רעוואָלוציע, די אויפשטייגונג פון באָנאַפּאַרט און די נייע געזעצן, וואָס זיינע מיליטערישע באַאַמטע האָבן איינגעפירט אין די דייטשע שטעט, וועלכע זיי האָבן דעראָבערט, — בנוגע די אידן, האָבן אַ שטאַרקע ווירקונג געהאַט אויף באַרנייס'עס גייסט, און אין דער זעלבער צייט, ווען ער האָט געלערנט אין דער ישיבה פון דעם גאון ר' אברהם בינג אין ווירצבורג, האָט ער אויך באַזוכט דעם דאָרטיקן אוניווערזיטעט, שטודירט פילאָזאָפיע און טעאָלאָגיע. ווי ווייט זיין פאַרשריט איז געווען אין זיין שטודיום, דערציילט אונז דער דאָזיקער פאַקט: ווען איין לערער איז פלוצים קראַנק געוואָרן אין מיטן פון זיין געגעבענער לעקציע, האָט באַרנייס — נאָכדעם ווי ער

האָט געבעטן דערלויבעניש פון די סטודענטן — געענדיקט די לעקציע אויף דער זעלבער טעמע, און האָט איבערראַשט די סטודענטן מיט זיין שאַרפזיניקייט און קלאָרע שפּראַך מיט וועלכע ער האָט זי אַנט־וויקלט, און האָט פון זיי באַקומען גרויסע אָוואַציעס. די אַלגעמיינע פרעמד־שפּראַכיקע וויסנשאַפט האָט אַממינדעסטן ניט געשטערט זיינע רעליגיעזע אַנשויאונגען. באַרנייס, ווי געזאָגט, איז זיין גאַנץ לעבן פאַר־בליבן אַ פרומער און גאָטספאָרכטיקער. ווי ווייט באַרנייס איז געווען געאַכטעט, אַפילו אין די רעגירונגס־ספערן, קאָן דינען דער פאַקט: צו יענער צייט איז צוגענומען געוואָרן די יורידישע רעכט ביי די רבנים. קיין רב, מיט דער אויסנאַם פון ר׳ אברהם בינג, וועלכער איז געווען חשוב ביי די רעגירונגס־באַהערדן, האָט ניט געהאַט דאָס רעכט צו משפּטן דיני ממונות; באַרנייס איז אין יענער צייט, מיט דער צושטימונג פון דער רעגירונג צוגעזעצט געוואָרן אלס „דין” אין זיין בית דין - קאַנ־צעלאַריע. דריי יאָר איז ער דאָרט פאַרבליבן אויף דעם אַמט. צו יענער צייט האָט מענדעלזאָן אַנטדעקט אַ נייע ליכט פאַר די דייטשע אידן, אַ ליכט פון אויפקלערונג, אָדער „השכּלה” ווי מען האָט עס צו יענער צייט גערופן, גלויבנדיק, אַז ער וועט דערמיט פאַראייניקן תּורה מיט חכמה, אויף דעם אופן ווי די אידישע געלערנטע האָבן עס געטון אין אַלעקסאַנ־דריע און אין שפּאַניע. געגלויבט האָט ער, אַז די וויסנשאַפטלעכע אַסימי־לאַציע וועט קיין שאָדן ניט ברענגען דעם טראַדיציאָנעלן אידנטום. ער האָט יעדן אידנס גייסט צו זיין אייגענעם פאַרגלייכט. ער האָט אָבער ניט גענומען אין אַכט, אַז די צייט האָט מער שאַנסן צו ענדערן דעם מענ־טשנס זין, דעם מענטשנס געדאַנק, ווי דער גרעסטער וויסנשאַפטסמאַן. און אַזוי ווי ס׳איז ניט דערלויבט צו עפענען פאַר דער צייט די קנאָספּן פון אַ בלום זי זאָל שנעלער וואַקסן אַזוי איז ניט דערלויבט צו וועלן פאַר דער צייט ענדערן דעם מענטשנס געדאַנק, ער זאָל וואָס שנעלער זיך אַנטוויקלען. מענדעלזאָן האָט געוואָלט שאַפן בלומען, און האָט געשאַפן דערנער. די פאַר דער צייט אינם גרויסן מאַסשטאַב השכּלה וואָס ער האָט אַריינגעבראַכט, האָט גורם געווען, אַז דאָס אידנטום זאָל פאַרגלי־ווערט ווערן, און דורך דעם זאָלן זיך פילע דערווייטערן פון דעם. זיינע אייגענע קינדער האָבן עס פאַרלאָזט, זיינע נאָכפאָלגער האָבן ניט נאָר טעאָרעטיש, נאָר אויך פּראַקטיש זיך באַמיט צו דערנענטערן דעם אי־

דישן גייסט צום קריסטלעכן. יאַקאָבזאָן איז געווען דער ערשטער וועל־
כער האָט אַ רעפאָרם טעמפּל איינגעריכטעט אין זיין שטאָט זעסן,
גלויבנדיק אז דורך דעם וועט קומען די אידישע גאולה. אידן וועלן צו־
ערשט נאָכאַמען די קריסטן אין זייערע געבעט־הייזער, און נאָכהער
וועלן זיי זיך אינגאַנצן אסימילירן. נאָך יאַקאָבזאָנען האָבן געפאָלגט די
רייכע אידן אין האַמבורג, אויסגעבויט אַ רעפאָרם טעמפּל, און אלס מאָ־
דערנע נביאים האָבן זיי אויפגענומען די באַוואוסטע אַסימילאַציאָן־
פּרעדיקער, עדוארד קליי און גאָטהאָלד סאַלאמאָן, וועלכע האָבן צוגע־
צויגן מיט זייערע גלאַטע רייד און גלענצנדע שפּראַך, אויך אַזעלכע וואָס
זיינען וויט געווען פון דער אַסימילאַציע אידעע. די אידישע פאָרשטייער
פון דער האַמבורגער קהלה, ארויסזעענדיק דעם טרויעריקן צושטאַנד צו
וועלכן דאָס אידנטום איז אויסגעשטעלט, האָבן אויסגעפונען, אַז קיין
אַנדער מיטל איז ניטאָ אָפּצוהאַלטן דעם שטראָם פון אַסימילאַציע, ווי
נאָר אויפצונעמען אַ וויסנשאַפטלעכן רעליגיעזן רב, וועלכער זאָל אויף
דער אָרט פון די אַסימילאַציאָנס נביאים, פאַרמאָגן אַ מאָדערנע שפּראַך
מיט וועלכע ער זאָל באַצויבערן און באַגייסטערן די צוהערער. אין האַמ־
בורג איז די גאַנצע צייט, זייט ר' רפאל האָט פאַרלאָזט דאָס רבנות,
קיין רב ניט געווען, נאָר אַ בית דין פון דריי דיינים, אַזעלכע וועלכע
האָבן פון אַנדערע וויסנשאַפטן, אויסער חכמת התורה, ניט געוואוסט
און ניט געוואָלט וויסן, און זעלבסטפאַרשטענדלעך ניט אימשטאַנד גע־
ווען צו קאָנקורירן מיט די רעפאָרם טעמפּל ראַבינער. דאַן איז ר' יצחק
בארנייס גערופן געוואָרן פון דער האַמבורגער קהלה אָנצונעמען דעם אַמט
אַלס רב און דרשן, וויסנדיק אז אַזאַ מאַן ווי בארנייס, איינער פון די
גרעסטע גאונים אין חכמת ישראל, און צו דער זעלבער צייט איינער פון
די גרעסטע וויסנשאַפטסמענער אין חכמת העמים, וועט קענען פאַרטיי־
דיקן דאָס טראַדיציאָנעלע אידנטום קעגן די מאָדערנע רעפאָרם - טעמפּל
נביאים. און זיי האָבן זיך אין אים ניט אָפּגענאַרט. שוין אין דער ער־
שטער דרשה וועלכע ער האָט אָפּגעהאַלטן אין אַ ליטעראַרישער דייַ־
טשער שפּראַך, האָט ער שאַרף קריטיקירט די רעפאָרם נביאים, ער
האָט אָבער ניט אָנגעגריפן און ניט באַליידיקט קיינעם פון זיי, ער האָט
נאָר אָנגעוויזן זייער טעות צו וועלן גלויבן אז מיט דער רעפאָרמע וועלן
זיי אַ טובה טון דעם אידנטום בכלל און דעם אידישן פאָלק בפרט. עס

דאַרף דאָ דערמאַנט ווערן אַז די רעגירונג האָט נאָר באַרנייסן אָנדער־קענט פאַר דעם גייסטיקן אויטאָריטעט פון דער האַמבורגער קהלה און אים געגעבן דאָס רעכט צו טאַדלען מיט וועלכן אופן ס׳איז די רעפאָרמער, און אַלעם וואָס ער וועט באַשטימען קעגן זיי וועט פון דער רעגירונג באַשטעטיקט ווערן. טראָץ דעם האָט באַרנייס דאָך ניט געוואָלט אויסנוצן זיין רעכט. נאָר איין און איינציק מאָל איז ער שאַרף ארויסגעטראָטן קעגן די פּרעדיקער קליי און סאַלאמאָן, און זאָגאַר גענומען דעם סענאַט צו הילף. דאָס איז געשען ווען די דערמאַנטע צוויי האָבן פאַרפאַסט אַ נייעם סדור און אים אָנגערופן: „סדור תפלת ישראל״.

באַרנייס האָט ניט דערלויבט צו דרוקן דעם סדור מיטן אָנגערופענעם נאָמען, דערקלערנדיק, אַז די תפלות דאָרט זיינען ניט קיין אידישע. צום באַדויערן איז דער זיג פונם קאָנפליקט וועגן דעם סדור ניט געווען אויף זיין זייט. די מאָדערנע רעפאָרם ראַבינער האָבן געזיגט, און דער סדור איז פאַרבליבן מיט דעם נאָמען „סדור תפלת ישראל״.

באַרנייס איז אויסער זיין וויסנשאַפט אין חכמת ישראל און חכמת העמים געווען אַ טיכטיקער מדקדק, און דערקלערט פאַר זיינע צוהערער די כתבי הקודש לויט אַלע כללים פון דער גראַמאַטיק. אַ זאַך, וואָס די גרעסטע תלמוד׳יסטן זיינען ניט נזהר געווען אין דעם. ניין און צוואַנציק יאָר איז ער געווען רב אין האַמבורג, און געזעטיקט זיין קהלה מיט זיינע גייסטיקע רייד.

אינם יאָר 1849, אַלט זייענדיק זיבן און פופציק יאָר, איז ער נפטר געוואָרן, און נאָך אים איז ניט געווען קיין צווייטער צו זיין גלייכן וועלכער זאָל קענען פאַרטרעטן זיין אַמט אין דער האַמבורגער קהלה.

ה. תקפ״ב — 1822 — דער רוסישער קייזער, אַלעקסאַנדער, דעקרעטירט אויפצולייזן דעם אידישן קהל.

ה. תקפ״ג — 1823 — דער געבורט פון פּראָפעסאָר חיים שטיינטאַל. — דער געבורט פון דר. שלמה רובין.

חיים שטיינטאַל איז געבוירן געוואָרן אין דער שטאָט גרעבצוג, אין אנהאלט, דייטשלאַנד. אין דער יוגנט געלערנט תורה און חכמת ישראל. אַלט זייענדיק צוואַנציק יאָר געלערנט אַלגעמיינע וויסנשאַפט אין דער בערלינער אַקאַדעמיע. אינ׳ם יאָר 1850 איז ער אויסדערוויילט געוואָרן פונם לערער־ראַט אַלס פּראָפעסאָר פון אָריענטאַלישע שפּראַכן. אָפּגע־

פאָרן קיין פאַריז צו פאַרפאָלקאָמענען זיך אין מערערע אייראָפּעאישע שפּראַכן, און אויך זיך פאַרנעמען מיט דער אויספאָרשונג פון דער אָפּשטאַמונג פון די כינעזישע און אינדישע שפּראַכן. פאַרזאַמט זיך דאָרט ביז 1856. צוריקקומענדיק קיין בערלין, ווערט ער מיט גרויס כבוד אויפגענומען און אריינגערעכנט אין דער צאָל אַקאַדעמישע לערער מיטן טיטול: „פּראָפעסאָר פאַר פילאָלאָגיע".

שטיינטאל האָט פאַרפאַסט פילאָזאָפישע און וויסנשאַפטלעכע ווערק און איז דורך זיי געערט געוואָרן פון אלע, סיי אידישע און סיי ניט־אידישע וויסנשאַפטס - מענער.

דר. שלמה רובין

דר. שלמה רובין איז געבוירן געוואָרן אין יאָר תקפ"ג, 1823, אין אַ גאַליציאַנער קליין שטעטל מיטן נאָמען דאָלינאַ. נאָך פון די יונגע יאָרן האָט אים געצויגן צו דער „בת השמים", די השכלה, מיט וועלכן נאָמען מען האָט זי צו יענער צייט גערופן. ניט קוקנדיק דערויף וואָס ער האָט באַקומען סמיכות, האָט ער דאָך ניט געוואָלט אָננעמען אַ רבנישן אַמט, און געוואָרן אַ סוחר. ער האָט וואַרשיינלעך ניט פאַרגעסן „אי ספרא לאו סיפא", און ס'האָט פיל ניט גענומען און ער האָט זיך אויסגעהאַנדלט. שלמה רובין דער „משכיל", שטודירט בוכהאַלטעריע און ווערט אַ לערער. צום ערשטן אין גאַליציע, און שפּעטער אין רוסלאַנד. מיט זיינע רוסישע תלמידים באַזעצט ער זיך אין ווין און ווערט אַ שטענדיקער מיטאַרבעטער אין סמאָלענסקינס „השחר" און אויך אין אַלע העברעאישע צייטשריפטן פון יענער צייט. אין זיין לאַנג און שווער לעבן (זיבן און אַכציק יאָר האָט ער געלעבט) האָט ער אַרויסגעגעבן צענדליקער ספרים און צאָלרייכע אַרטיקלען און צייטשריפטן. ער האָט באַקומען דעם טיטל דאָקטאָר פילאָזאָפיע מיט אַן אויסצייכענונג. זיינע ביכער און אַרטיקלען זיינען אַלע ערנסטע און לאָגיש אויסגעהאַלטענע. ער באַהאַנדלט פאַרשידענע טעאָלאָגישע און פילאָזאָפישע פראַגן מיט דער גרעסטער פּינקטלעכקייט. ער האָט אויך איבערזעצט שפּינאָזאַן דייטשלעך און קלאָר אין דער העברעאישער און דייטשער שפּראַך.

ס'איז כאַראַקטעריסטיש צו פאַרצייכענען דעם דאָזיקן פאַקט: ווען סמאָלענסקין איז פון דר. שלמה רובין פאַרגעשלאָגן געוואָרן אַרויסצוגעבן

זיין חודש־זשורנאַל „השחר״, האָט יענער קיין חשק ניט געהאַט, ווייל
ער איז ניט געווען זיכער צו קענען געפונען די געהעריקע צאָל העברע־
אישע מיטאַרבעטער. האָט אים דר. שלמה רובין פאַרזיכערט מיט אַ
שבועה אַז אַזוי לאַנג ווי ער וועט לעבן, און דער „השחר״ וועט עקזיס־
טירן, איז ער זיך מתחייב צו געבן פאַר יעדן מאָנאַט־העפט ניט ווייי־
ניקער ווי אַ דרוקבויגן מאַטעריאַל גאַנץ אומזיסט. און דר. שלמה רובין
האָט זיין שבועה געהאַלטן. ביז דעם לעצטן העפט „השחר״ טרעפן מיר
זיך שטענדיק אָן מיט זיינעם אַן אַרטיקל.
דר. שלמה רובין איז נפטר געוואָרן אין יאָר תר״ע — 1910.

ה. תקפ״ד — 1824 — פעטער בער
פאַרפאַסט זיין בוך „תולדות היהודים״.—
די רוסישע רעגירונג מאַכט אַ צענז פון די
אידן וועלכע באַשעפטיקן זיך מיט ערד־
אַרבעט אין אַלע רוסישע גובערניעס; אַ
דעקרעט פון דער רעגירונג אַז אויסלענדער
זאָלן זיך ניט טאָרן באַזעצן אין רוסלאַנד.
— אין פויזנא און פרעסבורג בליען אויף
ישיבות. — דער אָנהויב פונם משפט
אין וועליזש וועגן עלילת דם; דער גע־
בורט פון דעם דר. פילאָזאָף משה לאַצאַ־
רוס. — דער טויט פון לאָרד בייראָן.

משה לאַצארוס איז געבוירן געוואָרן אין דער שטאָט פיהלענע, אינם
באַצירק פויזען. זיין פאָטער, ר׳ אהרן יהודה, טראָץ דעם וואָס ער איז
געווען אַ גרויסער למדן און אַ ירא שמים, איינער פון ר׳ עקיבא איגר׳ס
תלמידים, האָט דאָך ניט געוואָלט אָננעמען דעם אמט אַלס רב וועלכן מע
האָט אים פאָרגעשלאָגן, נאָר זיך באַשעפטיקט מיט האַנדל און דערפון
זיך דערנערט מיט זיין פאַמיליע. זיין זון משה, אָדער ווי מע האָט אים
גערופן מאָריץ, האָט ניט אַרויסגעוויזן קיין סימן ברכה אין זיין לערנען
און דער פאָטער האָט אים אַרויסגענומען פון זיין שולע, און אים אַריינ־
געגעבן אין האַנדלס־הויז פון ר׳ שמואל קאָרנפעלד, ר׳ עקיבא איגר׳ס
אַן איידעם, ער זאָל זיך דאָרט פאַרפאַלקאָמען אויפן מסחר־געביט. זיי־
ענדיק אינם האַנדלס־הויז, האָט זיך אין אים מיט אַ מאָל דערוועקט אַן
אויסערגעוויינלעכער חשק צו שטודירן. ער איז אָבער געווען זייער באַ־
שעפטיקט. אַ גאַנצע וואָך און נאָר אין די אָוונטן פלעגט ער זיך אָפּגעבן
מיט אידישע למודים און אין די שבתים פלעגט ער אויך בייזיין דעם
שעור פון מדרש און אגדה וואָס ר׳ שמואל קאָרנפעלד פלעגט לערנען.
ביז אין די שפּעטע שעה׳ן פון די וואָכעדיקע נעכט פלעגט ער

שטודירן אַלגעמיינע, פרעמדשפּראַכיקע למודים. פון צופיל אָנשטרענ־גען זיך איז ער קראַנק געוואָרן און געצוואונגען צו באַפרייען זיך פונם האַנדלס־הויז און איז אַוועקגעפאָרן קיין זאנדערהויזן צוצוגרייטן זיך צו אַ גימנאַזיע־קורס.

אין בראונשוויג האָט דעמאָלט פאַרנומען די רבנות שטעלע דר. הערצפעלד, וועלכער איז פאַר אים געוואָרן לערער אין תלמוד און ווענ־דיזער אויף די נויטיקסטע מאַטעריעס אָנצוקומען דורך זיי אין גימנאַזיע. זיין לערער איז זייער צופרידן געווען פון זיינע פעאיקייטן. ער האָט אויך אויסגענומען ביים פּראָפעסאָר גריפענקערל, דער ערשטער פון די אָנהענ־גער פון דער הערבאַרטישער פילאָזאָפיע.

משה לאַצארוס איז אריינגעטראָטן אין גימנאַזיע, און אין אַ קורצער צייט אַרום, אינם בערלינער אוניווערזיטעט וואו ער האָט געענדיקט אַלס דר. פילאָזאָף. ער האָט חתונה געהאַט פאַר דער טאָכטער פונם באַוואוסטן גביר לעבענהיים. און זייענדיק דאָרט פאַרזאָרגט מיט די דריי זאַכן, וועלכע זיינען די מרחיבים דעתו של אדם, אַ שיינע פרוי, אַ רייך הויז און רייכע אויסשטאַטונג, האָט ער זיך געאָפפערט צו דער וויסנשאַפט און שוין אין 1850, אַלט זייענדיק 26 יאָר, האָט ער אַרויסגעגעבן זיין ערשט בוך מיטן נאָמען „די זיטלעכע באַרעכטיקונג פּרייסענס אין דייטשלאַנד", און גלייך נאָכדעם „דאָס לעבן דער זעעלע" וועלכעס איז אַרויסגעגאַנגען אין פּאָרזעצונגען פון 1856 ביז 1858, און האָט זיך דורך זיי קונה שם געווען און באַשטימט געוואָרן אַלס פּראָפעסאָר אין בערנער אוניווערזי־טעט. און נאָך אַ פּאַרלויף פון אַ קורצער צייט ווערט ער דעקאַן אין דער אָפּטיילונג פאַר פילאָזאָפיע, און גלייך נאָכדעם רעקטאָר פון אוניווערזי־טעט. אינם יאָר 1866 איז לאַצארוס פאַררופן געוואָרן קיין בערלין, און צוזאַמען מיט די הויכגעלערנטע גייסט, העלמהאָלץ און מוסי ארכער, געגרינדעט דעם קולטור־קלוב „וויקטאָריע" אויפן נאָמען פון דער דייַ־טשער טראָנפאָלגערין און אויפגענומען געוואָרן אַלס פּראָפעסאָר פאַר פי־לאָזאָפיע אין דער קריגס־אַקאַדעמיע.

איך האָב דאָ געבראַכט אַ קורצע ביאָגראַפיע פון לאַצארוס וועלכער קען צוגערעכנט ווערן צו דער רעפאָרמער־משפחה; ער איז אָבער ניט געווען קיין עקסטרעמער, און זיך אפילו דערווייטערט פון די עקסטרע־מיסטישע רעפאָרמער און ניט באַזוכט זייער טעמפּל.

משה לאַצאַרוס איז נפטר געוואָרן אין יאָר תרס"ג אין דער עלטער פון 81 יאָר.

לאָרד בייראָן

לאָרד בייראָן וועלכער איז געשטאָרבן אין יאָר תקפ"ד — 1824 — איז געבוירן אין יאָר תקמ"ח, 1788.

די גרויסע פאַרדינסטן וואָס לאָרד בייראָן האָט זיך דערוואָרבן ביים אידישן פאָלק איז ניט צום אָפּשאַצן. ער איז ניט נאָר געוועזן איינער פון די חסידי אומות העולם, נאָר אויך איינער פון די גרעסטע אידישע פריינט, אַן אוהב ישראל אין פולן זין פון וואָרט. בייראָן איז געוועזן דער איינציקער צו יענער צייט וועלכער האָט מיטן גאַנצן פייער פון זיין פלאַמענדיקער נשמה פּראָטעסטירט קעגן דער מאַרטירערשאַפט וואָס ווערט אויסגעאיבט אויפן אידישן פאָלק.

ווי באַוואוסט זיינען אידן צו יענער צייט געוועזן רעכטלאָזע ניט נאָר אין די סלאַווישע, נאָר אויך אין די שוין מער ציוויליזירטע לענדער, ווי איטאַליע און עסטרייך. זיי זיינען דאָרט געוועזן פאַריאַכטע, געדריקטע און פאַרפאָלגטע. אויך אין ענגלאַנד, וואו דער דיכטער בייראָן האָט געלעבט, האָט געהערשט פאָראורטיילן קעגן אידן, וועלכע זיינען ניט אָנדערקענט געוואָרן אַלס בירגער. אידישע שונאים זיינען געוועזן ניט נאָר צווישן דער מאַסע, נאָר אויך צווישן געבילדעטע און וויסנשאַפטס-מענער. די גרעסטע פּאָעטן און דיכטער צו יענער צייט, האָבן מיאוס פּאַמפּלעטירט דאָס אידישע פאָלק, ניט מיט קיין אויסנאַם אפילו פון די גרעסטע דיכטער, ווי געטהע און שילער...

בייראָן איז דאַן געוועזן דער איינציקער, וועמעס האַרץ איז געוועזן פול מיט ליבע צו אידן. דער איינציקער וועלכער האָט געוואוסט און פאַרשטאַנען ווי געהעריק אָפּצושאַצן דעם אידישן עבר אין זיין גאָלדענער עפּאָכע, ווען דאָס אידישע פאָלק איז געוועזן זעלבסטשטענדיק, און באַדויערן די געגנוואַרט אין וועלכער עס ווערט אַזוי פאַרברעכעריש גערודפט. ער — בייראָן — האָט זיין ליבע, זיין סימפּאַטיע צום אידישן פאָלק אויסגעגאָסן אין זיינע שירים אין וועלכע עס פילט זיך, ניט קיין פּשוטע מליצה, נאָר אַן אמת'ער נשמה - אויסגוס.

אין זיין שיר: „ביים ברעג ירדן", וואָס איז אַ נשמה - אויסגוס פונם אידישן פאָלק, דיכטעט ער.

ביים ברעג פונם ירדן אינם וואונדערלעכן לאַנד,
וואַנדערן אַראַבער, בעדואינער אין גרעסטן וויסטקייט־שטאַנד,
צו די געצן דינען זיי, ביי דיין הייליקן באַרג ציון
צו זיי בוקן זיי זיך, פאַר זיי טוען זיי קניִען.
אויף דיין הייליקער ערד לעסטערן זיי דיין נאָמען, דעם ריינעם,
ווערסטו שווייגן, גאָט? אין כף הקלע ניט פאַרשליידערן קיינעם?
ווערסט ניט צעשמעטערן זייערע ביינער
אויף די שפּיציקע קיזל ־ שטיינער?
דיינע אויגן — מעכטיקער — זיינען בליץ און פלאַמענדיק פייער,
דיין שטימע ־ דונער, וואַרפט אָן אַ שרעק, אַ מורא,
פאַר וואָס שטעלסטו ניט אויף „סכת דוד", וואָס איז דיר אַזוי טייער
פאַר וואָס שיצסטו ניט די — פון דיר — זיי געגעבענע תורה?
דיין פאָלק, וועלכעם האָט אָנגענומען דיין תורה.
וועט דיין צאָרן ניט טרעפן די וואָס אויף דיינע קינדער מיט די ציין קריצן,
ווערסטו זיי ניט דערשלאָגן, פאַרטומלען מיט דיינע פייערדיקע בליצן?

אין זיינעם אַ צווייטן שיר „אָן אַ נאָמען" קומט פאַר אַ ווערטער־טויש פון יעקב צו עשו:

צו מיין ברודער עשו.

ווען איך זאָל זיין פאַרדאַרבן ווי דו זאָגסט
וואָלט איך ווייט פון ירושלים איצט ניט געווען...
ווען אויף מיין בכורה, וואָס דו ניט פאַרטראָגסט
זאָל — ווי אויף דיינער — אַ קניה געשען,
ווען איך וואָלט זי — ווי דו — געוואָלט פאַרקויפן,
וואָלט איך פון מיין לאַנד ניט געדאַרפט אַנטלויפן.
אַראָפּוואַרפן פון זיך דעם דת פון מיינע אבות איך זאָל נאָר וועלן
וואָלט איך שוין לאַנג אין יסורים אין שמערצן זיך ניט געדאַרפט קוועלן.
דו ביסט גערעכט, מיין ברודער! אַ שולדיקער,
אַ פאַרברעכער בין איך, אָרעמער און שוואַכער.
אַ צדיק, אַ גערעכטער ביסטו מיין ברודער,
דער שטאַרקער, מעכטיקער, און רייכער.
נו! זאָל זיין ווי דו זאָגסט — ווען דו נעמסט מיך שעדיקן

אַז איך בין אַזוי זינדיק, אַז דער גיהנום וועט מיך ניט ריינִיקן.
איינס בעט איך ביי דיר, ברודער עשו,
לאָז מיך לעבן ביז ס'וועט קומען מיין סוף.
לעב זיך דיר — איך פאַרגין דיר — אין דיין גלויבן,
און מיך אין מיין דת צו שטאַרבן, זאָלסט מיר דערלויבן.
איך וויל שטאַרבן גייענדיק אין די שטעגן
אין וועלכע איך האָב געאָפּפערט מיין פאַרמעגן.
שרעקלעך איז די קללה, ביטער ווי דער טויט,
מיך אויסבעסערן, צי פריי ווערן פון דער נויט,
צי פאַרבלייבן — ווי דו — גליקלעך אין דיין לאַנד,
ניט דו, ברודער עשו, ביסט בכוח און אין שטאַנד.
מיין טרויער, מיינע שמערצן, מיין האָפנונג און מיין שטרעבן
איז נאָר אין דער האַנט פון ליבן גאָט.
אין דיין האַנט, עשו, מיין ברודער, איז נאָר מיין לעבן
און אויך דאָס לעבן בין איך מקריב צו גאָט.

אין אַ דריטן שיר באַקלאָגט ער מיט האַרצרייסנדע ווערטער דעם גורל פונם אידישן פאָלק:

וויִ ביי די טייכן פון בבל וויינט, וויינט עס מיט בלוטיקע טרערן.
איז נאָך ניט געקומען די צייט, וועט עס נאָך פיל געוווערן?
דער מקדש איז וויסט, ציונס אײדעלע טעכטער אין געפאַנגענשאַפט.
ווען וועסטו שוין ווייזן אונז, ליבער גאָט, ווי אַ מאָל דיין פריינטשאַפט?

און ער ענדיקט:

אוי געיאָגט, געפּלאָגט פאָלק אין יעדן לאַנד, אין יעדן אָרט.
ניטאָ פאַר דיר קיין פּלאַץ אונטערן הימל אָפּצורוען זיך דאָרט,
מיטן יאָך אויף דיין האַלז גייסטו כסדר,
אויף דיינע שולטערן טראָגסטו אימער דיינע וואַנדער - קליידער.
די שלאַנג האָט אַ נאָרע, דער פויגל אַ נעסט פאַר אַ שטוב,
און צו ישראל איז ניטאָ מער ווי נאָר אַ קבר — אַ גרוב.

בייראָן האָט געהאַט פיל שונאים; מען האָט אים באַשולדיקט אין מיזאַנטראָפּיע צו דער קריסטלעכער וועלט און פילאַנטראָפּיע צו דער אידישער. מיר אידן פאַרשטייען לאָרד בייראָן גאָר אַנדערש. ניט קיין מיזאַנטראָפּ איז ער געווען נאָר אַ שונא צו די וועלכע באַגייען אומווירדיקע

מעשים. ער האט אייפעריק און פייערדיק געהאסט די וואס האבן פארדינט געהאסט צו ווערן, און היים געליבט און געלויבט די וועמען ער האט פארשטאנען אז זיי האבן עם דערווערט.

ה. תקפ"ו — 1826 — באשטימט צענזארן אין רוסלאנד פאר אידישע ספרים. — ניקאלאי ווערט געקרוינט אין מאסקווע. — אפגעשאפט דעם קאפ־שטייער וועלכן אידן פלעגן געבן כדי צו באפרייט ווערן פון מיליטער־דינסט; ארויס א דעקרעט אין רוסלאנד אז אידן זאלן דינען אין מיליטער צוגלייך מיט אלע בירגער פונם לאנד. — ארויפגעלייגט געווארן פון דער רעגירונג א חוב אויף דעם אידישן קהל צוצושטעלן רעקרוטן צום מיליטער דינסט און באפרייען די וועלכע וועלן קויפן א באפרייאונגס־שיין. — דאס אויסוואנדערן פון די אידן פון די דערפער אין די שטעט אין גראדנער גובערניע.

ה. תקפ"ט —1829— דער טויט פונם גאון ר' מרדכי באנעט. — פארבאטן די אידן צו פארטרעטן וועלכן ס'איז רעגירונגס־אמט אין רוסלאנד; פארבאטן די פוילישע אידן צו באזעצן זיך אין די רוסישע גובערניעס. — די גרינדונג פון א ראבינער - סעמינאריע אין פאדוא, אין אויבער איטאליע. — די רוסישע רעגירונג לאזט ארויס א רשימה פון אלע אידישע ימים טובים אין וועלכע סאלדאטן ווערן באפרייט פון דער טעגלעכער דינסט; אידן ווערן ארויסגעטריבן פון סעוואסטאפאל, ניקאלאיעוו און פון אלע דערפער אין קיעווער גובערניע. — דער יודאפאב פיאריני, דער איטאליענער וועלכער וואוינט אין ווארשע, גיט ארויס א בוך פול מיט פארלוימדונגען קעגן אידן און קעגן תלמוד.

ר' מרדכי באנעט.

ר' מרדכי באנעט איז געבוירן אין יאר תקי"ג אינם דארף שורנא, אין אונגארן. ער איז געווען אן אייניקל פונם גאון הר' נפתלי כ"ץ און פונם גאון בעל חכם צבי. אין זיין פריסטע יוגנט האט ער שוין ארויסגעוויזן גרויסע פעאיקייטן אין תלמודישער וויסנשאפט און זיינע עלטערן האבן אים געשיקט קיין ניקעלשבורג, צו ר' שמואל שמעלקע אין זיין ישיבה. דארטן האט זיך אויף אזוי פיל פארפאלקאמט אין חכמת היהדות אז ער האט זיך פאררעכנט צווישן די גרעסטע גאונים, און מע פלעגט זיך ווענדן צו אים מיט פארשידענע שאלות. נאכדעם ווי ער איז געווען אייניקע יאר רב אין לופענבארג, איז ער נאכן טויט פון ר' שמואל שמעלקע אויפגענומען געווארן פאר אויבער־רב אין ניקעלשבורג.

די צייט אין וועלכע ר' מרדכי באנעט האט געלעבט, איז געווען די צייט ווען די אסימילאציע האט געבושעוועט אין דייטשלאנד. דער רעלי-

גיעזער ניהיליזם וועלכער האָט אַרומגעכאַפּט דאָס גאַנצע לאַנד האָט אויך אָנגעשטעקט די לידערס פון די דייטש - אידישע רעפאָרמער וועמעס הויפּט פירער ס'זיינען געווען דוד פרידלענדער און זיינע חברים, גלויבנדיק אַז זיי וועט געלונגען אונטערצוגראָבן דעם פונדאַמענט פונם גאַנצן „בנין היהדות". היינריך היינעס פראַזע: „דאָס אידנטום איז ניט קיין אמונה, נאָר אַן אומגליק" האָבן זיי אָנגענומען פאַר א תורה. זיי האָבן אין אים געזען א שטערונג צו באַקומען די אמת'ע פרייהייט. און אַזוי ארום האָבן זיך מערערע אידן געטויפט, און אַ גרויסע טייל האָבן פאַרוואָרפן די חכמת ישראל, ניט געוואָלט וויסן פונם תלמוד און פון דער העברעאישער שפּראַך. און זיי פאַרביטן אויף די דייטשע ליטעראַטור און דייטשע שפּראַך. פון דעם אַסימילאַטאָרישן גייסט זיינען אויך אָנגעשטעקט געוואָרן די עסט-רייכישע און אונגאַרישע אידן. די דייטשע ציוויליזאַציע האָט זיי מאַג-נעטיזירט. און אין יעדער שטאָט, אין יעדן שטעטל האָבן זיך געבילדעט רעפאָרם - פאַריינען, צו רעפאָרמירן דאָס אידנטום, צו אָפּעריר̈ן עס און שניידן פון דעם אַלעס וואָס האָט אין זיך געהאַט אַן אָדער, אין וועלכן עס האָט צירקולירט יהדות'טימלעכע בלוט. און אין דער דאָזיקער צייט ווען עס האָט געהערשט דאָס פינסטערניש פאַרן יהדות האָט זיך אויך באַוויזן אַ גרויס ליכט, אינם געשטאַלט פון די גאונים ר' עקיבא איגער, ר' יחזקאל לאנדא, ר' פנחס פון פראַנקפורט, און דער גאון ר' מרדכי באַנעט. אָט די גאונים וועלכע האָבן מקנא געווען קנאת ד' צבאות און אַרוים אין גייס-טיקן קאַמף קעגן די „מהרסים". ס'איז אָבער אַ גרויסער אונטערשיד גע-ווען אין דעם קאַמף וואָס די גאונים, חוץ באַנעטן, האָבן אָנגעפירט ביז דעם פון דעם דערמאנטן גאון. די ערשטע האָבן אָנגענומען א סטראַטע-גישע אָפּענסיווע און דער לעצטער — אַ דעפענסיווע. מע דאַרף ניט אָנ-שטרענגען די כחות אויף צו פירן א מלחמה מיט אַזעלכע וועלכע דער קאַמף וועט זיי ניט באַזיגן אויף אונטערצוגעבן זיך. מיר דאַרפן אונזערע גייסטיקע כחות פאַרווענדן אויף צו פאַרשטאַרקן און באַפעסטיקן די פאָ-זיציעס פונם יהדות. זייער סטראַטעגיע וועט האָבן סוף כל סוף אַ דורכ-פאַל. דער סיסטעם וועט האָבן אַ נידערלאַגע. און אַזוי ארום איז ער גע-ווען פאָרזיכטיק ניט אָנצוגרייפן זיי; אין אַלע זיינע תשובות אויף די אָנ-פראגן וועגן זיי איז ניט צו באַמערקן קיין שאַרפער אויסדרוק קעגן די רעפאָרמער.

די ביכער וועלכע ער האָט פאַרפאַסט זיינען ניט פיל, און צווישן זיי אויך אַזעלכע וואָס זיינען מעטי־הכמות׳דיקע. דערפאַר איז אָבער זייער איכות א וואונדערבארער, און זיין סטיל איז אַ שיינער, גאָר ניט ענלעך צום רבנישן.

ר׳ מרדכי בּארנעט איז נפטר געוואָרן אין קאַרלסבּאַד קומענדיק אַהין זיך היילן פון זיין קרענק, אין יאָר תקפ״ט, און איז נקבר געוואָרן אין דער נאָנטער שטאָט ליכט־שטאָט. אין זיין צוואה האָט ער פאַרלאַנגט מען זאָל אים מקבר זיין אין ניקעלשבּורג און אויף דעם סמך פון זיין צוואה האָבן די ניקעלשבּורגער געוואָלט דורכאויס אַז מען זאָל זייער רב׳ס ביינער אַרויסנעמען און זיי איבערפירן אַהין.

און דאָ האָבן זיך אָנגעהויבּן שאלות ותשובות צי מע האָט דאָס רעכט מטלטל צו זיין די ביינער פון אַ מת. דער חתם סופר האָט ניט מסכים גע־ווען דערויף און דאָך האָבּן די ניקעלשבּורגער מנצח געווען און ער איז איבערגעפירט געוואָרן צו זיי און דאָרט צו קבורה געקומען.

ה. תקפ״ה — 1825 — ניקאָלאַי דער ערשטער באַשטייגט דעם רוסישן טראָן. — לעאָן הלוי פאַרפאַסט זיין בוך „תולדות היהודים״ אויף פראַנצויזיש. — פאַרבאָטן דעם אריינפאָר פון אידן אין אסטראַכאַן; פאַרבאָטן די קריסטלעכע גוט־באַזיצער צו פאַרדינגען זייער ערד צו אידן. — דער געבורט פון פערדינאַנד לאַסאַל. — אַ גרונטשטיין געלייגט אין נאָרד־אַמעריקע פאַר „אַ אידישער שטאָט״ דורך מרדכי עמנואל נח.

אינם יאָר תקפ״ה, 1825, איז אין נאָרד אַמעריקע געלייגט געוואָרן אַ גרונט שטיין פאַר אַ אידישער שטאָט דורך דעם גרויסן אידן־פריינט, אָבער אויך גרויסער פאַנטאַזיאָר מרדכי עמנואל נח. איך וועל די געשעע־ניש אויספירלעכער באַשרייבּן.

מרדכי עמנואל נח איז געבּוירן געוואָרן אין פילאַדעלפיע אין יאָר תקי״ח, 1758. זיין פאָטער איז געווען איינער פון די העלדישע אַמעריקאַ־נער רעוואָלוציאָנערן קעגן ענגלאַנד. זיין מוטער האָט געשטאַמט פון אַ פּאָרטוגעזישער פאַמיליע, וועלכע איז אין דער צייט פון דער אינקוויזיציע אַנטלאָפן קיין אַמעריקע. אין זיינע מעמוארן דערמאַנט ער איינע פון זיי־נע נאָנטע פאַרוואַנדטע, אויף וועלכערס הענט ער האָט געזען די סימנים פון די שטריק מיט וועלכע זי איז פון די אינקוויזיטאָרן געבּונדן געוואָרן.

די אַמעריקאַנער שריפטשטעלער דערציילן, אז דער ערשטער פּרעזידענט פון אַמעריקע, געאָרג וואשינגטאָן, איז געווען צווישן די געלאַדענע אויף דער חתונה פון מרדכי עמנואלס עלטערן. זיין מוטער איז געשטאָרבן, ווען ער איז נאָך געווען א קינד. זיין פאָטער האָט זיך ניט געקאָנט טרייסטן נאָך איר טויט, און ניט קענענדיק פאַרבלייבן רואיק אין דער שטאָט וואו זי איז געשטאָרבן, איז ער פאַרשוואונדן געוואָרן ניט וויסנדיק וואו ער איז אהין געקומען. די קרובים האָבן אויס רחמנות צום עלנדן יתום אים אויסגעהאַלטן און דערצויגן. ער האָט זיך אויסגעלערנט די גראוויר אַרבעט און דערפון זיך דערנערט. ער האָט אָבער פיל געלערנט. בײ טאָג האָט ער געאַרבעט, און בײ נאַכט געקומען אין דער גרויסער ביבליאָטעק „פראַנקלין" און דאָרט געלייענט די בעסטע וויסנשאַפטלעכע ביכער. מיט זיין פלייס און גוטע אויפפירונג האָט ער נושא חן געווען בײ די שטאַטס-מענער, און דורך זייער פּראָטעקציע באַקומען אַ שטעלע אין דער רע-גירונגס - באַנק. אַ דאַנק דעם אמט האָט ער זיך דערוואָרבן פיל ידיעות, וועלכע האָבן אים פיל נוצן געבראַכט אין זיין אַרבעט פאַרן אידישן פאָלק.

פון דער נאַטור איז מרדכי עמנואל נח געווען אַ טרוימער, און זיך באַגייסטערט פון יעדער אויסטערלישקייט. לייענענדיק די אידישע גע-שיכטע, האָט עס אויף אים אַזוי פיל געווירקט און צערייצט זיין פאַנטאַ-זיע, אַז ער האָט באַשטימט צו צייגן זיך פאַר דער קריסטלעכער וועלט אַלס אַ סימבאָל פון ריינעם אידנטום, און דורכדעם אויסוואָרצלען פון די קריסטלעכע הערצער יעדן פאָראורטייל קעגן אידן. מרדכי עמנואל נח איז געווען זייער א סימפּאַטישער מאַן, אַ הויכער, א פעסט געבויטער, מיט אַריסטאָקראַטישע מאַנירן. כאָטש ער איז געווען אַן עקסטרעם רעליגיעז געשטימטער איד, איז ער דאָך געווען אַן איבערגעגעבענער פּאַטריאָט צו אַמעריקע, און געהאַלטן הייליק אירע קאָנסטיטוציאָנעלע געזעצן, און פאַר-דאַמט די ענגלענדער וועלכע אַכטן זיי ניט. איינמאָל, ווען ער איז שטאַרק אַרויסגעטראָטן און קריטיקירט די ענגלענדער פאַר פאַרלעצן דעם אינ-טערנאַציאָנאַלן אָפּמאַך פאַר דעם רעכט פון די שיפן אין אַטלאַנטיק, האָבן אים די אָנגעגריפענע אַרויסגערופן אויף אַ דועל, וועלכן ער האָט מיט ווירדע אָנגענומען, און אַרויסגעוויזן די שונאים זיין מאַכט מיט דער שווערד, ניט שוואכער ווי מיט דער פעדער, און דערשלאָגן אויף טויט די דועליסטן, און זיין נאָמען איז מיט רום געקרוינט געוואָרן.

ווען ער איז, אַלט געוואָרן אכט און צוואנציק יאָר איז ער בּאַשטימט געוואָרן פון די פאראייניקטע שטאַטן אַלס איר געזאַנדטער אין טוניס. אין יאָר 1813 איז ער אַהין ארויסגעפאָרן אויף אַ שיף. צו יענער צייט האָט אויסגעבּראָכן אַ מלחמה צווישן ענגלאַנד און אַמעריקע. און ווען די שיף אין וועלכע ער איז געפאָרן, האָט זיך דערנענטערט צו אַ פראַנצויזישן פּאָרט, האָט זי זיך אָנגעטראָפן מיט אַן ענגלישן קריגס־פלאָט, וועלכער האָט די שיף גענומען אין פּלען. אַלע רייזנדע זיינען בּאַפרייט געוואָרן נאָר מרדכי עמנואל נח איז, אַלס אַמעריקאַנער בּאַאַמטער, פארהאלטן געוואָרן אַלס קריגס געפאַנגענער. נאָכדעם ווי ער איז געבּראכט געוואָרן קיין לאָנדאָן איז ער בּאפרייט געוואָרן אויף זיין ערן־וואָרט, אַז ער וועט אָן דערלויבּעניש דאָס לאַנד ניט פאַרלאָזן. אָפּזייענדיק אין לאָנדאָן איינּיקע מאָנאַטן, איז ער אינגאַנצן בּאַפרייט געוואָרן און אָנגעקומען קיין טוניס. דאָרט האָט ער ארויסגעוויזן זיין פארשטענדעניש אין דיפּלאָמאַטיע. זיינע פילע קעגנער אין די פאראייניקטע שטאַטן האָבּן אָבּער אים פאַרמסר׳ט בּיי דער רעגירונג אַז אלס איד קאָן ער ניט זיין געטריי דער רעגירונג. דער אויסערן מיניסטער זשעמס מאָנראָו האָט די מסירה אָנגענומען און גלייך אַוועקגעשריבּן צו אים דעם פאָלגנדן בּריוו: „מיין הער! בּאַשטימענדיק דיך אַלס בּאַאַמטער אין טוניס האָבּ איך ניט געוואוסט דיין גלויבּן, וועלכער האַלט דיך אָפּ פון צו ערפילן אָ ר ע נ ט ל ע ך דיין אַמט. דערוויסנדיק זיך פון דעם, האָט אונזער פּרעזידענט געפונען פאַר נויטיק דיך אָפּצוזאָגן פון דעם אַמט.”

די דערייגעניש האָט אים נאָך מער אויפגעמונטערט צו זאָרגן זיך פאַרן גורל פון זיין פאָלק, און דער פאַנטאַסטישער געדאַנק: די אויפלעבּונג פון אידישן פאָלק אין אַן אייגן קליין לענדל אין אַמעריקע, האָט אים ניט אָפּגעלאָזט.

נאָכדעם ווי ער האָט בּאַקומען די סימפּאַטיע און פאַרשטענדעניש מיט זיין פּלאַן פון די מיניסטערס און פּרעזידענטן: זשעפערסאָן, זשעמס און מעדיסאָן, האָט ער אָפּגעקויפט בּיי דער רעגירונג אין גראַנד איילאַנד צוויי טויזנט פינף הונדערט מיט פינף אַקער לאַנד, אין דער נאָענטקייט פון דער שטאָט בּופאלא, דאָרט וואו דער קאַנאַל איררי גיסט זיך אריין אין דער ניאגארא, און בּאַצאָלט פאר דעם זעכצן טויזנט הונדערט פינף און אַכציק דאָלער.

מרדכי עמנואל האָט אָבער פאַררעכנט דעם קליינעם אידישן שטאָט נאָר אַלס צופלוכטס-אָרט און בשום אופן ניט פאַר אַ אידן-שטאָט, פאַר וועלכן ער האָט גערעכנט נאָר ארץ ישראל. און אַזוי האָט ער געשריבן אין זיינע צירקולאַרן, וואָס ער האָט אַרויסגעלאָזט.

דעם נאָמען פון דער שטאָט וועלכע ער האָט אין זיין פאַנטאַזיע געבויט, האָט ער אַ נאָמען געגעבן „אררט", אויפן נאָמען פונם באַרג אויף וועלכן נח'ס קאַסטן האָט זיך אָפּגעשטעלט. אינם יאָר תקפ"ה, 1825, איז מיט דער גרעסטער פייערלעכקייט געלייגט געוואָרן דער גרונט שטיין; האַרמאַטן האָבן געשאָסן, מוזיק האָט געשפּילט, און דער יום טוב איז פאַריבער צוזאַמען מיטן פאַנטאַסטישן פּלאַן... די אידן אין אַמעריקע האָבן זיך צו זיין פּלאַן באַצויגן מיט מיסטרוי, און פון דער גאַנצער שטאָט איז נאָר איין מצבה שטיין פאַרבליבן וועלכער געפינט זיך אין דעם מוזעאום אין בופאלא און אויף וועלכן ס'איז אויסגעקריצט אין ענגליש די ווערטער:

''ARARAT''

A City of refuge for the jews founded by Mordecai Manuel Noha in the month Tishri 5586, September 1825, and in the fiftieth year of American Independence.

„אררט"

אַ צופלוכטס-אָרט פאַר אידן, געגרינדעט דורך מרדכי עמנואל נח אין חודש תשרי תקפ"ו, סעפּטעמבער 1825, אינם פופציקסטן יאָר פון אַמעריקאַנער באַפרייאונג.

אַזוי האָט זיך געענדיקט דער שיינער טעריטאָריאַליסטישער חלום פונם גרויסן אידן און גרויסן טרוימער.

ה. תק"צ — 1830 — די רעוואָלוציע אין פראַנקרייך; די רעגירונג פון לואי פיליפּ אין פראַנקרייך גיט אידן בירגער-רעכט און דאָס אידישע גלויבן ווערט אָנדערקענט ווי אַלע אַנדערע גלויבנס; די כלי קודש, ווי חזנים און רבנים, באַקומען געהאַלט פון דער רעגירונג.

ה. תקצ"א — 1831 — דער גרויסער אויפשטאַנד אין פּוילן; — די רעגירונגס - באַהערדן וואַרפן אָפּ דעם פאַרשלאַג פון אידן צו צושטעלן אַ אידישן לעגיאָן צוזאַמען מלחמה צו פירן און פאַרטיידיקן דאָס לאַנד. — די באַמיאונג פונם אוהב ישראל גראַף אַסטראָווסקי אָ-ריינצונעמען אידן אין דער פּוילישער גוואַרדיע, האָט אַ דורכפאַל; לעלעוועל, איינער פון די גרעסטע פּוילישע וויסנשאַפטסמענער איז קעגן דעם פאַרשלאַג אויף צו געבן בירגער-רעכט די אידן אין פּוילן; דער זעלבער ענדערט זיין מיינונג

איבער דער אידן פּראַגע, נאָכן דורכפאַל פון דער רעוואָלוציע, דורך וועלכער ער ווערט אויסגעוויזן פונם לאַנד. — דער אַרויסגעטראָגענער פּסק דין איבער די באַשולדיקטע אידן אין עלילת דם בלבול אין וועליזש; אַלע באַשולדיקטע ווערן באַ־פרייט. — דער געבורט פון יהודה ליב גאָרדאָן.

די אידן אין פּוילן

איך וועל מיך דאָ לענגער אָפּשטעלן און אויספירלעך באַשרייבן דאָס לעבן פון די אידן אין פּוילן פון דער העלפט פון אַכצענטן יאָרהונדערט. איך וועל פאַרצייכענען סיי דאָס עקאָנאָמישע און סיי דאָס גייסטיקע לעבן אינם משך פון די לעצטע 200 יאָר.

פון דער העלפט פון אַכצענטן יאָרהונדערט האָט זיך אָנגעהויבן די טרויעריקסטע און שרעקלעכסטע פּעריאָדע פון דעם סאָציאַלן, עקאָנאָמישן און גייסטיקן לעבן פון די אידן אין פּוילן. אין דער פּעריאָדע איז צו מערקן די אַלגעמיינע ירידה און דאָס פאַרפוילטקייט פון דער פּוילישער רעגירונג.

נאָך דעם אויפשטאַנד פון די קאָזאַקן און אַנדערע רעוואָלוציאָנערע אויסבּרוכן אין יענער צייט, איז דאָס סאָציאַלע לעבן פון די פּאָליאַקן בכלל, און פון די אידן בפרט, פאַרפינסטערט געוואָרן. און ווען אינם לעבן פון די ערשטע האָט זיך ווען ניט ווען געוויזן אַ שטראַל, איז אָבער ביי די אידן דאָס פינסטערניש געווען אַ „חושך מצרים". אויסערדעם וואָס זיי האָבן געליטן פון די העכערע קלאַסן, פון די פּוילישע אַדעליקע, פון די גייסטלעכע און שטאַטס־באַהערדע, פלעגן זיי נאָך ניט ווייניק ליידן פון דער פּוילישער מאַסע, פון די נידעריקע שיכטן, די מאַסע וועלכע פלעגט מאַנכע מאָל רעוואָלטירן קעגן די פּריצים, וואָס האָבן זיי געהאַלטן פאַר־שקלאַפט; דער רעוואָלט האָט מער געשאַדט די אידן ווי די פּריצים... דער קאָזאַקן־אויפשטאַנד אין 17־טן יאָרהונדערט, וועלכער האָט צע־טרייסלט דעם גאַנצן פּוילישן בנין, האָט פאַרניכטעט ביז גאָר אַ גרויסע טייל פונם אידישן פאָלק אין אוקראַינע. אין אַנדערע געגנטן האָט עס אויך רואינירט אויף אַ שרעקלעכן אופן דעם עקאָנאָמישן שטאַנד פון די אידן. די מלחמה פון די שוועדן פון דרויסן און די אַנאַרכיע וואָס האָט געהערשט אינעווייניק אין לאַנד אַ לאַנגע צייט אינם אָנהויב פונם אַכצענטן יאָרהונ־דערט, האָבן שוין פאַרגענצט די רואינע. די רעגירונגס־קאַסע איז כמעט אויסגעליידיקט געוואָרן אַ דאַנק די מלחמות און אַנאַרכיע, די באַפעלקע־

רונג בכלל, און די אידן בפרט, זיינען באלעסטיקט געוואָרן מיט אומגע־הייערע שטייערן, און בנוגע די אידן זיינען די שטייערן פאַרגרעסערט גע־וואָרן, און טראָץ דער פאַרגרעסערונג האָט די רעגירונג זייער עקאָנאָמי־שע לאַגע פאַרשלימערט, אויף טריט און שריט זיי געדריקט און דעם האַנדל באַשרענקט. צו גרעסערע מסחרים זיי ניט צוגעלאָזן, צו ערד - אַרבעט האָבן זיי קיין דריסת הרגל ניט געהאַט. מיט איין וואָרט: פאַרמאַכט פאַר זיי אַלע פרנסה - קוואַלן, באַשרענקט די אויסוואַנדערונג פון אָרט צו אָרט, מיטן פאַרבאָט צו באַזעצן זיך אין געוויסע געגנטן. און ווען די רעגירונג האָט זיי נאָר פון זייער בירגער - רעכט באַרויבט, האָבן די אַדעליקע און די גייסטלעכע אויך פון מענטשן - רעכט זיי באַרויבט. די ערשטע האָבן זיי פאַר אונווירדיקע באַשעפענישן פאַררעכנט, און די צווייטע פאַר „יודעאָוס אינפידעלים” („אומגלויביקער איד”, ווערט באַנוצט אין די שריפטן פון דער קירכן־געשיכטע). די פוילישע שליאַכטן פלעגן זיך באַ־נוצן מיט די אידן פאַר זייערע אינטערעסן; איבערגעבן זיי אַרענדעס אויף זייערע ווירטשאַפטלעכע עסקים, אויף קאָנדיציעס וואָס זיי האָט געלוינט. און די אידן האָבן פאַרן שטיקל ברויט וואָס זיי האָבן פון דעם געהאַט, מערערע מאָל מיט זייער לעבן באַצאָלט. אינם קאָנטראַקט וואָס דער פוי־לישער גוטבאַזיצער האָט געמאַכט מיט זיין אידישן אַרענדאַטאָר, איז געווען אַ פונקט אז אויב דער איד וועט צו דער באַשטימטער צייט ניט אריינגעטראָגן די ראַטע, האָט דער גוטבאַזיצער דאָס רעכט אים אַריינצו־וואַרפן אין תפיסה און ער זאָל דאָרט שמאַכטן ביז דער חוב וועט גע־דעקט ווערן.

אין איינעם אַ דאָקומענט וועלכן מע האָט געפונען ביי אַ גוטבאַזיצער, אין דער צייט פונם אויפשטאַנד איז געווען אויף דעם אופן אָנגעשריבן:

„5־ער יאַנואַר, דער אַרענדאַטאָר הערשקאַ האָט ניט באַצאָלט אַ חוב פון איין און ניינציק רענדלעך, און אויספאָלגנדיק דעם פונקט וואָס גיט מיר רעכט צו אַרעסטירן אים, האָב איך אים אַרעסטירט אין דער שטאָל צוזאַמען מיט די חזירים, זיין פרוי און קינדער האָב איך איבערגעלאָזט אין דער קאַרטשמאַ. דעם אינגסטן זון זיינעם האָב איך צו מיר אין פּאַ־לאַץ גענומען. „לייזא” איז אַ פינפיאָריקער. איך האָב פאַראָרדנט צו לער־נען אים אונזערע גלויבנס - דאָגמען; נאָכדעם וועל איך אים טויפן. איך האָב שוין וועגן דעם געשריבן אונזער עפּיסקאָפּ, און ער האָט מיר פאַר־

שפּראַכן צו קומען צו דער צערעמאָניע. „לייזא" האָט צום ערשטן ניט געוואָלט זיך צלמ'ען און אויסחזר'ן די תּפילות, נאָכדעם אָבער ווי דער פּאַרוואַלטער סטרעליצקי האָט אים עטלעכע צענדליק ריטער אויפן הוילן לייב געגעבן, איז ער נאָכגעביקער געוואָרן. היינט האָט ער שוין געגעסן חזיר„. אין אַ צווייטן דאָקומענט איז געווען געשריבן: „ס'זיינען געקו־מען אידן פון בערדיטשעוו, באַצאָלט פאַר הערשקאָן איין און ניינציק רענדלעך און האָבן מיר געבראַכט אַ מתּנה, אַ פּוד צוקער, צען פונט קאַ־פע; איך האָב באַפוילן צו באַפרייען הערשקאָן, איך האָב לייזאָן ניט גע־וואָלט אַרויסגעגעבן, זיי האָבן אָבער שטאַרק געבעטן און איך האָב אים זיי אַרויסגעגעבן. איך בין אָבער בטוח, אַז דעם 24-טן מאַרט ווען ער וועט דאַרפן באַצאָלן דאָס צווייטע מאָל, וועט ער ווייטער אַריינפאַלן אין מיינע הענט, און דעמאָלט וועל איך שוין לייזאָן מאַכן פאַר אַ קריסט..."

דער אומגליקלעכער אַרענדאַטאָר האָט ניט געוואָגט צו פּראָטעסטירן קעגן וועלכן ס'איז אומרעכט וואָס איז קעגן אים געמאַכט געוואָרן. דער פּוילישער גוטבאַזיצער האָט געהאַט דאָס רעכט צו טון מיט זיין אידן ווי זיין האַרץ האָט געגלוסט. דערציילט דאָך די היסטאָריע, אַז אין דער צייט ווען איין גוטבאַזיצער האָט דערהרג'עט דעם אַרענדאַטאָר פון זיין שכן, האָט דער לעצטער זיך גענומען דאָס רעכט צו דערהרג'ענען דעם ערשטנס אַרענדאַטאָר, און ביידע זיינען זיי אומבאַשטראָפטע פאַרבליבן. דער פּוילישער איד איז געווען ווי אַ שפּילצייג אין די הענט פונם „פּאַן", ער איז שטענדיק געווען איינגעשטעלט מיטן לעבן; ער איז געווען דער שעיר לעזאזל, אויף אים פלעגט דער פּאַן אַרויפלייגן די שולד פון זיינע פאַרברעכנס קעגן די אָרעמע.

און ווען ס'האָט זיך וועלכער, ס'איז רעוואָלט געשאַפן קעגן דעם פּאַן, דעם פייניקער, איז דער איד דער ערשטער קרבן געווען. אינם יאָר 1790 האָט זיך אין די גובערניעס קיעוו, פּאָדאָליע און וואָהלין געשאַפן אַ היי־דאַמאַקישע אָרגאַניזאַציע וועלכע האָט חרוב געמאַכט שטעט און דערפער אין פאַרלויף פון צענדליקער יאָרן, און די גרעסטע צאָל קרבנות וואָס זיינען געפאַלן דורך זייערע הענט זיינען געווען אידן. דער פּוילישער איד וועלכער האָט געליטן סיי פונם פּריץ און סיי פונם פּריצס פּויערישע שקלאַפן, פלעגט, אַלס גלויביקער, אָננעמען אַלץ פאַר ליב און זיך ניט באַ־קלאָגט אויף זיין שווער און ביטער מזל.

ניט בעסער פונם דאָרפישן אידן, דעם אַרענדאַטאָר, איז געווען דער גורל פונם שטאָטישן אידן, וועלכער האָט קיין פריץ אויף זיך ניט געהאַט. די קאַטוילישע גייסטלעכע, איבערהויפּט די יעזואיטן, האָבן געזוכט דורך אַלע מעגלעכקייטן צו דערנידעריקן דעם אידן אין די אויגן פון דער קריסט־לעכער געזעלשאַפט, פאַרשטעלנדיק אים ווי אַ זון פון אַ פאַרשאָלטענער ראַסע. זיי, די יעזואיטן, האָבן אַלע קוואַלן פון פּרנסה פאַרן אידן פאַר־שטאָפּט, אַלע צווייגן פון וועלכע דער איד האָט געהאַט אַ יניקה, אָפּגע־האַקט, און דערמיט אפילו אַרויסגערופן פאַרוואָרפע פון דער אסיפה פון פוילישע וואַלמענער. אינם יאָר 1720, פאַר דעם שאָדן וואָס ווערט דורך זייערע מעשׂים קעגן אידישן האַנדל געבראַכט צום אַלגעמיינעם האַנדל אין לאַנד. דער יעזואיטישער קירכן־אָרדן האָט זיך אָבער פאַר דעם פאַר־וואורף ניט אָפּגעשראָקן. די קירכע האָט געהאַט איר אויטאָנאָמיע.

פון צייט צו צייט פלעגט אַרויסגעגעבן ווערן פאַרשידענע באַשרענ־קונגען - געזעצן קעגן די אידן, ניט נאָר אין האַנדלס־געביטן, נאָר אינם טאָג טעגלעכן פּריוואַטן לעבן. דער איד האָט ניט געהאַט דאָס רעכט צו האַלטן אַ קריסטלעכע דינסט; צו וואוינען אין איין הויף מיט אַ קריסט; צו באָדן זיך מיט אַ קריסט אין איין באָד; צו ווייזן זיך אין גאַס אין די גרויסע קריסטלעכע ימים טובים און אין דער צייט פון אַ קרייץ־פּראָצעסיע. אידישע מתים זיינען דערלויבט געווען נאָר בּיי נאַכט מקבּר צו זיין, און אויך דאַן פלעגט די קבורה פאָרקומען אין געהיים, מיט דער גרעס־טער פאָרזיכטיקייט, ניט צו אָנטרעפן זיך מיט קריסטן, זיי זאָלן ניט מחלל זיין דעם כּבוד פונם מת. אינם יאָר 1720 האָט דער לאָוויצער היי־ליקער סינאָד פאַרבאָטן אידן צו בּויען נייע שולן, און די אַלטע ניט צו פאַרריכטן, און די ניט אויספאָלגער זיינע שטרענג באַשטראָפט געוואָרן. און ווען ס׳איז געלונגען צו באַקומען נאָך שווערע מי און דורך גרויסע געלט־סומען אַ דערלויבּעניש אויף צו בּויען, איז עס געווען מיט שענד־לעכע קאָנדיציעס. ערשטנס אָן קופּאָלן, און גאַנץ נידעריקע, אָן אַ שום אונטערשיד פון אַן איינפאַכער שטוב; צווייטנס אין אַ גאַנץ וויטן מרחק פון אַ קלויסטער. און נאָך די אַלע דערלויבעניש פלעגט מערערע מאָל טרעפן, אַז דורך אַ באַפעל פון אַן עפּיסקאָפּ זיינען פאַרמאַכט געוואָרן אַלע שולן אין זיין יעפּאַרכיע און זיי ערשט געעפנט ווען אידן האָבן אַריינגעטראָגן אַ גרויסע סומע געלט פאַר דער קירכע... אינם יאָר 1733

האָט דער פּלאָצקער סינאָד אַרויסגעגעבן אַזאַ דערקלערונג: „ס'איז גאַנץ טרויעריק און שמערצלעך צוצוזען אַז אין אונזער לאַנד אין וועלכן ס'איז פונם סינאָד פאַרבאָטן אַלע אפּיקורסישע לימודים, שאַלטעט און וואַלטעט דאָס נמאס'דיקע און פון גאָט פאַרשאָלטענע אידישעס גלויבן צוזאַמען מיטן קאַטוילישן. מיר ווייסן אַז עס געפינען זיך אַ גרויסע צאָל אידן אין גאַנץ פוילן, אונזער כונה איז אָבער געווען אַז אידן וועלן תשובה טון און זיך קומען באַשיצן אונטער די פליגל פון אונזער אמונה. זיי זיינען אָבער האַרטנעקיק. מיר וועלן זיי אָבער דולדן. ערשטנס אין דער האָפע־נונג אַז מיט דער צייט וועלן מיר דאָך אימשטאַנד זיין אַראָפּנעמען פון דעם אידן - בוים גוטע פּרוכט פאַר אונז... צווייטנס זאָלן זיי בלייבן און ליידן, וועלן זיי אָנדערקענען די שטראָף פאַר זייער פּייניקן אונזער דער־לייזער..."

מיט אַזאַ קוק אויף די אידן איז זיך לייכט פאַרצושטעלן ווי שרעקלעך עס איז געווען זייער לאַגע. און נאָך שרעקלעכער זיינען געווען די אָפטע בלבולים, איבערהויפּט דער עלילת דם בלבול. „פונם יאָר 1700 ביז דעם יאָר 1760 — שרייבט דער קירכן־היסטאָריקער זאַלוסקי — זיינען פאַר־געקומען 20 משפּטים איבער „עלילת דם", אונטער וועלכע די דריי משפּטים פון סאַנדאָמיר, אין יאָר 1710, זשיטאָמיר אין יאָר 1753, און וואָיסלאַוועץ — 1760. דער זשיטאָמירער משפּט וועלכער האָט זיך פאַר־צויגן איינציקע יאָר, און איז דורכגעגאַנגען אַלע געריכטס־אינסטאַנצן, איז אויפגעהויבן געוואָרן דורך דעם פאַנאַטישן גלח סטעפאַן זשוקאָווסקי, וועל־כער האָט וועגן דעם משפּט אָפּגעדרוקט אַ גרויס ווערק פול מיט גיפט קעגן די אידן. אין דעם דאָזיקן בלבול זיינען באַשולדיקט געוואָרן פיר און צוואַנציק אידן אַז זיי האָבן געהרג'עט אַ פיר יאָריק קריסטלעך קינד מיטן נאָמען סטודזינסקי. נאָך דעם ווי די אידן זיינען מיט די שרעקלעכסטע יסורים געפּייניקט געוואָרן, ניט קאָנענדיק מער בייסטיין דעם נסיון, האָבן זיי זיך מודה געווען אויף דער באַשולדיקונג און עלף פון זיי זיינען אויף אַ שרעקלעכן אופן באַשטראָפט געוואָרן: מען האָט פון זיי לעבעדיקער־הייט אַראָפּגעצויגן די הויט... די איבעריקע דרייצן האָבן זיך געטויפט און דערמיט מכפר געווען זייער זינד... די גלחים האָבן אויסגעמאָלט דאָס בילד פונם הייליקן סטודזינסקי אינם געשטאַלט פון אַ מאַרטירער וועל־כער ווערט פון אידן מיט נאָדלען געשטאָכן... און דאָס בילד פאַרשפּרייט

אין שטעט און דערפער. ס׳איז לייכט צו פאַרשטיין וואָס פאַר א רושם עס האָט געמאַכט אויף דער קריסטלעכער באַפעלקערונג.

גלייך נאָכדעם, אין דעם זעלבן יאָר, איז פאָרגעקומען אן ענלעכער עלילת דם משפט אין וואיסלאַוויץ. דאָרט האָט מען באַשולדיקט אידן אז זיי האָבן דערמאָרדעט אַ קריסטלעך קינד צו באַנוצן זיך מיט זיין בלוט צו די מצות, און די באַשולדיקטע זיינען קיין אַנדערע ניט געווען ווי נאָר צוויי אידישע רבנים און צוויי אידישע פאַרשטייער. איינער פון די רבנים האָט זיך אויפגעהאָנגען אין דער תפיסה און די איבעריקע דריי האָט מען געפערטלט לעבעדיקערהייט. די פּוילישע אידן וועלכע זיינען דערציטערט געוואָרן פון אַזאַ אומגערעכטן משפּט, און דערצו נאָך אַזאַ גרויזאַמען, האָבן געשיקט אַ דעלעגאַציע קיין רוים צום פּויפּסט קלעמענס דער דרייצענטער, און אים געבעטן צו דערקלערן דעם עלילת דם אַלס פאַלשער בלבול. קלעמענס האָט גלייך געשיקט זיין געזאַנדטן אין וואַר־שע, ער זאָל מיט אַלע מעגלעכקייטן ניט דערלאָזן צו אַזעלכע בלבולים. אויך דער קעניג אויגוסט דער דריטער, האָט דורך אידישע השתדלות באַנייט דעם געזעץ פון די פריערדיקע קעניגן צו באַשיצן די אידן פאַר אַזעלכע אויסגעטראַכטע, פאַלשע באַשולדיקונגען, אז אידן נוצן בלוט צו די מצות. ס׳איז אָבער שווער געווען אויסצוואָרצלען דעם בלבול, זאָגאַר די מער פּראָגרעסיווע פּאָליאַקן האָבן געגלויבט אין אים. דער באַ־וואוסטער פּוילישער שרייבער קיסאָוויץ, דער פאַרפאַסער פונם בוך: „פּוילישע מנהגים אין דער צייט פון אויגוסט דעם דריטן", האָט אויך געגלויבט אין דעם בלבול.

עקסצעסן אויף אידן איז שוין געווען אן אָפטע דערשיינונג אין פּוילן, און אין יאָר 1717 האָט דער סיים, אַרויסזעענדיק די ניט גינסטיקע קאָנ־סעקווענצן וואָס די אומרוען קאָנען ברענגען פאַר פּוילן גופא, גע־פינען פאַר נויטיק אַריינצושטעלן אַ פּונקט אין דער קאָנסטיטוציע, אז ס׳איז ניט דערלויבט צו מאַכן עקסצעסן אויף אידן. דער פּונקט איז אָבער פאַרבליבן אויפן פּאַפּיר, און דער מנהג אָנפאַלן איז פאַרבליבן מנהג... און אַזוי האָט זיך דער מנהג פאַרצויגן אין גאַנצן משך פונם אַכצענטן יאָר־הונדערט, ווי עס דערווייזן די פּוילישע מעמואַרן פון יענער צייט, וועלכע באַשרייבן מיטן גרעסטן תענוג די עבר׳דיקע פאַרגעניגנס, די פאַרגע־ניגנס פון די גוטע צייטן...

די אומטאָלעראַנץ פון דער רעליגיע, דער פּאַראורטייל פון דער פּוי־לישער געזעלשאַפט בנוגע אידן, די עקאָנאָמישע קאָנקורענץ, די זיינען געווען די סיבות פון דער שנאה, וואָס האָט געהערשט בײַ די פּאָליאַקן צו אידן און געשאַפן אַ כּסדר'דיקן קאַמף קעגן זיי, צייטנווייז אין געהיים, און צייטנווייז עפנטלעך. די שטאָטישע פּאַרוואַלטונג האָט דעם אידן גע־דרוקט אין זיינע מסחרים, מערערע האַנדלס־צווייגן אינגאַנצן אָפּגעשניטן פאַר אים, און די וועלכע זיינען שוין יאָ געבליבן פאַר אים, זיינען די שטייערן געווען אומדערטרעגלעכע. וואָס אָנבאַלאַנגט בעלי מלאכות, פלעגן זיי ניט אַריינגענומען ווערן אין די קריסטלעכע אַרבעטער - אָר־גאַניזאַציעס (צעכן) און זיי פלעגן אויך ניט דערלאָזן אַ אידן אָננעמען אַר־בעט בײַ אַ קריסט. זעלבסטפאַרשטענדלעך, אַז אידן האָבן ניט געקענט גלייכגילטיק זיך פאַרהאַלטן צו דעם אומרעכט וואָס ווערט זיי געטון, און זיי פלעגן פּראָטעסטירן. מערערע מאָל זיינען פאָרגעקומען צוזאַמענשטויסן צווישן דעם אידישן און דעם פּוילישן שטאַנד וואָס האָבן געפירט צו אָפּ־טע פּראָצעסן צווישן אידן און פּאָליאַקן און ווי געווייגלעך האָבן די ער־שטע שטענדיק פאַרשפּילט, און געווינען האָבן די רעגירונגס - באַהערדן... אויף אַזאַ אופן, און אונטער אַזעלכע באַדינגונגען ווי דער איד האָט גע־לעבט אין פּוילן אינם אכצענטן יאָרהונדערט, איז ער פאַרבליבן אַ שוצלאָ־זער אין דער פּוילישער געזעלשאַפט.

אין יענער צייט, ווען דאָס אַלגעמיינע פּאָליטישע לעבן פון פּוילן איז געווען אַ פאַרשידנקלאַסישעס, אַ מלוכה צוזאַמענגעשטעלט פון קלאַסן און נאַציאָנאַליטעטן, זיינען די אידן געווען, ניט נאָר דער נידעריקסטער — נאָר אויך דער פאַראַכטעסטער און נמאס'דיקער פון יעדן אַנדערן קלאַס באַ־זונדער. דער פּוילישער שליאַכטעץ, וועלכער האָט געפירט אַ אויסגעלאַסן לעבן, האָט געצוואונגען דעם אידן צו באַשעפטיקן זיך מיט דעם נידע־ריקסטן און שענדלעכסטן מסחר פון שענקערייי און הויזירעריי, און צו־וואַרפנדיק אים ברעקלעך אויף צו קלויבן אונטער זיין טיש, האָט ער אים מיט די פיס געטראָטן... די גייסטלעכע האָבן ניט געקענט דערמאַנען דעם אידן אָן שוים אויף די ליפּן... און אים געמאַכט פאַראַנטוואָרטלעך פאַרן טויט פונם דערלייזער... דער פּויער פון קליין־רוסלאַנד האָט געהאַסט דעם אידן מיטן פּריץ צוזאַמען, און ער האָט געהאָפט אויף דער צייט אין וועלכער ער וועט אימשטאַנד זיין אויפצוהענגען דעם אידן, דעם פּריץ און

דעם פריצ׳ס הונט אויף איין תּליה... (ווי ס׳איז פֿאָרגעקומען אין די צייטן פֿון די היידאַמאַקן). די שטאָטישע סוחרים און בעלי־מלאכות האָבן פֿיינט געהאַט דעם אידן, געקוקט אויף אים מיט שנאה אַלס זייערער אַ קאָנ־קורענט און אים געדריקט בּיי יעדער געלעגנהייט; די רעגירונגס־באַאַמטע האָבן, חוץ די אַרויסגעוויזענע פֿיינטשאַפֿט, אים אויך עקספּלאָאַטירט אויף אַ גרויזאַמען אופן, רייך געוואָרן פֿונם כאַבאַר וואָס דער איד פֿלעגט זיי מוזן גיבּן. די רעגירונג האָט בּיי זיי מיט דער גרעסטער שטרענגקייט אויפגעמאָנט די אַרויפגעלייגטע גרויסע שטייערן און פֿאַרמאַכט די אויגן אויף ניט צו זען די אידישע צרות און ליידן.

און וואָס איז פֿאַרבּליבּן צו טון אָט די פֿאַראַכטעטע, געיאָגטע און געפּלאָגטע אידן? וואו האָבּן זיי זיך געקאָנט אַהין טון? געוויס וואָלטן זיי בּיי אַזאַ אַרט לעבּן געקומען צו דער העכסטער מדרגה פֿון פֿאַרצווייפֿ־לונג. צום גליק אָבּער, זיינען זיי — טראָץ זייער פֿאַרבּיטערונג — גע־שטאַנען אויף אַ פֿיל העכערער מדרגה אין קולטור ווי די אַנדערע קריסט־לעכע בּירגער אין פּוילן. פֿונם רב בּיז דעם וואַסער־טרעגער האָט מען ניט געקענט געפֿונען — ווי בּיי זיי — קיין אַנאַלפאַבּעטן. דער רב האָט זיך מיט זיין גראַדן פֿאַרשטאַנד און געלערזאַמקייט אין חכמת ישראל, דער־וואָרבּן אַ גרויסן נאָמען בּיי די פּוילישע געלערנטע, וועלכע זיינען ניט גע־ווען אָנגעשטעקט מיט ווילדער שנאה און האַס צום אידן. אין מאָראַל איז דער רב אויף דער העכסטער מדרגה געשטאַנען; די פּוילישע גייסטלעכע אָבּער האָבּן זיך גאָר ניט אויסגעצייכנט מיט זייער צניעות... אידישע יונגעלייט, די תּלמידים פֿון ישיבות, ווען אויך זיי האָבּן זיך דאָרט פֿאַר־שלאָסן אין די ד׳ אמות של הלכה, האָבּן זיך דאָך אויסגעצייכנט מיט מדות טובות און מיט מער פֿעאיקייט צו גייסטיקער אַרבּעט ווי די יע־זואיטישע שילער פֿון די טעאָלאָגישע לער־אַנשטאַלטן. דער אידישער סוחר האָט איבּערשטייגט דעם פּוילישן, ניט נאָר אין עניני מסחר, נאָר אויך אין אַלוועלטלעכע וויסנשאַפֿט. וואָס אַנבּאַלאַנגט דער אידישער מאַסע, האָט זיך — ווי געזאָגט — ניט געפֿונען איינער, וואָס זאָל ניט קענען לייענען און שרייבּן אידיש און העבּרעאיש. דאַגעגן איז געווען אַ זעלטנהייט צווישן דער ניט אידישער מאַסע, אַ רום אָדער אַ פּאָליאַק, זאָל קענען לייענען און שרייבּן אין זיין שפּראַך. און אָט דער גייסטיקער און מאָראַלישער שטאַנד, האָט געשאַפֿן אַ בּאַזונדערן אויסערגעוויינלעכן פֿיזישן כּח צו קאָנען אי־

באַרטראַגן די שרעקלעכע ליידן. דער איד וועלכער איז אויסערלעך גע־דריקט און געפּייניקט געוואָרן, האָט זיך געפינען אַ געטרייסטער אין זיין אידיש - אינערלעך לעבן. דער פאַראַכטעטער אין דער קריסטלעכער געזעלשאַפט, איז געווען דער געאַכטעטער אין דער אידישער. צווישן זיינע ברידער איז זיין פיזישער כח, דער פון זיינע קריסטלעכע שונאים אָפּגע־שוואכטער, פון זיינע אידישע פריינט פאַרשטאַרקט געוואָרן; דאָס וואָס זיינע פיינט האָבן ביי אים אַוועקגערויבט, האָבן אים זיינע פריינט צוריק־געקערט.

אין זעכצענטן און זיבעצענטן יאָרהונדערט איז אין אַ גרויסער טייל פון פוילן געווען אַ אידישע זעלבסטפאַרוואלטונג. די פאַרשטייער, אָדער ווי מע האָט זיי צו יענער צייט גערופן, פּרנסים, האָבן געזאָרגט איינצו־אָרדענען די קהלות מיט אַלע זייערע הצטרכות׳ן אויפן בעסטן אופן. זיי, די פּרנסים, זיינען אויך געווען פאַראַנטוואָרטלעך פאַר די רעגירונגס־שטייערן און זיי אויפמאָנען פון דער קהלה מיטגלידער, אָפּשאַצנדיק יעדן מיט־גלידס מאַטעריעלן שטאַנד. די גייסטיקע פאַרשטייער, די רבנים, זיינען געווען די אויטאָריטעטן צו פאַרשפּרייטן דעם לימוד אונטער זייער השגחה, און בכלל אַלע רעליגיעזע אַטריבוטן. אויסער די לאָקאַלע גייסטיקע און פילאַנטראָפּישע פאַרשטייער, זיינען אויך געווען צענטראַלע. דער „ועד ארבע ארצות" אין פוילן, און דער סיים פון אַזעלכע פאַרשטייער אין דער ליטע.

ס׳זיינען אויך פאַרגעקומען אויסעראָרדנטלעכע אסיפות פון פאַר־שטייער און רבנים צו באַראַטן זיך וועגן פאַרשידענע כּלל ענינים. ס׳זיינען אויך איינגעאָרדנט געוואָרן געריכטס־ביוראָען אין וועלכע עס פלעגן פאַר־קומען משפטים וואָס אידן האָבן פאַרגעבראַכט, סיי אין דיני ממונות, און סיי אין רעליגיעזע ענינים. אַזאַ גוטע דיסציפּלינירטע אָרגאַניזאַציע אין אידישע קהלות, האָט גאַנץ הויך געשטעלט דאָס מאָראַלישע פאָלקס־לעבן, ס׳האָט אויך גרויסע נוצן געבראַכט דעם עקאָנאָמישן שטאַנד פון די פּוי־לישע אידן. די קינדער־ערציאונג איז איבערגעגעבן געוואָרן די קהלה־פאַרשטייער וועלכע האָבן אויף פאַרשידענע מיטלען געצוואונגען יעדן פאָטער ער זאָל זיין קינד לערנען די אידישע תורה. און אַזוי אַרום איז דער לימוד התורה געווען אַ חוב, און יעדער איד האָט זיך פון אים ניט באַפרייט.

אויסער חדרים און תלמוד תורות זיינען אויך געווען גוטע אָרגאַ־ניזירטע ישיבות אין וועלכע דער עיקר למוד איז געווען דער תלמוד מיט אַלע מפרשים. און אַזוי ארום זיינען פון דאָרט אַרויסגעקומען באַרימטע גאונים: ר׳ שלמה לוריא (מהרש״ל) און ר׳ משה איסערלים (רמ״א) און נאָך פילע מלומדים. און פוילישע אידן האָבן פאַרשטאַנען צו שעצן זייערע גדולים: דער רב, דער דיין, און אַנדערע כלי קודש זיינען פאַררעכנט גע־וואָרן פאַר „בעלי יחוס״, און גליקלעך איז געווען דער איד, וועלכער האָט געהאַט אַ זון אָדער אַן איידעם אַ תלמיד חכם. אָבער יעדע מטבע האָט צוויי זייטן, אַ רעכטע און אַ לינקע. אויך דאָס אידישע לעבן דורך אָרגאַ־ניזירטע קהלות האָט געהאַט זיינע צוויי זייטן. פון איין זייט האָט עס זיך געפירט דורך אַ דיסציפּלינירטע אָרגאַניזאַציע, אין דער גרעסטער אָר־דענונג אויפן עקאָנאָמישן און מאָראַלישן געביט; פון דער צווייטער זייט אָבער, האָט געהערשט אַ דעספּאָטישער אויטאָריטאַריזם. קיין אינדיווי־דועלע פרייהייט האָט ניט עקזיסטירט. ס׳איז געווען אַן אַפּטרופּסות פונם כלל אויפן פרט. יעדער איד האָט זיין אינדיווידועלע דעה ניט געהאַט, געווען אונטערוואָרפן דעם קהל און די רבנים. אָן דער פאַרמיטלונג פון קהל און זיין הסכמה, האָט אַ איד ניט געהאַט דאָס רעכט צו קויפן אָדער פאַרקויפן אומבאַוועגלעכע גיטער, צי אַרויסציען זיך פון איין שטאָט אין דער צווייטער, אָדער אונטערהאַנדלען מיט רעגירונגס־באַאַמטע. אויך אין זיין גייסטיק לעבן איז ער געווען פאַרצוימט מיט אַ גדר, אויף ניט קענען אים דורכברעכן. קהל האָט זיך גערעכנט מיט יעדן איינציקן וועלכער האָט זיך געוואַגט ניט דורכפירן וועלכע ניט איז רעליגיעזע פּראָצעדור. אַן אַנדער שטודיום אויסער תלמודישער איז געווען פאַרבאָטן. די פילאָזאָפישע און פּאָעטישע ליטעראַטור וועלכע די שפּאַניש אידישע פילאָזאָפן און פּאָ־עטן האָבן פאַרפאַסט, איז געווען פאַרבאָטן און דער וואָס האָט זיי גע־לערנט, איז פאַררעכנט געוואָרן פאַר אַן אפּיקורוס. אנשטאָט פילאָזאָפיע און פּאָעזיע איז פאַרשפּרייט געוואָרן דער למוד פון קבלה. און דאָך מוז געזאָגט ווערן, אַז נאָך די אַלע חסרונות וועלכע האָבן זיך געפינען אין דער אַלטער פויליש - אידישער הנהגה, האָט דאָך די זעלבע געבראַכט גרויסע היסטאָרישע נוצן פאַרן פוילישן אידנטום. די הנהגה האָט צוזאַ־מענגעבונדן אַלע, און זיי געמאַכט פאַר אַ פעסטן נאַציאָנאַלן, גייסטיקן און מאָראַלישן בונד. אויב ס׳האָט פון אים אַוועקגערויבט דאָס אינדיווידועלע

לעבן האָט עס אים אָבער געגעבן אַן אַלגעמיין פֿאַרגעניגנדעס כּלל־לעבן. דער איד וועלכער איז געווען פֿאַראַכטעט בײַ זײַנע קריסטלעכע פּוילישע שונאים, האָט געפֿונען אַכטונג און ליבע אינם געזעלשאַפֿטלעכן אידישן לעבן. געהאַט דאָס גרעסטע פֿאַרגעניגן אין זײַן שול, אין זײַן בית־המדרש. דער שוואַכער איד אין גאַס, איז דאָרט געוואָרן אַ גבור. צווישן זײַנע שונאים איז ער געווען דער נמאס׳דיקער אונטערטעניקער, און צווישן זײַנע ברידער, דער גרעסטער תּקיף; בײַ גוים אַ „מה יפֿות׳ניק", און צווישן זײַנע ברידער, אַ שטאָלצער און האַרטנעקיקער; צווישן פֿרעמדע, אַ שוואַך וואַקלענדיקער, און צווישן אייגענע, ווי פֿעלזן שטאַרק.

און ס׳איז געקומען אַ טרויעריקע ענדערונג אינם לעבן פֿון די פּוילישע אידן. ס׳איז געקומען אַ צײַט אין וועלכער די מאַכט פֿון די קהלות אין פּוילן איז געבראָכן געוואָרן, די פֿעסטע זײַלן פֿון די קהלות זײַנען געשטערצט געוואָרן. די נוצן וואָס זיי האָבן געבראַכט דעם אידישן לעבן זײַנען פֿאַרשוואונדן געוואָרן, און די ניט געוואונטשענע זײַנען פֿאַרבליבן. דאָס שרעקלעכע אידישע אומגליק, די גרוילנדע קאַטאַסטראָפֿע וואָס האָט געטראָפֿן די אידן אין דער העלפֿט פֿון זיבעצנטן יאָרהונדערט אין אוקראַינע, איז געווען די ערשטע פֿײַל וואָס האָט געטראָפֿן אינם האַרצן פֿונם פּוילישן אידנטום. לערך דרײַ הונדערט אידישע קהלות זײַנען אומגעבראַכט געוואָרן אין דער צײַט פֿון דעם קאָזאַקן־אויפֿשטאַנד דורך באָגדאַן כמיעלניצקי; אַ גרויסער טייל פֿון אוקראַינע איז צוגעטײלט געוואָרן צו דער רוסישער אימפּעריע און זיך אײַנגאַנצן אָפּגעטײלט פֿונם אידישן תּחום. די אידישע באַוואוסטע בליענדע קהלות אין וואָלינער און פּאָדאָליער גובערניעס, און אויך די קהלות אין גאַליציע און ליטע, זײַנען ניט אימשטאַנד געווען אויפֿצוריכטן זיך נאָך זייער שרעקלעכער רואינע, פֿאַראורזאַכט דורך דעם דערמאָנטן אויפֿשטאַנד און שוועדן־מאָסקווער מלחמה פֿון 1648—58. און ווען אויגנשײַנלעך זײַנען די קהלות באַנײַט געוואָרן, די ראשי הקהלות, די רבנים, און אויך דער „ועד ארבע ארצות" האָבן מיט זייער אַרבעט אָנגעהויבן פֿונקציאָנירן פֿונם יאָר 1660, און אויפֿסנײַ געעפֿנט חדרים, שולן, ישיבות, איז אָבער אַלעס געווען אַן אַ זיכערן באָדן, אָן אַ פֿעסטער קייט צו פֿאַרשטאַרקן די אָרגאַניזאַציע. פּוילן, וועלכע איז צעבראָכן געוואָרן פֿון די מלחמות וואָס זי האָט געהאַט אויסצושטיין פֿון דרויסן און פֿון דער הערשנדער אַנאַרכיע אינעווייניק, האָט געהאַט אַ

שלעכטע ווירקונג סיי אין עקאָנאָמישן און סיי אין גייסטיקן זין אויף די פּוילישע אידן. דאָס פּאַראָרעמטע פּוילן האָט געוואָלט דורך זיי אויפ־געבויט ווערן. ארויפגעלייגט אומגעהייערע גרויסע שטייערן און פאַראַנטוואָרטלעך געמאַכט די קהלה־פאָרשטייער פאַר דער אויפמאָנונג פון די דאָזיקע שטייערן. די פאָרשטייער האָבן אָנגעהויבן אויפצומאָנען די שטייערן אָן דעם מינדעסטן אייזנזן, אָן רחמנות. און די פּוילישע אידן האָבן גיך דערפילט דעם דרוק פון קהל און זיינען אומצופרידן געבליבן פון דער אָרגאַניזאַציע וועלכע האָט זי מער צעבראָכן ווי פאַראייניקט. זיי האָבן אָנגעהויבן עפנטלעך צו פּראָטעסטירן קעגן דער מוט־און־בייזווי־ליקייט פון די קהל'שע פאָרשטייער, און דאָס האָט געבראַכט דערצו אַז אין דער ערשטער העלפט פונם אַכצענטן יאָרהונדערט, האָט די פּוילישע רעגירונג באַגרענעצט די מאַכט פון די קהלות, און אין יאָר 1764 האָט זי אינגאַנצן פאַרבאָטן די אסיפות פון קהל'שע פאָרשטייער, אויך די צו־זאַמענקונפטן פון די רבנים, און דאָס איז געווען אויך דער גורם צו דער ירידה פונם גייסטיקן שטאַנד. די פּוילישע אידן האָבן אַ דאַנק די גרויסע זאָרגן פאַר פּרנסה, זיך אויפגעהערט צו פאַראינטערעסירן מיטן גייסטיקן לעבן. ס'איז זיי ניט געלעגן אין זינען די ישיבות, און זיי האָבן גאָר קיין צייט ניט געהאַט צו לערנען אין זיי. די קהלות פון די צפון'דיקע שטעט זיינען אויף אַזויפיל פאַראָרעמט געוואָרן, אַז זיי זיינען ניט אימ־שטאַנד געווען אויסצוהאַלטן די ישיבות. און די צאָל פון לערנער אין זיי איז וואָס ווייטער מער איינגעשרומפּן געוואָרן. און די אָפּזונדערונג צווישן די לומדים און דער מאַסע איז אלץ גרעסער געוואָרן. די ערשטע האָבן אָנ־געהויבן קוקן מיט פאַראַכטלעכע בליקן אויף די פון דער מאַסע וועלכע זיינען געווען געצוואונגען צו ציען זייער לעבנסמיטל פון נידעריקע און מיאוסע פּרנסות, און די לעצטע האָבן די ערשטע פאַראַכטעט צוליב זייער שטאָלץ. און אַזוי האָט זיך געשאַפן אַ העגעמאָניע פון דעם לומד'ישן קלאַס, און אָן אַנטאַגאָניזם פון דעם אָרעמען האָרעפּאַשנעם קלאַס.

אַזאַ צווייגעשטאַלטיקייט האָט זיך בולט'ער אַרויסגעוויזן אין די דרום געגנטן פון פוילן און וואָלין, פּאָדאָליע און גאַליציע, די געגנטן וועלכע האָבן אַמערסטן געליטן צום ערשטן פון דעם קאָזאַקן אויפשטאַנד, און נאָכדעם, אין אַכצענטן יאָרהונדערט, פון די הײַדאַמאַקן. דאַקעגן אין ליטע און אין די צענטער־שטעט פון גרויס־פּוילן, דאָרט וואו די אַלגעמיינע

אַנאַרכיע האָט אירע פליגל נאָך ניט אויסגעשפּרייט. האָבן זיך נאָך די אידישע קהלות ווי ניט איז געהאַלטן. די פאַרשטייער פון די זעלבע האָבן נאָך זייער אויטאָריטעט אָנגעהאַלטן. אָבער אין אַלגעמיין איז דאָס פּוילישע אידנטום צו יענער צייט געווען אַ צעשפּאָלטענעם און צעשפּליטערטעם.

דער פילאָזאָף שלמה מיימון גיט אונז אַ ריכטיק בילד פון דעם זעלבן: „די אידן אין פּוילן — שרייבט ער — טיילן זיך אין דריי קלאַסן: 1) בעלי מלאכות, ניט קיין געלערנטע; 2) אידישע געלערנטע וועלכע האָבן דאָס לערנען געמאַכט פאַר אַ פּרנסה, געוואָרענע מלמדים, שוחטים, רבנים און אַנדערע כּלי קודש; 3) בטלנים, וועלכע לעבן אויפן חשבון פון אַנדערע.

פון דעם איז צו פאַרשטיין דעם אונטערשיד פון איין קלאַס צו דעם צווייטן, אַן אונטערשיד וועלכער האָט גורם געווען צו דער געגנזייטיקער דערווייטערונג.

ס'איז אָבער געווען נאָר אַ באַזונדערער קלאַס וועלכער האָט זיך מיט די דריי ניט אָנגעקערט, און דער איז געווען ניט קיין אַנדערער ווי דער דאָרפישער , דאָס וויל זאָגן, די אידן וועלכע האָבן געוואוינט אין די דערפער, אונטער דער ממשלה פון די פּוילישע פּריצים. די שטעטישע אידן האָבן זיך נאָך ווי ניט איז געפונען אונטער דער השגחה פונם קהל און די רבנים, פלעגן קומען יעדן שבת און יום טוב אין שול אריין אויסהערן פון די רבנים די דרשה, זייער תורה און זייער מוסר. די דאָרפישע אידן אָבער זיינען ניט געווען אונטערוואָרפן דעם קהל און די רבנים. פון קהל האָבן זיי נאָר געוואוסט אויף צו באַצאָלן די שטייערן וועלכע זיינען אויף זיי אַרויפגעלייגט געוואָרן, און די רבנים האָבן זיי נאָר געזען אין די ימים נוראים, קומענדיק אין די שטעט צו דאַווענען. דער דאָרפישער איד איז געווען ביז גאָר אַן עם הארץ, ניט פאַרשטייענדיק אפילו די פּשוטע שיחות חולין פונם אידישן תלמיד חכם בכלל און פונם רב בפרט. זיי זיינען פון די רבנים ניט צופרידן געווען איבער די שטרענגע דינים, גזרות און חומרות מיט וועלכע זיי זיינען געווען פאַרצוימט, און ניט געקענט דורך זיי דורכפירן דעם האַנדל מיט די קריסטלעכע פּויערן, גלויבנדיק, אַז די דינים, גזרות און חומרות האָבן די רבנים געשאַפן.

צו יענער צייט האָט זיך אַנטפּלעקט די „קבלה", וואָס האָט זיך פאַרשפּרייט צווישן דאָס לומדישע פּוילישע אידנטום און נאָכדעם אָנגעשטעקט

אויך דער אידישער מאַסע, אָן אונטערשיד פונם תּלמיד חכם ביז דעם עם הארץ.

מיר ווילן דאָ ניט שרייבן וועגן דער — דורך דער קבלה געשאַפע־נער — פאַלשער משיח־באַוועגונג פונם העלפט פונם זיבעצנטן יאָרהונדערט, ביז דער העלפט פונם אַכצנטן, ווי דער שבתי צבי׳איזם און פראַנקיזם. וועגן זיי איז שוין אין דער כראָנאָלאָגיע דערמאַנט געוואָרן און ס׳איז נאָך דייטלעכער פון אונזערע היסטאָריקער באַשריבן געוואָרן.

דאָ ווילן מיר נאָר שילדערן די קאָנסעקווענצן פון דער קבלה־לערע און די גייסטיקע רעוואָלוציע וואָס זי האָט אריינגעפירט אינם לעבן פונם פוילישן אידנטום אין דער ערשטער העלפט פונם אַכצנטן יאָרהונדערט. דער יאוש וועלכער איז געקומען נאָכן אנדערקענטן שווינדל פון די פאַל־שע משיחים איז דאָך ניט געווען בכח אָפּצושוואַכן דעם מיסטיציזם וועל־כער האָט זיך איינגעבירגערט אין די הערצער פון די פוילישע אידן. דער מיסטיציזם האָט נאָר זיין צורה איבערגעביטן, פונם פאָלקסטימלעכן מיס־טיציזם איז געוואָרן אַ טעאָרעטישע און פראַקטישע קבלה, און אָפּגעגעבן מיט דער זעלבער האָבן זיך אפילו די לומדים און רבנים וועלכע האָבן פריער אריינגעלייגט אין חרם די אָנהענגער פון שבתי צבי׳איזם און פראַנקיזם. זיי האָבן זיך מיט איר באַשעפטיקט מיט דעם גרעסטן חשק און גרעסטער התלהבות און האָבן זיך געפּלייסט איינצופירן די קבלה־לערע צווישן דער מאַסע. די לערע איז געווען אַ דאָגמאַטישע: אָפּצושוואַכן דעם חומר און פאַרשטאַרקן דעם גייסט דורך פאַסטן און פייניקן זיך. פון די קבלה׳יסטן זיינען אַרויס געקומען די „בעלי השם״, אָט די וואָס האָבן פאַרשטאַנען פון די „צרופי שמות״ פון דער קבלה־לערע צו שאַפן וואונדער. אַזעלכע בעלי שם פלעגן אַרומפאָרן אין שטעט און דערפער, און דורך דער הילף פון די „צרופי שמות״ היילן קראַנקע, טראַגנדיק מאַכן עקרות. זיי, די בעלי השם האָבן זיך באַנוצט מיט „השבעות״, קמעות און סתם אָפּשפּרעכונגען, און חוץ פיזישע קראַנקע, פלעגן זיי אויך היילן גייסטיק קראַנקע, איבערהויפּט משוגעים. און אַזוי ווי ביי דער מאַסע איז געווען איינגערעדט, אַז אין יעדן משוגע׳נעם איז אַריין אַ רוח, אַ שד, אַ דבּוק, האָבן די בעלי השם זיך אונטערגענומען די אַלע רוחות, שדים, דבּוקים אַרויסצוטרייבן... ווי ווייט עס איז געווען דאָס גלויבן אין די אַלע קאָן דינען די געשעעניש וואָס איז פאָרגעקומען אינם אַכ־

צנטן יאָרהונדערט, וועלכע — ווי מע זאָגט — האָט מרעיש עולם געווען.

אין דער שטאָט פּויזנא (פּאָזן) האָבן זיך שדים באַזעצט אין אַ הויז פון אַ רייכן אידן און האָבן באַאומרואיקט די איינוואוינער. אַרויספאַר־פנדיק אויף זיי אַ טויט־שרעק. דער בעל הבית האָט זיך געווענדעט צו ר׳ יואל בעל שם, וועלכער איז געווען מפורסם צו יענער צייט אַלס איינער פון די גרעסטע בעלי מופתים. ר׳ יואל בעל שם, וועלכער האָט געוואוינט אין זאַמושץ איז געקומען קיין פּויזנא, און דורך השבעות איינגעלאַדן די שדים לדין. די שדים האָבן אָנגענומען די איינלאַדונג און יואל בעל שם האָט אָנגעהויבן צו מאַכן ביי זיי אַ חקירה ודרישה, אויף וואָס פאַר אַן אופן האָבן זיי זיך גענומען דאָס רעכט צו באַזעצן זיך אין דעם הויז. די שדים האָבן אים דערקלערט, אַז דאָס הויז איז צו זיי געקומען בירושה, ווייל זיי זיינען די קינדער פונם פריערדיקן ווירט פונם הויז וועלכער האָט געוואוינט מיט זייער מוטער די שדה׳כע, און זי האָט זיי פון אים געבוירן. נאָך דער חקירה האָט דער בעל שם איינגעלאַדן רבנים, און זיי צוזאַמען מיט אים האָבן אַרויסגעטראָגן אַ פסק דין, אַז די שדים האָבן קיין רעכט ניט צו באַזעצן זיך דאָרט וואו מענטשן וואוינען, זייער אָרט איז אין די וועלדער און מדבריות. און די שדים האָבן אים געפאָלגט.

אַזעלכע מעשיות זיינען פאַרשפּרייט געוואָרן צווישן די פּוילישע אידן, און די זעלבע האָבן געהאַט אַ גרויסע ווירקונג אויף זייער פאַנטאַזיע.

ר׳ טוביה הרופא אין זיין „מעשה טוביה", וועלכע איז פאַרפאַסט געוואָרן אין אָנהויב אַכצנטן יאָרהונדערט שרייבט: „ס׳איז ניטאָ קיין אַנ־דער לאַנד אין וועלכן ס׳זאָל עקזיסטירן און אַזוי פאַרשפּרייט זיין השבעות און שדים און מזיקים אין וועלכע די אידן גלויבן, ווי אין פּוילן". די „ספרי מוסר" פון יענער צייט זיינען פול מיט וואונדערלעכע געשיכטן וועגן שדים און רוחות און פון די נשמות וואָס שוועבן ארום אין „עולם התהו" און נאָך אַזעלכע קבלה מופתים.

די אידישע מאַסע, וועלכע האָט געפילט דעם גיהנום מיט אַלע זיינע פייניקונגען אויף דער וועלט, האָט מען נאָך געשראָקן מיטן גיהנום נאָכן טויט; די אָרעמע מאַסע וועלכע איז געווען שטענדיק ארומגערינגלט מיט שדים, רוחות און מזיקים אין שוואַרצע יעזואיטישע קליידער און אין די פון אויסגעלאַסענע שליאַכטישע פייניקער, האָט מען עס נאָך פאַרגע־שטעלט שרעק בילדער פון יענער וועלט. דאָס ביסל פאַרגעניגן וואָס דער

פוילישער איד האָט געהאַט אין זיין שבת און יום טוב, געפונען זיך אין שול צווישן זיינע ברידער און אין הויז צוזאַמען מיט זיין פאַמיליע. האָבן די מגידים און בעל דרשה'ערס פון אים אוועקגערויבט מיט די שרעק־בילדער וואָס זיי האָבן געמאָלן פאַר אים. די אַסקעטישע לערע פון דער קבלה, האָט אים פאַרפינצטערט דאָס לעבן און צעבראָכן זיין גייסט. דער מיסטיציזם האָט אַ צווייפאַכיקע השפּעה געהאַט אויף די פוילישע אידן; ער איז געווען אַ צוויי געשטאַלטיקער: אין ערשטן געשטאַלט דער ארי"איזם, וועלכער האָט די אידן געבראַכט צו אַ לעבן פון התבודדות, אַסקעטיזם, און פאַנטאַסטישע באַגריפן. דאָס צווייטע געשטאַלט — אַ פאַלשער משיח'יזם. אינם ערשטן האָבן זיך געהאַלטן דער רוב פון די פוילישע אידן, אין צווייטן נאָר אַ קליינע טייל אין פּאָדאָליע און גאַליציע. די פוילישע אידן האָבן זיך אָבער לאַנג ניט געהאַלטן אין דעם אַסקעטישן מיסטיציזם. זיי האָבן אָנגעהויבן צו באַגערן אַן אַנדער גלויבן, וואָס זאָל טרייסטן, דערפרייען, דערוואַרעמען און דערלייכטן. ניט דער טרוקענער רב'נישער און ניט דער פלאַם־פייערדיקער מיסטישער וועלכער האָט פאַר־צערט זייער קערפּער, האָט זיי צופרידנגעשטעלט; און ווען דער פאַלשער משיח'יזם האָט זיך פאַר די פוילישע אידן אַרויסגעוויזן מיט דעם גאַנצן עקל און שענדלעכקייט, דאַן איז דאָס חסיד'יזם געבוירן געוואָרן.

דער חסיד'יזם האָט דאָס עצבות, דאָס התבודדות און דאָס פייניקן זיך, פאַררעכנט פאַר דער גרעסטער זינד. ער האָט אין זיינע אָנהענגער איינגעפלאַנצט פרייהלעכקייט, מונטערקייט, דערהויבנקייט און מוטיקייט.

אין דער געשיכטע פון אידן אין פוילן געפינט זיך אויך אַ גרויסער פּרק וועלכער רופט זיך דער פּרק פון שמד אין וועלכן עס פיגורירן פאַר־שידענע טיפּן משומדים: אויסוואורפן, בעלי תאוות, קאַריעריסטן און סתם אָרעמע שוואַכע נפשות. איך וועל מיך באַנוצן מיט ע. נ. פרענקס היס־טאָריע וועגן „משומדים אין פוילן". ביז דעם ניינצנטן יאָרהונדערט — שרייבט ע. נ. פרענק — האָבן זיך אין פוילן געשמדט כמעט נאָר אויס־וואורפן, פאַרשוינען וואָס נאָכן שמד'ן זיך האָבן זיי אָנגעטון גרויסע צרות די אידן, אויסטראַכטנדיק אויף זיי די שרעקלעכסטע בלבולים. דאַגעגן צווישן די שפּעטערע משומדים, האָט זיך זייער זעלטן געפונען אַ צורר היהודים, אַ בלבול מאַכער, אַזוי זאָגט עדות, צווישן אַנדערע, אויך דער מהר"ם מלובלין אין זיינע שאלות ותשובות (סימן ט"ו).

די בלבולים וואָס די משומדים האָבן געמאַכט אויף אידן, חוץ דעם בלוט-בלבול, זיינען געווען פאַרשידנאַרטיקע. צווישן זיי האָבן זיך גע־פונען אויך שרעקלעך נאַרישע אין וועלכע עם האָבן געגלויבט די קריסט־לעכע חכמים פון יענע צייטן, זיי אויפגעשריבן און געדרוקט.

אַזוי האָט איינער אַ דאָקטאָר מרדכי, וואָס האָט זיך גע׳שמד׳ט אין העלפט פון אַכצנטן יאָרהונדערט, דערציילט אונטער אַ שבועה אַז: „יע־דער איד מוז זיין גאַנץ לעבן שווער ליידן פאַר די זינד פון זיינע אבות וועלכע האָבן געפייניקט קריסטוסן", און ער גיט אָפּ אַ צעטל פון די אידן וואָס שטאַמען פון די צוועלף שבטים.

„ווען א איד וואָס שטאַמט פון שבט ראובן רירט אָן אן אומצייטיקע פרוכט, דאַרט די פרוכט אין משך פון דריי טעג; אויף אַלע קברים פון די אידן וואָס שטאַמען פון דעם זעלבן שבט וואַקסט ניט קיין גראָז, און אפילו דאָס וואָס זיי פאַרזייען וואַקסט ניט;

„אין וויעלקי פיאַנטעק" (פרייטיק פאַר פסח) פליסט בלוט פון די פינ־גער פון הענט און פיס ביי אַלע וואָס שטאַמען פון שבט שמעון; „אויף די בערד פון די וואָס שטאַמען פון שבט לוי געפינט זיך שטענדיק שפּיי־עכץ"; „שבט יהודה גיט ארוים פון זיך טויטע יעדן דרייסיקסטן פון חודש"; „גאַנץ שבט זבולון שווימט אין בלוט יעדן „וויעלקי פיאַנטעק"; אין דעם „זעלבן וויעלקי פיאַנטעק" זיפּצט שבט יששכר פון די וואונדן וואָס ער באַקומט; פון די אידן וואָס שטאַמען פון שבט דן, לאָזט זיך פילן יעדן חודש אַ געשטאַנק, און כדי פון אָט דעם געשטאַנק באַפרייט צו ווערן, מוזן זיי זיך איינרייבן דאָס לייב מיט קריסטלעך בלוט; יעדער איד וואָס שטאַמט פון שבט גד, האָט אויפן קאָפּ פופצן ביילן; אַלע די וואָס שטאַמען פון שבט אשר האָבן איין האַנט אַ קירצערע; די וואָס קומען אַרוים פון שבט נפתלי האָבן חזיר׳שע אויערן; די פון שבט יוסף האָבן אַ פול מויל מיט ווערעמלעך און מיט די ווערעמלעך שפייען זיי; די וואָס שטאַמען פון שבט בנימין קאָנען ניט קוקן אין הימל, פילן שטענדיק אַ גרויסן דורשט, און ווען זיי רעדן שפייען זיי — ווי די פון שבט יוסף — מיט ווערעמלעך". און אָט די אַלע נאַרישקייטן, וועלכע נאָר משוגעים קאָנען אַרויסזאָגן, זיינען פון די דעמאָלטדיקע היסטאָריקער, מיט דער גרעסטער ערנסטקייט געשריבן געוואָרן, און אין אַ בוך מיטן נאָמען „סיל־וואַ רערום" (זאַמלונג פון געשעענישן) וועט מען זיי געפינען מיט אַ באַ־

מערקונג פונם פּראָפעסער אַז ער האָט זיי געשריבן פונם מויל פון אַ באַגלויבטן מאַן, אין וועמעס רייד מען קאָן ניט צווייפלען...

ווי ס׳איז באַוואוסט, האָבן די פראַנקיסטן עפנטלעך באַשולדיקט די אידן אין באַנוצן קריסטלעך בלוט צו די מצות. די אידן האָבן זיך גע־ווענדעט צום בישאָף זאַלוסקי און אים געבעטן, אַז ער, אַלס געלערנטער און ערלעכער מאַן, זאָל דעם בלבול נאָכפאָרשן. זאַלוסקי האָט זיך צו דער אויספאָרשונג פאַרנומען גאַנץ ערנסט; שטודירט אַלעם וואָס איז אין פאַר־שידענע שפּראַכן און אין פאַרשידענע צייטן געשריבן געוואָרן וועגן אידן, און ניט געפינענדיק דאָרט קיין הסכמה אויף דער באַשולדיקונג האָט ער זיך געווענדעט צו משומדים. דער ערשטער משומד, אַ גלח מיטן נאָמען טאַרזעווסקי, האָט אים פאַרזיכערט אַז אידן באַנוצן זיך ניט מיט קריסט־לעך בלוט. דער בישאָף האָט זיך אָבער מיט זיין עדות זאָגן ניט גערעכנט און האָט געפרעגט דעם משומד קאָנסטאַנטין קריזשאַנאָווסקי פון ברע־זשאַני און וועלכער האָט פאַרנומען דעם אַמט אַלס פּראָפעסאָר פון העב־רעאיש אין סעמינאַר פאַר פּראַוואָסלאַווע גייסטלעכע, און דער זעלבער האָט אים פאַרזיכערט אַז אויף מצות באַנוצן ניט די אידן קיין קריסטלעך בלוט, זיי באַנוצן זיך אָבער דערמיט אויף צו מאַכן כשוף...

ווי וויים דאָס רשעות פון די משומדים האָט דערגרייכט קאָן דינען דער פאַקט פון דעם חוזק מיט די צוועלף שבטים, און אויך דער פאָלגנדער: „אַז אַ אידיש קינד ווערט געבוירן — האָט אַ משומד עדות געזאָגט — ווערט עס געבוירן מיט צוויי צונויפגעוואַקסענע פינגער וועלכע קענען זיך ניט פונאַנדער נעמען ביז מען באַשמירט זיי מיט בלוט פון אַ קריסט־לעך קינד״.

ווען מיר לייענען די היסטאָריע פון די משומדים אין פּוילן, איז צו מערקן אַן אונטערשיד פון די משומדים פון 17־טן און 18־טן יאָרהונדערט, ביז די פון 19־טן יאָרהונדערט. די ערשטע — נידערטרעכטיקע, בלוטדור־שטיקע און ראַכעזיכטיקע וועלכע האָבן פאַרשאַפט די אידן געברענטעליידן; די צווייטע, דאַקעגן, זיינען געווען פשוטע אָפּגעפאַלענע בלעטער פון דעם בוים פון אידנטום. די סיבות פון דעם דאָזיקן אונטערשיד זיינען פאָלגנדע: די סטאַטיסטיק איבערצייגט אונז אַז כמעט אַלע משומדים פון פונם 17־טן און 18־טן יאָרהונדערט זיינען געווען די להכעיס׳דיקע, אָט די וואָס האָבן זיך געשמדט להכעיס די עלטערן אויף וועלכע זיי האָבן

געטראָגן אַ האַס, אָדער להכעיס קהל, פאַר ניט קאָנען פועלן פאַרלאַנגטע פּריווילעגיעס, און געזוכט מיטן שמד, אויסער פאַרשאַפן זיי בזיונות, אויך מאַכן זיי פּילן צרות צרורות. אינם 19-טן יאָרהונדערט האָבן שוין די עלטערן פאַרשטאַנען צו האָבן וואָס ווינציקער סכסוכים מיט זייערע קינדער. זיי האָבן געוואוסט וואָס פאַר אַ קאָנסעקווענצן עס קאָנען קומען פון אַזעלכע געשאַפענע סכסוכים. אויך קהל איז מער נאָכגעביק געוואָרן צו זיי. די סבה פון שמד איז שוין ניט געווען פון אינעווייניק, נאָר פון דרויסן, פון די שרעקלעכע גזרות וועלכע האָבן געצילט צוזונעמען ביי אידן די פרנסות; אידן מיט אַלטע פּריווילעגיעס זיינען ארויסגעטריבן געוואָרן פון די קרעטשמעס וועלכע זיינען געווען כמעט דער איינציקער פרנסה קוואַל; גאַנצע מחנות אידן מיט ווייבער און קליינע קינדער האָבן זיך אַרומגעשלעפּט זומער און ווינטער, נאַקעטע און באָרוועסע, אויף די פעלדער און וועלדער, פון איין דאָרף אין אַנדערן, פון איין שטאָט אין דער צווייטער, און געבעטלט ווי עס האָט זיך געלאָזט, ביי אידן און ביי קריסטן. און גלחים און יעזוס פּאַרכטיקע פּריצים האָבן אויסגענוצט די געלעגנהייט מיט זייער רחמנות און באַרעמהערציקייט ארייגצוברענגען די אומגליקלעכע אונטער די פליגל פון דער מאַמע מיטן זון... און די אומגליקלעכע, ניט קענענדיק איבערטראָגן די שרעקלעכע נויט, דאָס אומגעהייערעליידן פון זייערע ווייבער און קינדער, האָבן אויסגעפּאַלגט די בעלי רחמנות און זיך געשמד'ט. אַזעלכע משומדים זיינען ניט געווען פריער, און ניט פאַרבליבן נאָכדעם קיין אידישע שונאים. פאַרקערט, ווען איינער פון די משומדים איז עולה לגדולה געוואָרן דורך רייכקייט, אָדער דורך וועלכן ס'איז הויכן אַמט ביי דער רעגירונג, האָט ער נאָך פיל טובות אידן געטון. ווי צ. ב. די משומדים שמואל פרענקעל, יחזקאל האזע, און לעאָפּאָלד קראָנענבערג. צום באַדויערן האָט זיך נאָך די מסכת משומדים ניט געענדיקט אין פּוילן ביז היינטיקן טאָג... די סבות וואָס האָבן זיי געטריבן צום שמד זיינען גאָר ניט קיין באַרעכטיקטע...

יהודה ליב בר׳ אשר גאָרדאָן

יהודה ל. גאָרדאָן קאָן מיט רעכט אָנגערופן ווערן דער גאון פון דער העברעאישער דיכטונג. זיינע עלטערן זיינען אין דער צייט פון זיין געבורט, געווען גאַנץ פאַרמעגלעכע. געוואוינט האָבן זיי אין ווילנע, געהאַלטן אין

אַרענדע פון אַ פּוילישן שליאַכטשיץ אַן איינפאַרהויז. אַלט זייענדיק פיר יאָר מיט פיר מאָנאַט איז ער שוין פון זיין פאָטער אָפּגעגעבן געוואָרן אין חדר פון גרויסן תּלמודיסט ר׳ ליפּמאַן, אַ תּלמיד פון ר׳ חיים וואָלאָזשענער. צו ניין יאָר איז גאָרדאָן געווען אַ בקי אין תּלמוד, איבערשטייגנדיק אַלע עלטערע תּלמידים. צו זיבעצן יאָר האָט ער געענדיקט ש״ס און אויך געווען אַ בקי אין דער אַלטער ליטעראַטור, און באַזיצט דריי שפּראַכן: דייטש, פּויליש און פראַנצויזיש. אין דער זעלבער צייט האָט זיך שוין געלאָזט מערקן אין אים אַ דיכטערישער טאַלאַנט. צו צוואַנציק יאָר האָט ער געשריבן שירים וועלכע זיינען נאָכדעם אריין אין זיינע דיכטערישע אויסגאַבן.

יל״ג האָט אויסער שירים אויך געשריבן פּראָזע. פון זיינע שירים זיינען פיר בענדער דערשינען אינעם יאָר תּרי״ז. ווען ער איז אַלט געווען 26 יאָר האָט ער אַרויסגעגעבן זיין ערשט בוך: „אהבת דוד ומיכל״; אין תּרי״ח איז אַרויס פון דרוק זיין בוך „משלי יהודה״ אין פיר בענדער; אין דעם דאָזיקן ווערק געפינען זיך הונדערט משלים, מערערע זיינען איבערגעזעצטע פון עזאָפּ, לאַפאָנטען און קרילאָוו; ניט ווייניק באַאַרבעטע פון תּלמוד און מדרש, און אויך אָריגינעלע. אין פּראָזע האָט ער אַרויסגעגעבן די ביכער „שני ימים ולילה אחד״, „עולם כמנהגו״, „אחרית שמחה תוגה״ א. א. וו. זיינע שירים זיינען לכּבוד זיין 25-יעריקן יובילעאום פון זיין ליטעראַרישער אַרבעט, אין יאָר תּרמ״ב, אַרויסגעגעבן געוואָרן דורך אַ געשאַפענעם קאָמיטעט אין פיר ספרים. יהודה ליב גאָרדאָן איז געווען דער צווייטער רעדאַקטאָר פונם „המליץ״ און אויסער זיין אָפּטיילונג וואָס איז אים איבערגעגעבן געוואָרן צו שרייבן „פּאָליטישע איבערזיכט״ (הליכות עולם) און „אויסלענדישער איבערזיכט״ (חוץ לארצנו), האָט ער אויך געשריבן פיל פעליעטאָנען אונטערן פּסעוודאָנים „איזוב״. די פעליעטאָנען זיינען באַטיטלט געווען מיטן נאָמען „צליחות של פליטון״ (אַ פלעשל פּערפום). דער סטיל פון זיינע מאמרים און פעליעטאָנען איז געווען אַ סאַטירישער, אַ שניידנדער.

גאָרדאָן האָט פיל געליטן אַ דאַנק זיין אַרט שרייבן. אין יאָר תּרל״ט איז ער פון זיינע קעגנער פאַרמסר׳ט געוואָרן אַלס „ניהיליסט״, און איז צוזאַמען מיט זיין פרוי, טאָכטער און זון אַרעסטירט געוואָרן; נאָך פערציק טעג שווערע תּפיסה איז ער צוזאַמען מיט זיין פאַמיליע פאַרשיקט געוואָרן קיין אָלאָנעצקער גובערניע. די רוסישע רעגירונג האָט זיך אָבער

איבערצייגט אין זיין אומשולד און אים באפרייט.

דאס לעבן פון יל"ג איז ניט געווען מיט בלומען געשפרייט. ער האט פיל געליטן, ווי ס'איז באשריבן אין זיין אויטאביאגראפיע אין „רשומות".

ער איז נפטר געווארן נאך א שווערע קרענק אין יאר תרנ"ב, אלט זייענדיק 61 יאר.

זיינע שירים האבן נאך דעם געשמאק ניט פארלוירן; אויך היינט צו טאג ווערן זיי מיט פארגעניגן געלייענט און באוואונדערט א דאנק זייער אייגנארטיקן סטיל און שארפע סאטירע.

ה. תקצ"ב — 1832 — דער טויט פון ר' יעקב פון ליסא. — די אנפאנגס ליטעראַרישע אַרבעט פון גבריאל ריעסער, ר' רפאל האמבורגער'ס אן אייניקל; ריעסער קריטיקירט שארף אין זיינע ספרים און מאמרים די אסימילאטארן. — דער חכם שטיינהיימס פארעפנטלעכט זיינע אומשעצבארע ספרים. — די ערשטע ליטעראַרישע אַרבעט פון ר' יוסף סאלוואדאר, אין פראנקרייך. — די השכלה־באוועגונג אין גאליציע, דורך די השכלה פיאנערן: ר' נחמן קראכמאל, ר' שלמה יהודה ליב ראפאפארט (שיר), ר' יצחק ערטער. — ר' יוסף פערל גרינדעט א שולע אין טארנאפאל. — דערשינען דאס גרויסע ווערק פון ד"ר צונץ: „די גאטעסדינסטלעכע פארטרעגע", וועלכעס פארשאפט כבוד און רום דעם אידישן פאלק און די אידישע אמונה. — שמואל דוד לוצאטא ווערט באשטימט אלס לערער אין דער ראבינער־סעמינאריע אין פאדוא. — דער געבורט פונם באראן הירש. — דער טויט פון יאהאן וואלפגאנג געטהע.

משה באראן הירש איז געבוירן געווארן אין יאר תקצ"ב, 1832. זיין הונדערט יאריקער יובילעאום איז געפייערט געווארן פאריקעס יאר און די ארגענטינער אידן האבן באשטימט צו גרינדן א קאלאניע און פלאנצן א וואלד אין פאלעסטינע אויף זיין נאמען.

מיר וועלן זיך דא לענגער אפשטעלן און באשרייבן זיין פילאנטראפישע אַרבעט לטובת זיינע אומגליקלעכע ברידער, די געפייניקטע און פארפאלגטע אידן אין פארשידענע לענדער בכלל, און אין רוסלאנד בפרט. מיט זייך קאפיטאל זיינען געגרינדעט געווארן קאלאניעס אויף דעם גרויסן שטח ערד וואס איז פון אים געקויפט געווארן, און דערמיט פארייביקט זיין נאמען אין דער היסטאריע ניט נאר פאר אידן, נאר אויך פאר אלע נאציאנאליטעטן איבער דער גארער וועלט.

„איך וועל קעמפן מיט אלע מעגלעכקייטן קעגן דעם סיסטעם פון

שנאָרעריי, וואָס ברענגט ניט קיין פּאָזיטיווע נוצן. נאָר שאַפט מער קבצנים. איך פּיל אויף זיך דעם חוב צו פאַרוואַנדלען די אַלע קבצנ'ישע הענט וועלכע שטרעקן זיך אויס צו בעטן נדבות, אויף אַרבעטס-פעאיקע, זיי זאָלן ברענגען נוצן זיך און דער אידישער געזעלשאַפט. איבעראַל וואו עס וועט נויטיק זיין צו לייסטן די ליידנדע הילף, וועל איך אין אַכט ניט נעמען ווער די ליידנדע זיינען. איך וועל אָבער אַמייסטן ווידמען מיין קאַפּיטאַל פאַר מיינע אידישע ברידער וועלכע ליידן שוין טויזנטער יאָרן, איך וועל מיך באַמיען ארויסצונעמען זיי פונם גיהנום וואו זיי ווערן אויף אַן אומדערבאַרעמדיקן אופן געבערענט, געבראָטן און געפּאַל־טערט. איך וועל אָנווענדן אַלעם מעגלעכעס צו מאַכן פון זיי נוצלעכע ביר־גער, אַריינברענגען אין דער מענטשלעכער געזעלשאַפט אַן אַרבעטזאַם, קלוג און פאַרשטענדיק פאָלק".

און באַראָן הירש האָט אָנגעהויבן זוכן אַ טעריטאָריע אויף צו קאָ־לאָניזירן זיינע אומגליקלעכע ברידער. צום ערשטן האָט ער אַן אויג גע־וואָרפן אויף די פאַראייניקטע שטאַטן, וועמעס טויערן זיינען אָפן געווען צו יענער צייט פאַר מאַסן אימיגראַציע און די קאָנסטיטוציע גיט גלייכע בירגער רעכט פאַר יעדן וואַנדערער. „איך האָב אָבער — זאָגט באַראָן הירש — אין אַכט גענומען די גרויסע צאָל אידן וואָס געפינען זיך שוין דאָרט און ס'איז ניט רעכט צו פאַרגרעסערן מיט איינמאָל זייער צאָל; עס איז ניט רעכט צו באַזעצן אַלע איינוואַנדערער אויף איין פּלאַץ, אָפּגע־זונדערט פון אידישע ישובים, ווייל פּילייכט ברענגט חלילה אויס, צו־ליב וועלכער ס'ניט איז סבה, אַ קאַטאַסטראָפע אויף די אַלע צוזאַמענ־געדרענגטע וואַנדערער, וועלן זיי אײַנגאַנצן חלילה אונטערגיין. ס'איז נוי־טיק זיי צו צעשפּרייטן און צעוואַרפן אין פאַרשידענע פּלעצער, ווייט איינס פון צווייטן, כדי ווען ס'וועט קומען אַ צרה אויף איין טייל, וועט נאָר די איינע טייל ליידן. ווען אַ שטורם וועט די וואָס איך וועל פאַר־פלאַנצן אויסרייסן אויף איין אָרט, וועלן די אַנדערע ניט ליידן". און נאָך פיל חקירות און דרישות איז באַשטימט געוואָרן פון אים אז די רע־פּובליקעס אַרגענטינע, קאַנאַדע, און אויסטראַליע, זיינען די גינסטיקע לענ־דער אויף צו קויפן טעריטאָריע צו אָרגאַניזירן דאָרט די קאָלאָניזאַציע.

און גלייך האָט ער אַסיגנירט וועגן דעם קויף פופציק מיליאָן פראַנק. מיט דעם דאָזיקן קאַפּיטאַל איז געגרינדעט געוואָרן אַן אַקציען - געזעל־

שאפט וועמעס אויפגאַבע זאָל זיין צו שטיפטן קאָלאָניעס. אין דער געזעל־שאַפט זיינען אריין רייכע פילאַנטראָפּן פון פּאַריז און לאָנדאָן, און אין יאָר תרנ״א, 1891, איז די אַקציען - געזעלשאַפט באַשטעטיקט געוואָרן פון לאָנדאָנער האַנדלס - מיניסטעריום. דער באַשטעטיקונגס - דעקרעט איז גע־ווען ווי פאָלגט:

„דער פאָנד פון דער אַקציען געזעלשאַפט באַטרעפט צוויי מיליאָן פונט שטערלינג, אָדער פופציק מיליאָן פראַנק. דער קאַפּיטאַל איז רעזערווירט געוואָרן איינגאַנצן פונם באַראָן הירש. די געזעלשאַפט דאַרף אַרויסלאָזן צוואַנציק טויזנט אַקציעס, יעדע אַקציע פון הונדערט פונט שטערלינג. פון די אַקציעס קויפט דער באַראָן הירש, וועלכער וואוינט אין פּאַריז, אין דער גאַס עליזעע, ניינצן טויזנט ניין הונדערט ניינציק אַקציעס, די אי־בערגעבליבענע דאַרפן קויפן אַנדערע פילאַנטראָפּן". די אַקציאָנערן וועלכע זיינען אריין אין דער געזעלשאַפט זיינען: באַראָן ראָטשילד אין לאָנדאָן; אליהו גאָלדסמיט אין לאָנדאָן; ערנסט קאַסעל אין לאָנדאָן; מוקאַטו אין לאָנדאָן; ס. גאָלדסמיט אין פּאַריז; שלמה ריינאך אין פּאַריז און בנימין כהן אין לאָנדאָן. די אַלע האָבן געקויפט יעדער איינער צו איין אַקציע.

איך וועל מיך ניט אָפּשטעלן אויף די גרינדונגס - סטאַטוטן און רע־גלאַמענטן פון דער יק״א (פאַרקירצטער נאָמען פון Jewish Colonization Association). איך וועל נאָר דערמאנען דעם הויפּט סטאַטוט וואָס איז נוגע די קאָלאָניסטן: „די ערד וועלכע איז שוין געקויפט געוואָרן און וועל־כע וועט אין דער צוקונפט געקויפט ווערן, ווערט ניט אָפּגעגעבן די קאָ־לאָניסטן אַלס מתנה. זי ווערט פאַרקויפט צו זיי, מיטן אַ תנאי אויף אויס־צאָלן דעם חוב ראַטן־ווייז אין אַ משך פון מערערע יאָרן וועלכע וועלן פון דער יק״א באַשטימט ווערן. אויסער דעם אָפּצאָל פאַר דער ערד דאַרף אויך פון די קאָלאָניסטן באַצאָלט ווערן אַלע אַנדערע — צו דעם קויף און פאַרקויף נויטיקע הוצאות. אַזוי אַרום וועט דער קאַפּיטאַל צוריק געקערט ווערן אויף צו קאָנען קויפן אַנדערע שטחים ערד, צו באַזעצן פרישע קאָלאָניסטן, און אויך קויפן רעמאַנענטן וואָס איז נויטיק פאַר יעדן קאָלאָניסט. יעדע קאָלאָניסטישע משפחה באַקומט אויף איינצוואָרדע־נען זיך הונדערט פופציק העקטאַר לאַנד, און לערך הונדערט פופציק פונט שטערלינג. די הונדערט פופציק העקטאַר לאַנד ווערן פאַררעכנט דעם קאָ־לאָניסט אין הונדערט פונט. פאָלגלעך דאַרף די יק״א אויפמאָנען פונם קאָ־

לאַניסט צוויי הונדערט פופציק פונט צורעכענענדיק דעם אינטערעס 5 פּראָצענט אַ יאָר. דער חוב דאַרף באַצאָלט ווערן אין אַ משך — ווי ס'איז באַשטימט געוואָרן — פון 10 יאָר. אויף אַזאַ אופן קומט אויס דעם קאָ־לאָניסט צו צאָלן יעדעס יאָר דעם קרן מיטן אינטערעס, צוויי און דרייסיק פונט מיט זיבן שילינג. און אַזאַ קליינע סומע האָט די יק"א גערעכנט וועט זיין גאַנץ לייכט דעם קאָלאָניסט צו באַצאָלן. צום באַדויערן האָט די יק"א געמאַכט דעם חשבון אָן דעם אמת'ן בעל הבית פון דער ערד...

איך וועל זיך ניט אָפּשטעלן אויף די קאָלאָניעס וואָס זיינען דורך דעם גרויסן איד און פילאַנטראָפּ געגרינדעט געוואָרן, ווייל איך האַלט אַז דאָס געהערט צו דער היסטאָריע פון דער אידישער קאָלאָניזאַציע. איך וועל נאָר דאָ פאַרצייכענען די גרויסע פאַרדינסטן וואָס דער באַראָן הירש האָט פאַר דעם אידישן פאָלק. אַ דאַנק דעם באַראָן זיינען טויזנטער אי־דישע לופט-מענטשן פאַרוואַנדלט געוואָרן אין פּעאיקע ערד-אַרבעטער. און ווען מיר באַטראַכטן איצט די פאַרהאַרטעוועטע הענט און די פון דער זון פאַרברענטע פנים'ער פון אידישע קאָלאָניסטן, דאַן זאָגן מיר שטאָלץ, אַז דאָס איז צו פאַרדאַנקען דאָס ווייכע האַרץ פונם גרויסן נדיב אשר לא קם כמוהו משה באַראָן הירש, און אויך פון זיין איידעלע פרוי, וועגן וועלכער מיר וועלן נאָך באַזונדער שרייבן, ווייל אירע פאַרדינסטן אויפן געביט פון פילאַנטראָפּיע זיינען אומשעצבאַרע.

דער באַראָן משה הירש איז נפטר געוואָרן אינם יאָר 1896 אין דער עלטער פון 64 יאָר.

ר' שמואל דוד לוצאַטי

איך וועל מיך אָפּשטעלן און גענויער באַשרייבן דאָס געניאַליטעט פון ר' שמואל דוד לוצאַטי, וועלכער האָט געלעבט אין איין צייט מיט ר' נהמן קראָכמאַל, שלמה יהודה ליב ראַפּאָפּאָרט (די ביידנס היסטאָריע איז געשריבן אין דער כראָנאָלאָגיע פון ה. ת"ר, 1840), ר' יצחק ערטער און ר' יוסף פּערל.

ר' שמואל דוד לוצאַטי האָט דאָס גאַנצע לעבן זיינס מקדיש געווען אויף צו באַשיצן און פאַרטיידיקן די אידישע תורה, אין דער זעלבער צייט אָבער האָט ער געשטרעבט צו דערהויבן זי און איר שטעלן אויף דער גע־העריקער הויך, צו ממלא זיין דעם חסרון וועלכער איז געשאַפן געוואָרן אין משך פון אַנגסט און פּיין און דערשלאָגנקייט, סיי פיזיש, און סיי

גייסטיק, פאַרן אידישן פאָלק. ער האָט ארויסגענומען פונם בארג שטויב אַלע אונזערע אוצרות פונם מיטלאַלטער, אַנטפּלעקט פאַר אונז דאָס שענסטע און דאָס בעסטע, אָפּרייניקנדיק פון זיי דעם אָנגעפּאַלענעם שטויב און פאַרהיטנדיק זיי פון ווייטערע אומרייניקייט.

ביי לוצאַטין ווערט ר׳ יהודה הלוי, דער נאַציאָנאַלער משורר און דער פילאָזאָף מיט אַ פלאַמענדיק הארץ — ווי ער רופט אים אָן — ביי וועמען דאָס אידנטום איז אַ נאַציאָנאַלעס, וואָס האָט זיך אַנטוויקלט אינם לאַנגן משך פון דער היסטאָריע פונם אידישן פאָלק, פאַררעכנט פאַר דעם בעסטן און לויבנסווירדיקן סימבאָל און אָריגינאַליטעט פונם אידנטום. דאַקעגן אָבער דער רמב״ם, דער ראַציאָנאַליסט, וועלכער האָט געזוכט צו פאַרייניקן דאָס וואָס איז אוממעגלעך: תורת ישראל מיט תורת אריסטו, די פילאָזאָפיע פונם הארצן מיט דער פילאָזאָפיע פונם מח... דער מיימאָנידער פילאָזאָף וועלכער האָט ניט באַטראַכט דאָס „יהדות״ אַלס אַ היסטאָרישע וואָס אַנטוויקלט זיך לאַנגזאַם, און געזוכט האָט ער צו פאַרבאַלזאַמירן מיט דאָגמען, און באַטשימטע הלכות און דיסקוטירבאַרע, דער מיימאָנידער וועמעס שכל האָט באַהערשט דאָס הארץ, — ער איז ביי לוצאַטין פאַררעכנט געווען אַלס אַ סימבאָל פון ניט געוואונטשענעם נאַציאָנאַליזם און צעשטערער פון אידנטימלעכער אָריגינאַליטעט...

דאָס קעגנערשאַפט פון לוצאַטי צו דער פילאָזאָפיע - יהדות-שעטנז, איז ניט געווען אַ טעאָרעטיש אַבסטראַקטע; ס׳איז געווען אַ קאָנסעקווענץ פון זיין אָנשויאונג אויפן לעבן. ער האָט פאַרשטאַנען אַז די פילאָזאָפיע רויבט אוועק די לעבנספרייד. זי פאַרטומלט און פאַרפלאָנטערט דעם מענטשנס שכל מיט אירע ספקות, זי פאַרטרוקנט די הערצער און פאַרצערט די פרישע געפילן פון דער יוגנטלעכער גענעראַציאָן. אין איינעם פון זיינע שריפטן זאָגט ער קלאָר און דייטלעך: „די גריכישע פילאָזאָפיע, איבערהויפּט אין דעם דור, ניט נאָר וואָס זי מאַכט ניט אירע לערנער פאַר גרעסערע און בעסערע חכמים ווי זיי זיינען פריער געווען, נאָר פאַרקערט, זי רויבט פון זיי אוועק דעם פריילעכן געמיט, און שאַפט אין זיי נידערגעשלאָגנקייט, פעסימיזם און פאַראַכטונג ניט נאָר צו פרעמדע, נאָר אויך צו זיך אליין... און ניט זעלטן ברענגט זי אויך צו זעלבסטמאָרד״. דער עיקר ביי לוצאַטי איז ניט דער טעאָרעטישער אמת, ווי מען איז געוואוינט אָנצורופן די פילאָזאָפיע, נאָר דער פּראַקטישער אמת.

ווען אַ מענטש פֿאַרליבּט זיך אינם — נאָך זיין מיינונג נאָך — טעאָרעטיש - פֿילאָזאָפֿישן אמת, מעגן די קאָנסעקווענצן פֿון דעם זיין ווי גאָר טרויעריקע, ווי גאָר שעדלעכע, האַלט ער זיך דאָך בּיי דעם אמת. עס איז דאָך אין טעאָרעטישן זין אמת, און דער, פֿאַר אים, געמיינטער אמת בּרענגט אים אריין — ווי געזאָגט — צום גרעסטן יאוש... אַנדערש איז אָבּער מיטן פּראַקטישן אמת. די לעבּנס - פֿילאָזאָפֿיע, מעגן די פֿילאָזאָפֿן זיין ווער זיי זיינען: רוסאָ, טאָלסטאָי, קארלייל, און וועלכע ס'איז אַנדערע, קוים שעדיקט זי דאָס לעבּן, איז דער פֿילאָזאָפֿישער אמת אַ צווייפֿלהאַפֿטער. ווייל דער מענטש מוז שטענדיק פֿאַרבּלייבּן דער צענטראַל פּונקט פֿון דער בּריאה, און דאָס אמת'ע גוטקייט איז ניט דער אמת וואָס בּרענגט שאָדן, נאָר דער וואָס שאַפֿט גליק דעם מענטשן. און דער דאָזיקער געדאַנק איז געווען די סבּה פֿונם אידעען - קאַמף וואָס לוצאַטי האָט אָנגעפֿירט מיט שפּינאָזאן. שפּינאָזאַ איז געווען דער ערשטער וועלכער האָט געלייקנט אין די צוועקמעסיקע סבּות אין דער נאַטור, ער לייקנט אין דער מציאות פֿון אַבּסאָלוטעם גוטס און אַבּסאָלוטעם שלעכטס, און קומט צו דער מסקנא, אַז די בּאַגריפֿן פֿון אבּסאָלוטיזם און די צוויי טערמינען האָט דער מענטש אויסגעטראַכט, ווייל ער אַליין פֿילט דאָס גוטע און שלעכטע אויף זיך. אין דער נאַטור אָבּער, זאָגט ער, איז ניטאָ, ניט קיין גוטס, ניט קיין שלעכטס, ניט קיין חשבּון, ניט קיין ציל, און ניט קיין צוועק... אויף אַזאַ אויסגעשפּראָכענע אידעע האָט אים לוצאַטי ניט געקענט מוחל זיין, ווייל אַזאַ אנדערקענונג פֿאַרשאַפֿט דעם מענטשן טרויער, אנשטאַט פֿרייד, פּעסימיזם אנשטאַט אָפּטימיזם, פֿאַרצווייפֿלונג אנשטאַט דערמוטיקונג, און עס ציט פֿון אים אַראָפּ די קרוין פֿון דער בּריאה, און שטויסט אים אָפּ צו האַלטן זיך פֿעסט אין איר צענטער. אַזאַ אויסגעשפּראָכענעם פֿילאָזאָפֿישן געדאַנק גיט ניט דעם מענטשן אַן אומצווייפֿלבּאַרע תורה, דורך איר צו קענען לעבּן און עקזיסטירן. דען נאָך די אַלע טויזנטער ספֿרים וועלכע די פֿילאָזאָפֿיע האָט פֿאַרפֿאַסט, איז נאָך ניטאָ איין ענין אין וועלכן אַלע פֿילאָזאָפֿן זאָלן איינשטימיק זיין, און אָט גראַדע אָט דער ניט פֿילאָזאָף, דער ניט אין הימלקריכנדער, דער וועלכער ווייסט ניט פֿון פֿילאָזאָפֿיע, גייט זיך דורך זיין לעבּנסוועג מיט זיין נאַטירלעכן שכל און ווערט ניט געשטרויכלט פֿון די אין וועג ליגנדע שטיינער, — ווי דאָס קומט פֿאָר מיטן פֿילאָזאָף.

דער קוואַל פון שלעכטס, ליגט — נאָך דער מיינונג פון לוצאַטי — אין דער מה־השכלה, אין דער השכלה פון די גריכישע פילאָזאָפן, וועלכע איז ביז גאָר אַ נמאס׳דיקע אין די אויגן פון לוצאַטי. אין אידנטום קאָן אַזאַ השכלה ניט זיין, די השכלה פונם אידנטום איז אַ האַרץ - השכלה. דאָס יהדות, סיי דאָס ביבלישע און סיי דאָס תלמודישע איז פעאיק צו פאַר־שפּרייטן נאַטירלעכע געפילן פון דערבאַרעמונג און ליבע. דאָס יהדות ווייס ניט פון קיין חשבון, דאָס יהדות רעדט צום האַרצן און באַפעלט עס צו טון אַזעלכעס, וועלכעס איז קעגן יעדן חשבון... מען מוז צוריקקערן דאָס פאַרמשכּונ׳טע קישן, ער זאָל האָבן אויף וואָס צו שלאָפן, ווען אויך דו ביסט מסופק אויב ער וועט עס צוריקברענגען... דו דאַרפסט באַצאָלן דעם לאַסט טרעגער, פאַרן טראָגן דאָס פאַס וויין, ווען אויך ער האָט עס צעבראָכן ביים טראָגן. פאַר וואָס? ווייל אַזוי באַפעלט דאָס האַרץ: „זאָלסט גיין אינם וועג פון גוטע, און דעם וועג פון צדיקים זאָלסטו היטן".

די פּראַקטיק שטייט העכער פון דער טעאָריע, די געזעלשאַפטלעכע מאָראַל איז באַדייטנד גרעסער פון דער אַבסטראַקטער טעאָריע. ווען מען האָט לוצאַטין באַשולדיקט אין דעם אוניווערזיטעט אין פּאַדואַ, וואו ער איז געווען פּראָפעסאָר, אַז דער פּראָגרעס האָט אין אים ניט אריינגעדרונ־גען, און אַז מען לייענט דאָרט פאַר פאַרעלטערטע אידעאָלאָגיעס, האָט ער געגעבן פאָלגנדן ענטפער: „דער פּאַדואַר אוניווערזיטעט איז קיינמאָל ניט געווען קעגן גאַנג פונם שכל, און ווען ער — דער אוניווערזיטעט — האָט בעסער ליב צו פאַרהיטן, איידער צו צעשטערן, איז דאָס אַ זיטלעכקייט וואָס שטאַמט פון פּראָגרעס, און ניט פון אָפּגעשטאַנענקייט. און אפילו נאָך אַ פרייען שפּאַציר אין דעם טעמפּל פון „סיסטעמען" קען מען אויס־געפינען אַז דער סיסטעם פון „פאַרהיטן" קאָן ניט פירן צו אַ טעאָרעטישן אמת; נאָך די פּרינציפּן פון דעם געמיינזאַמען פּראָגרעס פון דער מענטש־הייט, פירט ער אָבער בלי ספק צו דער דערגרייכונג פונם גליק פון דער מענטשהייט און איר צופרידנקייט.

לוצאַטיס אידעע צו שטרעבן נאָך גערעכטיקייט און אָרנטלעכקייט שטייט ביי אים אָן אַ שיעור העכער ווי דאָס שטרעבן נאָכן טעאָרעטישן אמת; דאָס איז פאַר אים דער וועג פונם ריכטיקן יהדות. אין איינעם פון זיינע בריוו, וואָס ער האָט געשריבן צו יוסטן, דריקט ער זיך אויס: „דאָ וועסטו פאַרשטיין מיין גרונד - געדאַנק, אַז די אידישע אמונה איז גע־

ליבט בײַ גאָט ניט אַזױפֿיל פֿאַר איר אמת׳דיקײט, װי פֿאַר אירע נוצן, אױף צו פֿירן די מענטשן צו דער גרעסטער זיטלעכקײט...״

דער מאָראַליזם װעלכן לוצאַטי האָט באַזיצט אין דער העכסטער מדרגה האָט אים געבראַכט צו דער מסקנא, אַז דער עיקר אין מענטשן זײַנען ניט זײַנע פֿילע ידיעות און פֿאַרשידענע חכמות, נאָר זײַן אומבאַפֿלעקטע נשמה. און די השקפה האָט אים געבראַכט צו דער באַשטימונג אַז דער מענטש װאָס באַזיצט ניט אַ רײנע אומבאַפֿלעקטע נשמה, קאָן בשום אופן ניט זײַן אַן אָריגינעלער װיסנשאַפֿטסמאַן. „האָט ער נאָר — זאָגט לוצאַטי — אױפֿגעהערט צו זײַן אין מײַנע אױגן אַ רעכטפֿאַרטיקער, האָט ער אױך אױפֿגעהערט צו זײַן אַ חכם און אַ פֿאַרשטאַנדיקער. װען אױך ער האָט פֿיל געלערנט, איז ער דאָך אין מײַנע אױגן פֿאַררעכנט פֿאַר אַן אומפּעאיקן צו טיפֿע חקירות״.

לוצאַטי שױנט אױך ניט דעם אבן עזרא, ניט װײַל ער האַלט אים פֿאַר אַ שלעכטן און פֿאַרדאָרבענעם, נאָר אַלס אַזעלכן װאָס ער האָט ניט מודה געװען אױפֿן אמת, און דער אמת איז בײַ אים נידעריקער געשטאַנען פֿון זײַן כּבוד, און פֿון זײַן שאַרפֿזיניקײט, האָט ער מיט זײַן גאַנצן חריפֿות׳דיקן שׂכל ניט דערגרונטעװעט זיך צום אמת׳ן מקור פֿון דער אמת׳ער חכמה. „דער אבן עזרא — זאָגט לוצאַטי — האָט קײנמאָל ניט מודה געװען אױף אַ פֿעלער װאָס אַנדערע חכמים האָבן אים אָנגעװיזן; מיט קרומע װעגן איז ער געגאַנגען אױף סותר זײַן די טענות פֿון זײַנע קעגנער. לוצאַטי פֿאַרגעטערט ר׳ שלמה יצחקי (רש״י) װעלכער האָט שטענדיק מודה געװען, װען חכמים האָבן אים אָנגעװיזן אױף אַ „שגיאה״. און ער קומט צו דער מסקנא, אַז דער אבן עזרא איז ניט געװען אָריגינעל און רש״י איז יאָ געװען אַזעלכער.

לוצאַטי האָט ניט מסכּים געװען מיט די װאָס זאָגן אַז דער מענטש און דער שרײַבער זײַנען אומאָפּהענגיק אײנער פֿונם צװײטן, דאָס װיל זאָגן, אַז אַ מענטש קען זײַן דער גרעסטער װיסנשאַפֿטסמאַן, און אַלײן דער גרעסטער פֿאַרדאָרבענער. װען דער מענטש באַזיצט אַ גוטן זכּרון, און איז בײַ נאָר אַ באַלעזענער קאָן ער װערן אַ געלערנטער דורך אױפֿגעכאַפּטע פֿרעמדע געדאַנקען. צו זײַן אָבער אָריגינעל, זײַן אַלײן דער יוצר, דער בורא, אַרײַנבּרענגען אין ליטעראַרישע אוצרות אײגענע שאַפֿונגען, װאָס קײן פֿרעמדער האָט װעגן זײ קײנמאָל ניט געדענקט, קײן פֿרעמד

אויג קיינמאָל ניט געזען, קאָן נאָר דער וועלכער האָט אַ ריין האַרץ און געשולטע זינען. גרויסע מחשבות קומען פון אַ האַרץ וואָס איז אומבאַפלעקט... גרויסע מחשבות קומען פונם קוואַל וואָס רופט זיך „אמת״ און דער קוואַל מוז זיין ריין, לויטער ווי קריסטאַל. און דאָס איז געווען די סבּה פונם קאַמף וואָס לוצאַטי האָט אָנגעפירט מיט די משׂכּילים פון זיין צייט. „איך קאָן בּשום אופן ניט גלויבּן — האָט ער געזאָגט — אין זייער ערנסטקייט. זייערע מחשבות זיינען ניט אָריגינעלע, געגנבעטע בּיי אַנדערע, און קוים גנבה׳שע קאָן שוין קיין ערנסטקייט ניט זיין״.

„איך האָבּ מורא פאַרן אמת, און ניט דער אמת פאַר מיר״ האָט ער געשריבּן צו זיינעם אַ פריינט. און ווען ס׳זיינען אויף אים אָנגעפאַלן סיי חכמים, סיי נאַראָנים פאַר זיינע שאַרפע אויסדריקן קעגן רמבּ״ם און אבן עזרא, האָט ער אויף זיך געזאָגט: „איך בּין דער מענטש וואָס זוכט שלום צו זיין מיט יעדן, ער האָט אָבּער קיין מורא ניט מלחמה פירן מיט יעדן״...

אין זיין גרויסן אייפער וועגן אַ ריינעם און אמת׳ן יהדות, האָט ער אויך זיך געאייפערט וועגן דער נאַציאָנאַלער שפּראַך. די שפּראַך וואָס פאַרייניקט די אויסדערווײלטע, די פיינסטע אין אידישן פאָלק, די קענער פון אונזער תורה. און אונזער אַלטע ליטעראַטור: „איך בּאַמי זיך — שרייבּט ער צו אַ פריינט — צו דערוועקן ליבּע צום יהדות, וועלכעס, צום בּאַדויערן, פאַלט פון טאָג צו טאָג. און אויך אויפצוהאַלטן דאָס לעבּן פון דער העבּרעאישער שפּראַך און העבּרעאישע ליטעראַטור. דאָס איז דאָס איינציקע בּעסטע מיטל אויף אויפצוהאַלטן דאָס יהדות.״

ווי ווייט גרויס זיין ליבּע צו דער העבּרעאישער שפּראַך איז געווען, קען מען אַרויסזען פון דעם בּריוו וואָס ער האָט געשריבּן צו איינעם פון זיינע תלמידים: „דיין העבּרעאישן בּריוו — שרייבּט ער אים — האָבּ איך דערהאַלטן. געבּענטשט זאָלסטו זיין צו גאָט, פאַר דיין גוטן ווילן וואָס האָט זיך דערוועקט אין דיר צו שרייבּן אין דער שפּראַך פון אונזערע אבות וועלכע איז לײדער אַזוי פאַרלאָזט געוואָרן. פאַרלאָז ניט, טייערער, די שפּראַך, וועלכע איז דער „בּריח התּיכון״ וואָס פאַררייגלט, פאַרייניקט און בּינדט צוזאַמען אַלע אידן פון אַלע עקן וועלט״.

זיין ליבּע צו דער העבּרעאישער שפּראַך איז אויך געווען צו לייטערן זי און מאַכן זי פאַר אַ ריין ליטעראַרישער, צוגלייך מיט אַלע אַנדערע אייראָפּעאישע לעבּעדיקע שפּראַכן. לוצאַטי איז געווען דער גרעסטער קעג-

נער צו דעם משונה׳דיקן סטיל פון די מליצים פון זיין צייט, וועלכע פלעגן שרייבן — ווי ער דריקט זיך אויס — ניט דאָס וואָס זיי דענקען, נאָר דאָס וואָס די צעבראָכענע פסוקים, מיט וועלכע זיי באַנוצן זיך, לייגן זיי אריין אין מויל...

פון בריוו וואָס ער האָט געשריבן צו א פריינט איז צו זען ווי גרויס זיין כעס איז געווען אויף די וואָס שרייבן מיט שברי פסוקים׳דיקער מליצה: „דו פאַרלאַנגסט פון מיר איך זאָל דיר זאָגן מיין מיינונג, וועלכע דו רופסט אָן „דעת עליון״ וועגן דיין שיר, דער לויבגעזאַנג איבער מענדעלזאָנען. ערשטנס דערקלער איך דיר אַז איך בין ניט ווייניק בייז געווען אויף דיר, וואָס דו האָסט מיך צוגעגלייכט צו בלעם, וועלכער ווערט אויך באַטיטלט מיט דער מליצה פון „דעת עליון״... מיין כעס אויף דיר איז אָבער געשטילט געוואָרן, ווען איך האָב אָנגעהויבן צו פאַרשטיין אַז דו האָסט מער ניט אין זינען געהאַט ווי נאָר צו באַנוצן זיך מיט אַ צעבראָכענעם פסוק פון דער תורה...״

לוצאַטי וועלכער האָט פאַרהאַסט די שברי פסוקים׳דיקע מליצה, האָט ליב געהאַט צו באַנוצן זיך מיטן לשון פון תלמוד און די אַלטע ליטעראַטור, וועלכע איז נאָך זיין מיינונג מער מדויק, מער אַנטוויקלט, ווי די פון די — צו יענער צייט — מאָדערנע מליצים. זיין שפּראַך איז ענלעך צום לשון פון רש״י; אים — לוצאַטין — איז ליבער געווען צו באַנוצן זיך מיט פרעמדשפּראַכיקע ווערטער, ווי מיט האַלבע פסוקים׳דיקע.

איז לוצאַטי געווען אַ ציוניסט?

נו, געוויס, אַזאַ נאַציאָנאַלער איד ווי ער איז געווען, אַזאַ אוהב ישראל, ליב געהאַט דאָס אידישע פאָלק, די אידישע תורה, די אידישע נאַציאָנאַלע שפּראַך, איז דאָך ניט מעגלעך ער זאָל ניט זיין אויך אַן אוהב ארץ ישראל... ווער עס ווערט איבערראַשט און התפעלות׳דיק פאַר דער עמאַנציפּאַציאָן, דער מוז ליב האָבן ארץ ישראל. אָבער צו וואָס השערות, ווען ער אליין דריקט אויס זיין ליבע צו ארץ ישראל. אין זיין „כנור נעים״ זיינען דאָ מערערע שירים אין וועלכע עס פילט זיך זיין גרויסע ליבע צום ארץ אבות.

ער איז אויך אַנטציקט געוואָרן פון די שירים פון ר׳ יהודה הלוי, און ער האָט אַרויסגענומען פון זיין „דיוואַן״ נאָר די ציוניסטישע, און זיי אָפּגעדרוקט אין זיין ספר „בתולת בת יהודה״. זיין ליבע צום ארץ

אבות איז אָבער ניט געווען בלויז אַ פּלאַטאָנישע, אַ ראָמאַנטישע. נאָך אין יאָר תר״י שרייבט ער צו ר׳ נחמן נתן קאראנעל, אין ירושלים, פּאָל־גנדע ווערטער: „זייט זיך משתדל אויף צו געוויינען אידן אין הייליקן לאַנד צו ערד אַרבעט, צו דער ערד פונם לאַנד וואָס איז אַמאָל געווען אַ צבי לכל הארצות... און ווען אויך די ערד איז איצט אַ פּאַרלאָזטע, ווען אָבער די אידן וועלן זי אָנהויבן צו באַארבעטן בין איך בטוח, אַז זי וועט ווערן ווי פריער אַן „ארץ זבת חלב ודבש״... און נאָר — שרייבט ער ווייטער — פאַרדרייטע מהות קענען פאַרשלאָגן צו טראַנספּאָרטירן פון ארץ ישראל קיין אייראָפּע יונגע לייט צו דערציען זיי אין דער אייראָפּעאישער ציוויליזאַציע און נאָכדעם זאָלן זיי די אייראָפּעאישע ציוויליזאַציע אַריינ־ברענגען קיין אַזיע... אפשר וועט עס זיין שיינע מנהגים, אָבער זיי וועלן מיט דער צייט אָפּשוואַכן דאָס א י ד י ש ע הארץ... די אידן — שרייבט ער ווייטער — דאַרפן באַפרייט ווערן פון אַ פרעמדן דרוק... עס דאַרף געגעבן ווערן די אידן לאַנד און מכשירים צו באַארבעטן די ערד, און זיי פאַרזיכערן אז די פרוכט פון זייער אַרבעט וועט געהערן נאָר צו זיי, זיי זאָלן אויך קיין מורא ניט האָבן אז דער פּאשא און די בעדואינער וועלן עס פון זיי אוועקרויבן. איר דאַרפט וויסן אז דאָס אידנטום אין די צייטן פון אומאָפּהענגיקייט האָט ניט אַרויסגעגעבן קיין בטלנים, און ניט קיין „בתי מקלט״ פאַר „נזירים״. ליידער אָבער, ווי עס קריסטלט זיך אַזוי אידלט זיך... אין דער צייט ווען אַנדערע פעלקער קומען קיין ירושלים צום טויטן גאָט זייערן, קומען אידן אַהין אליין צו שטאַרבן...״

איך שלים די כאַראַקטעריסטיק פון איינעם פון אונזערע גרעסטע גדולים, ציטירנדיק די ווערטער פון דעם פּראָפעסאָר, דער גאָטזעליקער דוד קויפמאַן, אין זיין הקדמה צו „אגרות שד״ל״: „נאָך דער מיינונג פון דעם דאָקטאָר אוזימו, איז אין איטאַליע פון דאַנטע אָן און ווייטער ניט געווען אַזא גרויסער און שטאַרקער קאָפּ, ווי דער פון לוצאַטי״. און ווען ס׳זאָל מעגלעך זיין — זאָגן מיר — אָפּצומעסטן דאָס הארץ פון לוצאַטי ווי מען האָט געמאָסטן זיין קאָפּ, וואָלט מען אויסגעפונען, אַז אַזאַ ברייט, שטאַרק הארץ ווי זיינס, האָט זיך ניט געפונען ביי אידן פון דער צייט פון ר׳ יהודה הלוי...

יאָהאַן וואָלפגאַנג געטהע.

צווישן די חסידי אומות העולם צו וועלכע דאָס אידישע פאָלק האָט

ניט נאָר סימפּאַטיע און אַכטונג, נאָר אויך אַן אמת׳ע דאַנקבאַרקייט פאַר זייער פריינטלעכקייט און מיטליידם - געפילן, קאָן, בלי שום ספק, אויך אַריינגערעכנט ווערן דער גרויסער דייטשער דיכטער געטהע. ער האָט זיך פאַרדינט ער זאָל אינם האַנטבוך כראַנאָלאָגירט און כאַראַקטעריזירט ווערן. איך וועל אין קורצן שילדערן זיין לעבן און זיין באַציאונג צו אידן.

געטהע איז געבוירן געוואָרן אין פראַנקפורט אַם מאין אין דער שטאָט וואו נאָך אין צוועלפטן יאָרהונדערט איז שוין געווען א גרויסער אידישער ישוב. דאָרט האָט געלעבט דער מחבר פונם מדרש „ילקוט״. מאַנכע היס־טאָריקער ווילן האָבן אז אידן זיינען געקומען קיין דייטשלאַנד בכלל, און פראַנקפורט בפרט, גלייך נאָכן חורבן בית שני. ביז געטהעס צייט איז די לאַגע פון די אידן געווען ביז גאָר א מורא׳דיקע; און אפילו שוין אין די יאָרן ווען דער דיכטער האָט געלעבט און וואָס האָט זיך גערעכנט פאַר א מער ליבעראַלע, זיינען אידן נאָך אַלץ גרויזאַם באַהאַנדלט געוואָרן. מען האָט זיי פאַררעכנט ווי שקלאַפן. געמוזט טראָגן דעם שאַנדע - מיץ אויפן קאָפּ און די געלע לאַטע אויף דער פּלייצע.

אין זיין ווערק איבער „די פאַרבן לערע״ באַמערקט געטהע: „דורך א גרינגע און אומבאַמערקבאַרע באַוועגונג, ווערט דער איינדרוק פון פייער אין גאָלד פאַרוואַנדלט, און אונזער געפיל פון שיינקייט אין מיאוס־קייט, און די פאַרב פון ערע און גליק, ווערט אומגעקערט אין אַ פאַרב פון שאַנד, פאַרדרוס און אָפּשיילעכקייט. דערפון נעמט זיך דער געפיל וועגן די געלע היטלען פון די באַנקראָטירטע, און די געלע רינגען אויף מאַנטלען פון די אידן״.

פון צוויי קוועלן האָט געטהע געשעפּט זיינע קענטעניש איבער אידן און אידנטום: פון תנ״ך און פון דער אידישער געטאָ...

געטהע איז געבוירן געוואָרן דעם צווייטן אויגוסט 1749 אין דער שטאָט וואו עס האָט זיך דאַן געפונען די „יודענגאַסע״. אין יע־נער צייט זיינען אידן אויף אַזויפיל אָרעם געווען, אַז א פערטע טייל פון דער קהלה האָט ניט געקענט באַצאָלן די שטייערן און געמוזט אָנקומען צו צדקה און מיט דער זעלבער זיך שטיקן אין דער געטאָ. געטהע האָט פאַר זיינע אויגן געזען וואַקסן דאָס אידישע אָרעמקייט און פּלאָגענישן. אין יענע יאָרן האָט געטהע אָנגעהויבן לערנען אידיש און העברעאיש. דורך דער ערשטער האָט ער געוואָלט זיך גרינטלעך באַקענען מיט די

אידן, און דורך דער צווייטער — מיטן אידנטום בכלל, און מיט דער לי־טעראַטור בפרט.

אין זיין אויטאָביאָגראַפיע „אויס מיין לעבן": דיכטונג און ווארהייט", דערציילט געטהע ווי אַזוי ער האָט זיך אָנגעהויבן לערנען אידיש און העברעאיש. „מיר איז איבערדריסיק געוואָרן דאָס שטודירן בלויז גראַ־מאַטיק און ווערטער, און איך האָב באַשלאָסן צו שרייבן אַ ראָמאַן אין זעקס אָדער זיבן שפּראַכן. די העלדן זיינען געווען זיבן ברידער און שוועס־טער וועלכע וואוינען אין פאַרשידענע לענדער, און שרייבן איינע צו די אַנדערע אין פאַרשידענע שפּראַכן, צווישן וועלכע עס איז אויך געווען אידיש־דייטש; און כדי צו קענען גרינטלעך די שפּראַך האָב איך געמוזט לערנען העברעאיש. און דערביי אין זינען געהאַט, צו באַקאָנען זיך דורך זיי, מיט די אידן און אידנטום.

„און איך בין באַקאַנט געוואָרן מיטן תנ"ך אין אָריגינאַל, און בין באַגייסטערט געוואָרן פון דעם פאַרשפּראָכענעם לאַנד, וועלכעס רופט זיך „ארץ ישראל", דאָס וויגעלע פון מענטשלעכער קולטור און מאָראַל. אין מיין זכרון איז פאַרבליבן אַ לעבעדיק בילד פון יענעם שיינעם און פיל געלויבטן לאַנד, דער דאָזיקער קליינער שטח לאַנד האָט געזאָלט זען דעם אורשפּרונג און וואַקסן פון דער מענטשלעכער ראַסע, דערגרייכן די ער־שטע און איינציקע נאַכריכטן פון דער מענטשלעכער אורגעשיכטע, און די געגנט ליגט פאַר אונזער פאַרשטעלונגס־קראַפט אַזוי איינפאַך און פאַרשטענדלעך, און צו דער זעלבער צייט אַזוי רייך אין מעגלעכקייטן. און צוגעפאַסט צו די וואונדערבאַרע וואַנדערונגען און ישובים"... „ווען מיין גייסטט — שרייבט ער ווייטער — טראָגט מיין צעשטרייטן לעבן און צעשטיקלטן לערנען, האָט זיך דאָך צוזאַמען מיט מיינע געפילן אויף איין פונקט צו אַ שטילער ווירקונג קאָנצענטרירט, ווען אַ תמיד באַשעפטיקטע פאַנטאַזיע האָט מיר באַלד דאָ, באַלד דאָרטן געפירט, ווען דער געמיש פון פאַבל און געשיכטע, מיטאָלאָגיע און רעליגיע, האָבן געדראָט מיך צו צעטומלען, פלעג איך אַנטרינען אין יענע מזרח־געגנטן, זיך פאַרטיפן אין חומש, און דאָרט, צווישן די צעשפּרייטע שבטים פון פּאַסטוכער, גע־פונען סיי די גרעסטע איינזאַמקייט, און סיי די גרעסטע געזעלשאַפט..."

די געשיכטע פון יוסף מיט זיינע ברידער האָט ספּעציעל אַ גרויסן איינדרוק אויף אים געמאַכט, און נאָך כמעט אַלס אינגל האָט ער פאַר־

פֿאַוסט אַ דראַמע אין צוועלף בילדער אין וועלכער ער שילדערט די דאָזיקע געשעעניש.

אויסער דעם תּנ״ך האָט אויף געטהען געהאַט דעם שטאַרקסטן איינפֿלוס דער אידישער פֿילאָזאָף שפּינאָזאַ, וועמעס תּלמיד ער איז געווען, כאָטש אין דער נאַטור און טעמפּעראַמענט זיינען די צוויי גרויסע דענקער געווען ביז גאָר פֿאַרשידן. געטהע האָט אפֿילו קריטיקירט שפּינאָזאַס פֿילאָזאָפֿיע, און דאָך איז ער צו אים צוגעבונדן געווען, און זיך אויסגעדריקט וועגן אים, אַז ער האָט דערגרייכט די העכסטע שטופֿע פֿון מענטשלעכן דענקען.

געטהע האָט די אידן ניט געשמייכלט, און דאָך האָט ער פֿון זיי שטאַרק געהאַלטן. אין זיין ווערק: „ווילהעלם מייסטער״ זאָגט ער: „די נביאים האָבן דעם פֿאָלק טויזנטער מאָל פֿאַרגעוואָרפֿן: ער באַזיצט ווייניק טוגנטן און די מייסטע חסרונות פֿון אַנדערע פֿעלקער; אָבער בנוגע זעלבסטשטענדיקייט, טאַפּפֿערקייט, פֿעסטקייט, און — ווען דאָס אַלעס גילט ניט — געדולד, איבערטרעפֿט אים קיינער ניט. צווישן די גרעסטע מעלות וואָס ער שרייבט צו אידן רעכנט ער ערשטנס: אַז די אידן זיינען די באַשאַפֿערס פֿונם תּנ״ך, און צווייטנס, אַז זיי האָבן זייער גאָט ניט פֿאַרגעשטעלט אלס אַ גוף מיט אַ קערפּער...

געטהעס „פֿאַוסט״ איז ניט נאָר באַאיינפֿלוסט פֿון „איוב״, נאָר ס׳איז באַוויזן געוואָרן, אַז געטהע האָט זיך באַנוצט מיט די אגדות אין מדרש וועגן משה רבנו. געטהעס „אני מאמין״ בנוגע אידן איז דער: זיי אידל, מענטש, הילפֿרייך און גוט.

צווישן די אידן מיט וועלכע געטהע איז געקומען אין באַרירונג, און וועלכע האָבן געהאַט אַן איינפֿלוס אויף אים, זיינען די פֿאָלגנדע: משה מענדעלזאָן, שלמה מיימון, דוד גאַנז, דוד פֿרידלענדער, לאַצאַרוס און נאָך אַנדערע.

אין דעם יאָר וואָס איך שרייב די כראָנאָלאָגיע, 1932, ווערט אין אַלע ציוויליזירטע לענדער מיט גרויס פֿייערלעכקייט דערמאַנט זיין נאָמען. עס איז געוואָרן הונדערט יאָר זינט דעם טאָג פֿון זיין פּטירה. פֿאַר זיין ערנסטע און אויפֿריכטיקע באַציאונג צו די אידן האָט ער פֿאַרדינט אַ בכבוד׳יקן פּלאַץ אין דעם האַנט־בוך, און מיר אידן דאַרפֿן זיין נאָמען דערמאַנען צום גוטן, ער האָט עס כּשר ביי אונז פֿאַרדינט.

ה. תקצ״ג — 1833 — דער געבורט פון דער באַראָנעסע קלאַראַ דע הירש. — דער געבורט פון האראץ גינצבורג.

גאַנץ וויניק זיינען די יאָרן אין וועלכע די באַראָנעסע האָט פאָרגע־זעצט די פילאַנטראָפּישע ארבעט נאָך איר מאַנס טויט. איר שטערן אָבער וועלכער איז דערשינען אויפן הימל נאָך איר מאַנס פּטירה האָט מיט זיינע שטראַלן באַלייכטעט אַלע פינסטערע ווינקעלעך אין וועלכע עס האָבן זיך געפּלאָגט אומגליקלעכע אידישע און ניט אידישע נפשות. די גאַנצע תקופה יאָרן וואָס זי האָט געלעבט אַלס אלמנה איז געווען איין קייט פון צדקה־רינגען. זי איז געווען אן איינזאַמע אין פיזישן זין; אין גייסט אָבער, האָבן זי באַגלייט וואו זי האָט זיך געקערט, און געווענדט פיל טויזנטער אָרעמע, דערשלאָגענע, געפּייניקטע, געפּלאָגטע און פאַרפאָלגטע. זיי זיי־נען מיט איר געגאַנגען פונם יאָמער־און־טרויער־טאָל ביז אין איר פּאַ־לאַץ אין עליזעער שטראַסע. די מוטער רחל האָט פון איר גייסט, אויף וועלכן די לעגענדע זאָגט אז ער האָט געשוועבט איבער די בני ישראל, ווי אן אָדלער אויף זיינע קינדער, אָפּגעטיילט דער באַראָנעסע קלארא הירש.

דער פילאַנטראָפּישער טאַט וואָס דער באַראָן הירש האָט אָנגעהויבן און זי האָט אים געענדיקט, גייט פיל ווייטער איבער דעם גרענעץ פון צדקה אין דעם זין ווי מיר פאַרשטייען עס. איבערהויפּט די צדקה וואָס די באַראָנעסע האָט דורכגעפירט קאָן זיך ניט רעכענען און קאָן ניט אריינ־גיין אין די ראַמען פון איינפאַכער הילף אפילו אין אַ גרעסערן מאַסשטאַב. זי, די באַראָנעסע, האָט זיך מיט איר פילאַנטראָפּיע געשטעלט אויף דער גרעסטער הויכקייט פון דער ווירדיקייט וואָס קיין געוויינלעכער מענטש איז ניט אימשטאַנד צו דערגרייכן. דער גאָלדענער משכּן וועלכן זי האָט באַזיצט איז ניט געווען א משכּן פאַרן „עגל הזהב״, נאָר אַ משכּן וועגן דעם קדשי קדשים אין וועלכן זי איז געווען דער צווייטער „כּרוב״, נאָך איר מאַנס טויט, אויסצושטרעקן די פליגל צו באַשיצן און באַשירמען אומגליקלעכע, ליידנדע און שוצלאָזע.

דער באַראָן הירש האָט, ווי באַוואוסט, ניט געהאַט קיין איבעריקע נייגונג צו ליטעראַטור, נאָר איינמאָל האָט ער געשריבן אין „נאָרטה אַמע־ריקאַן רעוויו״ ווערטער וועלכע דאַרפן פאַרשריבן ווערן אין דער היסטאָ־ריע מיט גאָלדענע אותיות:

„איך גלויב אז דער רייכער האָט אַממערסטן דאָס רעכט נאָר צו

געניסן פון זיין פאַרמעגן נאָר אויף אַזוי פיל וויפיל ער נויטיקט זיך, זיין פליכט איז אָבער דאָס רייכטום זיינס צו רעכענען אַלס א „פקדון" וועל־כער איז אים פאַרטרויט אויף אַ קורצער צייט". אזעלכע ווערטער מיט וועלכע די בעלי המוסר האָבן זיך באַנוצט, ווען זיי גייען ארוים פונם מויל פון אַ גרויסן מיליאָנער, מאַכן אַן אויסערגעוויינלעכן טיפן איינדרוק. די באַראָנעסע אָבער, איז נאָך ווייטער געגאַנגען. זי האָט מיט אירע מעשים באוויזן אז אויך אַליין צו געניסן איז נאָר אַ טפל. דער עיקר איז אַז אַנדערע זאָלן געניסן ווען אויך עס שטערט צום אייגענעם פיזישן גענוס.

די באַראָנעסע איז געבוירן געוואָרן אין אַנטווערפּן. איר פאָטער, דער באַ־וואוסטער באַנקיר בישאָפסהיים, איז געווען א קרוב למלכות, און א דאנק זיין לייסטונג צו גונסטן פונם לאַנד איז ער דערהויבן געוואָרן צום ראַנג פון אַ סענאַטאָר. נאָך אַלס קינד האָט זי זיך אויסגעצייכנט מיט איר שיינ־קייט, פאַרשטאַנד, און גוטן כאַראַקטער. קלאַרא בישאָפסהיים האָט זיך באַקענט מיטן באַראָן הירש ווען ער האָט זיך דערצויגן אינם הויז פונם וויסנשאַפטסמאַן דר. מאיר (דער באַקאַנטער געלערנטער אין אָריענטאַ־לישע שפּראַכן). און ווען דער יונגער משה הירש איז אָנגענומען געוואָרן פון איר פאָטער אין זיין באַנק־הויז, האָט זיך פאַרבונדן צווישן זיי אַ ליבע, און אין דער עלטער פון דריי און צוואַנציק יאָר האָט זי פאַר אים, מיט דער צושטימונג פון אירע עלטערן, חתונה געהאַט. גלייך נאָך דער חתונה האָבן זיי זיך באַזעצט אין מינכן. קלאַרא האָט אָבער ניט געקענט זיך צופּאַסן צו די מנהגים פון יענער שטאָט, און צוריקגעפאָרן קיין ברי־סעל, דאָרט וואו אירע עלטערן האָבן געוואוינט, און דער מאַן האָט גע־אַרבעט אין זיין שווערס באַנקהויז. נאָך זיין שווערס טויט איז ער אָפּ־געפאָרן קיין פאַריז. זיין פּאַלאַץ איז געוואָרן אַ צוזאַמענקונפט פון די גרעסטע אַדעליקע. און די באַראָנעסע איז פון זיי באַרימט געוואָרן פאַר איר שיינקייט און חכמה. אָבער נאָך צו יענער צייט האָט זי ניט געדול־דעט דעם אויסערלעכן גלאַנץ. זי האָט געשטרעבט נאָר קומען צו הילף, אין יעדער צייט, אָרעמע און נויטבאַדערפטיקע.

קלאַרא הירש האָט נאָך ביי איר מאַנס לעבן גענומען אנטייל און געשטיצט מיט דער פולער האַנט אלע וואוילטעטיקע אנשטאלטן אין פּאַ־ריז און אין פיל אַנדערע שטעט. איבערהויפּט פון דער צייט ווען איר בן יחיד לוציאַן איז געשטאָרבן. פון דאַן אָן האָט זי זיך אינגאַנצן

אָפּגעזונדערט פון וועלטלעכע פאַרגעניגנס, ניט פיגורירט אין וועלכער ס'איז פריילעכער געזעלשאַפט. איר איינציקער תענוג איז געווען צו לייסטן הילף צו די וועלכע האָבן זיך גענויטיקט. די צדקה וועלכע פלעגט פון איר האַנט ארויסגיין האָבן נאָר געוואוסט די געהאָלפענע און אירע אינטימע פריינט וועלכע האָבן איר געהאָלפן די צדקה צו פאַרטיילן. וויניציאַני, איינער פון די סעקרעטאַרן ביים באַראָן הירש איבער פילאַנטראָפּישע ענינים, האָט זיך וועגן איר אויסגעדריקט: „קלאַרא איז קלאָר און ריין ווי א מלאך פונם הימל, און ווען פאַרן מאַנס לעבן זיינען אירע צדקות געווען אין געהיים, די וועלט האָט פון זיי ניט געוואוסט, איז זי אָבער נאָך איר מאַנס טויט, קעגן איר ווילן, באַקאַנט און באַרימט געוואָרן און איז געשטעלט געוואָרן נאָך אויף א העכערן שטאַפּל פונם פילאַנטראָפּישן לייטער אויף וועלכן איר מאַן איז געשטאַנען".

אויסצורעכענען אירע צדקות אין פאַרלויף פון איר לעבן נאָכן מאַנס טויט, איז געווען נאָר צו זאָגן, אַז אין משך פון צוויי יאָר האָט די צאָל פון די פאַרטיילטע געלטער צו פילאַנטראָפּישע צוועקן, דערגרייכט ביז זיבעציק מיליאָן פלאַרין. אַממערסטן זיינען פון איר געשטיצט געוואָרן דערציאונגס - אַנשטאַלטן, שפּיטאָלן און אַזילן. ס'איז ניט פאַריבער קיין טאָג אין וועלכן זי זאָל ניט האָבן געשטיצט איינע פון אַזעלכע וואָלטעטיקע אינסטיטוציעס.

זי האָט באַשטימט א פאָנד פון אַנדערטהאַלבן מיליאָן אויף ארויס-געבן הלוואות, אָן דעם מינדסטן אינטערעס, צו סוחרים און בעלי מלאכות אין ווין און בודאַפּעשט; דריי הונדערט טויזנט פלאָרין פאַר די אַלטע עקס לערער אין די שולעס וועלכע זיינען פון איר מאַן געגרינדעט געוואָרן אין גאַליציע. אַנדערטהאַלבן מיליאָן פאַר די אָרעמע קינדער אין יענע שולן. צו דער חברה „כל ישראל חברים" האָט זי אין די יאָרן 7—1896 געגעבן א מיליאָן פראַנק. דורך איר שטיצע איז אין סאַלאָניק געגרינדעט געוואָרן זעקס שולן. פיל טויזנטער פלאָרינס האָט זי געשפּענדעט פאַר בית יתומות, מושב זקנים און זקנות; פאַר פילע אַנשטאַלטן אין ווין, אין בערלין, בוד-דאַפּעסט, בריסל, לאָנדאָן, האָט זי אין די הונדערטער טויזנטער געגעבן. אָבער ניט צום אָפּשאַצן זיינען די סומען וואָס זי האָט באַשטימט אין איר צוואה. מיר וועלן פּרואוון אויסצורעכענען א טייל ווי זיי זיינען פאַר-צייכנט אין איר צוואה: „איך זאָג אָפּ נאָך מיין טויט פאַר דער

„עקאַל נאָרמאַל איזראַעליט אָריענטאַל" אין פּאַריז, פיר מיליאָן פראַנק אַלס פאָנד, פון דעם אינטערעס זאָלן געשטיצט ווערן לערער און לערע־רינס און די שילער וואָס לערנען זיך דאָרט.

„איך זאָג אָפּ דריי מיליאָן פראַנק אַלס פאָנד פון וועלכנס אינטערעס זאָלן געשטיצט ווערן די לערער און לערערינס אויף דער עלטער, אויך די אלמנות און יתומים פון די זעלבע. איך זאָג אָפּ דריי מיליאָן פראַנק אַלס פאָנד. דער אינטערעס זאָל גיין אויף צו שפּייזן, קליידן און שיכן די אָרעמע שילער וועלכע לערנען אין די שולעס פון דער חברה „כל ישראל חברים". אויפן באַראָן הירש פאָנד אין ניו יאָרק זאָג איך אָפּ זעקס מיליאָן פראַנק. אויפן אַנשטאַלט: „דזשואיש באָארד אָף גוארדיאַנס" אין לאָנ־דאָן זאָג איך אָפּ דריי מיליאָן פראַנק. אויפן אינסטיטוט אין מאָנטרעאַל לאָז איך איבער זעקס הונדערט טויזנט פראַנק.

„די אַקציעס מיינע וואָס איך האָב אין דער יק"א, שענק איך אוועק מיין אַדאָפּטירטן זון מאַריץ אַרנאָלד דע פאָרעסט־בישאָפּסהיים, און נאָך זיין טויט זאָלן זיי איבערגיין צו דער שולע „עקאָל נאָרמאַל איזראַעליט אָריענטאַל". פאַרן אנשטאַלט: „האָום פאָר דזשואיש וואָרקינג גירלס" (היים פאַר אידישע אַרבעטערינס) לאָז איך איבער דריי מיליאָן פראַנק; פאַרן קאָמיטעט „גמילת חסדים פאַר אידן" אין פּאַריז, זאָג איך אָפּ אַ פאָנד פון פינף מיליאָן פראַנק.

„פאַר דעם ראטהויז אין ווין, לאָז איך איבער פאַר צדקה זאַכן צוויי הונדערט טויזנט פראַנק. פאַר די קהלות אין בערלין, ווין, בודאַפּעסט, פּאַריז, בריסעל, פראַנקפורט אם מאין און מינכן — ניין הונדערט מיט פופציק טויזנט פראַנק.

„פאַר דער געזעלשאַפט יק"א זאָג איך אָפּ צען מיליאָן פראַנק, דער אינטערעס פון דעם פאָנד זאָל געגעבן ווערן יעדעס יאָר דער חברה „כל ישראל חברים" אין פּאַריז, אויפצוהאַלטן דערמיט שולן און פאַרשידענע פילאַנטראָפּישע אַנשטאַלטן; פאַר דעם אַנשטאַלט „עזרה" אויף צו שטיצן אידישע אינגלעך און מיידלעך אויף צו שטודירן אַ הוספה צו דעם גרונט־קאַפּיטאַל צוויי מיליאָן פראַנק. פאַרן שוין עקזיסטירנדן פאָנד אין גאַ־ליציע אויף צו גרינדן שולן וועלכער פאַרמאָגט שוין דרייסיק מיליאָן פראַנק, זאָג איך אָפּ דריי מיליאָן פראַנק. פאַר דעם צדקה אַנשטאַלט פון

מיר געגרינדעט צום יובילעאום פונם קייזער, אַנדערטהאַלבן מיליאָן פראַנק.״

די רשימה פון די פון איר איבערגעלאָזטע נדבות אויף פאַרשידענע אַנשטאַלטן האָט זיך נאָך ניט געענדיקט אין דער צוואה, אָבער פון די אויסגערעכנטע איז לייכט צו באַגרייפן וואָס פאַר אַ נשמה איז פונם כסא הכבוד אַרויסגענומען געוואָרן און זי איבערגעגעבן דער באַראָנעסע קלאַראַ דע הירש.

די באַראָנעסע איז געשטאָרבן שביעי של פסח מיט פיר יאָר שפּעטער נאָכן באַראָנס טויט. אַלע צייטונגען פון גאָר דער וועלט האָבן געווידמעט פאַר איר אַרטיקלען, שילדערנדיק דעם גרויסן פאַרלוסט וואָס די מענטשהייט האָט געהאַט מיט איר טויט.

די גרעסטע איינפלוסרייכע ענגלישע צייטונג „דיילי ניוס״ אין לאָנדאָן האָט וועגן איר מיט די ווערטער זיך אויסגעדריקט: „דאָס פאָלק פון וואַנען ס׳זיינען אַרויסגעקומען די הייליקע מוטערס שרה, רבקה, רחל, און לאה; דאָס פאָלק פון וועלכן ס׳זיינען אַרויסגעקומען מרים און דבורה, אסתר און יהודית, האָט אויך דערצויגן די אויסערגעוויינלעכע גרויסגייסטיקע פרוי קלאַראַ דע הירש. אין דער פּערזאָן פון קלאַראַ דע הירש האָט זיך איינגעבירגערט די מדרגה פון רחמנות און זיך געשטעלט אויף דער העכסטער שטופע״. וועט נאָך דאָס געליבטע פאָלק זוכה זיין צו דערציען אַזאַ אידישע טאָכטער ווי קלאַראַ דע הירש?...

באַראָן האָראַץ גינצבורג

באַראָן האָראַץ גינצבורג איז געבוירן אין יאָר תקצ״ג צו זיין פאָטער יוסף, אָדער ווי מע האָט אים גערופן יעווזעל, אַן אָנגעזעענער סוחר, וועלכער האָט געמאַכט זיין פאַרמעגן אָפּקויפנדיק ביי פיל פּריצים דאָס רעכט צו פּראָדוצירן בראַנפן. ווי באַוואוסט, האָבן די פּריצים באַהאַלטן פאַר זיך דאָס רעכט און קיינער האָט ניט געטאָרט פּראָדוצירן אָן זייער דערלויבעניש. נפתלי הערץ גינצבורג, וועלכער איז שפּעטער באַרימט געוואָרן אונטערן נאָמען האָראַץ גינצבורג, איז ניט געווען קיין גרויסער למדן, אויך ניט באַזיצט קיין באַזונדערע וויסנשאַפט. צוליב וועלכע ער זאָל באַרימט ווערן. ער איז אָבער, פּונקט ווי זיין פאָטער, געווען אַ גרויסער פילאַנטראָפּ. זיין פילאַנטראָפּיע האָט זיך ניט אויסגעצייכנט דורך

אינדיווידועלע טעטיקייט, עס איז געווען א כלל ישראל׳דיקע. נאָך אין זיין פריער יוגנט האָט ער שוין מיטגעאַרבעט מיט זיין פאָטער זאָר־גנדיק זיך צו לינדערן אידישע ליידן, איבערהויפט די ליידן פון זיינע רו־סישע ברידער. ווי באַוואוסט איז די חברה „מפיצי השכלה״ געגרינדעט געוואָרן אין יאָר 1863 דורך האָראַץ גינצבורגס פאָטער, יעווזעל; ער — יעווזעל — האָט זיך אויך פאַרנומען מיט פאַרשפּרייטן דעם געדאַנק פון אַגריקולטור - אַרבעט צווישן אידן. אַ דאַנק זיין גרויסן איינפלוס אין די רעגירונגס - קרייזן, איז אויך געלונגען אויסצואווירקן פאַר אידן פיל פאַרלייכטערונגען. פאַרן טויט האָט ער צוגערופן זיין זון האָראַץ, אין וועלכן ער האָט אָנדערקענט זיין גוט הארץ און שתדלנישע פעאיקייטן, און אים באַשוואוירן ער זאָל גיין אין זיין פון אים אויסגעטראָטענעם וועג, זאָרגן זיך פאַר אידישער אויסבילדונג, אויסנוצן די פילאַנטראָפּיע, ווען ס׳איז נויטיק, און באַנוצן זיין שתדלנות לטובת זיינע ליידנדע ברי־דער. באַראָן האָראַץ גינצבורג האָט דאָס אים צוגעזאָגט.

אויסרעכענען אַלעס וואָס גינצבורג האָט געטון פאַר אידן וואָלט וויניק געווען אַ גאַנץ בוך; מיר וועלן זיך נאָר באַציען צו אייניקע. איך געדענק נאָך ווי היינט, גלייך נאָך דער פּלעוונער מלחמה, אין יאָר 1878, אין די צייטן פון אַלעקסאַנדער דער צווייטער, איז פאָרגעקומען דאָס טרויעריקע געשעעניש מיטן בלוט בלבול אין קוטאאיס. ווען גינצבורג האָט זיך פון דעם דערוואוסט, האָט ער אויף זיך גענומען צו פּאַרטיי־דיקן די באַשולדיקטע, אומגליקלעכע, אַרעסטירטע אידן. ער האָט אויף זיין חשבון פאַר זיי באַשטעלט דעם באַוואוסטן אַדוואָקאַט אַלעקסאַנ־דראָוו, און אין דער זעלבער צייט אויסגעווירקט ביי דעם געלערנטן פּראָ־פעסאָר, געוועזענער איד, דניאל חוואָלזאָן, אָנצושרייבן א בוך און אָנ־ווייזן דעם אומגעלומפּערטן ליגן פונם בלוט בלבול. און אַ דאַנק זיינע איי־גענע באַמיאונגען, און די ווירקונג פון חוואָלזאָנס בוך, זיינע די אַרעס־טירטע אידן באפרייט געוואָרן.

אין די יאָרן 1881—2, באַלד נאָכן טויט פון אַלעקסאַנדער דער צוויי־טער, ווען די אידישע פּאָגראָם - צרות האָבן זיך אָנגעהויבן, האָט גינצ־בורג אויסגעווירקט אַן אוידיענץ ביי אַלעקסאַנדער דער דריטער, דער באַקאַנטער שונא ישראל. צום באַדויערן איז דער אידישער באַרוף געווען ביים דאָזיקן צאַר אַ ביז גאָר אַ דערנידעריקטער, און גינצבורג האָט

מיט זיין שתדלנות גאָר ניט פועל געווען. דאָס האָט אים אויף אַזוי פיל געערגערט, אַז ער איז קראַנק געוואָרן. ס'איז כדאי צו דערמאָנען אַז גלייך נאָך דער אוידיענץ זיינען פונם יודאָפאָבישן מיניסטער איגנאַטיעוו ארויסגעגעבן געוואָרן די טרויעריק באַקאַנטע „צייטווייליקע געזעצן” און אידישע צרות, דורך די פילע גירושים, האָבן פאַראומערט און פאַרשלו־מערט דעם באַראָנס לעבן און זיין אַזוי אויך קראַנקן צושטאַנד.

און ווען דער אידישער הימל האָט זיך עטוואָס אויסגעלייטערט, ווען אונ־טערן איינפלוס פון אַ נייעם אידנפריינטלעכן מיניסטער גראַף טאָלסטאָי, איז באַשטימט געוואָרן אַ קאָמיסיע, אונטערן פאָרזיץ פון גראַף פאַלן, געוועזענער יוסטיץ מיניסטער, אויף צו באַטראַכטן די אידישע לאַגע, און באַראָן גינצבורג, מיטגליד פון דער קאָמיסיע, האָט צוגעגרייט דעם נויטיקן מאַטעריאַל צו באַהאַנדלען די אידן־פראַגע — האָבן אידן גע־גלויבט אַז „בצלו נחיה בגויים”... די קאָמיסיע איז אָבער טאַקע געווען ניט מער ווי אַ שאָטן, ווי אַ „צל עובר”.מיט געציילטע יאָר שפּעטער, איז זי אויפגעלייזט געוואָרן.

באַראָן גינצבורג האָט ארויסגעזען אַז אים וועט ניט געלונגען צו העלפן די אידן אין דעם פינצטערן לאַנד, אין דעם „עמק הבכה”, און ער האָט זיך פאַרנומען ווי ווייט און ווי פיל מעגלעך עס וועט נאָר זיין, אַרויסצונעמען אידן פון דעם טרויער טאָל...

צו יענער צייט איז געגרינדעט געוואָרן דורכן באַראָן הירש די יק"א, אויף צו קאָלאָניזירן אידן אין אַרגענטינע, און דורכן שתדלנות פונם באַראָן גינצבורג איז דערלויבט געוואָרן פון דער רוסישער רעגירונג צו עפענען אן אָפּטיילונג פון דער דערמאָנטער אָרגאַניזאַציע. אין יאָר 1905, ווען דער פּאָגראָם-שטורעם האָט זיך צעבושעוועט איבער הונדערטער אידישע ישובים, האָט זיך דער קראַנקער באַראָן געשטעלט אין דער שפּיץ פון אַ צענטראַל הילפס-קאָמיטעט אין פּעטערבורג, און אַ דאַנק אים זיינען צו יענער צייט געזאַמלט געוואָרן ביז זעקס מיליאָן רובל פאַר די פּאָגראָם קרבנות. פון צו פיל אָנשטרענגונג איז ער, אַן אויסגעשעפּ־טער פון די לעצטע כחות, צו בעט געפאַלן, און נאָך אַ שווערע אָפּער־ראַציע איז ער אין יאָר 1909 נפטר געוואָרן, איבערלאָזנדיק נאָך זיך אַ נאָמען פונם גרעסטן פילאַנטראָפּ און שתדלן, מקיים זייענדיק ביי זיין לעבן די צוואה וואָס זיין פאָטער יוסף האָט אים פאַרן טויט איבערגעלאָזט.

ה. תקצ״ד — 1834 — דער טויט פונם גאון ר׳ יעקב פון ליסא, דער מחבר פונם „חוות דעת״ און „נתיבות משפט״. — די דערשיינונג פון דער צייטשריפט: „כרם חמד״, ארויסגעגעבן דורך ר׳ שמואל ליב גאלדבערג, אין טארנאפאל.

ה. תקצ״ה — 1835 — די דערשיינונג פון דער צייטשריפט: „איזראעליטישע פרעדיקט און שול מאגאזין״. — דער געבורט פון ר׳ יהודה ליב לעוואנדא.

יהודה ליב לעוואנדא.

י. ליב לעוואנדא, געבוירן אין מינסק אין 1835, איז געווען איינער פון די גרעסטע אידישע שרייבער וועלכע האבן געשריבן אין דער רוסישער שפראך אין א גלענצנדן סטיל. לעוואנדא איז אבער נים געווען סתם א רוסישער שרייבער, ווי אנדערע זיינער צייט, ביי וועמען דאס שרייבן האט א קליינע שייכות געהאט מיט אידן און אידנטום. אין לעוואנדאס שרייבן האט זיך אפגעשפיגלט דאס אידישע לעבן אין אלע פאזן, צום מערסטן טרויעריקע, לויט זיין צייט אין וועלכער ער האט געלעבט. יעדעס געשריבענעווארט זיינס איז געווען אן אפקלאנג פון דיליידן פון זיינע ברידער און אויך א ווארענונג צו יענער טייל פון דער אידישער געזעלשאפט, וועלכע האט זיך גענומען די העגעמאניע צו געוועלטיקן איבער זייערע ארעמע ברידער. די געוויסע קאזיאנע ראבינער און אנדערע אידישע „מושלים״...

יהודה ליב לעוואנדא איז אויך געווען א נאציאנאלער איד, וועלכער האט אין זיינע לעצטע דערציילונגען ארויסגעוויזן זיין ליבע צו ארץ ישראל, און זיין איבערגעבנקייט מיט זיין פלאמענדער נשמה צו דער „חבת ציון״ באוועגונג. מיר וועלן איבערגעבן מער באריכות זיין ביאגראפיע.

ווי געזאגט, איז לעוואנדא געבוירן געווארן אין מינסק אין יאר 1835. זיינע עלטערן זיינען געווען פונם אלטן דור, רעליגיעז געשטימטע. נאך אלס קינד האט ער שוין ארויסגעוויזן סמנים פון א געניע אויפן געביט פון פאעזיע. ר׳ דוד לוריא, איינער פון די גרעסטע משכילים צו יענער צייט, האט אים — אנדערקענענדיק זיין אויסערגעוויינלעכן טאלאנט — אריינגענומען אין איינער פון די שולעס איבער וועלכע ער איז געווען דער אויפזעער. געוואלט האט ער דערציען לעוואנדאן אינם השכלה-גייסט, מיט וועלכן מע האט געוואלט מזכה זיין יענעם דור... ווען די שולע

אין וועלכער לעוואַנדא האָט געלערנט איז פאַרמאַכט געוואָרן, איז ער אַנגעקומען אין ראַבינער סעמינאַריום אין ווילנע, און דאָרט פאַרבליבן ביז ער האָט געענדיקט דעם שטודיום. אינם יאָר 1854, געפינענדיק זיך נאָך אין ראַבינער סעמינאַריום האָט ער שוין אַרויסגעוויזן זיין נייגונג צו פּאָעזיע און פאַנטאַסטישן שוואונג. אין דער צייט ווען זיינע שול־חברים פלעגן זיך אין דער פרייער צייט איבערגעבן צו פאַרשידענע פּי־זישע פאַרגעניגנס, פלעגט ער זיך פאַרשליסן אין זיין צימער און שרייבן. געשריבן האָט ער פון פאָלקס לעבן, געשילדערט זיינע מעלות און זיינע חסרונות, זיינע ליידן און זיינע פריידן. די ערשטע יאָרן פון אַלעקסאַנ־דער דער צווייטער, זיינען פאַר אידן געווען די גליקלעכסטע, דער אידי־שער — ביז דאַן — פאַרוואָלקנטער הימל, האָט זיך אָנגעהויבן אויסצו־לייטערן און אידן האָבן באַקומען פאַרשידענע רעכטן. אין יענער צייט איז דערשינען די ערשטע אידישע צייטונג אין דער רוסישער שפּראַך, אונטערן נאָמען „ראַזסוויעט”. לעוואַנדא איז איינגעלאַדן געוואָרן פון דעם אַרויסגעבער ראַבינאָוויטש, פון אַדעס, צו ווערן אַ מיטאַרבעטער. אין אָנהויב פונם יאָר 1861, איז לעוואַנדא באַשטימט געוואָרן פונם ווילנער גענעראַל גובערנאַטאָר אַלס „געלערנטער איד”. אין דער זעלבער צייט איז פאָרגעקומען אַן עלילת דם אין דעם קליינעם שטעטל שאַווליאַן, אין קאָוונער גובערניע. מיטגעהאָלפן צו דעם בלבול האָט אַ נידערטרעכטיקער אידישער שניידער. וועלכער האָט זיך אָנגעגעבן אַלס עדות. דער גענע־ראַל גובערנאַטאָר נאַזונאָף, האָט אָוועקגעשיקט אַהין זיין אדיוטאַנט גראַף טאָלסטאָי, צוזאַמען מיט לעוואַנדען, אויסצופאָרשן די זאַך. און דעם לעצטן איז געלונגען אויפצודעקן דאָס פאַלשע עדות זאָגן פונם אידישן שניידער, און דערמיט צונישט מאַכן דעם גאַנצן בלבול. פון יענער צייט אָן האָט לעוואַנדא אָנגעהויבן צו זיין אַ שטענדיקער מיטאַרבעטער אין דער גרויסער צייטונג „פּעטערבורגסקאַיאַ וויעדאָמאָסטי” אונטער דער רעדאַק־ציע פונם אוהב ישראל, דער רוסישער שרייבער קאַרש. לעוואַנדא האָט זיך אויף אַזוי פיל אויסגעצייכנט, אַז ס'איז אים איבערגעגעבן געוואָרן צו רעדאַקטירן אַן אָפיציעלע רעגירונגס - צייטונג אין אַ נאָרד וועסטישער גובערניע. דער בילדונגס - מיניסטער האָט אים פאַרגעשטעלט אַלס מוס־טער פאַר אַלע רעדאַקטאָרן אין אַלע אַנדערע גובערניעס. אין יאָר 1863 ווען ס'האָט אויסגעבראָכן דער פּוילישער אויפשטאַנד קעגן דער רו־

סישער רעגירונג, האָט לעוואַנדא אָנגעשריבן זיין בוך: „גאַריאַטשעע ווערעמיא”, אין וועלכן ער האָט געוואָרנט די אידן ניט צו נעמען קיין אַנטייל אין דעם אויפשטאַנד, ווייל מער פון אַלע וועלן זיי ליידן.

אין יאָר 1868 איז ער באַשטימט געוואָרן אַלס מיטגליד אינם „קאָמיטעט פאַר אידישע אינטערעסן”. צו יענער צייט האָט ער פון דער רעגירונג באַקומען דעם טיטול „ערן-בירגער” און באַשאָנקען געוואָרן מיט מעדאַלן. לעוואַנדא, ניט קוקנדיק אויף אַלע זיינע דערגרייכונגען, איז דאָך געבליבן אַ געטרייער זון צו זיין אידישן פאָלק, זיך אינטערעסירט מיט זיין מאַטעריעלישן און גייסטיקן גורל, און אין זיינע אַרויסגעגעבענע ביכער זיי געשילדערט. אין זיין בוך „איספּאָוועד דעלצא” (די ודוי פון אַ כלל-טוער) שטעלט ער ארויס דעם זעלבן אַלס אַ געלטגייציקן, נאָך פון דער צייט ווען ער איז געזעסן אויף דער שול-באַנק. אין זיין ווערק „באַלשאי רעמיז” שילדערט ער די אַלע סוחרים אַנזעצער, עקספּלואַטאַטאָרם, און די ליידנשאַפטלעכע יוגנט וועלכע צייכנט זיך אוים מיט איר ליידיקגיין און קערפּערלעכע פאַרגעניגנס.

אַממערסטן האָט זיך לעוואַנדא אויסגעצייכנט מיט זיין בוך איבער דער היסטאָריע פון אידן אין פּוילן, וואָס האָט זיך געדרוקט אין פיל פאַרזעצונגען אינם „וואָסכאָד”. אויף די עלטערע יאָרן, ניט קאָנענדיק שוין מער פאַרליידן די אידישע פאַרפאָלגונגען וואָס זיינען געוואָרן וואָס אַ מאָל ערגער און ערגער, איז ער גייסטיק קראַנק געוואָרן און ביז זיין טויט פאַרבליבן אַזעלכער.

ה. תקצ"ו — 1836 — דער טויט פון ר' אברהם אבלי, פון ווילנא. — די ערשטע אַרבעט פון די גאונים: ר' צבי הירש קאַלישער און ר' אליהו גוטמאַכער אין דער חבת ציון באוועגונג. — די דערשיינונג פון „וויסנשאַפטלעכע צייטשריפט” פון אברהם גייגער. — פאַרבאָטן אויף אידן צו וואוינען אין אסטראכאַן, רוסלאַנד. — דער געבורט פון ר' שלום יעקב אבראַמאָוויטש (מענדעלע מוכר ספרים).

שלום יעקב אַבראַמאָוויטש

(מענדעלע מוכר ספרים)

וועגן שלום יעקב אַבראַמאָוויטש — מענדעלע מוכר ספרים — איז שוין געוווג געשריבן געוואָרן. ער איז דאָך דער ליבער, דער געאַכטעטער,

דער רעספעקטירטער פון יעדן איינציקן, צו וועלכן לאַגער ער זאָל ניט געהערן, און וועלכע ריכטונג ער זאָל ניט האָבן. אויף אים פלעגט געזאָגט ווערן: „כי שם מענדעלע אקרא הבו גודל לסופרנו"

איך וויל מיך איצט ניט אָפּשטעלן אויף מענדעלען מיט אַ פּאַק שיר ושבחה, אויסרעכענען אַלע זיינע מעלות; ס'איז אַ מאָל כדאי אויך אָנ־צוצייגן אייניקע חסרונות, ווייל אויך די חסרונות פון אַ גדול זיינען מעלות, וואָס מען מוז באַנוצן כדי צו ווערן אַ גדול... איך וועל מיך באַנוצן מיט דעם מאַטעריאַל פון זיינע בעסטע פריינט, וועלכע האָבן באַשריבן מענ־דעלען „כמו שהוא"... ניט נושא פנים געווען אים, און אויך זיין שוואַכ־קייט אָנגעוויזן.

...„פיל, זייער פיל אַרבעטס־יאָרן זיינען אַריבער אויף מענדעלען און זיין לעבן. מער פון זעכציק יאָר איז ער אויף דער שרייבער־טריבונע גע־שטאַנען און זיין שרייבערישע עבודה געטון, און מיט רעכט קאָן גע־זאָגט ווערן, אַז לויט די אַרבעטס־יאָרן האָט ער ניט גאָר קיין קאָלאָסאַל ליטעראַרישע ירושה איבערגעלאָזט אין אידיש און נאָך ווייניקער אין העברעאיש."

„ר' מענדעלע איז ניט געווען דער פלינקער שרייבער, דער מעין המתגבר וועמעס וואסער פליסט אָן דער מינדסטער אָנשטרענגונג. ער פלעגט אויך ניט עקספּראָמט אַרויסברענגען זיינע בילדער אויפן פּאַפּיר... ר' מענדעלע פלעגט שרייבן און מעקן, מעקן און שרייבן, און אַזוי פלעגט ער — ווי דער בורא כביכול — בויען וועלטן און זיי פאַרניכטן, ביז ער פלעגט אויסשרייען: „דאָס געפעלט מיר".

„אויף אַ ווערק, ליבּ אייניקל, — האָט ער געשריבן צו שלום עליכם'ען — דאַרף מען שוויצן, דאַרף מען אַרבעטן, שלייפן ניט נאָר יע־דעם וואָרט, נאָר אויך יעדעס אות..."

און דער זיידע איז ניט נאָר געווען אַ נאה דורש, נאָר אויך אַ נאה מקיים. יעדעס וואָרט, יעדער אות, איז ביי אים געפּאָלירט און געשליפן געוואָרן.

„דער רבונו של עולם האָט געדאַרפט — פלעגט ער זאָגן — מיר מוסיף זיין אַמווייניקסטן נאָך אַ פיר הונדערט יאָר אויף מיין לעבן, אזוי ווי ער האָט געשענקט ר' פרידא אין זיין צייט (אַ געוויסן תנא). איך

ביז דאָך פאר אים אַזאַ געטרייער אַרבעטער, אַזוי איבערגעבן מיט מיין גאַנצער נשמה.

„און ווירקלעך, זאָג אַליין, טייער איינִיקל, ווי וועט דער רבונו של עולם געפינען אויף זיין וועלט נאָך אַזאַ משוגע׳נעם, ער זאָל זיצן טעג און נעכט און זיך קוועטשן אויף איין זאַץ, און אַ מאָל אויך אויף איין וואָרט...״

ווי גרויס זיין פּליים איז געווען צו דער אַרבעט — דערציילט זיין פריינט י. ח. ראַווניצקי — קען מען זיך שאַפן אַ באַגריף פון פאָלגנדער געשיכטע: איינמאָל, קומענדיק צו אים זיך שואל עצה זיין מיט אים וועגן איבערזעצן זיין „מסעות בנימין השלישי״ אויף אידיש, האָב איך אים — דעם ייידן — געטראָפן זיצנדיק איינגעבויגן איבערן שרייב־טיש און שרייבן; ער האָט אויף מיר אַ קוק געטאָן מיט זיינע קורצזיכטיקע אויגן, און געזאָגט: „ווייסט איר ווי פיל שעה איך שרייב שוין? ניט ווייניקער פון זיבן, אָן אַן איבעררייס״. „אויב אַזוי — האָב איך געזאָגט — האָט איר שוין יוצא געווען, און מיר וואָלטן געמעגט זיך אַביסל דורכגיין און אַ שפּאַציר מאַכן״. „חס וחלילה — האָט מענדעלע אַ זאָג געטאָן — וואָס רעדט איר? שפּאַצירן גאָר?! אַרבעט טאָר מען אפילו אויף איין טאָג ניט אָפּלייגן״. און דער זיידע האָט די פעדער פון האַנט ניט אַרויסגעלאָזט, און צוזאַמען מיט מיר נאָך אייניקע שעה געאַרבעט.

„ס׳איז כּדאי צו דערמאָנען — דערציילט ווייטער ראַווניצקי: — איינמאָל בין איך געקומען צו אים, מיר זאָלן צוזאַמען גיין אויף דער לוויה פון משה ליב ליליענבלום, — ווי מיר האָבן זיך פריער מיט אַ טאָג צו־זאַמענגערעדט — האָב איך אים געטראָפן ווי שטענדיק, זיצנדיק אָן איינגעבויגענער און שרייבן. ער איז אין דער אַרבעט אַזוי פאַרטיפט געווען, אַז ער האָט ניט באַמערקט מיין אַריינקומען, און נאָכדעם ווי ער האָט מיך דערזען, האָט ער אַ זאָג געטון: איר געדענקט דאָך מסתמא דעם מאמר אין תלמוד: „חטוף ואכול, חטוף ושתה, כּי האי עלמא כּבי הינגא דמיא״, מיר, ברודער לעבן, דאַרפן אויך אויסנוצן דעם מאמר צו אונזער צוועק: אייל זיך און שרייב, אייל זיך און שרייב, ווייל באַלד וועלן מיר פון דער לעבנס חתונה אוועקגיין...״

ס׳איז געווען אויך צייטן, ווען ר׳מענדעלע האָט אַ לאַנגע צייט ניט געשריבן, דאָס איז אָבער געווען נאָר דעמאָלט, איידער ער האָט זיך

פאַרנומען צו שרייבן. האָט ער אָבער נאָר די פּעדער אין דער האַנט גע־נומען, האָט ער זי שוין פון דער האַנט ניט אַרויסגעלאָזט, ביז ער האָט ניט פאַרענדיקט דאָס בילד, וואָס ער האָט זיך פאַרנומען צו שרייבן.

מיט אַ צייט פריער איידער ער איז צוגעטראָטן אַרויסצופרענגען אויף פּאַפּיר וועלכע ס׳איז דערציילונג, און אפילו נאָר איין קאַפּיטל פון דער זעלבער, איז ער אַדער אַרומגעגאַנגען, אַדער געזעסן אַ פאַרטיפ־טער אין געדאַנקען, ביז די טעמע איז ביי אים אויסגעוועבט און אויסגע־פאַרמירט געוואָרן מיט אַלע פּרטים; ס׳פלעגט אַמאָל איינקע שעה גע־דויערן, און עס פלעגט זיך מערקן אויף זיין פנים אַן ערנסטקייט צוזאַמען מיט אַ טרויעריקייט. „אין אַזאַ צייט — פלעגט ער זיך קלאָגן — פיל איך מיך גאָר לאָ עליכם׳דיק, אפשר קומט עס דערפון, וואָס איך בין דע־מאָלט אין דער לאַגע פון דער הון וועלכע פאָדעט און קוואָקעט איידער זי לייגט דאָס איי...”

דעם זעלבן משל האָט ער אַ מאָל געגעבן קעגן די שרייבער, וועלכע שאַפן זייער ליטעראַרישע אַרבעט אויף איין פוס...

דאָך האָט געטראָפן אַז דער רוח הקודש האָט אָנגעפּולט מענדעלען, און דאַן האָט ער אָן דער מינדעסטער אָנשטרענגונג, אָן קוועטשעניש, געשאַפן אַ גרויס ווערק, זיין פון אַלעמען באַקאַנט אַלעגאָריש ווערק: „די קליאַטשע”. ער אַליין האָט זיך באַרימט אַז ס׳איז אים געלונגען אָנ־צושרייבן עס אין אַ גאַנץ קורצער צייט. „ס׳האָט — זאָגט ער — ווי אַ לאַוואַ אין מיין האַרץ אויסגעבראָכן, דאָס פייער האָט געהאַלטן אין איין שטויסן מיך — אויף אַ מינוט זיך ניט אָפּצורוען — צו שרייבן און שילדערן די לאַגע פונם אָרעמען ישראל׳יק”. און יעדן טאָג פלעגט ער פאַר זיינע פריינט וואָס פלעגן אים באַזוכן, פאָרלייענען אַן אַנדער קאַ־פּיטל פון מערערע צענדליקער זייטן. דער פאַל איז אָבער נאָר איינמאָל מיט אים פאָרגעקומען; בדרך כלל איז ער געווען ביי זיין שרייבן — ווי מען זאָגט — אַ „מקשה לילד”... דער חסרון איז אָבער געווען פאַר־רעכנט פאַר אים פאַר אַ מעלה. „איך — האָט ער געזאָגט — מוז מיר נעמען צייט אויף צו לייטערן, פאַלירן און שלייפן דעם „זשאַרגאָן”; אַראָפּ־ציען פון דעם דאָס זשאַרגאָנישע מיאוסע פנים, און עס געבן אַ שיין לי־טעראַרישעס, אַ לויטערעס, אַ ליכטיקעס”.

זעלבסטפאַרשטענדלעך, אַז דאָס ליטעראַרישע לויטערע פנים, וואָס

מענדעלע האָט געשאַפן אין זיין צייט, האָט פיל געענדערט דאָס פּנים מיט וועלכן אַנדערע האָבן זיך באַנוצט. „איך האָב די אידישקע — פלעגט מענדעלע זאָגן — צו מיר פּאַרקנס'ט, און אַזוי ווי זי איז אַן אָרעם מיידל געווען, האָב איך איר שיינע מלבושים געמאַכט, און זי איז אין מיינע אויגן פול מיט חן געוואָרן..."

מיינט ניט — זאָגט ער — אז מיר איז אַזוי גרינג אָנגעקומען צו שאַפן פאַר איר די פּאַסנדע קליידער. ס'איז ניט אַזוי פון די לייכטע מלאכות..."

און ניט נאָר מיט אידיש, נאָר אויך מיט העברעאיש איז אים אַזוי גרינג ניט אָנגעקומען. "אַ שרייבער וואָס שרייבט העברעאיש — פלעגט ער זאָגן — מוז זיין מסוגל צו קענען אויסגנב'ענען אַ קלויסטער, אויף צו געפינען די נויטיקע ווערטער וועלכע ער דאַרף; איך וויל אָבער קיין קלויסטער - גנב ניט זיין, און דעריבער קומט מיר אָן גאַנץ שווער ביז איך פּאַס צו דאָס וואָרט צום געדאַנק, ווי ווייט מעגלעך אין קורצן... איצט — האָט ער איינמאָל צו ראַווניצקין געזאָגט — זעץ איך און טרייב פון זיך די פליגן, וועלכע פליען נעבן מיינע אויערן, און זשומען מיר אין מח... און די פליגן זיינען ניט קיין אַנדערע ווי די גאַנצע און האַלבע פּסוקים פונם תנ"ך, וועלכע לייגן מיר פאָר זייער קאַנדידאַטור מיט זיי זיך צו באַנוצן, און צו באַשטימען זיי אַלס די אויסדרוקן אין די זאַצן פון מיינע ווערק". עס פלעגט זיך טרעפן אז ער האָט אַ מאָל אַזאַ קאַנדידאַט צוליב געטון און אים אויסגענוצט; אויפן צווייטן טאָג אָבער, איז ער אים שוין ניט געפעלן און אים משלח געווען, און באַשטימט אַ צווייטן אויף זיין פּלאַץ. מענדעלע פלעגט זיך באַנוצן אין העברעאיש אויך מיט אַראַמישע ווערטער; און אויב ער האָט שוין יאָ אַמאָל נאָכגעגעבן זיינע פריינט צו ענדערן אייניקע אויסדרוקן, האָט ער זיי אָבער קיינמאָל ניט צוליב געטון ניט צו באַנוצן זיך מיט אַראַמישע אויסדרוקן.. „אויך די רו־סישע בעסטע סטיליסטן — פלעגט ער זיי זאָגן — באַנוצן זיך מיט אַלטע סלאַווישע ווערטער, און שרעקן זיך גאָר ניט, אַז זיי וועלן שעדיקן זייער סטיל. לאָזט זשע מיך, פריינט מיינע, אויך צו מיין סלאַוויזם...

דאָס אַלעס געשריבענע איז אין קורצן געשילדערט די כאַראַקטער־ריסטיק און פּסיכאָלאָגיע פון איינעם פון אונזערע קלאַסישע גדולים, וועמעס ליטעראַרישע אַרבעט האָט נאָך ביז היינט צו טאָג איר ווערט.

ה. תקצ"ז. — 1837. — ר' משה מאַנטעפיאָרע פאָרט קיין ארץ ישראל צום ערשטן מאָל. — ארויס אַ דעקרעט פון דער רוסישער רעגירונג, ניט צו דערלויבן צו עפענען דרוקערייען פאַר אידישע ספרים, מיט אַן אויסנאַם ווילנע, ווארשע און קיעווער גובערניע. — פּראָפעסאָר דעליטש פאַרעפנטלעכט זיין ערשט בוך: „היסטאָריע פון דער אידישער פּאָעזיע" אין דער העברעאישער שפּראַך. — ר' שמשון הירש פאַרעפנטלעכט זיינע ווי־כנשאַפטלעכע בריוו באַקאַנטע אונטערן נאָמען: „ניינצן בריוו פון בן עוזיאל ר' יצחק בערנאיס תלמיד". — די אָרטאָ־דאָקסן אין דייטשלאַנד הייבן אויף דעם ערשטן קאַמף קעגן די רעפאָרמער אין אַ גאַנצער ריכטלעכער פאָרמע.

ר' משה מאָנטעפיאָרע איז געבוירן אין ליווארנא, צו זיין פאָטער יוסף, אין יאָר תקמ"ה, 1785. פיל פילאַנטראָפּן, פיל שתדלנים זיינען גע־ווען ביי אידן אין אַלע צייטן, נאָר קיין איינציקער פון זיי האָט ניט זוכה געווען צו אַזאַ פּרסום ווי ר' משה מאָנטעפיאָרע. זיין נאָמען איז מיטן גרעסטן יראת הכּבוד אויסגעשפּראָכן געוואָרן פון יעדנס מויל, פון אידן און אויך פון קריסטן. דער נאָמען מאָנטעפיאָרע איז געוואָרן אַ סימבאָל פון גדולה, כּבוד, מילדטעטיקייט, הילף און רחמנות, און אויך דער סימ־באָל פון פרומקייט און תּמימות'דיקייט.

איידער מיר וועלן זיך באַקענען מיט אַ טייל פון זיינע מעשים טובים — ווייל מיט אַלע וואָלט באַדאַרפט פאַרנעמען צופיל פּלאַץ און אין אַ האַנט־בוך איז דאָס אוממעגלעך, (מער אויספירלעך וועגן די זעלבע איז אָנגעשריבן געוואָרן צוויי ספרים געדרוקט דורך דער „תושיה") — וועל איך באַשרייבן זיין ביאָגראַפיע אין קורצן.

יוסף, משה מאָנטעפיאָרעס פאָטער, איז געווען אַ איד אַ משכּיל, און דאָך אַ ביז גאָר פרומער. ליב געהאַט גאָרטן־אַרבעט, און פאַרשטאַנען באָטאַניק. משה מאָנטעפיאָרע, רעדנדיק וועגן זיין פאָטער, דריקט זיך אויס: „אין די ערשטע יאָרן זיינע, איז ער געווען אַ לוסטיקער, אַ פריי־לעכער, נאָר זייט ס'האָט אים געטראָפן דאָס אומגליק און זיין טאָכטער, מיין שוועסטער, איז פאַרברענט געוואָרן, איז ער געוואָרן אויף אַזוי פיל נידערגעשלאָגן, אז קיין שמייכל האָט זיך אויף זיינע ליפּן ניט באַוויזן."

אויסער אידישע למודים, וועלכע ער האָט געלערנט אין אַ אידישע שולע, האָט ער אויך באַזוכט צום ערשטן אַן אלוועלטלעכע אָנפאַנגס־שולע און גלייך איבערגעגאַנגען אין אַ העכערע. ער האָט זיך אָבער ניט צופרידן

געשטעלט מיט דעם שולע - סיסטעם, און געלערנט און זיך פארפאלקאמט לויט זיין אייגענע סיסטעם. אזוי צ. ב. פלעגט ער ארייגפירן און איבער־שרייבן אין א בוך יעדן זאץ, יעדע פראזע וואס אנטהאלט אין זיך א מא־ראלישע אדער א וויסנשאפטלעכע לערע, און אויך אויסערגעוויינלעכע און ווערטפולע געשעענישן אינם לעבן. ביי אזא סיסטעם פון לערנען האט ער זיך געהאלטן פון כמעט קינדווייז אן ביז אין דער טיפער עלטער.

משה מאנטעפיארע איז געווען א געהארכזאמער שילער, געהאט דעם גרעסטן רעספעקט פאר זיינע לערער, זיך אונטערגעווארפן זייערע בא־פעלן און ארויסגעטראגענעם ווערעדיקט ביים שליכטן א קאנפליקט וואס האט אויסגעבראכן צווישן אים און זיינע שול־קאמעראדן. ער האט זייער געשעצט די אויטאריטעט. די דאזיקע אכטונג, דעם דאזיקן רעספעקט צו אן אויסגעשפראכענע מיינונג פון אן אויטאריטעט, א ספעציאליסט, האט ער אויך ארויסגעוויזן ווען ער איז שוין געווען א גרויסער געשעפטסמאן, כאטש אין זיך פלעגט ער טראכטן אז ס'דארף אנדערש זיין.

מאנטעפיארע האט קיין הויכשולע ניט געענדיקט, ווייל די פאליטישע לאגע פון די אידן צו יענער צייט איז געווען אזעלכע אז קיין איד האט ניט געקענט האפן צו פארטרעטן וועלכע ס'איז הויכע שטעלע אויפן וויסנ־שאפטלעכן געביט. און אזוי ארום האט זיך מאנטעפיארע נאך אין דער פריער יוגנט ארייגעווארפן אין עולם המסחר. זעלבסטפארשטענדלעך, אז צום ערשטן איז ער געווען א לעצטקלאסיקער האנדלס־אנגעשטעלטער. מאנ־טעפיארע פלעגט שילדערן אין דער געזעלשאפט פון זיינע פריינט די ני־דעריקע, און אויך ניט גאנץ לייכטע ארבעט וואס אים איז אויסגעקומען דורכצופירן. מערערע מאל איז אים אויסגעקומען צו פארזארגן בריוו אויף דער פאסט אין די שפעטסטע שעה'ן פון דער נאכט.

ער פלעגט אויך דארפן קאפירן בריוו מיט זיין אייגענער האנט, ווייל קיין שרייב־מאשינען זיינען נאך צו יענער צייט ניט געווען. און נאך א שווערן ארבעטס־טאג פלעגט ער נאך דארפן אהיים גיין צו פיס.

מאנטעפיארע פלעגט דאס אלעס דערציילן פאר זיינע פריינט ניט אויף צו באקלאגן זיך אויף דעם וואס ער האט געהאט אויסצושטיין אין זיינע יונגע יארן, נאר כדי צו איבערצייגן זיי, ווי נויטיק ס'איז אין די יונגע יארן צו זיין איינגעהאלטן, ארבעטן פיל און שפענדן ווייניק. מאנטעפיארע האט זיך אויף דעם האנדלס־געביט לאנגזאם ארויפגעארבעט, ביז ער האט

באַקומען דאָס רעכט צו ווערן אַ בירזשע־פּאַרמיטלער, אַ באַשעפטיקונג, וואָס צו יענער צייט פלעגט ניט אַזוי לייכט אָנקומען אַ אידן. נאָר צוועלף אידן האָבן געהאַט אַ רעכט צו פאַרנעמען זיך דאַן מיט בירזשע־מעקלעריי. מאָנטעפיאָרע האָט אויף דעם געביט מצליח געווען, און אין אַ קורצער צייט געוואָרן זייער רייך. ער האָט דאַן גענומען זיין ברודער אברהם פאַר אַ שותף צום געשעפט, וואָס האָט געהאַט אַ גרויסן באַרוף איבער גאַנץ ענגלאַנד און איז געווען באַקאַנט אונטערן נאָמען: „האַנדלס־הויז פון די ברידער מאָנטעפיאָרע".

מאָנטעפיאָרע איז נאָך אין זיין יוגנט געווען אַ ביז גאָר רעליגיעז־געשטימטער. אַלע ערב שבת און ערב יום טוב, גלייך ווען די זון האָט זיך געזעצט, פלעגט ער שליסן זיין געשעפט, ניט רעכענענדיק זיך מיטן שאָדן וואָס ער האָט דורך דעם געהאַט. מאַנכע מאָל האָט דאָס שליסן פאַראורזאַכט אַ קאָלאָסאַלן געלט־פאַרלוסט. ווי ווייט מאָנטעפיאָרעס נאָמען איז באַקאַנט געווען אלס פאַרטרויאונגס־מאַן קאָן דינען דער פאַקט, אַז טויזנטער מענטשן פון גאָר דער וועלט פלעגן אים איבערגעבן היבשע סומען געלט אויף צו צעטיילן אין פאַרשידענע צדקה־אַנשטאַלטן, און אויך פאַר די אָרעמע לייט אין ארץ ישראל; זיי פלעגן ניט פאָדערן פון אים קיין קבלה, און אויך ניט אָנצייכענען אים די סומע פאַר יעדן אַנשטאַלט, נאָר זיך פאַרלאָזט אויף זיין חות דעת. אין דער עלטער פון 25 יאָר, אין 1809, איז מאָנטעפיאָרע געוואָרן אַ פרייוויליקער אין דער ענגלישער אַרמיי, און דאָרט האָט ער זיך דערדינט צום ראַנג פון קאַפּיטאַן. מאָנטעפיאָרע איז מיט דער צייט געשטיגן אויף אַלע געביטן, סיי אין מסחר, סיי אין זיין מיליטערישע קאַריערע און אין בילדונג. ביז ס'איז געקומען — ווי ער אַליין דריקט זיך אויס — דער גליקלעכסטער טאָג אין זיין לעבן, דער דרייסיקסטער טאָג אין חודש סיון, תקע"ג, ווען ער האָט חתונה געהאַט, מיט זיין הארצנס געליבטע יהודית, די טאָכטער פון לוי באַריינט. דער חתונה־טאָג איז ביי אים אויף אַזוי פיל טייער געווען, אַז יעדע אונטערנעמונג סיי לטובת הכלל, און סיי לטובת הפרט האָט ער באַשטימט אין יענעם טאָג.

זיין פרוי יהודית האָט אים אַ סך געהאָלפן אין זיין הומאַניטאַרע טעטיקייט. אַלעס וואָס ס'איז פון אים געשאַפן געוואָרן אויפן פילאַנטראָפּישן געביט איז געווען מיט איר הסכמה, איר וואָרט איז ביי אים הייליק געווען;

זי האָט אים אויך באַגלייט אויף אַלע זיינע אונטערגענומענע נסיעות און צוזאַמען מיט אים געליטן, צוזאַמען מיט אים אויסגעשטאַנען אַלע סכּנות אין דער גאַנצער צייט פון זייער צוזאַמענלעבן.

פינף און צוואַנציק יאָר האָט זי פאַרזיסט מאָנטעפיאָרע'ס לעבן, און אין יאָר תקצ"ח, ווען ער האָט געפייערט די זילבערנע חתונה, האָט שוין דער מלאך המות געשאַרפט זיין חלף פאַר זיין קרבן וואָס האָט זיך גערופן יהודית. אין דער נאַכט פונם ערשטן טאָג ראש השנה, ווען מאָנ־טעפיאָרע איז געקומען פון דער שול, האָט יהודית אויסגעהויכט איר נשמה. זי איז געבראַכט געוואָרן קיין ראַמסגעט און דאָרט צו קבורה געקומען. איר קבר איז באַדעקט געוואָרן מיט ארץ ישראל ערד און מאָנטעפיאָרע האָט אויף אים געלאָזט אויפשטעלן אַן אהל, אַ קאָפּיע פון רחל'ס קבר וואָס געפינט זיך אויפן וועג צו בית לחם.

די ערשטע מאָנאַטן נאָך איר טויט איז מאָנטעפיאָרע געווען שטאַרק דערשלאָגן, ניט געקענט זיך טרייסטן. ענדלעך האָט ער זיך דאָך געטרייסט מיטן געדאַנק אַז ער וועט דאָס גאַנצע לעבן זיינס וואָס אים איז נאָך באַ־שערט צו לעבן, ווידמענען אויף פילאַנטראָפּיע און כּלל ישראל'דיקע אַר־בעט וועלכע זיינען געווען זיין פרוים איינציקער וואונטש ביים לעבן און דאָס וועט אויך זיין אַ נחת רוח פאַר איר נשמה.

מאָנטעפיאָרע האָט די הבטחה מקיים געווען. ס'איז כּמעט קיין איין יאָר ניט פאַריבער ער זאָל ניט אָקעגן קומען מיט זיין פילאַנטראָפּישע, געזעל־שאַפטלעכע און כּלל ישראל'דיקע אַרבעט. און ווען מע זאָל נאָר אויסרע־כענען זיינע מעשים טובים פון יעדעס יאָר באַזונדער, וואָלטן זיי אין הונדערטער בלעטער געדאַרפט באַשריבן ווערן. יעדער שריט זיינער, יעדע נסיעה זיינע, האָט געהאַט אַ באַזונדערן ווערט, סיי פאַר דער גע־מיינדע, סיי פאַרן כּלל ישראל.

עס איז כּדאי צו פאַרצייכענען זיין מסירת נפש ביים בלוט בלבול פון דמשק וואָס וועט באַשריבן ווערן אין דער כראָנאָלאָגיע פון דעם דאַטום. זיינע נסיעות קיין ארץ ישראל, דאָס לאַנד וואָס איז ביי אים טייער געווען מער ווי זיין לעבן, און די פאַרשידענע נדבות וואָס ער האָט דאָרט אויף פאַרשידענע מוסדות און אויך פאַר די אָרעמע אידן מנדב געווען. משה מאָנטעפיאָרע איז געווען דער ליבלינג ניט נאָר ביי אידן, נאָר אויך ביי קריסטן. די ענגלישע קעניגין וויקטאָריע האָט אים פאַר זיינע מעשים

טובים אויסגעצייכנט מיט דעם הויכן ראַנג „סער", און אַלע זיינע פאַר־לאַנגען דערפילט. ער איז אויך אויפגענומען געוואָרן מיט אַ באַזונדערן רעספעקט פון דער רוסישער רעגירונג ווען ער איז געקומען אַהין זיך משתדל זיין צו פאַרבעסערן די אידישע לאַגע.

הונדערט יאָר האָט מאָנטעפיאָרע געלעבט, און די אַלע יאָרן זיינען געווען איין קייט פון צדקה און מעשים טובים. ער איז פון דער השגחה באַשטימט געוואָרן צו זיין דער מלאך המושיע.

ה. תקצ"ח — 1838 — די דערשיי־נונג פון דער וואָכנשריפט: „צייטונג דעס יודענטהומס" דורך ל. פיליפזאָן, ראַבינער אין באַנן, דייטשלאַנד. די וואָכנשריפט איז די ערשטע אידישע צייטונג אין דער דייטשער שפּראַך. — דער קריסט מאַר־טינעט גיט אַרויס אַ העברעאישע כרעס־טאמאטיע אונטערן נאָמען: „תפארת ישראל". — פרידריך ווילהעלם דער דריי־טער, לאָזט אַרויס אַ דעקרעט פאַרבאָטנ־דיק אידן זיך אָנצורופן: „דייטשן פון מאָזעס גלויבן", און אויך זיך ניט אָנצו־רופן מיט קריסטלעכע נעמען; ער גלויבט אַז דורך דעם דעקרעט וועלן אידן איבער־גיין צום קריסטנטום. — דער געבורט פון ר' דוד כהנה.

ר' דוד כהנה.

צווישן די משכילים לומדים, די לעצטע מאָהיקאַנער פונם פאַריקן יאָרהונדערט, וועלכע האָבן זיך — ווי עס דריקן זיך אויס אונזערע חכמים — ממית געווען אין אהל של תורה, קען דוד כהנה זיך רעכענען ניט נאָר אַלס איינער פון זיי, נאָר אַלס דער יחיד ומיוחד וועלכער איז געקומען צו דער הויכער השכלה מדרגה אין אַ סביבה וואָס איז ניט געווען מסוגל אַרויסצוגעבן גרויסע פערזענלעכקייטן. ר' דוד כהנה איז געבאָרן געוואָרן אין אָדעס. זיין זיידע, וועלכער האָט זיך אויך גערופן דוד כהנה, דער איידעם פונם אָדעסער רב ר' יצחק ראַבינאָוויטש, איז געפאַלן אַ קרבן פון די גריכן אין יאָר 1821, ווען עס האָט אויסגעבראָכן דער פּאָגראָם אַלס רעזולטאַט פון אַ גריכישן רעוואָלט קעגן טערקיי. און ווי דער סדר העולם איז, זיינען די שולדיקע דערין געווען די אידן... די אָדעסער גריכן זיינען איבערגעפאַלן די דאָרטיקע אידן אונטערן אויסרייד, אַז זייערע ברידער אין קאָנסטאַנטינאָפּאָל העלפן די טערקן קעגן די גריכן...

דאָס קינד דוד כהנה, אַ רב'ס אַן אייניקל און אַ תלמיד חכם'ס אַ זון, האָט זיך דערצויגן ווי אַלע קינדער אין יענעם דור: געלערנט אין חדר חומש און גמרא. נאָך אַלס קינד האָט ער זיך שוין אויסגעצייכנט מיט

אַ שכל הישר, פלעגט ניט דודלדן קיין פּלפּול, און מערערע מאָל באַשטראָפט געוואָרן פון זיין רבי׳ן, ווען ער האָט זיך אויסגעלאַכט פון זיינע קרומע סברות. אין דער עלטער פון 14 יאָר האָט ער שוין דורכגעלערנט מערערע חקירה ספרים, ווי דעם „כוזרי״, „בּחינת עולם״, „עקידה״, „מורה נבוכים״, „חובת הלבבות״. ער האָט זיך אָבער מיט זיי ניט צופרידנגעשטעלט, ער האָט אָנגעהויבּן צו פילן אין זיך אַ דורשט צו פרעמדע שפּראַכן. און אַליין, אָן אַ לערער, זיך אויסגעלערנט דייטש און פראַנצויזיש. אַ גרויסע נייגונג געהאַט צו היסטאָריע, און נאָך אַלס גאָר אַ יונגער מאַן פלעגט ער דאָס גאַנצע געלט וואָס ער פלעגט בּאַקומען פון זיין פאָטער — וועלכער איז געווען גאַנץ רייך — שפּענדן אויף היסטאָרישע ווערק, און מע האָט שוין דערקענט, אַז דוד כּהנא וועט ווערן אַ היסטאָריע פאָרשער. אַלט ווערנדיק אַכצען יאָר האָט אים זיין פאָטער חתונה געמאַכט פאַר אַ טאָכטער פון אַ רייכן, בּכּבוד׳יקן אידן פון איזמאַיל. די פרוי נחמה, איז געווען זייער אַ קלוגע, איבּערגעגעבּן מיט איר גאַנצער נשמה צו איר מאַן.

איך וועל דורכלאָזן די אַלע גלגולים וואָס ער האָט דורכגעמאַכט אינם משך פון זיין לעבּן אין אָדעס און נאָר פאַרצייכענען זיין ליטעראַרישע אַרבּעט. איך וועל אויך דורכלאָזן זיין זשורנאַליסטישע אַרבּעט אין די העבּרעאישע צייטונגען און נאָר פאַרצייכענען די ספרים און מאמרים וואָס ער האָט פאַרעפנטלעכט און אַרויסגעגעבּן. אין אַ משך פון פופציק יאָר איז כּמעט קיין איין יאָר ניט פאַריבּער אַז ר׳ דוד כּהנא זאָל ניט אַרויסגעבּן אַ ספר. אַלע זיינע ווערק האָט ער געשריבּן נאָר אין העבּרעאיש. איך וועל איינטיילן די ספרים און מאמרים נאָך די פאַרשידענע תּקופות: 1) ספרים וועלכע בּאַציען זיך צו דער אידישער היסטאָריע פון בּית ראשון און בּית שני; אין די אַלע ספרים קומט אַ קריטישער איבּערבּליק איבּער די כּתבי הקודש, די קריטיק איז אָבער ניט קיין פרייע, נאָר אַן ערנסטע אָפּהאַנדלונג איבּער אַלעם אומפאַרשטענדלעכעס איבּער וועלכעס בּיבּל-קריטיקער האָבּן זייערע בּויך-סברות אַרויסגעזאָגט.

דער וויכטיקסטער ספר איבּער חקירת כּתבי הקודש, איז: „מסורת סיג למקרא״, געדרוקט אין ווין אין יאָר תרמ״ב; נאָכדעם קומט אַלס מאמר „מחקרי קהלת בּן דוד״, פאַרעפנטלעכט אין „הכּרמל״ אין יאָר תרמ״א, אין וועלכן ער איבּערצייגט אַז שלמה המלך, און ניט קיין אַנדערער — ווי די בּיבּל-קריטיקער ווילן האָבּן — איז געווען דער מחבּר פון דעם;

אין זיין מאמר „חידות מני קדם", געדרוקט אין „האשכול", באַמיט ער זיך צו איבערווייזן אַז אַלע מזמורים וואָס זיינען באַטיטלט מיטן נאָמען „דוד" זיינען ניט פון קיין אַנדערן ווי נאָר פון דוד המלך אַליין.

אין זיין ספר „מבוא לפרשת בלעם" וואַרפט ער אָפּ דאָס אַרויסגעזאָג־טע פון גייגער און פירשט אַז די פרשת בלעם איז אָנגעשריבן געוואָרן מיט אַ צייט שפּעטער פון דער וואָס איז אין חומש אָנגעדייטעט. אין „השלוח" האָט ער פאַרעפנטלעכט פיר מאמרים איבער „בן סירא", אין וועלכע ער פאַרטיידיקט דעם „כתיב" קעגן דעם „קרי". אַ באַזונדערע טיפערע אָפּ־האַנדלונג וועגן בן סירא קומט אין זיין ספר: „חכמת שמעון בן סירא".

אין דעם זעלבן זשורנאַל האָט ער אויך פאַרעפנטלעכט אַ וויכטיקע אָפּהאַנדלונג איבער דער אויפשריפט וואָס איז געפינען געוואָרן אין דער שטאָט יעב, אין עגיפּטן, וועגן „מלכות פרס".

2) ספרים וואָס באַציען זיך צו דער אידישער געשיכטע אין מיטל־אַלטער, און אויך אין דער תקופה פון די גאונים. אין זיין ספר „שם ושארית לגאון נעלם" ווערט פון אים געשריבן איבער דעם גאון ר' דוד הבבלי בן מרואן אלמקמץ, איבערווייזנדיק אַז נאָך פאַר סעדיה גאון האָט דער ער־שטער זיך שוין באַשעפטיקט צו פאַרגלייכן דאָס יהדות מיט דער פילאָזאָ־פיע. אין זיין ספר „לתולדות ר' סעדיה גאון" קומט אַ גרויסע אָפּהאַנדלונג און אַ באַלייכטונג איבער דעם פון אים אַרויסגעגעבענעם ווערק „האגרון". אַ באַזונדערן ספר האָט ער געשריבן אונטערן נאָמען „ר' דונש בן לברט", אַ חקירה איבערן מהות פון דעם משורר. איינער פון די וויכטיקסטע היס־טאָרישע איבערזיכטן אין אונזער וויסנשאַפטלעכער ליטעראַטור איז זיין מאמר „מקור חדש לתולדות הפוזרים", געדרוקט אין „השלוח".

צוויי פאַרטרעפלעכע ביאָגראַפיעס האָט ער פאַרעפנטלעכט אין „השלוח": „חיי שלמה בן גבירול" און „משה בן עזרא". אין זיי האָט ער באַשריבן אַלעם וואָס איז ביז אַהער ניט געשריבן געוואָרן וועגן די גרויסע משוררים און אויך די גייסטיקע פאַרהעלטעניש פון ר' משה בן עזרא צו ר' יהודה הלוי. אין זיינע מאמרים איבער אוריאל אקאָסטאַ און ברוך שפּינאָזאַ, צייגט ער איבער אַז די אַמסטערדאַמער רבנים האָבן ניט אויס־געאיבט—ווי עס ווערט וועגן זיי אָנגעגעבן—אויף די ביידע קיין עקסטרעמע קנאות. ביז גאָר וויכטיק איז זיין ספר „ר' אברהם אבן עזרא". פיל, זייער פיל האָט ר' דוד כהנה מחדש געווען בנוגע אבן עזרא'ס חכמות און סודות,

און באקומען אויף די חדושים א הסכמה פון אלע אידישע גרויסע לומדים.

ר׳ דוד כהנא האט אנגעשריבן ספרים איבער דער אנטוויקלונג פון דער קבלה און חסידות; א שארפע קריטישע אפהאנדלונג איבער שבתי צבי׳איזם און פראנקיזם. איך וועל אויסרעכענען א טייל פון זיי דורך וועלכע ער האט זיך קונה שם געווען: „אבן התועים״, „תולדות שבתי צבי״, „אבן נגף״, „תולדות המקובלים״, פון דער צייט פונם זוהר ביז שבתי צבי; „אבן אופל״, „תועים ומתעים״, „אבן מלואים״. אין די צוויי באשרייבט ער אויספירלעך דאס מחלוקות צווישן ר׳ יעקב עמדין און ר׳ יהונתן אייבשיץ, און די באשולדיקונג פונם ערשטן קעגן צווייטן אין שבתי צבי׳איזם.

ר׳ דוד כהנא האט אויסער וויסנשאפטלעכע און חקירה־ספרים אויך געשריבן ספרים און מאמרים וואס טראגן א פאלקלארישן כאראקטער, ווי „משלי עם״, אריגינעלע משלים פארעפנטלעכט אין „האסיף״, „יונה הומיה״, צוזאמענגעמענדיק אלע ביבלישע ווערטער אין וועלכע דאס אידישע פאלק איז געגליכן געווארן צו א טויב.

איך האב געבראכט און פארצייכנט נאר א טייל פון זיינע ווערק, און אויך פון די קאן מען זיך שאפן א באגריף ווי גרויס ר׳ דוד כהנא איז געווען. זיין גאנץ לעבן האט ער אומדערמידלעך געארבעט אויף דעם ליטער־ארישן פעלד אויף פארשידענע געביטן, און אין יעדן ארויסגעוויזן זיין טיפע קענטעניש. אונזערע גרעסטע וויסנשאפטסמענער האבן ווי גע־העריק אפגעשאצט זיין ווערטפולע ארבעט און אים צוגעטיילט דעם כבוד ווי ער האט אים פארדינט.

ר׳ דוד כהנא איז נפטר געווארן אין תרע״ד, 1914.

ה. תקצ״ט.—1839.—דער געבורט פון ר׳ ישראל מאיר כהן, דער „חפץ חיים״. — דער טויט פון דעם גאון ר׳ עקיבא איגער. — די ישיבה פון פויזנא ווערט אויפגעלייזט. — א פארבאט אויף אידן צו באזעצן זיך אין אייניקע גאסן פון ווילנא. — די רוסישע רעגירונג דע־קרעטירט צו דערלויבן די אידן, וועלכע האבן געענדיקט א הויך־שולע, צו באזעצן זיך און אננעמען רעגירונגס אמטן אין אלע גובערניעס פון ווייס־רוסלאנד און אין בעסאראביע. — דערלויבט געווארן אין רוסלאנד, אויסלענדישע אידן, צו וואוינען דארט צייטווייליק. — ארויס א צירקולאר פון דער זעלבער רעגירונג צו באערן די אידן וואס צייכענען זיך אויס אויפן וויסנשאפטלעכן און אינדוסטריעלן געביט, מיטן טיטול ערן־בירגער. — אפ־געשאפט געווארן דער געזעץ, וועלכער פארבאט אידן, אין די גובערניעס ווי־טעבסק און מאהילעוו, צו קויפן אדער

דינגען ערד פון קריסטן; אין דער זעלבער צייט איז ארויסגעלאָזט געוואָרן אַ באַפעל אַרויפצולייגן אַ געלט־שטראָף אויף די גוט־באַזיצער אין אינערלעכע רוסישע גו־בערניעס, ווען זיי וועלן זייער ערד אוועק־געבן אין אַרענדע צו אידן.

ר׳ ישראל מאיר כהן, דער חפץ חיים.

ר׳ ישראל מאיר כהן, דער מחבר פון „חפץ חיים", איז געבוירן געוואָרן אין זשעטל. ער איז איינער פון די גרעסטע גאונים פון אונזער צייט. ווי ווייט זיין רעליגיעז ליטעראַרישע אַרבעט איז ביי רעליגיעזע אידן געשעצט, קען דינען דער פאַקט, אַז ער ווערט פון זיי אָנגערופן אויפן נאָמען פון זיין מוסר ספר „חפץ חיים". פון זיינע אַנדערע ספרים זיינען באַקאַנט „שמירת הלשון", „משנה ברורה", „לקוטי הלכה", „אהב חסד", „מחנה ישראל". אין דעם לעצטן מונטערט ער אויף די זעלנער זיי זאָלן אין דער דינסט אָפּהיטן אידישקייט, אויף דעם אופן ניט צו פאַרנאַכלעסיקן מיליטער־דינסט.

דער בעל חפץ חיים קען בשום אופן ניט גערעכנט ווערן אַלס אַ קנאי. אַלע זיינע מוסר ספרים באַציען זיך צו מדות טובות. און ניט נאָר אין שריפט נאָר אויך אין וואָרט איז דער בעל חפץ חיים אַ מושלם. זיינע דרשות וועלכע ער האַלט אָפּ פון צייט צו צייט, באַגייסטערן דורך זייער פשטות־קייט. ער האָט אויך מערערע ספרים זיינע ארויסגעגעבן מיט אַן איבער־זעצונג אין אידיש אונטערן העברעאישן טעקסט. אין זיין ספר „תפארת אדם", וואָס איז זייער אַ חשוב ווערק פון דער נייער רעליגיעזער ליטעראַטור, דערקלערט ער דעם צוועק פון דעם זעלבן, אַז ער האָט אים פאַרפאַסט מיט דער כונה צו ברענגען נוצן די אַלע ביי וועלכע די אידישע אמונה איז זיי אויף אַזוי פיל ניט באַקאַנט, און סאַמע די וויכטיקסטע ענינים פון דער זעל־בער זיינען זיי אומבאַוואוסט. דער חפץ חיים איז אויך געווען פון דער ישיבה אין ראַדין, אין וועלכער זיין איידעם, ר׳ הירש לעווינסאָן, איז זעקס און דרייסיק יאָר געווען דער ראש ישיבה. דער חפץ חיים איז איצט אין דער טיפער עלטער פון 94 (ד׳ יאריך ימיו ושנותיו); זיין פּאָפּולאַרי־טעט איז ניט נאָר ביי לומדים, נאָר אויך ביי דער אידישער מאַסע אין אַל־געמיין, אָרטאָדאָקסן און ניט אָרטאָדאָקסן. ער איז פאַרהייליקט פאַר זיין תמימות און פאָלקסטימלעכקייט. זיין נאָמען ווערט מיט יראת הכבוד דערמאַנט.

ה. ת״ר״א — 1840־1 — דער שרעק־לעכער בלוט־בלבול אין דמשק. — די ערשטע קולטור־אַרבעט פונם מיניסטער גראף אואוואראוו, וועלכער איז באַשטימט

געוואָרן זיך צו זאָרגן פאַר דערציאונג און בילדונג פון אידן. — ארויס אַ באַפעל פון דער רוסישער רעגירונג צו גרינדן שולן פאר אידן. — דער טויט פונם חתם סופר. — אַ שטאַרקע רעפאָרם־באַוועגונג אין דייטשלאַנד; — אַ נייער מחלוקת־אויסברוך אין דער אידישער געמיינדע אין האַמבורג; — אַ העפטיקע שטרייטיקייט צווישן גבריאל ריסער און באַרנייס וועגן דעם נוסח התפלה, וועלכן ריסער האָט געוואָלט אַריינברענגען אין סדור; — די דערשיינונג פון דער צייטשריפט: „אָריענט”; — די רעפאָרם־אַרבעט פון גייגער, האלדהיים און אהרן כארין; — דער גאון ר׳ צבי חיות לאָזט דערשיינען זיין ספר: „מבוא התלמוד”; צוזאַמען מיטן געלערנטן שלמה יהודה ראפאפאָרט קעמפט ער קעגן די רעפאָרמער; — די רעפאָרם־דערשיינונג אין פראַנקפורט אם מאין. — דער אָנהויב פון דער השכלה־פעריאָדע אין רוסלאַנד; — די ערשטע קולטור־אַרבעט פון רמ״א גינצבורג און אדם הכהן לעבענזאָן; — די דערשיינונג פון דער צייטשריפט: „פרחי צפון” דורך ר׳ שמואל יוסף פין, אין ווילנא; — די גרינדונג פון די חברות: דורשי אור ותושיה, אין ווילנא, אדעס, בערדיטשעוו, בריסק און נאָך מערערע שטעט פון רוסלאַנד; — די דערשיינונג פון א העברעאישע צייטשריפט דורך קרייצבאך און יאסט. — דער טויט פון ר׳ נחמן קראכמאַל.

דער בלוט-בלבול אין דמשק.

דער עלילת דם אין דמשק, וועלכער איז פאָרגעקומען אין יאָר תר׳, 1840, האָט אויפגערודערט די אידן אין גאָר דער וועלט, ווייל אין דעם בלבול האָבן אנטייל גענומען ניט נאָר די קריסטלעכע מאַסע פון דמשק מיט אירע רעליגיעזע פאָרשטייער, נאָר אויך דער פאַשאַ פון דמשק און אַ טייל פון די אייראָפּעאישע קאָנסולאַטן, איבערהויפּט דער פראַנצויזישער, וועלכער האָט זיך ניט אָפּגעשטעלט צו באַנוצן זיך מיט אַלע נידערטרעכטיקע מיטלען צו באַרעכטיקן דעם בלבול.

אינם ערשטן טאָג פונם חודש אדר, תר׳, זיינען פאַרשוואונדן געוואָרן פון דמשק אַ קריסטלעכער גייסטלעכער מיט זיינעם אַ משרת. און גלייך אויפן צווייטן טאָג האָבן זיך אריינגעריסן פינצטערלינגע פון דער מאַסע אין אידישן קוואַרטאַל צו זוכן דאָרט די פאַרשוואונדענע. די ווילדע אָנפאַלער האָבן געכאַפּט אַ אידישן פריזירער און אים אַוועקגעפירט צום פאַשאַ וועמען זיי האָבן באַריכטעט אַז זיי זיינען פעסט איבערצייגט אַז דער פריזירער ווייס וואָס אידן האָבן געטון מיט די פאַרשוואונדענע.

שטיצנדיק זיך אויף זייערע ווערטער, האָט דער פאַשאַ באַפוילן צו געבן דעם געכאַפּטן אידן פינף הונדערט מלקות און אויב ער וועט ניט

מודה זיין, באַנוצן זיך מיט מאַרטירערישע מיטלען, אַזוי לאַנג ביז ער וועט מודה זיין. דער אַרעמער פריזירער, ניט קענענדיק שוין מער אַרי־בערטראָגן די שרעקלעכע פּייניקונגען האָט אָנגעגעבן די נעמען פון זיבן פּאַרנעמסטע אידן וועלכע זאָלן האָבן פון אים פּאַרלאַנגט אַז ער זאָל דער־מאָרדן דעם גלח מיט זיין משרת, כּדי צו באַנוצן זיך נאָכדעם מיט זייער בלוט אויף פסח. ער האָט אויך דערציילט אַז מען האָט אים צוגעזאָגט צו באַקומען דערפאַר 300 פּיאַסטער; ער האָט זיך אָבער פון דעם אָפּגעזאָגט, און וואָס ס'איז געשען מיט זיי ווייטער ווייס ער ניט. די פונם פריזירער אָנגעוויזענע אידן זיינען גלייך אַרעסטירט געוואָרן, און שרעקלעך געפּיי־ניקט געוואָרן. זיי האָבן אָבער טראָגן די שרעקלעכע יסורים — זיך ניט מודה געווען אויף דעם שקר'דיקן פאַרברעכן; נאָך זיי זיינען אַרעסטירט און געפּייניקט געוואָרן אַלע אידישע קצבים צוזאַמען מיט דריי רבנים; זיי האָבן אויך ניט אנדערקענט די שולד וואָס מען האָט אויף זיי בייז־וויליק ארויפגעלייגט. דער נידערטרעכטיקער פּאַשאַ האָט אַרעסטירט אַלע אידישע קינדער פון די שולן, רעכענענדיק אַז די עלטערן וועלן רחמנות האָבן אויף זייערע קינדער און וועלן זיך מודה זיין. דאָס איז אים אָבער אויך ניט געלונגען. ער האָט זיך אויך אַריינגעריסן מיט מיליטער אין אידישן קוואַרטאַל, צעוואָרפן אַ גרויסע טייל אידישע הייזער צו זוכן דאָרט די פאַרשוואונדענע. ניט געפינענדיק דאָרט די וועלכע ער האָט געזוכט, האָט ער זיך פאַרנומען מיט מער רציחה צו פּייניקן אויף אזא שרעקלעכן אופן די אַרעסטירטע, אַז די אומגליקלעכע האָבן אויף זיך גענומען די שולד, אַז זיי זיינען באַגאַנגען דעם מאָרד. און איינער פון זיי, — אויף דער פראַגע פונם פּאַשאַ, וואו מען האָט אַהינגעטון דאָס בלוט, האָט אָנ־געוויזן אַז נאָכדעם ווי מען האָט עס אַריינגעגאָסן אין אַ פלעשל, איז עס איבערגעגעבן געוואָרן צו איינעם מיטן נאָמען משה אבולאפיא, וועלכער האָט זיך אויך געפינען צווישן די אַרעסטירטע.

אבולאפיא, וועלכער איז אויפסניי מיט טויזנט מלקות געשלאָגן גע־וואָרן האָט, כּדי פּטור צו ווערן פון די ענויים, געזאָגט, אַז דאָס פלעשל מיט בלוט געפינט זיך ביי אים אין קאַסטן. ברענגענדיק אים אַהיים — ווייל גיין האָט ער שוין ניט געקענט — האָט מען דעם קאַסטן געעפנט, און אָנשטאָט אַ פלעשל בלוט, אַ גרויסע סומע געלט געפונען. אבולאפיא האָט געגלויבט, אַז דאָס געלט וועט אים ראַטעווען, ער האָט אָבער אַ

טעות געהאַט. דאָס געלט האָט דער פּאַשאַ צוגענומען און אַבולאַפיא איז ווידער געפּייניקט געוואָרן, און ניט קאָנענדיק שוין מער איבערטראָגן די יסורים, האָט ער אַנגענומען דאָס מחמדנישע גלויבן.

אין דער זעלבער צייט איז אויך פאָרגעקומען אַ בלוט־בלבול אין ראָדאָס, גריכנלאַנד. אַ גריכיש צען יאָריק אינגל איז פאַרשוואונדן געוואָרן, און באַלד — ווי דער שטייגער איז — האָט מען באַשולדיקט די אידן. אויפן פאַרלאַנג פון די קאָנסולאַטן — אויסער דעם עסטרייכישן — איז די אויספאָרשונג צו זיי איבערגעגעבן געוואָרן, און ס'האָבן זיך שוין געפונען צוויי גריכישע פרויען וועלכע האָבן מיט זייערע אויגן געזען ווי אייניקע אידן האָבן געפירט ביי דער האַנט אַ גריכיש קינד; די זעלבע פרויען האָבן אויך אָנגעוויזן אויף איין אידן וועמען מען האָט גלייך גענומען און געפּייניקט אויף דעם גרויזאַמסטן אופן, ביז ער האָט אָנגעוויזן אויף צען אידן אַז זיי האָבן דורכגעפירט דעם מאָרד. די דאָזיקע אידן זיינען געשטאָרבן אונטער די הענט פון זייערע פּייניקער און זיך ניט מודה געווען ווי זייערע פּייניקער האָבן פאַרלאַנגט. שרעקלעך איז געווען די לאַגע פון די אידן סיי אין דמשק און סיי אין ראדאס. די קאָנסולאטן — אויסער דער עסטרייכישער וועלכער האָט אָנדערקענט דאָס אומשולדיקייט פון די אידן — זיינען אַלע געווען בעצה אחת, אז מע דאַרף די אידן אָנטון די שרעקלעכסטע יסורים, ווייל זיי האָבן געגלויבט אַז די פאַרשוואונדענע זיינען דורך זיי אומגעבראַכט געוואָרן. צום סוף האָט זיך אויך דער עסטרייכישער קאָנסול פאַראייניקט מיט די פון די אַנדערע לענדער און דער גורל פון די אידן איז דאַן געוואָרן אַ קאַטאַסטראָפאַלער.

די ווייגעשרייען פון די געפּייניקטע אידן אין דמשק און ראדאס האָט דערגרייכט צו די אויערן פון מאָנטעפיאָרע, און ער, צוזאַמען מיט קרעמיע, דער פראַנצויזישער שטאַטסמאַן, און נאָך אייניקע איינפלוםרייכע אידן, האָבן זיך געווענדעט צו דער ענגלישער רעגירונג דורך אַ דעפּוטאַציע וועלכע האָט זיך פאָרגעשטעלט פאַר דעם ענגלישן אויסערןמיניסטער פּאַלמערסטאָן, אַז זי זאָל שטרענג פאָדערן פון דער טערקישער רעגירונג, און אויך פון מאַכמעד אַלי, דער פּאַשאַ פון עגיפּטן, אַן ענדע צו מאַכן פון דעם בלוט־בלבול וואָס איז אַרויפגעוואָרפן געוואָרן אויף די אידן. אויסער דעם איז באַשטימט געוואָרן אויף אַ גרויסער אספה, וואָס איז אָפּגעהאַלטן געוואָרן אין לאָנדאָן, צו שיקן מאָנטעפיאָרען צו־

זאמען מיט קרעמיע קיין דמשק און אַלעקסאַנדריע זיך משתדל זיין פאַר דער באַפרייאונג פון די אַרעסטירטע און געפייניקטע אידן. די דעלע־גאַציע האָט מיטגענומען בריוו פון דער ענגלישער רעגירונג און איז אָפּ־געפאָרן; נאָך שווערער מי איז איר געלונגען אָפּצואוואַרפן דעם בלבול און די דמשק׳ער און ראדאסער אַרעסטירטע זיינען באַפרייט געוואָרן.

ס׳איז כדאי צו דערמאנען אַז ווען מאָנטעפיאָרע איז געווען אין אַלעק־סאַנדריע האָט ער דערהאַלטן מערערע בריוו פון קריסטלעכע געלערנטע מענער, וועלכע האָבן זיך אַרויסגעזאָגט קעגן דעם נידערטרעכטיקן בלוט בלבול אין דמשק. אָבער אין זייער אַרויסזאָגן זיך האָט זיך אויך גע־שפּירט אַ פאָראורטייל אינם עלילת דם בכלל. דער ענגלישער געלערנ־טער, גייסטלעכער יוסף מארשאל האָט געשריבן צו מאָנטעפיאָרען: „ס׳איז אמת אַז דער קאַטוילישער גייסטלעכער טאָמאַס מיט זיין משרת זיינען פאַרשוואונדן געוואָרן. ס׳איז אָבער אַן אומזין צו באַשולדיקן די דמשק׳ער אידן אַז זיי האָבן זיי דערמאָרדעט. ווען אויך עס איז מעגלעך אַז צווישן אידן געפינען זיך פאַנאַטיקער וועלכע קענען זיך באַנוצן מיט אַזעלכעם וואָס איז קעגן דער אידישער תורה. די דמשק׳ער אידן זיינען אָבער ניט אַזעלכע עמי הארצ׳דיקע פאַנאַטיקער...״ און ביז היינט צו טאָג איז דער עלילת דם נאָך ניט דערוויזן געוואָרן אַלס פאַלש און בייז־וויליק ביי אַלע קריסטלעכע געלערנטע. שווער, גאַנץ שווער איז אויס־צורייסן אַ גיפטיקע געוואוקס וואָס איז טיף איינגעוואָרצלט געוואָרן, און זיך צעשפּרייט מיט זיינע וואָרצלען ווי אַ קרעבס צו וועלכן עס העלפט ניט די גלענצנדע אָפּעראַציע פונם פּעאיקסטן אָפּעראַטאָר.

ר׳ נחמן הכהן קראָכמאַל

מיר וועלן כאַראַקטעריזירן די פּערזענלעכקייט פון ר׳ נחמן הכהן קראָכמאַל, און זיין צייט-גענאָסע שלמה יהודה ראַפּאָפּאָרט (שי״ר).

ר׳ נחמן הכהן קראָכמאַל איז געבוירן געוואָרן אין בראָד, אין יאָר תקמ״ה, 1785. דאָס רוב לעבנס יאָרן האָט ער געוואוינט אין זאָלקאָוו, נעבן לעמבערג, און געשטאָרבן אין טאַרנאָפּאָל אין עלטער פון פינף און פופציק יאָר. אויף אים קאָן געזאָגט ווערן: איידער ס׳איז אונטערגעגאַנגען די זון פון מענדעלזאָן איז אויפגעגאַנגען די זון פון קראָכמאַל; ווייל אין פיל זאַכן קאָן מען אים פאַרגלייכן צו מענדעלזאָנען, וועלכער איז פאַר

אים געווען דאָס גייסטיקע בילד, דער גייסטיקער פּראָטאָטיפּ, און האָט געשטרעבט צו ווערן זיינע אָן אָפּשפּיגלונג. גלייך ווי מענדעלזאָן איז ער געווען איבערגעגעבן מיט זיין גאַנצער נשמה צו דער העברעאישער ליטעראַטור, און געזוכט צו פאַרגלייכן זי מיט דער פילאָזאָפיע, וואָס איז געלערנט געוואָרן אין יענער צייט. עס איז אָבער פאַראַן אַן אונטערשיד צווישן די צוויי גרויסע אידישע דענקער. מענדעלזאָן האָט אָנגענומען דעם פילאָזאָפישן סיסטעם פון וואָלף און לייבניץ, און קראָכמאַל — קאַנטס און העגעלס. גלייך ווי מענדעלזאָן האָט אויך קראָכמאַל ניט אָפּגעלייגנט פון אַלע אידישע דינים און מנהגים. גלייך מיט מענדעלזאָנען ניט געווען קיין אייפריקער קעמפער פאַר זיינע אידעען. קראָכמאַל איז אָבער געשטאַנען העכער פון מענדעלזאָנען בנוגע זיינע טיפע קענטעניש אין דער אַנטוויקלונג פון דער אידישער געשיכטע, און בכלל איז די פאָרשונגס-קראַפט זיינע געווען אַ פיל שטאַרקערע ווי מענדעלזאָנס. ער איז אָבער ניט אימשטאַנד געווען זיינע געדאַנקען ארויסצוזאָגן אין אַ קלאָרערער, פאַרשטענדלעכער שפּראַך ווי מענדעלזאָן. זיין ספר „מורה נבוכי הזמן" אין וועלכן עס געפינען זיך גאַנצע אוצרות פון זיינע ברייטע ידיעות און טיפע חקירות, קען אַריינגערעכנט ווערן צווישן די אויסגעצייכנטסטע ספרים. פון איין זייט קאָן מען עס פאַרגלייכן צום רמב"ם'ס „מורה נבוכים", און פון דער צווייטער צום „מאור עינים" פון ר' עזריה מן האדומים. ער האָט אָבער דעם פאַרצוג איבער די ביידע דערמיט וואָס ער פאַראייניגט אין דעם זעלבן פילאָזאָפישע חקירות מיט געשיכטלעכע אידישע פאָרשונגען. אינ'ם „מורה נבוכים" פעלט דאָס לעצטע און אינם „מאור עינים" — דאָס ערשטע. אינם „מורה נבוכי הזמן" זיינען צוגעגרייט געוואָרן די גרונט-שטיינער פאַרן בנין פון חכמת ישראל.

קראָכמאַל איז פון דער נאַטור געווען אַ גרויסער ענו, ווייט פון וועלטלעכע אינטערעסן. זיך פאַרשלאָסן אין זיינע ד' אמות און שטודירט תורה און חכמה לשמה, און ניט געשטרעבט צו פאַרשפּרייטן זיינע אידעען אויף דער וועלט; און דאָך איז זיין נאָמען באַקאַנט געוואָרן אַלס איינער פון די גרעסטע געלערנטע.

אויף וויפיל זיין נאָמען איז געשעצט און געאַכטעט געוואָרן קען מען פאַרשטיין פון דעם אַז די בערלינער געמיינדע, וועלכע פלעגט מיט דער גרעסטער פאַראַכטונג קוקן אויף פוילישע רבנים, האָט פאַרגע-

שלאָגן ר׳ נחמן קראָכמאַלן צו פאַרנעמען דעם בכּבוד׳ן רבנישן אַמט אין דער קהלה. ר׳ נחמן האָט אָבער ניט געוואָלט אָנמעסטן אויף זיך די רבנ׳ישע קרוין; ער האָט ניט געוואָלט פאַרלאָזן זיין געבורטס־אָרט גאַליציע, וואָס איז ביי אים געווען טייער, און זיין קליין שטעטל, וואו ער האָט געקאָנט רואיק שטודירן תורה און חכמה, און דערציען זיינע קינדער, צווישן וועלכע עס איז ווערט צו דערמאָנען ר׳ אברהם קראָכמאַל, וועלכער איז באַקאַנט מיט זיין שאַרפער קריטיק און טיפע חקירות.

איינער פון זיינע איבערגעגעבנסטע חברים איז געווען ר׳ שלמה יהודה ליב ראַפּאָפּאָרט, געבוירן 1790, געשטאָרבן 1867. דער דאָזיקער געלערנטער איז באַקאַנט צו פילע וועלכע לייענען נאָר אידישע ספרים.

ס׳איז כּדאי זיך אָפּצושטעלן און געבן אַ קורצן איבערבליק איבער קראָכמאַלס ליבן חבר וועלכער, ווען אויך ער איז ניט געווען אַזאַ טיפער דענקער ווי ער, איז ער אָבער געווען געבענטשט מיט אַן אויסערגעוויינלעכער רעטאָריק. אויף ווי וויט אויך ר׳ שלמה יהודה ליב ראַפּאָפּאָרט איז געאַכטעט געווען קען מען זען דערפון וואָס ער איז פאַררופן געוואָרן צו פאַרנעמען דעם כּסא רבנות אין פּראַג, אין דער שטאָט וואו נאָך דעם גרויסן גאון ר׳ יחזקאל לאנדא, האָט מען ביז אים ניט אויפגענומען קיין רב, וואָס זאָל טראָגן אויף זיך דעם נאָמען „אב בית דין”. ר׳ שלמה יהודה ליב ראַפּאָפּאָרט איז ניט געווען ווי זיין חבר קראָכמאַל אַ נחבא אל הכלים, מורא האָבנדיק פאַר קנאים. ער האָט זיך פריי אויסגעשפּראָכן, פאַר קיינעם זיך ניט אָפּגעשראָקן. ער האָט געזוכט נוצן צו ברענגען זיינע ברידער מיט זיין חכמה און ניט גענומען אין אַכט די אָנפאַלן פון די עקסטרעמע קנאים. מיט רעכט רופט ער זיך דער פּיאָנער פון דער השכּלה, און זיינע חבורים — נאַציאָנאַלע פאַרפאַסונגען.

ער, אַזוי ווי זיין חבר קראָכמאַל, האָט אויף אַ היסטאָרישן אופן אָנגעוויזן די פאַרהעלטעניש פון די אידן צו אַנדערע פעלקער, אויף ווי פיל זיי האָבן געהאָלפן צו דער אַנטוויקלונג פון דער מענטשהייט, אַמייסטן מיט זייער איבערצייגן אַז די אידן זיינען געווען די ערשטע אריינצוברענגען ליכט אין דער פינסטערניש פון דעם מיטלאַלטער. דאָס זעלבע האָט אויך היינע געזאָגט אין זיינע לעצטע יאָרן אין זיינע „בייכטן”, אַז די אידן האָבן גערעטעט דעם „ספר הספרים” אין דער צייט פון דער גרויסער פעלקער־וואנדערונג. זיי — די אידן — האָבן מיט זייער הויט און

פלייש געמאַכט אַ באַריקאַדע קעגן דעם רוימישן באַרבאַריזם.

ס'איז כדאי צו דערמאָנען דאָ אַ היסטאָרישן פאַקט, וועלכער איז געווים באַקאַנט פאַר גאַנץ ווייניק לייענער. אין ראַפּאָפּאָרטס צייטן איז אין לעמבערג געווען רב ר' יעקב ארענשטיין, וועלכער האָט זיך גערעכנט פאַר איינעם פון די גרעסטע גאונים און פאַרפאָלגט די משכילים, צווישן זיי אויך ראַפּאָפּאָרטן. אַקעגן דעם דאָזיקן אָנפאַל איז אַרויס דער אידישער היינע, ר' יצחק ערטער, וועלכער האָט מיט זיינע שאַרפע פיילן, געצילט קעגן ר' יעקב ארענשטיין, פאַרטיידיקט דעם כבוד פון ראַפּאָפּאָרט. ס'איז אָבער נאָכדעם באַוואוסט געוואָרן, אַז ער איז באַאיינפלוסט געוואָרן פון זיין רבנית, די קנאית, און זיין זון, ר' מרדכי זאב וועלכער האָט זיך גערעכנט אַלס דער ממלא מקום פון זיין גרויסן פאָטער. ראַפּאָפּאָרט האָט אויך ניט געשוויגן, ער האָט זיך ניט איבערגעשראָקן פאַר דעם גרויסן תורה-אויטאָריטעט ארענשטיין און ארויס אין קאַמף קעגן די קנאים.

קראָכמאַל האָט געפירט אַן אָרעם לעבן, און געשטאָרבן אַן אָרעמאַן. ער איז געווען אַ פאַרשלאָסענער אין זיך, און ניט אנערקענט פון זיין דור. ערשט די נאָכקומענדיקע דורות האָבן דערמאָנט און געוואוסט ווי אַזוי צו שעצן דעם נאָמען פון דער גרויסן געלערנטן ר' נחמן הכהן קראָכמאַל. זיין ספר „מורה נבוכי הזמן" איז פאַרבליבן אַ לעבעדיקע מצבה נאָך אים.

ר' שלמה יהודה ראַפּאָפּאָרט איז געווען אַ גרויסער אָרעמאַן אין זיינע יונגע יאָרן, געווען משגיח איבער דער פלייש-טאַקסע און נאָכדעם געוואָרן רב אין טאַרנאָפּאָל, און שפּעטער אין דער באַרימטער שטאָט פּראַג. געלעבט רייך און געשטאָרבן אין דער טיפער עלטער, פון זיבן און זיבעציק יאָר, איבערלאָזנדיק אַ גוטן נאָמען, ביי די וואָס האָבן אָנדערקאָנט זיין גרויסקייט.

ה. תר"ב-ג — 1842-3 —

גראַף אואוואראָף קאָרעספּאָנדירט מיט די אידישע אויסלענדישע געלערנטע: ד"ר פיליפּזאָן און ד"ר יאָסט, בנוגע די מיטלען וואָס דאַרפן אָנגענומען ווערן צו פאַרשפּרייטן וויסנשאַפט צווישן אידן. — ד"ר ליליענטאַל ווערט באַשטימט אַלס אויבער־ראַבינער אין ריגאַ. — די רוסישע רעגירונג באַפעלט צו רעקרוטירן אידישע קינדער פאַר אכטצן יאָר אַלט. — אַ דעקרעט פון דער זעלבער רעגירונג אַז אידן מוזן צושטעלן רעקרוטן צען פונם טויזנט, אויסער אין די מזרח'דיקע גובערניעס אין וועלכע דער פּראָצענט פון אידישע איז

גלייך ווי קריסטלעכע. — דער געבורט דער געבורט פון דער פוילישער שרייבערין פון סקולפּטאָר מרדכי אנטאָקאָלסקי. — און גרויסע אידן־פריינדין עליזא אָר־דער געבורט פון פרץ סמאָלענסקין. — זשעשקאָ.

פרץ סמאָלענסקין, וועלכער האָט געלעבט אינגאַנצן דריי און פערציק יאָר, און כמעט דאָס גאַנצע קורצע לעבן זיינס געווען קראַנק, אויף טובערקולאָזע, איז געווען איינער פון די גרעסטע שריפטשטעלער פון זיין צייט. אויף אים איז ניט מקוים געוואָרן דער כלל פון „אַ געזונטע נשמה קאָן זיך נאָר געפינען אין אַ געזונטן קערפּער". סמאָלענסקינס גייסט איז מיט יעדעם יאָר פון זיין קרענק שטאַרקער געוואָרן. ער איז געווען דער, וועלכער האָט געשאַפן אַ נייעם דרך אין דער העברעאישער ליטעראַטור. ער האָט אריינגעבלאָזן אַ רוח חיים אין דער העברעאישער שפּראַך, און ניט געוואָלט אַרויפציען אויף איר אַ פרעמד מלבוש. ווען ער האָט אָנגעהויבן ארויסצוגעבן דעם „השחר", איז דער ערשטער אויפרוף זיינער געווען צו די העברעאישע שרייבער, מיט אַ בקשה ניט צו שיקן אים פון אַן אַנדער שפּראַך איבערזעצטע אַרטיקלען. „די העברעאישע שפּראַך — האָט ער געשריבן — איז ניט אַזוי אָרעם, ניט אַזוי נאַקעט, מען זאָל דאַרפן פאַר איר אויסבייטן אַ פרעמד מלבוש." און ער איז פאַר זיי געוואָרן דער וועג־ווייזער. אין זיין „התועה בדרכי החיים", האָט ער אויף אַ וואונדערבאַרן אופן געשאַפן אין דער העברעאישער שפּראַך בילדער פונם דעמאָלסטדיקן אידישן לעבן. יעדעס בילד איז אַ טיפּיש אידישעס, יעדעס פאַרגעקומענע געשעעניש אינם לעבן פון זיינע העלדן, איז אָריגינעל. אויף דעם אופן און אין דעם זין האָט ער אויך געשריבן זיינע פאַרטרעפלעכע דערציילונגען: „שמחת חנף", „קבורת המור", „גאון ושבר", „גמול ישרים" און „הירושה". זעלבסטפאַרשטענדלעך, אַז די העברעאישע שפּראַך סמאָלענסקינס, קאָן מען ניט פאַרגלייכן מיט דעם העברעאיש פון דער געגנווערטיקער צייט, וואָס האָט זיך אַנטוויקלט סיי בנוגע סטיל, אָדער ווי מיר ווילן עס אָנרופן „סגנון", און סיי בנוגע ווערטער־שפע. צו יענער צייט אָבער איז זי געווען געגוג סטיליסטיש און שפע'דיק. און אַזוי איז דער „השחר" כמעט אַלע זיינע יאָרן וואָס ער האָט עקזיסטירט געווען אָריגינעל. סמאָלענסקינס נאַטור איז געווען אַ ברויזנדע, זיין קריטיק אַ שניידנדע; ער האָט ניט נושא פנים געווען, אפילו דעם גרעסטן ווען ער האָט פאַרשטאַנען, אַז ער האָט די קריטיק פאַרדינט, כאָטש דורך

דעם האָט ער זיך פאַרשאַפט שונאים. ווער פון די וואָס האָבן געלייענט דעם „השחר״ געדענקט ניט די בייסנדע קריטיק זיינע אינם „עת לטעת״ אויף מענדעלזאָנען, פאַר וועלכער ער איז פון מענדעלזאָנס חסידים ווי גאָט־לאָבער א. א. באַליידיקט געוואָרן. ער האָט אויך ניט געשוינט דעם גאון ר׳ יהונתן אייבשיץ, און אים חושד געווען אין שבתי צבי׳איזם. אין זיין ספר „עם עולם״ האָט ער פון מערערע פון אונזערע אויטאָריטעטן אַראָפּ־געריסן דעם אויטאָריטעטן־מלבוש... צי מען איז איינשטימיק מיט זיין קריטיק אָדער ניין, איינס מוזן מיר אָבער מודה זיין, אַז ניט קיין שנאה און ניט קנאה, נאָר דער אמת, — ווי ער האָט אים פאַרשטאַנען, — האָט אים דיקטירט די ווערטער וואָס ער האָט באַנוצט צו זיין קריטיק. סמאָ־לענסקין, אויסער זיינע ליטעראַרישע פעאיקייטן, איז אויך געווען אַ זעלטן פעאיקער אָראַטאָר. דער קראַנקער סמאָלענסקין האָט אַרויסגעוויזן אַ זעל־טענע רעדנער־קראַפט. ער האָט געקענט רעפערירן צוויי ביז דריי שעה ניט מיד צו ווערן. זיין שטימע איז געווען א זיסע און אַ קלינגענדיקע. ער איז פון דער נאַטור געבענטשט געוואָרן מיט אַ קול נגינה, און אַלעם וואָס ס׳איז פון זיין מויל אַרויסגעזאָגט געוואָרן, האָט באַצויבערט די צו־הערער.

סמאָלענסקין איז געווען אַ נאַציאָנאַליסט אין פולן זין פון וואָרט. ער האָט ליב געהאַט זיין פאָלק, און געוויינט איבער זיין שרעקלעכן גורל, ווי אַ געטרייע מוטער ליבט איר איינציק קינד און וויינט איבער אַלעם שלעכטס, וואָס קומט אויף דעם. אין די צייטן פונם ניהיליזם, ווען פילע פון דער פאָרגעשריטענער יוגנט האָבן געגלויבט, אַז די צייט פון דעם אמת׳ן פּראָגרעס, די ריכטיקע ציוויליזאַציע דערנענטערט זיך, ווען עס וועט שוין ניט זיין קיין אונטערשיד פון מענטש ביז מענטש, פון איד ביז קריסט, איז ער אַרויסגעטראָטן מיט שאַרפע אַרטיקלען אינם „השחר״ און געוואָרנט ניט צו מאַכן זיך קיינע אילוזיעס, ניט האָבן קיין פאַלשע האָפנונג. ער האָט פאָראויסגעזאָגט טרויעריקע קאָנסעקווענצן פאַר דער ני־היליסטישער באַוועגונג. און ס׳איז געשען ווי ער האָט פאָראויסגעזען. סמאָלענסקין האָט דאָס אידישע גליק געזען נאָר אין דעם עתיד, ווען דאָס אידישע פאָלק וועט אין זיין לאַנד זיין...

עס איז אינטערעסאַנט זיך צו באַקענען ווי אַזוי סמאָלענסקין איז גע־וואָרן אַן אייפריקער חובב ציון:

„אין דער ערשטער תקופה סמאָלענסקינס, דעמאָלט ווען אין דער רו־סישער ליטעראַטור האָט נאָך געהערשט דער פּאָזיטיוויזם, געפאַלט די צייט פון זיין ריקזיכטסלאָזן און אַבסאָלוטן איבערנעמען זיך מיט די השכלה־אידעאַלן. דאָס איז די צייט פון דעם געוואַלדיקן קאַמף קעגן חסידות, און בכלל קעגן וועלכע ס׳איז סענטימענטן פון דער טראַדיציע, פון דער פאַרגאַנגענהייט. די איינציקע ישועה האָט סמאָלענסקין געזען נאָר אין דער עמאַנציפּאַציע, אין דעם אייראָפּעאיזירן זיך, אין אָננעמען די מערב־קולטור אידעאַלן, וועלכע זיינען געווען דער אלף בית פון די משכילים. פון דער צייט שטאַמען זיינע באַקאַנטע ראָמאַנען „התועה בדרכי החיים״ און „גמול ישרים״, וועלכע גיבן אונז אַ קלאָר בילד איבער די פאַרהעלטענישן אינם אידישן לעבן פון פאַר דער השכלה־צייט און אויך בשעת דער השכלה־צייט. די ראָמאַנען האָבן מער אַ פּובליציסטישן ווערט איידער אַ ליטעראַרישן. סמאָלענסקינס ראָמאַנען האָבן אַ בולט׳ע טענדענץ צו פּראָפּאַגאַנדירן השכלה־אידעאַל און דאָגמען וועלכע די השכלה אָנערקענט פאַר הייליק...

אַזוי ווי אין רוסלאַנד זיינען פאָרגעקומען גרויסע פּאָגראָמען און די השכלה האָט ניט באַוויזן מיט אירע גרויסע לאָזונגען פון אייראָפּעאיזאַ־ציע צו לינדערן דעם אַנטיסעמיטיזם, האָבן אַלע אירע ביז איצטיקע אי־דעאַלן באַנקראָטירט. ס׳האָט זיך אָנגעהויבן ווידער פילן דער השק צו דער פאַרגאַנגענהייט, צו די נאַציאָנאַלע ווערטן; ס׳אַנטשטייט די „חובבי ציון״ באַוועגונג און דעמאָלט ערשיינט ווידער פאַר אונז פּרץ סמאָלענס־קין, שוין ניט מער דער משכיל, נאָר דאָס מאָל דער חובבי־ציוניסט, דער ראָמאַנטיקער, און קעמפט אויף דאָס ניי פאַר אָט דער אידעע קעגן דער השכלה״. נאָך אַ סבה איז דאָ וואָס האָט אים, דעם פאַרביסענעם משכיל, בעל מח, געטריבן צו פאַרלאָזן די השכלה. עס איז געווען בשעת זיין ריי־זע אין דייטשלאַנד, וואו ער האָט זיך צוגעקוקט צו די דאָרטיקע ענדערונ־גען וואָס די השכלה האָט מיט זיך געבראַכט, ער האָט באַזוכט פאַרשידע־נע טעמפּלען פון די דאָרטיקע משכילים, אָדער ווי מ׳האָט זיי גערופן „רע־פאָרמאַטאָרן״, „רעפאָרמירטע אידן״. דאָרט האָט ער געזען ווי אַזוי זיינע אַלע הייליקייטן, זיין אייראָפּעאיזם זעען אויס, וואָס פאַר אַ פירות זיי האָבן געבראַכט. אַ שווידער האָט אים אַרומגעכאַפּט ביים אָנקוקן אָט די פאַר־ווירקלעכונג פון דעם, צו וועלכן מ׳האָט אַזוי געבענקט. דעמאָלט באַווייזט

זיך ווידער אַ בוך פון דעם זעלבן פּרץ סמאָלענסקין, וואָס איז געווען תמיד דער פּיאָנער: „עם עולם". אין דעם בוך מאָלט ער די פּוסטקייט און הויל־קייט פון דער דייטשער משכּילישער רעפאָרמאַטאָרישער באַוועגונג, און ער פרעגט זיך: „זאָל דאָס זיין דאָס אידנטום? איז עס כּדאי געווען? האָט עס זיך געלוינט?" סמאָלענסקין קאָנסטאַטירט, אַז דער ביז איצטיקער קאַמף קעגן דעם חסידות, האָט ניט געבראַכט די געהעריקע רעזולטאַטן, זי האָט טאַקע פון איין זייט אַרויסגעריסן די מאַסן פונם גייסטיקן געטאָ, אין וועלכן זיי האָבן זיך געפונען, אָבער דערפאַר האָט זי זיי אַריינגע־וואָרפן אין אַ אינדיפערענטיזם. אינם בוך „עם עולם" קומט סמאָלענסקין צום אויספיר, אַז דאָס אידישע פאָלק איז אַן אייביק פאָלק, און דערפאַר זיינען זיינע ווערטן, ד. ה. די פאַר וועלכע דאָס פאָלק האָט זיך מוסר נפש געווען—אייביקע. די דאָזיקע ווערטן זיינען: רעליגיע און נאַציאָנאַליזם. אין זיין גאַנצער טעטיקייט, סיי ליטעראַרישע, סיי פּובליציסטישע, איז סמאָ־לענסקין געווען אַ מענטש, וואָס מיט איין האַנט צעשטערט ער, און מיט דער צווייטער בויט ער. קעמפט ער פון איין זייט און צעשטערט די אַל־טע טראַדיציעס, דאָס חסידות, בויט ער פון דער צווייטער זייט ווידער אויף די השכּלה, און פאַרפולט די אויסגעהוילטע עצמות היבשות מיט אַ נייעם מאַרך, און בלאָזט אין זיי אריין אַ נייעם אינהאַלט, אַז זיי זאָלן ניט פאַרפוילט ווערן. קוקט ער זיך ווידער אום, אַז אויך די השכּלה איז אויסגעלעערט געוואָרן פון איר תּוכן, אַז זי האָט שוין ניט מער קיין זכות הקיום, שעמט ער זיך ניט זיין אייגענע אַרבעט, זיינע אייגענע אי־דעאַלן פאַר וועלכע ער האָט זיך אַ מאָל מוסר נפש געווען, צו צעשטערן, און פון דער צווייטער זייט ווידער אויפבויען אויף איר אָרט דעם „חובבי־ציוניזם", דעם קולט פאַר דעם עבר און פאַר דער טראַדיציע."

פּרץ סמאָלענסקין איז געווען איינער פון די באַדייטנדסטע אידן פון זיין דור פון דער השכּלה־תּקופה. ווי ווייט עס איז ביי אים ליב געווען ארץ ישראל דערציילט אונז מנחם מענדיל דוליצקע, אַז איינמאָל זייענדיק ביי אים, האָט ער באַמערקט ווי ער, סמאָלענסקין, האָט אַרויפגעלייגט זיין האַנט אויף זיין אַכט מאָנאַטן אַלט קינד און עס געבענטשט עס זאָל זיין, ווען עס וועט אויסוואַקסן, אַ קאָלאָניסט אין ארץ ישראל, און זיך דער־נערן פון די פּרוכט וואָס ער וועט פון דער ערד אַרויסנעמען. און ווען ער האָט אים באַמערקט, פאַר וואָס ווינטשט ער ניט זיין קינד ס'זאָל אויס־

זואַקסן און ווערן אַן עסטרייכישער גענעראַל, האָט ער אים געענטפערט: „ווייסט, מיין פריינט, יעדעס ליכט, וואָס וועט אפילו געוויזן ווערן פאַר אידן, וועט עס מער ניט זיין ווי נאָר אַן אור־ליכט, ווי דאָס ליכט וואָס שיינט אַרוים ביינאַכט פון אַ פאַרפוילט שטיק האָלץ...״ סמאָלענסקין איז אויך געווען אַ טראַדיציאָנעל געזאָנענער. געפירט אַ שטרענג כשר הויז... צום באַדויערן האָט ער — ווי געזאָגט — אַ קרענקלעך לעבן געהאַט, און אין יאָר 1885, דעם ערשטן פעברואַר, איז ער נפטר געוואָרן אין מעראַן, פאָרנדיק אַהין זיך קורירן פון זיין טובערקולאָזיס.

עליזאַ אָרזשעשקאָ

עליזאַ אָרזשעשקאָ קען מען מיט רעכט אָנרופן אַ פוילישע פרוי און אַ אידישע שריפט־שטעלערן. זי האָט געשילדערט דאָס פויליש־אידישע לעבן מיט מער מעלות ווי חסרונות. און ווייל זי איז געווען נאָנט צו אונז איז כדאי צו באַקענען די לעזער מיט דער דאָזיקער אויסערגעוויינלעכער פרוי.

עליזאַ אָרזשעשקאָ איז געבוירן געוואָרן ביי רייכע עלטערן. איר פאָטער איז געווען אַ פוילישער שליאַכטשיץ, אַ גוט באַזיצער, געהאַט רייכע מאַיאָנטקעס אין גראָדנער גובערניע. ער איז געווען אַ געטרייער אָנהענגער פון די פוילישע ליבעראַלע פּאַרטייען. ער איז געשטאָרבן נאָך גאָר אַ יונגער מאַן, און עליזאַ האָט זיך אַנטוויקלט און פאַרפאָלקאָמט ערשט נאָכן פאָטערס טויט. אַ גרויסן איינפלוס האָט געהאַט אויף איר איר פעטער, יאַן פּאַוולאָווסקי, וועלכער האָט געהאַט אַ גרויסן טאַלאַנט צו מאָלן און אַ פיין געפיל פאַר אַלעס וואָס ס׳איז איידל און שיין, און אויך די רייכע ביבליאָטעק וועלכע איר פאָטער האָט איבערגעלאָזט, און די ביכער פון די גרעסטע פראַנצויזישע און פוילישע געלערנטע דענקער און דיכטער זיינען געווים ניט פאַרבליבן אָן איינפלוס אויף דער יונגער נשמה פון דער צוקונפטיקער ראָמאַניסטן. צו צען יאָר האָט מען עליזאַן אריינגעגעבן אין אַ קלויסטער־שול. דאָרט האָבן זיך צו יענער צייט דערצויגן די אַריסטאָקראַטישע קינדער פון די פוילישע פריצים. גאַנצע פינף יאָר האָט זי זיך געלערנט אין דער קלויסטער־שול. עליזאַ אָרזשעשקאָ איז אָבער פון דער שול מיט קיין קאַטוילישער פרומקייט ניט אַרוים, דער קלויסטער איז גראָדע געווען אזעלכער, אין וועלכן די מאָנאַשקעס און די

קשאַנדזן האָבן ניט געזוכט צו פאַנגען נשמות. געלערנט האָט מען דאָרט אויך מאָדערנע שפּראַכן און פאַרשידענע וויסנשאַפטן. צו 15 יאָר האָט עליזאַ פאַרלאָזט דעם קלויסטער, און אריינגעטרעטן אין דער אַריסטאָקראַטישער וועלט, און געגנוי שוין פאַרשטאַנען אַלע מעלות און הסרונות פון דער זעל־בער... צו 16 יאָר האָט זי חתונה געהאַט, און פון פאַנאַ פּאַוולאָווסקי, ווי איר מיידלשער נאָמען איז געווען, איז געוואָרן פאַנאַ אָרזשעשקאַ. זי האָט אָבער ניט געקענט האַרמאָנירן מיט איר מאַן און אין יאָר 1864 האָט זי זיך מיט אים געגט. און איר נאָמען איז באַקאַנט געוואָרן אַלס אַ טאַלאַנטפולע שריפטשטעלערן. מען מוז אָבער מודה זיין, אַז עליזאַ אָר־זשעשקאַ האָט ניט באַרייכערט די פּוילישע ליטעראַטור מיט נייע קונסט־פאָרמען. זי איז געווען צופיל סענטימענטאַל, און דורך דעם האָט זי זיך געשטעלט אין דער העכסטער הויך פון באַרמהערציקייט, און אירע געפילן זיינען פון אַ הויכער מענטשלעכקייט. עליזאַ אָרזשעשקאַ האָט געהאַט אין זיך דעם כּח, מיט אירע שילדערונגען און די בילדער פון די הונגער־יאָרן, אַרויסצורופן טרערן ביי די וועלכע האָבן דאָס בוך געלייענט. די ערשטע שאַפונגען אירע זיינען געווען געווידמעט די אונ־טערדריקטע דאָרפישע פּויערים, אָט די פּויערים וואָס אַרבעטן ווי די אייזלען, לעבן שטענדיק אין אָרעמקייט און אין שמוץ, און ווערן גע־טראָטן פון איטלעכן פּריץ, אַ דאַרמאָיעדניק (אַן אומזיסטיקער פרעסער). מיט אַ טאָן פון אַ פּרעדיקער ווענדט זי זיך צו די פּוילישע פּריצים מיט די ווערטער:

„צי האָט איר פון אייערע ליכטיקע הויכע פענסטער אַראָפּגעקוקט אַ מאָל אונטן, אין תּהום פון די געדיכטע מאַסן, וועלכע האָרעווען מיט שוויים אויף זייער פּנים, לעבן אין פינסטערניש און אָרעמקייט, און זיינען געגרויבט פון אַלץ וואָס איז שיין און איידל? צי האָט איר ווען געזען ווי פיל צרות עס געפינען זיך אין דעם תּהום? וועלכע יסורים עס רעגן אויף די ווילנס פון לעבעדיקע מענטשן, וועלכע קומען אין אייערע אויגן אויס אַזוי ניט שיין און שמוציק? קוקט אַראָפּ אַהין! דאָרט וועלן אייערע הער־צער געפינען ניט איין דראַמע, דאָרט וועט איר קענען אָנווענדן אייער ליבע צו מענטשן, דאָרט וועט איר געפינען נייע איבערצייגונגען פאַר די ריכטיקייט פון אייערע פּראָגרעסיווע געדאַנקען, און נייעם מוט דורכצו־פירן אייערע פּראָגרעסיווע שטרעבונגען, די שטרעבונגען, וואָס פירן צום

גליק, נישט נאָר פון איינצלנע מענטשן און קאַסטעס, נאָר צום גליק פון די ברייטע ספערן פון דעם מענטשלעכן כּלל..."

און די זעלבע מיטליידס־געפילן האָט עליזאַ אָרזשעשקאָ אויך אויס־געשפּראָכן וועגן דעם אידישן פאָלק. אָרזשעשקאָ, די פּוילישע פּריצע, האָט די אידישע נויט, דעם אידישן טרויער, מיט אַלע סטרונעס פון איר ווייכן האַרץ געפילט. און די פּוילישע אידן האָבן זי פאַר אַן אייגענע געהאַלטן. זיי האָבן זי ליב געהאַט, ווייל זי האָט ליב געהאַט דאָס אידי־שע פאָלק, ווייל זי האָט ליב געהאַט אַלע אָרעמע, דערשלאָגענע און פאַר־פאַלגטע. אין איר דערציילונג: „דאַי קוויאַטעק" גיט אונז עליזאַ אָרזשעש־קאַ אַזאַ בילד:

„אין אַן אויסלענדישע בילדער־גאַלעריע האָב איך איין מאָל געזען אויסגעמאָלט אַ דאַרן פּנים מיט אַ קנייטשיקן שטערן, מיט אָפּגעבליאַ־קעוועטע פון טרערן רויט געוואָרענע אויגן, אין וועלכע די צייט האָט אַזוי לאַנג אַריינגעקוקט, ביז זי האָט אויסגעזויגן זייער פאַרב און זייער גלאַנץ. איך האָב פאַרגעסן אַלע שיינע פּייסאַזשן, אַלע פּרעכטיקע פאַר־טרעטן פון דאַמען אין סאַמעטענע קליידער, און בין לאַנג, לאַנג געשטאַנען פאַר דעם צעקנייטשטן פּנים, אַריינגעקוקט אין זיינע בלאַסע אויגן, צו זיינע אָרעמע פאַרוועלקטע און איינגעשרומפּענע ליפּן, און געפרעגט אין געדאַנק: ווי האָסטו אויסגעזען יונגערהייט? וואו האָסטו געוואוינט? וועמען האָסטו געליבט? וועלכעליידן, פריידן, קאַמף און אַרבעט האָבן דיך באַגלייט אויף דיין לאַנגן וועג? און דאָס בילד איז געווען פון אַן אומ־גליקלעכן אידן..."

עליזאַ אָרזשעשקאָ שילדערט דאָס לעבן פון די ליטווישע אידן אויף דעם אופן: „אין עלנדע שטעטלעך, אונטער דעם בלאַסן הימל האָב איך דערזען אַ פאָלק מיט הונגעריקע אויגן, מיט טרויעריקע פּנימער, מיט אַ שטעמפּל פון שמערץ אויפן שטערן. איך האָב מיך אָפּגעשטעלט און גע־פרעגט מיט פאַרוואונדערונג: ווער ביסטו? וועמען ליבסטו? וועלכע ליידן און פריידן, וועלכע פּיין און האָפנונגען האָבן דיך באַגלייט אויף דיין לאַנגן וועג?" און אַזוי איז צו זען אין אַלע אידישע בילדער פון אירע דערציי־לונגען ווי „דאַי קוויאַטעק", „גדליה", „שמשון הגבור", „רינגען" א. א. אַ ריכטיקע קאַפּיע פון אידישע צרות אין וועלכע די שריפטשטעלערן

נעמט אנטייל. עס פילט זיך אין זיי איר מיטלייד, און איר פיינלעכן פאַר־דרוס צו די וועלכע פאַרשאַפן די צרות...

און מערקווירדיק, עליזאַ אָרזשעשקאָ איז געווען באַקאַנט מיט דער אַלטער אידישער ליטעראַטור פיל מער ווי די גרעסטע צאָל אידישע שריפטשטעלערס. זי ברענגט ציטאַטן פון תלמוד, פון די נביאים, פון אידישע חוקרים און פילאָזאָפן, פון מדרש, און מערערע קבלה־ספרים. אין אירע דערציילונגען: „גדליה", „שמשון הגבור" און „רינגען" איז צום באַוואונדערן איר בקיאות אין די אַלע אויסגערעכנטע ספרים. עליזאַ אָרזשעשקאָ האָט אויך געשריבן גרעסערע אידישע דערציילונגען ווי, „מאיר יאָזעפאָוויץ" און „עלי מאקאווער", און ווען אויך דאָס אַלעס פון איר געשריבענע קען שוין דעם היינטיקן, מער קולטורעלן לייענער, ניט צופרידן שטעלן, אַ דאַנק זייער סענטימענטאַליטעט, איז מען אָבער צו יענער צייט, צופאַר מיט זעכציק—זיבעציק יאָר, געווען פון אַזאַ סטיל זייער צופרידן, און ניט נאָר צופרידן, נאָר אויך אים באַוואונדערט. מיר רעצענזירן אָבער ניט איר אַרט שרייבן, מיר כאַראַקטעריזירן די פוילישע עליזאַ אָרזשעשקאָ, די אידישע פריינדין, וועמען דער גורל פון אידישן פאָלק האָט אָנגערירט אין דער טיפעניש פון איר נשמה און וועלכע האָט מיט איר שרייבן אָפּגעשוואַכט די פאַלשע באַגריפן וואָס די פוילישע אָרים־טאָקראַטיע צוזאַמען מיט דער מאַסע האָבן געהאַט וועגן אידן. זאָל איר אָנדענק געבענטשט זיין.

ה. תר"ד־ה — 1844-5 — די רע־פאָרם־באַוועגונג אין דייטשלאַנד פאַר־שטאַרקט זיך. — האַלדהיים קומט פון מעקלענבורג קיין בערלין. — אַ דעקרעט פון דער רוסישער רעגירונג צו אַרויס־טרייבן אַלע אידן וועלכע וואוינען פופציק ווערסט פון דער פּרייסישער און עסטריי־כישער גרעניץ. — פאַרשטאַרקערט גע־וואָרן דער פאַרבאָט צו אַרענדירן ערד, דינגען האָטעלן און שענק־הייזער דורך דער פאַרמיטלונג פון אידן. — זיך גע־עפנט פּריוואַט־שולן פאַר אידן אין אָדעס, ווילנא און באַרדיטשעוו. — אַן אַלגעמיי־נע באַוועגונג פון אויסלענדישע אידן צו משתדל זיין זיך צו פאַרבעסערן די לאַגע פון זייערע ברידער אין רוסלאַנד. — דער געבורט פון משה ליב לילענבלום.

משה ליב לילִיענבלום

משה ליב לילִיענבלום, געבוירן אין קיידאַני, קאָוונער גובערניע, אין יאָר תר"ד, 1844, איז איינער פון די לעצטע העלדן, וועלכע האָבן גע־

שפּילט אַ באַדייטנדע ראָלע אין דער משׂכּילים־עפּאָכע. נאָך אַלס קינד האָט ער שוין ארויסגעוויזן סמנים פון אַן עלוי, און איז אַלס גאַר יונגער שוין אָנגעקומען אין דער ווילקאָמירער ישיבה. צו פופצן יאָר האָט ער שוין, ווי דער שטייגער איז צו יענער צייט געווען, חתונה געהאַט. צו איין און צוואַנציק יאָר געוואָרן אַליין אַ ראש ישיבה. אָנגעשטעקט פון דער השׂכּלה האָט ער גלייך אָנגעהויבן אין וואָרט און אין שריפט צו קריטיקירן די פרומאַקעס און דאָס האָט אַרויסגערופן גרויס פאַרדרוס ביי די זעלבע, וועלכע האָבן אים פאַררעכנט פאַר אַן אפּיקורס און באַשטימט אָפּצוגעבן אים פאַר אַ סאָלדאַט. ליליענבלום מוז פון דאָרט אַנטלויפן און ווערט אַ קדוש... שרייבט גיפטיקע קאָרעספּאָנדענצן קעגן דער קליקע אין „המליץ", „המגיד" און „הלבנון". זיין הויפּט־אידעע איז געווען איינצו־פירן רעפאָרמען אין אידנטום, און זיך אליין בילדן. שוין זייענדיק אַ פאָ־טער פון עטלעכע קינדער און אין אַ שווער געדריקטע עקאָנאָמישע לאַגע, פאַרבערייטעט ער זיך אריינצוטרעטן אין אוניווערזיטעט אין אָדעס. מיט אַן אייזערנעם געדולד הויבט ער אָן צו שטודירן און צו דערלערנען די אַלע געגנשטאַנדן וואָס זיינען נויטיק אויף אָנצוקומען אין אוניווערזיטעט. אין די אַכציקער יאָרן אָבער, ווען ס'האָבן אויסגעבראָכן די שרעקלעכע פּאָגראָמען אין רוסלאַנד, ווערט דער ענטוזיאַזם אַריינצוקומען אין אוני־ווערסיטעט אויסגעלאָשן ביי אים. און א נייע אידעע פלאַמט אויף ביי אים אין מח. און די איז: די נאַציאָנאַלע אויפלעבונג פונם אידישן פאָלק אין היסטאָרישן לאַנד.

„צוויי מאָמענטן אין מיין לעבן" — שילדערט משה ליב ליליענבלום אין איינעם פון זיינע שריפטן — „איך, ווי אלע אַנדערע משׂכּילים האָבן געחלומ'ט ווי קליינע קינדער, אַז פון דעם מאָמענט ווען אַלע אידן פון קליין ביז גרויס וועלן פאַרשטיין רוסיש, אָדער וועלכע ס'איז אַנדערע אייראָפּעאישע שפּראַך, וועט דער האַס צו זיי פאַרשוואונדן ווערן. אונז האָט זיך געדאַכט, אַז יעדער דיפּלאָמירטער איד, וועט ווי אַ נייער משיח אַרויסשלעפּן די הונגעריקע מאַסע פון דער שמוציקער געטאָ, און אויף אַדלער־פליגלען זיי אריינפירן אין אַ פרייע ליכטיקע וועלט, וואו אַלע מענטשן וועלן פאַרברידערט, לעבן בשלום, וויסן ניט פון קנאה־שׂנאה. איך, ווי אַלע אַנדערע משׂכּילים, האָבן אָנגעשטרענגט אַלע קרעפטן אָנצו־ווייזן די נויטיקע רעפאָרמע אין דער אמונה, כּדי צו צעברעכן די כינעזי־

שע וואַנט, וועלכע שיידט אָפּ אידן פון ניט אידן. אַזוי האָבן מיר פאַנטאַ־זירט, ביז די טרויעריקע געשעענישן פון די גרויזאַמע באַרבאַרישע פּאָ־גראָמען, וועלכע האָבן צעשטערט אַלע אונזערע אילוזיעס. און ס'האָט אויפגעבליצט אין אונזערע מחות די נאַציאָנאַלע אידעע. דאָס אידישע פאָלק וועט קיין מאָל ניט נושא חן זיין ביי ניט אידישע בעלי בתים, אַזוי לאַנג ווי עס וועט אַליין ניט ווערן אַ ש ט י ק ל בעל הבית פאַר זיך...״
ס'איז אָבער כדאי צו באַמערקן, ערשטנס: אַז די אויסגעבראָכענע פּאָ־גראָמען האָבן אויף אים אַ מער דערשיטערנדן רושם געמאַכט ווי אויף זיינע חברים - משכילים; צווייטנס: אַז מיט זיין גאַנצער שטרעבונג צו אייראָפּעאישער בילדונג, איז ער דאָך טריי זיין פאָלק פאַרבליבן, און מיט די פון אים געדאַכטע רעפאָרמען, איז ער אויסן געווען, אויסער דער גייס־טיקער, אויך די מאַטעריעלע לאַגע צו פאַרבעסערן. אין זיין ווערק „דרך לעבור גולים״ שרייבט ער צום פּאָעט יהודה ליב גאָרדאָן אַ פאַרטיידיקונג אויף דעם חשד אַז ער האָט פלוצים געביטן זיין אידעע, און וואָס דער פּאָעט האָט אים פאַרגעוואָרפן: „איך וויל דערקלערן פאַר אייך מיינע אַנשויאונגען וועלכע האָבן זיך בשום אופן ניט געביטן, נאָר זיינען פיל קלאָרער געוואָרן. איר קענט מיט מיר איינשטימען אָדער ניט, פאַר מיר איז אַלץ איינס, ווייל איך האָב ניט דאָס רעכט צו פאַרלאַנגען, אַלע זאָלן דענקען און פאַרשטיין ווי איך...״ „נאָך די פּאָגראָמען — שרייבט ער ווייטער — האָב איך מיך געפּרוּווט צו פאַרטיפן אין דער סבה פון דער שנאה וואָס נעמט אַרום אונז אידן שטענדיק און איבעראַל. די אַלטע תירוצים אויף דער פראַגע אַז מיר האָבן עס צו פאַרדאַנקען דער רעליגיאָן אונטערשיידנקייט פון איין זייט, און די ווילדע מנהגים פון אונ־זערע ברידער פון דער אַנדערער זייט, האַלטן ניט אויס; זעען מיר דאָך, אַז די ניט אידישע, פריידענקער האָבן אונז ניט ווייניקער פיינט ווי זייע־ערע פאַנאַטישע עלטערן, און די אידישע געבילדעטע זיינען ביי זיי ניט ווייניקער, און אפשר נאָך מער, פאַרהאַסט ווי אונזערע פאַנאַטיקער. און איך מוז דעריבער אַנדערקענען אַז ס'איז פאַראַן אַ גרויסער אונטערשיד, אַ נאַטירלעכער און אַ היסטאָרישער, צווישן אידן און אַנדערע פעלקער.״

און נאָכדעם ווי ליליענבלום פירט דורך אַ פּאַראַלעל צווישן די נאַ־טור־אייגנשאַפטן פון אידישן גייסט, וועלכער דריקט זיך אויס אין הויכע אידעאַלן, מדות טובות און צניעות, און צווישן די נייגונגען פונם גריך

און ראַמאנער, וועלכע ווילן נאָר הערשן און געוועלטיקן, רעזומירט ער אַזוי: „די השכלה האָט אונז קיין גוטס ניט געבראַכט...״

„וואָלט זי געווען געבויט אויף לאָגיק און נאַטור־וויסנשאַפט וואָלט גאַנץ גוט געווען. אונזער אייראָפּעאישע בילדונג איז געבויט אויף די גרונדן פון גריכישע און רוימישע ציוויליזאַציע, נאָר אויף די עסטעטישע געשמאַק־פאָרמען, אויף די אויסערלעכע קליינקייטן. און אין דער צייט ווען מיר האָבן זיך געמאַטערט אַריינצוזאַפּן אין זיך זייערע זיטן און מנהגים, וועלכע זיינען פרעמד אונזער גייסט, האָבן מיר פאַרלוירן אונזערע אייגענע אייגנשאַפטן, און דעם ציל ניט דערגרייכט... און דערריבער איז אונזער אינטעליגענץ פאַרפוילט... און דעריבער האָט מען אונזערע אינטעליגענטן נאָך מער פיינט, ווייל פאַרפוילטעס פילט זיך פון וויטן... און מען קערט זיך אָפּ פון זיי מיט עקל...״

„אין אייראָפּע איז אונז אוממעגלעך צו שאַפן אן אנדער אַרט בילדונג, מיר האָבן ניט קיין אייגענע שולן, און אפילו ווען מיר זאָלן יאָ האָבן אַזעלכע, וועלן די לערער מוזן זיין מאַלפּעס וועלכע פאַרשטייען נאָר נאָכצוקרומען אַנדערע... איך וויל אויך רעפאָרמען — שרייבט ער — אָבער אַזעלכע וואָס זאָלן געמאַכט ווערן אין אידישן גייסט, און ניט על פי נוסח „יון״... וואָס האָט מיט אונז גאָר ניט צו טון. פאַר מיר עקזיסטירט איצט ניט קיין אַנדער פראַגע ווי נאָר „ישוב ארץ ישראל״, ניט דערפאַר — ווי איר זאָגט — ווייל איך בין געוואָרן אַ שטיק אייז, זיינען אין מיין האַרץ פאַרגליווערט געוואָרן אַלע אַנדערע געדאַנקען, און מיין מח איז זיי ניט תופס. ניין, פריינט מיינער! נאָר ווייל די פראַגן מיט וועלכע איך האָב מיך ביז איצט באַשעפטיקט, די רעפאָרמען־פראַגן, קאָנען אין אייראָפּע ניט פאַרענטפערט ווערן. דאָ איז מצות מילה — באַרבאַריזם, אָפּהיטן שבת — אַ שאָדן אין טאַש, אַ כשר׳ע קיך — שיידט אונז אָפּ פון אַלע אונזערע שכנים. דאָס אַלעס וועט אָבער אַראָפּפאַלן, זייענדיק אין ארץ ישראל... גיט מיר, פריינט גאָרדאָן, — אַ לאָגישע בילדונג, ערלעכע קריטיק, שיינע זיטן, וויסנשאַפט לשמה, מיט איינעם וואָרט, דאָס וואָס אַ איד קאָן פאַרדייען ווען איה זען, אַז איך וועל מיך מיט דעם באַשעפטיקן ניט ווייניקער ווי מיט ישוב ארץ ישראל. אויף אַזאַ ציוויליַ־

זאַציע וואָלט רוסאָ אויך ניט געקאָנט זאָגן, אַז זי ברענגט שאָדן דער וועלט...

„און דעריבער קאָן איך בשום אופן ניט מסכים זיין מיט אייער פּלאַן, אַז אידן זאָלן זיך צוריקקערן אין זייער לאַנד דורך אַמעריקע. פאַר מיר איז פיל בעסער און וויכטיקער איין פאַרביסענער פאַנאַטיקער פון ירושלים, וועלכער וועט בשום אופן ניט האָבן קיין ווירקונג מיט זיין בטלנות אויף דעם נייעם פעלד־אַרבעטער, ווי הונדערטער אַמעריקאַנער עדיסאָנס, פון וועלכן דער אידישער עמיגראַנט וועט ירשה'נען ניט מער ווי די אויסער־לעכע פאָרם... ווען עס ווענדט זיך אין אייך, פריינט גאָרדאָן, וואָלט איר געהייסן משיח'ן קומען ניט אַלס „עני ורוכב על החמור", נאָר ווי אַ ראָט־שילד אין אַן עקסטרא צוג. ווען מען פרעגט מיך אָבער, וואָלט איך גע־זאָגט: „קום משיח, דורכן פענסטער, דורך אַ שמאָל טירל, אויף אַן אייזל אָדער א קעמל, אבי נאָר וואָס שנעלער, און באַפריי אונז, און מיר, סיי אָרעמע, סיי רייכע, וועלן דיר נאָכגיין... די רייכע אויף שיפן און ספּע־ציעלע קאַבינעס, און די אָרעמע אויף דעם שיף־דעק. איך, אַלס זון פון מיין פאָלק, קוק קודם כל אויפן צוועק און ניט אויף דעם וואָס וואַרפט זיך אין די אויגן..."

ליליענבלומס ענטפער צו זיין פריינט גאָרדאָן האָט אויך איצט ניט אָנגעוואוירן זיין ווערט און, איבערהויפּט, זיין אָנווענדבאַרקייט, אין אַ צייט ווען די רעאַקציע קעגן די אידן פאַרשטאַרקט זיך.

פון דעם שטאַנדפּונקט האָט ליליענבלום באַטראַכט די אידישע לאַגע אין זיין צייט, ווען ער איז געוואָרן א חובב ציון, און מיט דער זעלבער אייזערנער ענערגיע מיט וועלכע ער האָט פריער מלחמה געפירט פאַר דער השכלה, האָט ער באַנוצט זיינע פעאיקייטן און ענערגיע צו דער אי־דעע פון ישוב ארץ ישראל.

ליליענבלום האָט מערערע ביכער געשריבן אונטער דעם פּסעוודאָ־נים „צלפחד בן חושים" און דורך זיי אַרויסגערופן די גרעסטע שנאה קעגן אים מצד די וועלכע ער האָט אָנגעגריפן, און אויך פון די וועלכע זיינען ביז גאָר ניט צופרידן געבליבן פון זיינע עקסטרעמע רעפאָרמען וואָס ער האָט פאַרלאַנגט איינצופירן אין אידישן דת.

איך האָב מיך אָבער אָפּגעהאַלטן צו כאַראַקטעריזירן ליליענבלומען, דעם רעפאָרמאַטאָר, נאָר געגעבן א קורצע כאַראַקטעריזירונג פון לי־

ליענבלומען, דעם חובב ציון. דער צווייטער האָט דעם ערשטן אריינגעוואָרפן אין תהום הנשיה און זיך אַליין פאַראייביקט אין דער היסטאָריע.

ה. תר"ו — 1846 — אַ רבנים אסיפה אין ברוינשווייג. — האָלדהיים דערקלערט פאַר די רבנים די דאָגמען פון זיין נייער אמונה וועלכערס הויפּט־פּרינציפּ איז די אָפּשאַפונג אין דער אידישער תורה פון אַלע געזעצן וואָס טראָגן אויף זיך אַ נאַציאָנאַלן שטעמפּל. ס'זאָלן נאָר פאַרבלייבן: שבת, מאכלות אסורות, מילה און די העברעאישע שפּראַך. — זיך געגרינדעט אַ רעפאָרם־געמיינדע אין בערלין. — אַ מעכטיקע באַוועגונג קעגן די געזעצן צו אונטערדריקן אידן. — צאַר ניקאָלאַי פון רוסלאַנד קומט קיין לאָנדאָן און ענגלישע איינפלוסרייכע שטאַטסמענער דערלאַנגען אים אַ ביט־שריפט צו פאַרבעסערן די אידישע לאַגע אין זיין לאַנד. — מאָנטעפיאָרע האָט צום ערשטן מאָל אַ אוידיענץ ביי אים. — אַרויס אַ דעקרעט אין רוסלאַנד אַז אידן מוזן זיך קליידן אין דער זעלבער הלבשה ווי די קריסטלעכע בירגער פון לאַנד, און די וועלכע וועלן ניט אויספאָלגן וועלן באַשטראָפט ווערן.

ה. תר"ז — 1847 — אַן אסיפה פון רעפאָרם־ראַבינער אין ברוינשווייג. — ר' זכריה פראַנקעל און ר' שלמה יוסף ראַפּאָפּאָרט (שי"ר), זיינען קעגן דער אסיפה. — די ערשטע קולטורעלע אַרבעט פון ר' מיכאל זכס. — די רוסישע רעגירונג באַניית דעם דעקרעט אויף אויסצוּוויזן אידן פון אַלע שטעט און דערפער נעבן דער גרעניץ. — אַן אסיפה פון רעפאָרם־ראַבינער אין פראַנקפורט אם מאַין. דער הויפּט־רעדנער איז געווען אברהם גייגער. — די אָרטאָדאָקסישע רבנים לאָזן אַרויס אַ קול קורא אונטערן נאָמען: „אל שלומי אמוני ישראל", אין וועלכן זיי פאַרדאַמען די רעפאָרם־באַוועגונג. — די גרינדונג פון דער צייטונג „שומר ציון". — דער ערשטער אַרויסטריט פון ר' רפאל שמשון הירש קעגן דער רעפאָרם. — זיבן און זיבעציק רבנים פאַרעפנטלעכן אַ פּראָטעסט קעגן דער רעפאָרם. — מיכאל זכס איבערצייגט דעם אונזין פון האָלדהיים'ס רעפאָרם־אידעאַל אין בערלין; — ער פאַרעפנטלעכט זיין איבערזעצונג אויף תהלים. — די רוסישע רעגירונג באַפרייט פון מיליטער־דינסט די אידישע קאָלאָניסטן־קינדער, וועלכע האָבן זיך אויסגעצייכנט אין אַגריקולטור.

ה. תר"ח — 1848 — ליליענטאַל פאָרט, אויפן באַפעל פון דעם רוסישן מיניסטער אואוואַראָוו, צו באַזוכן אַלע שטעט אין וועלכע עס געפינט זיך אַ גרויסע צאָל אידן, אויפצוקלערן זיי די נויטיקייט אויסצופאָלגן דעם מיניסטערס פאָרשלאָג צו גרינדן שולן און ראַבינער־סעמינאַריעס. — די רוסישע רעגירונג לאַדט איין מאָנטעפיאָרע'ן און קרעמיע'ן צו קומען קיין רוסלאַנד און זיך מיט זייערע אויגן איבערצייגן דעם גייסטיקן שטאַנד פון זייערע גלויבנס־ברידער. — עס ווערט פאַררופן אַ „ועד הרבנים" קיין פעטערבורג צוזאַמענגעשטעלט פון: ר' בצלאל שטערן, הרב ר' יצחק וואָלאָזשינער, דער רבי ר' מנחם מענדל ליבאַוויטשער און די ה"ה ליליענטאַל און ל. מאַנדעלשטאַם. — ליליענטאַל פאָרט אָפּ וועגן פּראָפּאַגאַנדע צוועקן קיין ווילנא און מינסק. — עס ווערט אַרויסגעלאָזן אַ ציר־

קולאַר אין בריסק פון דער געגרינדעטער חברה: „דורשי האור והתושיה". — מאָנטעפיאָרע קומט קיין פּעטערבורג, האָט אַ אוידיענץ ביי דעם רוסישן קייזער ניקאָלאַי דער ערשטער. — ער פאָרט אָפּ קיין ווילנא. — אַ צוזאַמענפאָר אין דער דערמאנטער שטאָט פון אידישע גדולים פון די מערב גובערניעס אויף מקבל פנים זיין מאָנטעפיאָרע'ן, וועלכער ווערט אויך אויפגענומען פונם גובערנאַטאָר און מערערע שטאַטסמענער. — מאָנטעפיאָרע רייזט אָפּ קיין ווארשע, באַזוכט דעם דאָרטיקן ראַבינער־סעמינאַריום. — די באַוועגונג וועגן „ישוב ארץ ישראל" פאַרשטאַרקט זיך; עס גרינדעט זיך די ערשטע חברה וועגן „ישוב ארץ ישראל" אין פראַנקפורט. — עס ווערט אָפּגעשטעלט פּראָוויזאָריש די אויסווייזונג פון אידן פון די שטעט פאַזע די גרעניצן. — עס ווערט דערעפנט ראַבינער־סעמינאַריעס אין ווילנא און זשיטאָמיר. — ליליענטאַל ווערט באַשטימט פונם אויפקלערונגס־מיניסטעריום אַלס „געלערנטער איד". — עס ווערט אָרגאַניזירט אַ „ועד הרבנים", צוזאַמען מיט אַ קאָמיטעט פון קריסטלעכע געלערנטע אין פּעטערבורג, זיך צוזאַמענצוקומען אין באַשטימטע צייטן אויף צו באַהאַנדלען אידישע ענינים. — די שילער פונם ראַבינער־סעמינאַריום ווערן באַפרייט פון מיליטער־דינסט. — עס ווערט ארויפגעוואָרפן א שטראָף פון צוויי טויזנט רובל, אויף יעדע אידישע געמיינדע וואָס וועט ניט צושטעלן די באַשטימטע צאָל רעקרוטן וואָס עס פאָדערט זיך צום מיליטער־דינסט. — אַרויפגעלייגט אַ באַזונדער שטייער אויף די אידן וואָס טראָגן יאַרמולקעס. — עס ווערט פאַרבאָטן פון דער רוסישער רעגירונג, אידישע פרויען זאָלן טראָגן פאַרוקן און שטערנטיכלעך. — די רוסישע רעגירונג דערלויבט אידן צו ווערן נאָטאריוסן. — ד"ר ליליענטאַל פאַרלאָזט פּעטערבורג, פאָרט אָפּ קיין אַמעריקא. — „חכמת ישראל" בליט אויף אין דייטשלאַנד. — ס'ווערן אַרויסגעלאָזט די ביכער פון זכס און ד"ר צונץ. — די אויפלעבונג פון דער ספרדישער ליטעראַטור דורך די אויבנדערמאַנטע חכמים, אונטער די נעמען: „חקירת התלמוד בדרך הגיונו" און „דער געריכטלעכער באַווייז" פון פראַנקל, „דרכי המשנה ומבוא ירושלמי". — אַ פולקומענע עמאַנציפּאַציע פאַר עסטרייכישע, דייטשע און אַלע מערב־לענדער אידן. — אַ איד ווערט באַשטימט אַלס פּרעזידענט אין דייטשן פּאַרלאַמענט. — דער רב ר' דוד בעריש מייזלס ווערט אויסדערוויילט אַלס דעפּוטאַט אין קראַקוי צוזאַמען מיט הר' נח מאנהיימער.

ה. תר"ט־י־י"א — 1849-50-1 —

די רעאַקציע וועלכע איז פאָרגעקומען אין אייראָפּע פאַרשלימערט די אידישע לאַגע. — די געזעצן וועגן אידישע עמאַנציפּאַציע אין עסטרייך ווערן אָפּגעשאַפט. — אין בעהמען און גאַליציע ווערט ניט דערלויבט אידן צו קויפן אומבאַוועגלעכע גיטער. — די רוסישע רעגירונג דעקרעטירט, אַז יעדע אידישע קהלה פון איין שטאָט האָט דאָס רעכט צוצושטעלן דער רעגירונג רעקרוטן אַנשטאָט פון דער זעלבער אויך פון אַ צווייטער, ווען נאָר די באַשטימטע פון דער ערשטער האָבן פּעסער און פון דער צווייטער ניט. דער דעקרעט ווערט באַטיטלט מיט דעם באַוואוסטן היסטאָרישן נאָמען „פאַימאַניקי". — דער געלערנטער היסטאָריקער גרעץ גיט אַרויס זיינע ערשטע טיילן פון „אידישע היסטאָריע". — געגרינדעט אַ קאָמיטעט אין לייפּציג אויף

צו פאַרשפּרייטן „חכמת היהדות". — די אויפבליאונג פון דער העברעאישער שפּראַך אין רוסלאַנד. — די ערשטע ליטעראַטור און קולטור־אַרבעט פון קאַצע־נעלענבאָגן און יוסף ראַבינאָוויץ אין רו־סיש, און מאַפּו און שולמאַן אין העברע־איש. — דער געבורט פון מאַקס נאָרדוי. — דער געבורט פון אליעזר בן יהודה. — דער געבורט פון לאָרד באַלפור. — דער געבורט פון עדואַרד בערנשטיין (תרי"א—1851).

מאַקס נאָרדוי

אַלע העלדן פון גייסט, וואַקסן און ווערן גרעסער ווען זיי ווערן אַלט. אונזערע חכמים האָבן געזאָגט: „זקני חכמים כל זמן שמזקינין דעתן מתישבת עליהם", אויס דער טיפעניש פון זייער לעבן שעפּן זיי זייער חכמה. ר' עקיבא האָט צו אַכציק יאָר, נאָך פיל מי און אַרבעט, ערשט דערגרייכט צו ווערן אַ לערער פון פאָלק. נאָרדוי איז געווען איינער פון די זקני חכמים שדעתן מתישבת עליהם.

שמעון מאַקס נאָרדוי איז געבוירן געוואָרן אין בודאַפּעשט דעם 29־טן יולי, 1849, ביי זייער אָרימע עלטערן. זיין פאָטער, גבריאל זידפעלד, איז געווען רב אין פּרייסן, ער האָט זיך אָבער שפּעטער באַזעצט אין בודאַ־פּעשט און זיך אָפּגעגעבן מיט פּריוואַט־לערעריי. מאַקס האָט פון זיין פאָ־טער באַקומען אַ עלעמענטאַרע דערציאונג, און חוץ העברעאיש האָט ער אים אויך געלערנט לאַטיין און גריכיש. נאָכדעם איז ער אַריינגעטראָטן אין דער בודאַפּעשטער אוניווערזיטעט וואו ער האָט שטודירט מעדיצין און צו דער זעלבער צייט האָט ער זיך אויך אָפּגעגעבן מיט ליטעראַריש היסטאָרישע שטודיומס צו וועלכע ער האָט אַרויסגעוויזן אַ גרויסע נייגונג. נאָך אַלס סטודענט האָט שוין נאָרדוי, אין יאָר 1863, אָנגעהויבן זיין לי־טעראַרישע טעטיקייט, און אין דעם דערמאָנטן יאָר האָט ער שוין פאַר־עפנטלעכט אייניקע פון זיינע פּאָעמען, עסייען און דערציילונגען. אין יאָר 1865 איז ער געווען דער הויפּט־מיטאַרבעטער פון „דער צווישנאַקט" און איז אַלס אַזעלכער פאַרבליבן ביז ער איז אַריינגעטראָטן אין אוניווערזיטעט.

אין יאָר 1873 — האָט ער באַקומען דעם טיטול דאָקטאָר מעדיצין און ער איז דאַן אָפּגעפאָרן נאָך ווין וואו ער האָט דערפילט זיין מיליטער־פליכט אַלס מיליטערישער־דאָקטאָר. נאָכדעם האָט ער אין אַ משך פון 6 יאָר באַרייזט כמעט גאַנץ אייראָפּע און זיך צוריקגעקערט קיין בודאַ־

פּעשט וואו ער האָט זיך אַ קורצע צייט אָפּגעגעבן מיט זיין פּראָפעסיע. אין יאָר 1880 האָט ער זיך באַזעצט אין פּאַריז. אין דער צייט פון דער גרויסער וועלט-מלחמה וואָס האָט אויסגעבראָכן אין יאָר 1914, איז ער געווען געצוואונגען צו פאַרלאָזן פראַנקרייך און זיך באַזעצט אין מאַדריד, שפּאַניע, וואו ער איז געווען טעטיק אויף דעם ליטעראַרישן געביט ביז אין דעם יאָר 1923, ווען ער איז נפטר געוואָרן.

ווי געזאָגט, האָט נאָרדוי אַרויסגעוויזן פון זיין פריעסטער יוגנט אָן אַ גרויסע נייגונג צו ליטעראַטור. אין די ערשטע יאָרן האָט ער פאַרעפנטלעכט, ווי שוין דערמאָנט, עסייען און קורצע דערציילונגען, אויך קאָרעספּאָנדענצן פון זיינע רייזעס איבער אייראָפּע. נאָרדוי איז אָבער געוואָרן וועלט-באַרימט ווען ער האָט פאַרעפנטלעכט אין יאָר 1883 זיין בוך „קאָנווענציאָנעלע ליגן דער קולטור-מענטשהייט”. דער פאַרקויף פון דעם דאָזיקן בוך איז פאַרבאָטן געוואָרן אין רוסלאַנד און עסטרייך, און וואו מען האָט נאָר געפונען אַן עקזעמפּליאַר פונם ווערק איז ער באַלד קאָנפיסקירט געוואָרן. אינם געזעץ וואָס די עסטרייכישע רעגירונג האָט דאַן אַרויסגעגעבן זאָגט זיך, אַז „דאָס בוך ווערט פאַרבאָטן פאַר די פאַרברעכנס פון באַליידיקן מיטגלידער פון דער קעניגלעכער פאַמיליע, פון שטערן דעם עפנטלעכן פרידן, פון פרואוון צו דערוועקן פאַראַכט און שנאה צו דער פערזאָן פון דעם קייזער און פאַר אויפהעצן די קעגנערשאַפט צווישן רעליגיעזע געמיינדעס”.

צווישן זיינע אַנדערע וויכטיקע ווערק וואָס זיינען נאָכדעם דערשינען איז ווערט צו דערמאָנען: „פּאַראַדאָקסן” און „ענטאַרטונג” (1893). דאָס דאָזיקע ווערק האָט גיך אַרויסגערופן אַ לעבהאַפטע ליטעראַרישע דיסקוסיע. אין דעם בוך זוכט נאָרדוי צו דערווייזן, אַז א סך שרייבער און קינסטלער מאַניפעסטירן די זעלבע פּסיכישע סימפּטאָמען פון אומנאָרמאַלע פאַרברעכער; און אַז זיי (דאָס הייסט די שרייבער און אַרטיסטן) ווייזן אַרויס סמנים פון דעגענעראַציע וואָס ווערן פון אים דעפינירט אַלס קראַנקהאַפטע אָפּווענדונג פון אַן אָריגינעלן טיפּ, און זיי שטעלן צופרידן זייערע אימפּולסן מיט דער פען און פענזל.

נאָרדוי האָט אויך געשריבן דראַמאַטישע ווערק וואָס זיינען איבערזעצט געוואָרן אין אַנדערע אייראָפּעאישע שפּראַכן און אויך אויפגעפירט

געוואָרן אין פילע טעאַטערס פון אייראָפּע און אַמעריקע. צווישן זיינע דראַ־מאַטישע ווערק איז ווערט צו דערמאָנען: „דאָס רעכט צו ליבן", „די קוגל" און „דר. קאָהן". אין „דר. קאָהן" באַהאַנדלט מאַקס נאָרדוי אויף אַ מייס־טערהאַפטן אופן דאָס פּראָבלעם פון געמישטע התונות ביי אידן און די אַסימילאַציע.

ווען הערצל האָט אָנגעהויבן די ציוניסטישע באַוועגונג איז מאַקס נאָרדוי געווען איינער פון די ערשטע, וועלכער האָט זיך מיטן גאַנצן ברען פון זיין נשמה אָפּגערופן אויף דעם רוף פון דעם שאַפער פונם פּאָליטישן ציוניזם. ביידע, הערצל און נאָרדוי, זיינען גאָר גיך געוואָרן די פירער פון דער באַוועגונג, און אַלס אַזעלכע האָט זיי דאָס אידישע פאָלק אָנגענומען. אינם באַזולער קאָנגרעס אין יאָר 1897 איז הערצל דערוויילט געוואָרן פּרעזידענט, און נאָרדוי וויצע. נאָרדוי האָט דאָן געהאַלטן אַ פאָרטראַג „די אַלגעמיינע לאַגע דער יודען" וואָס האָט אויפגערודערט די גאַנצע וועלט.

איך קען ניט דורכלאָזן און נישט ציטירן איין שטעלע פון אחד העם'ס שילדערונג פון נאָרדוי: „ווי ירמיהו הנביא איז נאָרדוי געשטאַנען אויף דער טריבונע פונם ציוניסטישן קאָנגרעס און געקלאָגט, און באַוויינט דעם גאַנצן צער פונם אידישן פאָלק", אַ מאָדערנער נביא, מיט די גרעסטע בקיאות און חריפות.

פון זינט נאָרדוי איז אַריין אין דער ציוניסטישער באַוועגונג, האָט ער זיך איבערגעגעבן דעם אידעאַל מיט זיין גאַנצער נשמה און גייסט, ווייל אים האָט צוגעצויגן צום אידנטום די בענקשאַפט נאָך אַ אידיש־נאַציאָנאַלע היים, אַ היים אַ פעסטע, אַ געזיכערטע און אַן איינגעוואָרצלטע. אייניקע ווילן האָבן — און צווישן זיי דר. א. קאַראַלניק — אַז נאָרדוי האָט פאַרן אידישן פאָלק קיין פּאָזיטיוועס ניט אויפגעטון, אַז ער האָט נאָר געהאַלטן פאַרטרעפלעכע רעדעס. זיינע רעדעס האָבן אָבער גורם געווען צו פּאָזיטיווע טאַטן, און מיר ווייסן דאָך אַז: „גדול המעשה יותר מן העושה"...

דריי פון נאָרדוי'ס גלענצענדע רעדעס זיינען כדאי צו פאַרצייכענען. איינע געהאַלטן אין בערלין דעם 26־טן אַפּריל 1898, איבער „די קעגנער פונם ציוניזם", איינע אין ווין איבער „שטרעמונגען אינם יודענטום" און איינע אין פּאַריז: „דער ציוניזם און די קריסטן". אַלע זיינען פאַרעפנטלעכט געוואָרן אין דעם ציוניסטישן אָרגאַן „די וועלט" פון ווין.

אליעזר בן יהודה

דער אמתער פאַמיליען־נאָמען פון דער דאָזיקער אויסערגעוויינלעכער פּערזענלעכקייט און קעמפער פאַר דער אויפלעבונג פון דער העברעאי־שער שפּראַך איז, אליעזר פּערעלמאַן. זיין פאָטער האָט געהייסן יהודה פּערעלמאַן, און אליעזר האָט אָנגענומען זיין פאָטערס נאָמען אַלס פאַ־מיליע־נאָמען.

אליעזר בן יהודה איז געבוירן געוואָרן אין לוצק (ווילנער גובערניע) דעם 7־טן יאַנואַר פון 1851. ער האָט באַקומען זיין ערשטע תּלמודישע דער־ציאונג אין דער ישיבה פון רבי יוסף בּלוקער אין פּאָלאָצק, נאָכדעם האָט ער געענדיקט די גימנאַזיע אין דווינסק און איז שפּעטער אַפּגעפאָרן קיין פּאַריז צו שטודירן מעדיצין. נאָך דריי יאָר שטודירן מעדיצין האָבן זיך אין אים באַוויזן סימפּטאָמען פון טובערקולאָז און די דאָקטוירים האָבן אים פאַרבאָטן צו לערנען און אים געראָטן צו באַזעצן זיך אין אַלזשיר צוליב דעם קלימאַט. ער האָט חתונה געהאַט אין ווילנאָ און נאָכדעם זיך באַזעצט אין ירושלים, אין יאָר 1881, וואו ער האָט געוואוינט ביז ער איז נפטר געוואָרן אין יאָר 1923.

פון זינט ער איז געווען געצוואונגען איבערצורייסן זיין שטודיום, גיט זיך בן יהודה איבער מיט זיין גאַנצער נשמה צו דער ציוניסטישער באַ־וועגונג און צו דער אויפלעבונג פון דער העברעאישער שפּראַך. ער איז געווען דער ערשטער וועלכער הויבט אָן צו באַנוצן העברעאיש, אַלס מוטער־שפּראַך, ביי זיך אין דער היים, מיט זיינע קינדער, מיט זיין פרוי, וועמען ס'איז געווען שווער זיך צוגעוואוינען צו דעם... די אַרומיקע שכנים, מאַכן פון אים חוזק, באַטראַכטן אים אַלס נאַרישער פאַנטאַזיאָר; אַפילו זיינע קאָלעגן־שרייבער רעדן מיט איראָניע פון זיינע ניי דערפונדענע ווערטער און אויסדרוקן אין העברעאיש. בן יהודה האַלט זיך אָבער ביי זיינס. ער איז טיף איבערצייגט אין דעם דערפאָלג פון העברעאיש אַלס לעבעדיקע שפּראַך. שוין אין יאָר 1880, שיקט ער אַ בריוו פון אַלזשיר צום רעדאַקטער פון „השחר", פּרץ סמאָלענסקין, אין וועלכן ער פאָרמו־לירט זיין שטעלונג צום ציוניזם און זאָגט זיך צו דער זעלבער צייט אָרויס קעגן דער מיינונג פון סמאָלענסקין, אַז דער נאַציאָנאַלער גייסט און די העברעאישע שפּראַך קענען לעבן אין אַנדערע לענדער אויסער פּאַלעסטינע.

און ווייל בן יהודה איז געווען טיף איבערצייגט, אַז עס איז נאָר מעגלעך אויפצולעבן העברעאיש אַלס לעבעדיקע שפּראַך אין אַ לאַנד וואָס זאָל זיין באַזעצט נאָר פון אידן, האָט ער דאָס טאַקע דורכגעפירט אין דער פּראַקטיק און געקומען קיין פּאַלעסטינע מיט זיין פאַמיליע.

בן יהודה גיט זיך אָפּ מיטן שטודיום פון העברעאיש און געפינט און דערפינט אַלץ מער נייע ווערטער פאַר דער דאָזיקער שפּראַך.

ער האָט אָנגעשריבן אַ סך ווערק און צווישן זיי איז דאָס וויכטיקסטע דער העברעאישער ווערטער־בוך, מלון כללי, מיט פראַנצויזישע און דייטשע איבערזעצונג, אַריינגערעכנט אַלע נייע העברעאישע ווערטער. די ערשטע און צווייטע טייל איז פאַרעפנטלעכט געוואָרן אין ירושלים אין 1896־1900. חוץ דאָס דערמאָנטע ווערק האָט בן יהודה אויך פאַרעפנטלעכט: „ארץ ישראל", אַ געאָגראַפיע פון פּאַלעסטינע, „המקרא לילדי ישראל" (1889) און „קיצור דברי הימים".

פאַר דעם גרויסן בייטראַג וואָס בן יהודה האָט אין דער העברעאישער שפּראַך און נאַציאָנאַלן אויפבוי, וועט זיין נאָמען פאַרצייכנט ווערן אויף די ערשטע זייטן פון דער אידישער נייער געשיכטע, אויף די ערשטע זייטן אויף וועלכע עס וועט פאַרצייכנט ווערן דער אידישער נאַציאָנאַלער רענעסאַנס.

לאָרד באַלפור

איך האָב אין דעם אויבנגעבראַכטן דאַטום (ה. תר"ט—1849) אויך פאַרצייכנט דעם געבורט פון לאָרד באַלפור, צוליב דעם גרויסן שיכות וואָס דער דערמאָנטער ענגלישער שטאַטסמאַן האָט מיטן אידישן פאָלק.

דזשיימס אַרטור באַלפור איז געווען פּרעמיער־מיניסטער ווען ער האָט אַרויסגעלאָזט די דעקלאַראַציע פון דער ענגלישער רעגירונג, צו שאַפן אַ נאַציאָנאַלע היים אין פּאַלעסטינע פאַרן אידישן פאָלק. די דאָזיקע דעקלאַראַציע איז באַקאַנט אַלס די „באַלפור־דעקלאַראַציע" און אַדאַנק איר האָט די ציוניסטישע באַוועגונג באַקומען די מיטהילף פון גרויס־בריטאַניע צו פאַרווירקלעכן הערצל'ס טרוים.

אין ארץ־ישראל בויט זיך איצט, אמת, לאַנגזאַם, אָבער מיט זיכערע טריט, אונזער נאַציאָנאַלע היים, וואָס וועט מיט דער צייט ווערן אַ מקום

מקלט פארן גאנצן אידישן פאלק וואס איז צעשפרייט און ליידט כמעט אין אלע לענדער פון גלות.

די פאמיליע באלפור איז איינע פון די עלטסטע אריסטאקראטישע פאמיליעס אין שאטלאנד. די נעמען פון די ערשטע באלפורס ווערן דערמאנט אין דער ענגלישער געשיכטע מיט פינף-זעקס הונדערט יאר צופאר.

שוין אין זיין פריעסטער יוגנט האט זיך פעסטגעשטעלט דזשיימס ארטהור באלפור'ס כאראקטער. זיין שוואכער געזונט-צושטאנד האט אים געצוואונגען זיך צו דערווייטערן פון די שפילן פון זיינע חברים. זיין עסטעטישער געשמאק, זיינע ווייבלעכע שטריכן און זיין גאנצע לעבנסארט האבן מיטגעווירקט דערצו, אז זיינע קאלעגן זאלן אים א נאמען געבן: „די שיינע פאני". באלפור האט זיך אויסגעצייכנט אין זיין יוגנט מיט א באזונדערן אריסטאקראטיזם. אלט-זייענדיק 26 יאר איז דזשיימס ארטהור באלפור אויסגעוויילט געווארן אלס דעפוטאט אין פארלאמענט. צווישן די פראגן, צו וועלכע לארד באלפור האט זיך איבערגעגעבן מיטן גאנצן הארצן האט זייער א וויכטיק ארט פארנומען דער צ י ו נ י ס ט י ש ע ר ג ע ד א נ ק. אלס מענטש פוןברייטע און דערהויבענע אנשויאונגען, האט ער באגריפן די אידישע נאציאנאלע באוועגונג, איר גאנץ שיינקייט און פראכט. לארד באלפור האט געבראכט צום אויסדרוק דעם גייסט פונם ענגלישן פאלק, ביי וועלכן די ציוניסטישע אידעע איז געבוירן געווארן נאך מיט הונדערטער יארן צופאר.

די באלפור-דעקלאראציע (2-טן נאוועמבער 1917) איז נישט געווען קיין פרוכט פון איין היסטארישן מאמענט, קיין צופעליקער רעזולטאט פון צייטווייליקע, פאריבערגייענדע פאליטישע באדינגונגען. די מקורים פון דער דאזיקער דעקלאראציע דארף מען זוכן אין דער ציוניסטישער באוועגונג, וואס האט זיך אנגעהויבן אין די ב ע ס ע ר ע ק ר י י ז ן פונם ענגלישן פאלק נאך צופאר מיט א דריי הונדערט יאר. נאך אינם יאר 1621 האט א ענגלישער פאסטאר: ד"ר וו. גוג, פארעפנטלעכט א בוך, אין וועלכן ער רעדט וועגן דעם צוריקקומען פון פאלק ישראל קיין ארץ ישראל. אין 1674 איז אין ענגלאנד דערשינען א בוך אונטערן נאמען: „דאס נייע ירושלים"; און דערנאך פלעגן פון צייט צו צייט דערשיינען ביכער און בראשורן געווידמעט דער דאזיקער אידעע, פול מיט פעסטן גלויבן, אז ס'איז נאענט דער טאג, ווען דאס אידישע לאנד וועט ווידער אויפגעבויט

ווערן דורך אידן. ספּעציעלע מעמאָריאַלן וועגן דער דאָזיקער פראַגע זיינען איינינקע מאָל איבערגעגעבן געוואָרן צו די ענגלישע קעניגן, און שטענדיק פלעגן זיי אויפגענומען ווערן מיט פאַראינטערעסירונג און סימפּאַטיע. דער יסוד פונם ענגלישן ציוניזם איז אין תוך גענומען געווען אַ ר ע ל י ־ ג י ע ז ע ר. אָננעמענדיק די ביבל, האָט דאָס ענגלישע פאָלק אָנגענומען אַלץ וואָס אין דער ביבל שטייט. (הלואי וואָלט עס איצט אויך געווען אַזוי ווי צוריק מיט הונדערטער יאָרן... מ. ר.) און דערפון האָט זיך גענומען די סימפּאַטיע און דער גלויבן אין דער אידעע פון שיבת ציון. ערשטנס איז דאָך די נבואה אַז אידן וועלן צוריקקומען קיין ארץ ישראל איינע פון די פּרעכטיקסטע אין די „כתבי הקודש". צווייטנס: האָט זיך מיט פיל יאָרן צוריק אָנגעהויבן אַ באַוועגונג, אונטערן נאָמען: „בריטיש איזראַעל", וואָס וויל זאָגן, אַז דאָס בריטישע פאָלק שטאַמט פון די „עשרת השבטים" (דערפון זאָל זיך נעמען דאָס וואָרט: בריטיש—ברית איש, אין העברעאיש) און אַזוי אַרום זיינען דאָך די ענגלעדער גאַנץ נאָענטע קרובים מיט אידן, און אַ קרוב דאַרף מען אַ טובה טון...

אין יאָר 1837 איז דערשינען אין לאָנדאָן אַ בוך אונטערן נאָמען: „ארץ ישראל, אָדער דאָס הייליקע לאַנד", פון ד"ר מ. קעסעל, וואו ס'איז אין אַ קלאָרער און אַ קאַטעגאָרישער פאָרם אויסגעדריקט געוואָרן דער געדאַנק, אַז די ענדערונגען אויפן מזרח מאַכן איצט מעגלעך די דערפילונג פון דער היסטאָרישער שטרעבונג פון די אידן צוריקצוקערן זיך אין זייער לאַנד. אין יענע יאָרן, האָט אויך פאַרעפנטלעכט לאָרד לינדסיי אַ בוך אונטערן נאָמען: „מצרים, אדום און דאָס הייליקע לאַנד". אויך ער האָט פאָרגעלייגט, אַז ענגלאַנד זאָל העלפן די אידן אַרויסגיין פון גלות און אויפריכטן זייער אַלט לאַנד. אין 1839 האָט אַ פאַרזאַמלונג פון די פאָרשטייער פון דער שאָטלענדישער קירך אָנגענומען אַ באַשלוס אַרויסצושיקן צוויי דעלעגאַטן קיין ארץ ישראל, אויסצופאָרשן די לאַגע פון די אידן אינם לאַנד. נאָכדעם ווי די דעלעגאַטן זיינען צוריקגעקומען און פאַרעפנטלעכט זייער באַריכט, האָט די בריטישע רעגירונג, די ערשטע צווישן אַלע אַנדערע רעגירונגען, באַשטימט אַ קאָנסול אין ירושלים און אים איבערגעגעבן די אויפגאַבע צו באַשיצן די אידן אין ארץ־ישראל און אין גאַנצן נאָענטן מזרח. איינער פון די איינפלוסרייכע לאָרדן צו יענער צייט, לאָרד שעפטסבורי, האָט גענומען אויף זיך צו מאַכן פּראָפּאַגאַנדע פאַר דער אי־

דעע פון אַ אידישער מדינה אין ארץ ישראל. אין סעפּטעמבער 1840 האָט ער צונויפגעשטעלט אַ אויספירלעכן מעמאָריאַל וועגן פּאָרשלאָג צו גרינדן אַ אידישע מדינה אין ארץ ישראל, כדי צו לעזן ענטגילטיק די אָריענט־פּראָגע. און פּאַלמערסטאָנ׳ס רעגירונג — פּאַלמערסטאָן איז צו יענער צייט געווען פּרעמיער, און אַ קרוב פון שעפּטסבורי — האָט אויפגענומען די דאָזיקע אידעע מיט גרויס סימפּאַטיע.

איך וועל אויך דערמאָנען ד׳איזראעלי׳ן, וועלכער כאָטש ער אַליין האָט ניט געמאַכט קיין דירעקטן שריט צו פאַרווירקלעכן די ציוניסטישע אידעע, האָט ער אָבער אויסגעפּלאַסטערט דעם וועג צו דער דאָזיקער פּאָליטיק, וואָס האָט מיט פיל יאָרן שפּעטער געבראַכט צו דער פּראָקלאַמירונג פון דער היסטאָרישער דעקלאַראַציע פון לאָרד באַלפור, זיין געוועזענער יונגער סעקרעטאַר.

אין ענדע פון די זיבעציקער יאָרן איז אויך געווען דער פּעריאָד פון אַ ענערגישער ציוניסטישער פּראָפּאַגאַנדע. אין יענעם פּעריאָד האָבן זיך אָפּגעגעבן מיט דער אידעע, סער משה מאָנטעפיאָרע, סער אליפאנט, קאָלאָנעל קאנדער און פיל אַנדערע. אין 1880 האָט סער לארענס אליפאנט צונויפגעשטעלט אַ פּלאַן צו באַקומען פון טערקישן סולטאַן אַ טשארטער, פאַר אַ ברייטער קאָלאָניזאַציע פון אידן אין ארץ ישראל. אליפאנט׳ס פּלאַן איז אויפגענומען געוואָרן מיט בייפאַל דורך לאָרד ביקאנספילד און מאַרקיז סאַליסבורי, צום באַדויערן איז ד׳איזראעלי׳ס רעגירונג געפאַלן איידער אליפאנט איז צוגעטראָטן צו פאַרווירקלעכן זיין פּלאַן. די אנטשידענע ענדערונג אין דער אָריענט־פּאָליטיק פון גרויס־בריטאַניען און אין דער אַלגעמיינער אינטערנאַציאָנאַלער סיטואַציע וואָס האָט מעגלעך געמאַכט די פאַרווירקלעכונג פונם ציוניסטישן געדאַנק, איז געשען אין די 35 יאָר נאָך דעם בערלינער קאָנגרעס. דער דאָזיקער פּעריאָד איז דער באַלפור־פּעריאָד. און באַלפור, דער שאַפער פון דער דעקלאַראַציע, בלייבט ביים אידישן פאָלק פאַררעכנט ווי דער צווייטער כורש.

תרי״ב — 1852 — דער געבורט פון פּראָפעסאָר דוד קויפמאַן. — געבורט פון יצחק לייבוש פּרץ.

פּראָפעסאָר דוד קויפמאַן

איך וועל אין קורצן שילדערן די פּערזענלעכקייט פון פּראָפעסאָר דוד

קויפמאַן, באַנוצנדיק זיך צו דעם צוועק מיט דער מייסטערהאַפטער אַרבעט איבער דער דאָזיקער פערזענלעכקייט וואָס ראובן בריינין האָט אָנגעשריבן.

פּראָפעסאָר קויפמאַן איז געבוירן געוואָרן דעם זיבעטן יוני 1852, אין דער שטאָט קויטין, אין מאָראַביע, וואָס איז געווען באַרימט מיט איר גרויסע ישיבה. זיינע עלטערן זיינען געווען רעליגיעז-געשטימטע און אויך פאַרמעגלעכע. נאָכדעם ווי ער האָט געענדיקט די אָרטיקע גימנאַזיע און אויך אַ היבשע ידיעה געהאַט אין אידישע לימודים, איז ער אָפּגעפאָרן קיין ברעסלוי, דאָרט אַריינגעטראָטן אין פאַקולטעט און אין דער זעלבער צייט אין ראַבינער-סעמינאַריום וואו ער האָט געלערנט טעאָלאָגיע, היסטאָריע, אַלגעמיינע רעליגיעזע פילאָזאָפיע און פילאָלאָגיע פון אָריענטאַלישע שפּראַכן. נאָך זיצנדיק אויף דער שול-באַנק, אַלס יונגערמאַן פון צוואַנציק יאָר, האָט ער שוין פאַרעפנטלעכט וויסנשאַפטלעכע אָפּהאַנדלונגען אין די דייטשע וויסנשאַפטלעכע צייטשריפטן; מיט די דאָזיקע אָפּהאַנדלונגען האָט ער אויף זיך אַרויפגעצויגן די אויפמערקזאַמקייט פון די דייטשע וויסנשאַפטסמענער. ער איז געווען דער ערשטער צו שרייבן אויף אַ אייראָפּעאישער שפּראַך איבער אידישע טעמעס, און האָט פאַרעפנטלעכט אייניקע אַרטיקלען אין די גרעסטע אָנגעזעענע דייטשע זשורנאַלן איבער די ווערק פון זיין פריינט און חבר פרץ סמאָלענסקין. ער האָט אויך צו יענער צייט געשריבן קריטיק-אַרטיקלען, איבער פּראָפעסאָר העלער'ס איבערזעצונגען פון ר' יהודה הלוי'ס לידער. אין 1874, באַקומט ער דעם דיפּלאָם דאָקטאָר-פילאָזאָפיע פון דער לייפּציקער אוניווערזיטעט, נאָך דער אָנגעשריבענער דיסערטאַציע איבער רבנו בחיי און זיין ספר „חובת הלבבות" און איבער ר' יהודה הלוי. די ביכער פון די צוויי דערמאָנטע אידישע געלערנטע האָבן געהאַט אויף אים אַ גרויסן איינפלוס און אָפּגעדרוקט אויף זיין מח דעם מאָראַלישן און פּאָעטישן שטעמפּל מיט וועלכן ער איז פאַרבליבן זיין גאַנץ לעבן.

פּראָפעסאָר דוד קויפמאַן איז געשטאָרבן אין יאָר 1900.

יצחק לייבוש פרץ

איך וועל מיך לענגער אָפּשטעלן צו כאַראַקטעריזירן די פערזענלעכקייט פון דעם פּוילישן גדול, וועלכער האָט איבערגעלאָזט נאָך זיך אַ גרויסע ליטעראַרישע ירושה, וואָס וועט ניט פאַרלירן איר ווערט, פּונקט

ווי די וואָס איז אונז פאַרבליבן פון שלום יעקב אַבראַמאָוויטש (מענדעלע מוכר ספרים) און שלום ראַבינאָוויטש (שלום עליכם).

יצחק לייבוש פרץ, געבוירן אין זאַמושטש אין יאָר 1852, שטאַמט פון אַ מתנגדישע, אָנגעזעענע משפחה. און אין פוילן, די נעסט פון חסידות, איז דאָס אַן אויסנאַם-פאַל.

דער יחוס זיינער ציט זיך פון איין צד, צו דער געוויסער נייטשע פון פראַנקפורט אם מאין, פרצ'ס אַ עלטער-באָבע, אַ רביצין, וועלכע איז יומם ולילה געזעסן איבער דער גמרא, ווי אַ מאַנספּערזאָן, און געלערנט. פון אַ צווייטן צד — צו דעם פני יהושע.

פרץ האָט באַקומען פון זיינע עלטערן יהודה און רבקה, אַ טראַדי־ציאָנעלע דערציאונג. געגאַנגען אין חדר, צו פאַרשידענע מלמדים, וועלכע ווערן פון אים פאַרגעשטעלט אין זיינע זכרונות אין אַ לעכערלעכע פאָרם. אַלס קינד האָט ער צוליב זיין שטיפעריי קיין אַנדער נאָמען ניט געהאַט ביי זיינע רבי'ס, איבערהויפּט ביי זיינע רביצינס, ווי נאָר „דער משוגענער". דאָס קינד פרץ, האָט אַרויסגעוויזן זיין גאונות ווען ער איז אַלט געווען דריי יאָר. אין דער דאָזיקער עלטער האָט ער שוין געלערנט חומש, צו זעקס יאָר — גמרא. דער ענגער חדר מיט די אַלט-פרענקישע מלמדים האָבן אָבער געשטיקט זיין לעבעדיקע נאַטור, און דאָס האָט געווירקט אויף אים. פון דער נאַטור אַ טעמפּעראַמענטפולער, פלעג ער אַרויסווייזן „ווילדע שטיק", כדי זיך נוקם זיין אין זיינע מלמדים. און דאָך האָט ער צו פאַרדאַנקען דעם טעבערשינער רבין זיין אַנטוויקלען זיך און דערגרייכן די הויכע שריפטשטעלערישע מדרגה. דער ר' פנחס'ל האָט אויף אים משפיע געווען מיט זיין טעזע אַז: „דער עיקר איז דאָס לייענען, לערנען פאַר זיך". „ניט דער רבי דאַרף דיר שאַרפן דעם מח — פלעגט ער אים זאָגן — נאָר דו אַליין דאַרפסט אים שאַרפן. צום רבין דאַרף מען זיך נאָר ווענדן, ווען דער שכל קאָן עס ניט באַגרייפן".

פרץ האָט אָנגעהויבן — ווען ער איז אַרויס פון חדר — אַליין צו לערנען, נאָכדעם מיט אַ חבר, ביי דעם גרויסן תלמודיסט, ר' אברהם יהושע דיין, און שפּעטער שוין אין בית המדרש מיט זיין ליבן חבר יצחק נעליבטער. צו 12-13 יאָר האָט שוין פרץ געהאַט אַ היבשע ידיעה אין תלמוד, מיט די מפרשים. אַלס פרום קינד, האָט ער אויך געלערנט די „ארבעה טורים". זייענדיק אָבער — ווי געזאָגט — פון דער נאַטור מיט

אַ פייערדיקן טעמפּעראַמענט האָט אים דער למוד — ווען ער איז שוין עלטער געוואָרן מיט אַ פּאָר יאָר, — ניט צופרידנגעשטעלט און ער האָט אָנגעהויבן צו לערנען חקירה ספרים: „עקדת יצחק", „חובות הלבבות", „עקרים". אַ באַזונדערן חשק האָט ער געהאַט צום „מורה הנבוכים" און „יד החזקה" פונם רמב"ם. ווי ווייט ער איז באַגייסטערט געווען פונם רמב"ם ווערט דערציילט דער פּאַקט: איינמאָל לייענענדיק דעם תשב"ץ, האָט ער זיך אָנגעשטויסן אויף אַ שטעלע, וואו דער תשב"ץ דריקט זיך אוים מיט גאָר אַ קנאַפּן רעספּעקט צום רמב"ם. פּרץ האָט גלייך מיט אַ בלייפעדער פאַרמעקט דעם אויסדריק. דאָס האָט באַמערקט אַ פאַנאַטישער יונגערמאַן און אָנגעמאַכט אַ רעש, און ס'איז געקומען דערצו אַז מען האָט געוואָלט לייבוש'ן, „דעם משומד", אַרויסוואַרפן פון בית המדרש.

פּרצ'ס דורשט נאָך וויסנשאַפטלעכע למודים האָט אים אַריינגעפירט אין דער מיטלאַלטערלעכער העברעאישער ליטעראַטור און פילאָזאָפיע. און גלייך נאָכדעם זיך אַ וואָרף געטון צו דער השכלה־ליטעראַטור. ווי באַקאַנט, איז פּרץ געווען אַ „אווטאָדידאַקט". אַליין דערלערנט די פראַנצויזישע, דייטשע און פּוילישע שפּראַכן, און אָנגעהויבן צו לייענען אָן אַ סדר, אָן אַ סיסטעם, פאַרשידענע ביכער, א קאַלאַמבור פון וויסנשאַפטלעכע פילאָזאָפישע און בעלעטריסטישע ביכער, געלייענט ראָמאַנען פון דיומאַ, וויקטאָר הוגאָ, אייזשען סיו, און גלייך וויסנשאַפטלעכע: באַקלס, האַרט־מאַנס, קאַרל פאָגטס. אַזאַ סיסטעם פון לייענען האָט אַריינגעבראַכט אַ כאַאָס אין זיין מח, ער איז געוואָרן פול מיט ספקות.

יצחק לייבוש פּרץ האָט חתונה פאַר גבריאל יהודה ליכטענפעלדס אַ טאָכטער, באַזעצט זיך אין סאַנדאָמיר און עפנט דאָרט אַ ברויז־געשעפט. עס האָט זיך אָבער אין אים דערוועקט דער שרייבערישער גייסט, שרייבט לידער, פאַרנאַכלעסיקט דאָס געשעפט. און איינמאָל אין א ערב פּסח, פאַר־געסן צו פאַרקויפן דעם „ברייי" אין חמץ, און ניט וועלנדיק זיין אַ „גונב את הבריות" — פונם עצם איסור האָט ער שוין געצווייפלט — האָט ער אויסגעגאָסן דעם גאַנצן „זאַפּאַס", און... פאַרלוירן זיין גאַנץ קאַפּיטאַל. עוקר געווען פונם שטעטל, קומט קיין וואַרשאַ און ווערט אַ העברעאישער לערער. איך וועל דורכלאָזן די אלע גלגולים וועלכע ער האָט דורכגעמאַכט, און באַשרייבן פּרצ'ס ליטעראַרישע טעטיקייט.

זיין ערשטער דעבוט איז געווען אין „השחר", מיט זיין שיר

„השותפות‟. זיין צווייטער שיר, אויך אין „השחר‟, אונטערן נאָמען: „חלוקות החכמות‟. און ווען אין די צוויי שירים, האָט זיך שוין דערקענט זיין טאַלאַנט, האָט ער אָבער אָנגעהויבן צו גלאַנצן ערשט פונם דריטן שיר: „לי אומרים‟, אויך אין „השחר‟. אַנשטאָט די סאַטירישע קלאַנגען פון זיינע ערשטע צוויי שירים, האָט זיך אין דריטן אָנגעהויבן פילן מונ־טערקייט און אַ האָפנונגספולער גלויבן.

פרץ שרייבט זייער פיל אין העברעאיש. ער פאַראייניקט זיך אויך מיט זיין שוואָגער ליכטענפעלד און גיט מיט אים אַרויס אַ בוך: „ספורים בשיר ושירים שונים‟. איך וועל דורכלאָזן צו פאַרצייכענען אַלעס וואָס ער האָט געשריבן אין העברעאיש. זיינע ווערק אין דער דאָזיקער שפּראַך פאַרמאָגן אַ גלענצנדן סטיל, און אין זיי ווייזט ער אַרויס גאָרניט קיין גרויסע סימפּאַטיע צו די כּלי קודש, און אין „הציץ ונפגע‟ מערקט זיך דייטלעך אַ פאַרביסענע שנאה צו זיי. די סאַטירע איז אַ שניידנדע ביז גאָר.

פרץ הויבט אָן שרייבן אין „אידיש‟. דורך דעם ווערט ער נאָך מער באַרימט ווי דער פריערדיקער פרץ, דער שרייבער אין העברעאיש. צו באַ־שרייבן וואָס און וויפיל פרץ האָט געשאַפן אין אידיש, גלויב איך, איז גאַנץ איבעריק. ווייל ווער פון אונז האָט ניט געלייענט פרצ׳ס שאַפונגען? ווער פון אונז ווערט ניט באַגייסטערט פון זיין שרייבן? פרץ האָט דאָך ליטעראַטור אין צענדליקער בענדער; פרץ האָט, ביז היינטיקן טאָג, צו זיך קיין גלייכן ניט אין דער אידישער ליטעראַטור. ער איז דער גרויסער קולטור־און־אידעען־קינסטלער, און דער גרעסטער סטיליסט. ער האָט אין זיך פאַרמאָגט אַלע מעגלעכע פאָרמען און ריכטונגען. ער איז ניט געווען צוגעבונדן צו איין שטה אין זיין שרייבן.

פרץ איז דער פאָטער פון דעם אינדיווידועלן אינטעליגענטישן אידיש. מאַנכע זעצן אים אויס אַ פעלער דאָס וואָס ער האָט געשפּרונגען פון סטיל צו סטיל, אָבער דאָס איז אַ באַזונדערע פּסיכאָלאָגישע דערשיינונג אין אַזאַ אומרואיקע נאַטור ווי פרץ האָט געהאַט. אַלע אנערקענען אָבער, אַז פרצ׳ס לעבעדיקער אינטערעס צו שאַפן, די טיפע ליבשאַפט צו אַלץ וואָס ס׳איז שיין און דערהויבן, דאָס אַלעס האָט אים געמאַכט פאַר דער גרעסטער פערזענלעכקייט, ניט נאָר אין זיין עפּאָכע, נאָר אויך אין דער געגנווערטיקער צייט, ווען די אידישע ליטעראַטור האָט עוואָלוציאָנירט;

זיין פערזענלעכקייט איז ניט קלענער און ניט טונקלער געוואָרן. פּרץ איז פאַרבליבן דער וואונדערלעכער סטיליסט סיי אין העברעאיש און סיי אין אידיש.

טראָץ דעם וואָס פּרץ האָט אָנגעהויבן צו שאַפן אין אונזער אַלט־נייער נאַציאָנאַלער שפּראַך, און קיינמאָל נישט אַרויסגעוויזן קיין נעגאַטיווע שטעלונג צו העברעאיש, ווי דאָס איז דער פאַל מיט פיל קלענערע שרייבער אין אידיש, איז ער אָבער, צום באַדויערן, געווען אַן אויסגעשפּראָכענער, קאָנסעקווענטער קעגנער פונם ציוניזם. מען קען אָבער דערפון ניט דרינגען אַז אים האָט נים אינטערעסירט דער גורל פון אידישן פאָלק. פּרץ איז געווען אַ גרויסער קינסטלער און אויך גרויסער פאָלקס־מענטש. זיין גרויסע פאָלקס־נשמה איז צעווייטאָקט געוואָרן צוזעענדיק די ליידן פון זיינע ברידער אין דער צייט פון דער גרויסער וועלט־מלחמה און ער איז געשטאָרבן אין יאָר 1915.

זיין אָנדענק ווערט געערט פון אַלע אידן ביי וועמען די שאַפער פון אונזער ליטעראַטור, סיי אין העברעאיש און סיי אין אידיש, איז טייער.

ה. תרי"ד — 1854 — די קרימער מלחמה און איר ווירקונג אויף די רוסישע אידן. — דער דעקרעט פון דער רעגירונג אַז אידן דאַרפן צושטעלן צום מיליטער־דינסט צען פונם טויזנט, איז באַנייט געוואָרן. — דער געשאַפענער אַקציז גיט פּרנסה טויזנטער אידישע פאַמיליעס; אממערסטן געניסן דערפון די געבילדעטע אידן. — אַרויסגעלאָזט געוואָרן אַ ציר־קולאַר פון דער רוסישער רעגירונג, אַז אידן האָבן דאָס רעכט אויסצואוויילן קרייז־ראַבינער, נאָר די וואָס האָבן געענדיקט אַ ראַבינער־סעמינאַריע, אָדער איינע פון די הויך־און־מיטל־שולן. — פאַרבאָטן אידן צו קויפן ערד אין טשערניגאָווער און פּאָלטאַווער גובערניעס. — עס ווערן באַפרייט פון מיליטער־דינסט די פון די קאָלאָניעס אין יעקאַטערינאָסלאַווער גובערניע. — דער בלוט־בלבול אין סאַראַטאָוו. די אומשולדיק־באַשולדיקטע ווערן פאַרמשפּט צו שווערע אַרבעט אין סיביר.

דער סאַראַטאָווער „עלילת דם" האָט זיך באַזונדערס ניט אונטערשיידעט פון אַלע אַנדערע בלוט־בלבולים וואָס זיינען פאָרגעקומען פון צייט צו צייט, מיט דער זעלבער אַכזריות'דיקייט און די זעלבע נידערטרעכטיקע עדות־זאָגעריי. עס קאָן אָבער פאַרצייכנט ווערן די דריי אויסטערלישע געשעענישן וואָס זיינען פאָרגעקומען ביי דעם בלוט־בלבול. ערשטנס: אַז ניט קיין פרייע אידן זיינען באַשולדיקט געוואָרן, נאָר אויס־

געדינטע ניקאָלאַיעווסקי סאָלדאַטן, פּריווילעגירטע, צוליב זייער לאַנגער טערמין אין מיליטער־דינסט, צו מעגן וואוינען אין סאראטאוו, אַ שטאָט וואו קיין פרייען אידן איז ניט דערלויבט געווען צו וואוינען. צווייטנס: דערמיט וואָס די געפונענע געהאַרגעטע קריסטלעכע קינדער זיינען פאַר, אָדער נאָכן טויט, גע׳מלה׳ט געוואָרן. דריטנס: וואָס צווישן די פאַלשע עדות איז אויך געווען אַ איד, און דוקא ניט קיין גע׳שמד׳טער.

שרייבן אויספירלעך וועגן דעם גאַנג פונם פראָצעס, האַלט איך פאַר איבריק, ווייל אויסער די דריי געשעענישן, ווי געזאָגט, האָט ער זיך מיט גאָרניט אויסגעצייכנט. די זעלבע שופטים, מיט די זעלבע פאָראור־טיילן און פאַנאַטישע איינבילדונגען. די ענוים פון די אַרעסטירטע מיט דעם זעלבן באַרבאַריזם און גרויזאַמקייט. עס קאָן אָבער אויך דאָס פאַר־צייכנט ווערן, אַז דער בלבול איז נאָכדעם ווי די אומשולדיקע זיינען פאַרמשפּט געוואָרן, אויפגעקלערט געוואָרן, און די פאַלשע עדות זיינען שווער באַשטראָפט געוואָרן. דער איד קליגער, וועלכער האָט פאַלש עדות געזאָגט קעגן אַ געוויסער אידישער פרוי, אַז זי האָט גענומען אנטייל אין דער פאַרגעקומענער שחיטה איבער די קריסטלעכע קינדער, איז פאַר־משפּט געוואָרן אויף צוואַנציק יאָר שווערע אַרבעט. אַ פאַלשע עדות׳טע מיטן נאָמען מאַשע — צו באַקומען 165 מלקות און פאַרשיקט ווערן אויף 15 יאָר צו שווערע אַרבעט; דעם עדות באגדאנאוו — 2000 מלקות.

די אומשולדיקע אידן זיינען, נאָכדעם ווי זיי זיינען אַ פּאָר יאָר גע־ווען פאַרשיקטע, פריינעשפּראָכן געוואָרן.

ה. תרט״ו־ז־י״ז־ח — 1855-8 —

מאָנטעפיאָרע קומט קיין ארץ־ישראל, זיך משתדל ביי דער טערקישער רעגירונג צו דערלויבן אידן ערד־אַרבעט אָן דער מינ־דעסטער שטערונג. — דער רוסישער קייזער, אלעקסאנדער דער ערשטער, באַ־פעלט אַרויסצושיקן פון דער רעגירונגס־קאַסע דריי הונדערט רובל קיין ארץ ישראל אויף צו שטיצן די אָרימע פּויל־ישע אידן וואָס וואוינען דאָרט. — קול־טור־אַרבעט פון די וויסנשאַפטסמענער: דערנבורג, מונק, אַלבערט קאָהן און ז. קאָהן. — די דערשיינונג פון דער צייט־שריפט „המגיד" דורך א. ל. זילבערמאַן, און, נאָך אייניקע יאָר, אויך מיט דעם צווייטן רעדאַקטאָר דוד גאָרדאָן איבער דער 2־טער אָפּטיילונג „מגיד משנה". — אָפּגעשאַפט געוואָרן אין בריטאַניע דער געזעץ, אַז יעדער אויסדערוויילטער פאַר־לאַמענט־מיטגליד מוז אָפּהאַלטן אַ שבועה אין אַ קריסטלעכן נוסח, און דורכדעם איז אונמעגלעך געווען פאַר אַ אידן אויסדער־וויילט צו ווערן אַלס אַ מיטגליד אינם

פּאַרלאַמענט. — ליאָנעל ראָטשילד, דער ערשטער איד אין ענגלישן פּאַרלאַמענט. — דער טויט פון היינריך הייַנע (1856). — דער געבורט פון שלמה ריינאַך. — דער געבורט פון שלמה עטינגער (1856).

היינריך היינע

היינע׳ס פאָטער האָט זיך מיט קיין באַזונדערס ניט אויסגעצייכנט, אויסער ווי מיט זיין לאַנגע באָרד מיט וועלכער ער האָט שטאָלצירט. זיין פעטער איז געווען אַ איד וואָס האָט זיך אָפּגעגעבן מיט קבלה, און כדי זיך צו פאַרפאָלקאָמען אין דער זעלבער, איז ער געפאָרן קיין ארץ־ישראל און דאָרט אָנגעהויבן שרייבן קמעות אַלס סגולות צו קדחת, מיט דער מיסטערישער אויפשריפט: „אברקלדוס”, „אברקלדו”, „אברקלד”, „אברקל”, „אברק”, „אבר”, „אב”, „א”. געמאַכט אַ גלאָבוס מיט העבּרעאישע אותיות, מיטן שם הויה צום אָנהויב, און אונטן זיך גע׳חתמ׳עט: „אני השפל ונבזה הכותב שם משמעון בלא״א מורי קצין פו״מ בהר״ר אליעזר יצ״ו מדוסילדארף המכונה סימון דע געלדרין”. זיין מוטער איז געווען אַן איינפאַכע פרוי וועלכע האָט זיך גערופן פּייארכע, און געהייסן האָט זי בתיה. פלעגט שרייבן אירע בריוו צו פריינט און באַקאַנטע אין אידיש, דאַן אַ פאַרגרייזטער דייטשער דיאַלעקט. געווען אין גוטע פאַרהעלטענישן מיטן באַוואוסטן רב שייער, דער אויפגענומענער פון דער קהלה אין דיסעלדאָרף, און איבערגעגעבן איר זון אונטער זיין השגחה. אַלס קינד האָט ער געלערנט אין אַן אַלט־מאָדיש חדר, בײַ אַ פּשוט׳ן מלמד, רינטעלזאָן פון האַמבורג. דאָרט געלערנט פּקד, פּקדתי, פּקדת, און געקליבענע קאַפּיטלעך תהלים. און ווען ער האָט נאָר דעם ערשטן שריט געמאַכט אויף דעם ליטעראַרישן געביט, איז זיין ערשטע שאַפונג געווען די „טראַגעדיע אלמאנזאר” און דער „רבי פון באַכראַך”.

די ענדע?

ווען ער איז געווען אַ מסוכּנ׳ער חולה, געראַנגלט זיך מיטן טויט יעדן טאָג, האָט ער אָנגעשריבן די וואונדערבאַרע „אידישע מעלאָדיעס”, און די „ודויים” (בײַכטעס), מיט וועלכע ער האָט מקדש געווען דעם נאָמען פונם אידישן פאָלק, און בײַ דעם זיין נאָמען פאַראייביקט. זיינע ודויים, וועלכע זיינען איבערזעצט און פאַרעפנטלעכט געוואָרן אין פראַנצויזישן זשורנאַל: „רעווי דע דעו מאָנד”, האָבן אַ גוואַלדיקן רושם גע־

מאַכט אין די געלערנטע קרייזן. זיינע ודויים איז די שענסטע קרוין מיט וועלכע ער האָט געקרוינט דאָס אידישע פאָלק, און דער פאַרביטערטסטער פאַרוואורף דעם קריסטנטום.

צווישן דעם אָנהויב און ענדע, איז פאַרגעקומען דאָס טרויעריקע, און נאָכדעם דאָס חרטה'דיקע געשעעניש...

...„אין אַכט און צוואַנציקסטן יוני 1825, אין אַ הייסן תמוז'דיקן טאָג, ווען דער שגעון־אָנפאַל איז שכיח, איז אַריינגעקומען אַ מאַן פון גיטינגען, אין דעם קליינעם פּרייסישן שטעטל הייליגנשטאָט, צום פּראָטעסטאַנטישן גייסטלעכן גאָטליב כריסטיאַן גרים, און אין דער געגנוואַרט פונם גייסטלעכן קאַרל פרידריך בוניץ, וועלכער איז באַשטימט געוואָרן אַלס עדות, איז ער גע'טובל'ט געוואָרן לשם יעזוס און מאַריע, און פאַררעכנט געוואָרן אַלס מיטגליד אין קריסטנטום פאַרבאַנד".

ונקרא שמו באיוואַנגעליע: כריסטיאַן יאָהאַן היינריך, דער געוועזענער אידישער הארי היינע. ער איז געפאַלן אַ קרבן אויפן מזבח פון יענער באַוואוסטער אַסימילאַציאָנס־פּעריאָדע. ווען היינע זאָל געוועז איינהאַלטן אין זיך זיין אויפברויזונג געציילטע צען יאָר, וואָלט ער ניט געוועזן אַרויפגעבראַכט אויף זיך די שאַנדע פאַר וועלכע ער אַליין האָט זיך נאָכדעם ניט געקענט מוחל זיין.

ווי וויט גרוים עס איז געוועזן זיין חרטה אויף דעם פאַלשן איבערגעאיילטן שריט וואָס ער האָט געמאַכט, און די געוויסנסביסע וואָס האָט אים געפּלאָגט ביז אין טויט, ווי אויך זיין בליק אויפן קריסטנטום, קען דינען די בריוו־וועקסלונג וואָס איז פאָרגעקומען צווישן אים און זיינע פריינט. איך וועל ברענגען נאָר אַן אויסצוג פון די זעלבע.

אין אַ בריוו צו עמאַנואַל וואָהלוויל שרייבט ער וועגן דער רעפאָרמאַציע די ווערטער:

„איניקע פון זיי, וועלכע האָבן זייער גאַנצע „השכלה" איבערגענומען פון קאָמעדיאַנטן, ווילן געבן דעם אידנטום נייע דעקאָראַציעס און נייע קוליסן. אָנשטאָט אַ באָרד, זאָל דער סופליאָר טראָגן אַ ווייסן שניפּס... זיי ווילן אַריינגיסן דעם גאַנצן אָקעאַן אין אַ קליין פּאַפּירן ריטשקעלע, און דעם הערקולעס וועלכער שטייט אין ווילהעלם־טאַל, אין קאַסעל, ווילן זיי אָנטון דאָס קליינע העמדל פון מאַרקוס דעם קליינעם... איניקע פון זיי שטרעבן צו שאַפן אַ געשטיקוועט עוואַנגעליש קריסטנטום, אונטער אַ אידישע פירמע. און צו דעם

צוועק שאַפן זיי פאַר זיך אַ וואָלענעם „טלית", מיט דעם וואָל פון „גאָטס לעמעלע", אַ וועסט מיט די פעדערן פון דער הייליקער טויב... און אונטערהויזן, פון קריסטלעכער הומאַניטעט... און די נאָכקומענדע שרייבן אָן אויף זייער פירמע: „גאָט, קריסטוס עט קאָמפּ"... צו אונזער גליק וועט דאָס האַנדל־הויז קיין קיום ניט האָבן... די וועקסלען אויף זייער פילאָזאָפיע, קערן זיך צורוק צו אונז פּראָטעסטירטע; אין גאַנץ אייראָפּאַ האָט די פילאָזאָפיע באַנקראָטירט, און אַפילו די וואָס זיי האָבן זי דורך מיסיאָנערן אַריינגעשמוגלט אין אַפריקאַ און אַזיע וועלן אפשר האָבן דעם נחת צו קוויקן זיך מיט איר אייניקע הונדערט יאָר, סוף כל סוף וועט דאָרט אויך קומען צו באַנקראָט... דאָס אַלעס ווערט פון טאָג צו טאָג פאַר מיר מער דערקלערבאַר. צופיל איז דאָס פאַרפוילטקייט פון דער עפּוש'דיקער אידעע... אַ אידעע? — ווי איז צו די וועלכע רופן עס אידעע... ס'איז דאָ אויף דער וועלט גאַנצענע סטאַדעס פון אומווירדיקע אידעען, וועלכע האָבן זיך אַריינגעשפּאַרט אין די שפּאַלטן פון דער אַלטער וועלט, איינס פאַרלאָזטן בעט פון גאָטס גייסט, אַזוי ווי די וואַנצן אין אַ בעט פון אַ פּוילישן אידן... ווען דו צעטרעטסט מיטן פוס נאָר איין וואַנץ ווערט אַ געשטאַנק וואָס פאַרפּעסטעט די לופט...

פאַרצייַ מיר פאַרן אויפברויז אין מיין שרייבן. דיך, פריינט, האָט געטראָפן דאָס גרויסע אומגליק, פונם מבטל מאַכן דעם געזעץ פון צו געבן בירגעררעכט צו אַלע פּרייסישע אידן... דיינער, היינע."

צו משה מאזער דריקט ער זיך אויס אין זיין בריוו צו אים מיט די ווערטער:

„איך לעב דאָ איינזאַם, איך האָב זיך דאָ ניט מיט וועמען צו באַפריינדן. די אידן, זיינען די געוויסע הויזירער, מיט ניט קיין לויבנסווירדיקע זייטן... און די קריסטן? די מיטלקלאַס, צייכנט זיך אויס מיט דער זעלבער רשעות ווי די העכערע קלאַס... מיט דעם איינעם אונטערשיד, וואָס ביי די ערשטע איז עס מיאוס'ער, עקלהאַפטער און ניט פאַרמאַסקירט... ווען עס כאַפּט זיך אַרויס, למשל, אַ קליין אידיש הינטל אין גאַס, קומען באַלד קריסטלעכע הינט און הויבן עס אָן אַרומשמעקן אויף אַ אייגנאַרטיקן אופן, ווייל אויך קריסטלעכע הינט באַציען זיך מיט רשעות קעגן אידישע, און אַזוי זיינען זייערע בעלי־בתים... און מיר בלייבט מער ניט איבער, נאָר די בוימער מיט זיי פריינדשאַפט צו שליסן. דיין ה. היינע."

אין דעצעמבער 1825, שרייבט ער צו דעמזעלבן:

„איך ווייס ניט וואָס דיר צו שרייבן. כהן פאַרזיכערט מיר, אַז גאַנז פרעדיקט און פּראָפּאַגאַנדירט פאַר דער קריסטלעכער אידעע און איז זיך משתדל אַראָפּצופירן אידן פונם אידישן וועג. אויב ס'איז ווירקלעך אַזוי, אויב ער טוט עס אויפריכטיקערווייזע, איז ער אַ פּשוט'ער שוטה, און אויב מיט צביעות,

איז ער אַ נידערטרעכטיקער... דעם לעצטן שבת בין איך געווען אין טעמפּל און געהאַט גרויס פאַרגעניגן פון דער דרשה וואָס ד"ר סאַלאָמאָן האָט געהאַלטן קעגן די משומדים. זיין שפּראַך איז אַ אויסערגעוויינלעך שאַרף סאַטירישע. „איר משומדים" — האָט ער אויסגעשריען — „זוכט נאָר מיט אייער שמד, אַ גוטן פּאָסטן צו באַקומען..." כהן, באַציט זיך צו מיר מיט דער גרעסטער סימפּאַטיע. אין די שבתים עס איך ביי זיין טיש, און מיט אַ דערשלאָגענעם געמיט, עס איך דאָס אידישע נאַציאָנאַלע מאַכל, דעם „קוגל"; אָט דאָס מאַכל האָט אויפגעהאַלטן דעם עקזיסטענץ פונם אידנטום, מער ווי די דריי בראָשורן פון דער געוויסער „ציטשריפט", און פאַרגעס ניט אַז דער „קוגל" האָט יעדע ציט מער אַבאָנענטן ווי די „ציטשריפט"... — — ה. היינע."

אין יאַנואַר 1826, שרייבט ער צו אים:

„איצט בין איך פאַרהאַסט סיי פון אידן און סיי פון קריסטן. דער וואָרעם פון חרטה נאָגט מיין האַרץ; איך האָב חרטה פאַר וואָס איך האָב מיך געטויפט. מיין עקאָנאָמישע לאַגע איז אַממינדעסטן ניט פאַרבעסערט געוואָרן. פאַרקערט, זינט איך האָב מיך געטויפט, מיידן מיך ניט אויס פאַרשידענע אומגליקס־פאַלן. איז עס ניט אַ פאַרקערטע וועלט?

פאַרן טויפן זיך האָט קיינער מיר ניט דערמאַנט אַז איך בין אַ איד, און פון נאָך דעם שמד אָן הערט מען ניט אויף פון אַלע זייטן מיך דערמאַנען אַז איך בין אַ „יודע"... — — ה. היינע."

אין דעם זעלבן יאָר, שרייבט ער ווידער צו משה מאָזער:

„איך געדענק אַז דער מזמור: „על נהרות בבל", איז געווען דיין ליבלינגס מזמור, און ווען איך דערמאַן זיך מיט וועלכער נשמה־אויסגוס דו פלעגסט אים זינגען, שטעלן זיך מיר אויך איצט טרערן אין די אויגן. דעמאָלט, פריינט, האָסטו גוטע געדאַנקען געהאַט וועגן אידנטום, און אויף די עקלהאַפטע מעשים פון די מיסיאָנערן, וועלכע שפּרייטן אויס זייערע נעצן אויף צו פאַנגען דאָרט אידישע נפשות, און אויך אויף די געפאַנגענע מיאוסע נפשות, וועלכע פאַרבלייבן נאָכן שמד די זעלבע עקלהאַפטע ברואים ווי געווען... פאַרציי מיר די שאַרפע אויסדריקע... בין איך דען ניט דער זעלבער? מערערע מאָל שטיי איך אויף ביינאַכט, שטעל זיך אַקעגן שפּיגל, און לעסטער מיך אַליין פאַר מיין איבערגעאיילטן שריט... ה. היינע."

פון דעם אַלעם איז צו זען די געוויסנסביסע וואָס האָבן היינען געפלאָגט ביז זיין טויט, און אין דעם לעצטן שיר וואָס ער האָט פאַרפאַסט פאַרן טויט, דריקט ער זיך אויס: „קיינער קדיש ווירד מאַן זאַגן, און קיינע מעסע ווירד מאַן זינגען..."

שלמה ריינאַך

שלמה ריינאַך (געבוירן אין תרט"ז — 1856, און נפטר געוואָרן אין 1932), איז געווען אַ ברודער פון די באַרימטע זשאָזעף און טעאָדאָר ריינאַך. שלמה איז געווען דער מיטלסטער. דער עלטערער, זשאָזעף, האָט געשפּילט אַן אָנגעזעענע ראָלע אין דער געשיכטע פון פראַנקרייך, אַלס דירעקטאָר אין גאַמבעטאַס קאַבינעט, אינם יאָר 1881; דער קלענערער, טעאָדאָר, האָט זיך באַרימט געמאַכט אין דער אידישער און אויך אין דער ניט אידישער וועלט דורך זיין קאָלאָסאַל ווערק: „די געשיכטע פונם אידישן פאָלק פון נאָכן חורבן ביז דער געגנוואַרטיקער צייט".

שלמה ריינאַך איז געווען איינער פון די ווייניקע געניען וואָס באַווייזן זיך אין יעדן דור. אַ געבוירענער אין סען זשערמען אַן לעאי, האָט ער אָנגעהויבן שטודירן אין פּאַריז, און נאָכדעם ווי ער האָט דאָרט געענדיקט די מיטלשולע איז ער אַוועק שטודירן אין דער פראַנצויזישער אַרכעאָלאָגישער שולע אין אַטען (גריכנלאַנד) ספּעציאַליזירנדיק זיך דאָרט אין אַרכעאָלאָגיע און קלאַסישע פילאָלאָגיע. דאָרט האָט ער באַקומען אַ גרינטלעכע ידיעה אין די אַלטע אָריענטאַלישע שפּראַכן, העברעאיש אריינגערעכנט. אין יאָר 1886 אַלט ווערנדיק דרייסיק יאָר, איז ער שוין פון דער רעגירונג באַשטימט געוואָרן אלס צווייטער דירעקטאָר פון דעם מוזיי פון אַלטערטימלעכקייטן פון סען זשערמען; שפּעטער מיט צוויי יאָר, ווערט ער באַשטימט אַלס אויסעראָרדענטלעכער פּראָפעסאָר פון פראַנצויזישער אַרכעאָלאָגיע אין דער הויכשולע פון לוווער, און גלייכצייטיק — אויך דירעקטאָר פון דעם זשורנאַל „רעווי אַרזשעאָלאָזשיק".

פאַר זיינע אַרבעטן און פאָרשונגען אויף די געביטן פון נומיסמאַטיק, (מינצן-וויסנשאַפט), אַרכעאָלאָגיע, אַלטע געשיכטע, פילאָלאָגיע א. א. וו. באַקומט ער פאַרשידענע אויסצייכענונגען און טיטלען פון אַקאַדעמיעס און די העכערע וויסנשאַפטלעכע קאָרפּאָראַציעס אין פראַנקרייך, דייטשלאַנד, שוועדן, בעלגיע און אַנדערע לענדער.

מיר וועלן דאָ פאַרצייכענען איינציקע פון זיינע ווערק מיט וועלכע ער האָט זיך קונה שם געווען אלס איינער פון די גרעסטע ספּעציאַליסטן אין אַרכעאָלאָגיע פון די אַלטע קלאַסישע פעלקער.

1) אויפשריפטן וואָס באַציען זיך צו דער מלחמה פון יהדות;
2) קולטן, מיטוסן און רעליגיעס;
3) כראָניק פון א רייזע איבערן אָריענט.
4) די מזרח־אידן;
5) אַ לאטיינישע גראמאטיק;
6) כשר און טרפה׳ס אין משה׳ס געזעץ. (וועגן די סימנים פון כשרות אויף בהמות און חיות);
7) אַלטערטימלעכקייטן אין דער איצטיקער דרום־רוסלאַנד. (קרים און קאַספּישער געגנט).
8) מאָנאָגראַפישע ווערק וועגן דער אַרכעאָלאָגיע פון גריכנלאַנד, רוים און קליין אַזיע א. א.
9) אַרכעאָלאָגישע אנטיקן וואָס מען האָט געפונען ביי די אויסגראָבונגען אויפן בית עולם פון מירינע (נעבן סמירנע).
10) אַ האנט־בוך פאר קלאסישע פילאָלאָגיע.

ווי געזאָגט זיינען די אויסגערעכנטע נאָר אַ טייל פון די צאָלרייכע ווערק וואָס דער איד רייִנאַך האָט געשאַפן.

אַ גרויסער טייל פון זיינע ווערק זיינען איבערגעזעצט געוואָרן אין רוסיש, דייטש, ענגליש און אַנדערע אייראָפּעאישע שפּראַכן.

גרויס איז די אבדה וואָס מיר האָבן פארלוירן מיטן טויט פון רייִנאַך. איך זאָג און באַטאָן מ י ר, ווייל אויסער דעם וואָס רייִנאַך איז געווען איינער פון די געניאַלע ווּיסנשאַפטסמענער, איז ער אויך געווען: „רייִנאַך דער איד"... א זון פון דער באַרימטער אידישער פאַמיליע רייִנאַך, וואָס שטאַמט פון דייטשלאַנד און זיך באַזעצט אין פראנקרייך אין אָנהויב פון 17־טן יאָרהונדערט.

די גאַנצע פאַמיליע האָט זיך אויסגעצייכנט מיט געניאַליטעט. דער עלטערער ברודער — ווי געזאָגט — אַ פּאָליטיקער און יוריסקאָנסולט פון גרויסן פאַרנעם; דער צווייטער — אַ אידישער היסטאָריקער, קעמפער און מוטיקער פאַרטיידיקער פון דרייפוסן, האָט אויך אָנגעשריבן די ערשטע געשיכטע פון דער דרייפוס־אַפערע און פּראָצעס. אַ פעטער פון די דאָזיקע דריי רייִנאַך׳ס איז געווען דער באַרימטער באַנקיר זשאַק (יצחק) רייִנאַך, און געשטאָרבן פּלוצים אין 1892, ווען דער טרויעריק באַרימטער שונא ישראל פריומאַן האָט אים באַשולדיקט אין צעטיילן דריי מיליאָן פראנק

שוחד פאַר די מיטגלידער פונם פראַנצויזישן פּאַרלאַמענט, פאַר דער פּאַ־נאַמאַ־קאָנצעסיע אין פּאַנאַמאַ...

סאָלאָמאָן רייִנאַך האָט אַלס ייד געגומען אַן אַנטייל אין די פאַרשיי־דענע געזעלשאַפטלעכע אידישע באַוועגונגען וואָס זיינען פאָרגעקומען אינם משך פון די לעצטע צענדליקער יאָרן אין פראַנקרייך.

ער איז געווען זייער באַפריינדעט מיטן באַראָן הירש, איינער פון זיינע פאָרערער. רייִנאַך האָט זיך באַגייסטערט פון די גרויסע פילאַנטראָ־פּישע פּלענער און גרויסע איניציאַטיוון פונם באַראָן. ער איז געוואָרן דער ערשטער פון דעם ראַט פון די יק"א גרינדער און אַלס אַזעלכער פאַר־בליבן אַלס וויצע פרעזידענט ביז זיין טויט.

ער איז געווען דער פאָרזיצער פון דער „געזעלשאַפט פאַר אידישער לערע" און האָט אויך פאַרעפנטלעכט אין זיינע זאַמלביכער פאַר חכמת ישראל א גרויסע צאָל מאָנאָגראַפיעס וועגן פאָרשונגען און ענינים פון אַלטער אידישער געשיכטע.

ער איז געווען וויצע פרעזידענט פון דער „אַליאַנס איזראַעליט", אויסצייכענענדיק זיך מיט זיין עקסטרעם - רעפאָרמאַטאָריש - אַסימילאַ־טאָרישער טענדענץ... פאַר וועלכע ער האָט אויף זיך ארויפגעצויגן דעם ווידערווילן פון דעם נאַציאָנאַל געזאָנענעם אידנטום, ווייל טראָץ זיין מיוחס'דיקער אָפּשטאַמונג איז רייִנאַך דאָך צום באַדויערן געווען אַן עקס־טרעם אַסימילירטער, און זאָגאַר די דרייפוס־אַפערע האָט אים ניט מחזיר למוטב געווען... און אַ דאַנק זיין אַסימילאַציע טענדענץ, האָט זיין אַק־טיוויטעט פונם פרעזידיום אין דער „כל ישראל חברים" געזעלשאַפט, אַרויס־געראופן א שטאַרקע אָפּאָזיציע אין אַלע נאַציאָנאַל געשטימטע אידישע קרייזן אין פראַנקרייך, און אין דער דייטשער סעקציע פון דער „אַליאַנס". אין יאָר 1911, ווען די ווידערווילונג פון רייִנאַך איז געשטאַנען אויפן טאָג אָרדענונג, איז די אָפּאָזיציע צו אים פאַרשטאַרקט געוואָרן, און ווען ער איז דאָך דערוויילט געוואָרן אַלס וויצע פרעזידענט אין דער פאַרוואַל־טונג פון דעם אַליאַנס, האָט ער געהאַט גענוג טאַקט אויף זיך צו אָנט־זאָגן פון דעם בכבוד'ן אַמט כדי ניט צו דערמעגלעכן — דורך זיין פאַר־זאָן — א שפּאַלטונג אין די רייען פון דער מערב אייראָפּעאישער אידי־שער חברה. דאָך מוזן מיר, אויך נאַציאָנאַל געזאָנענע אידן, מודה זיין אז שלמה רייִנאַך איז געווען א תלמיד חכם און בעל מידות, געאַכטעט פאַר

זיין וויסנשאַפט און מעלות פון אַלע קרייזן פון דער קריסטלעכער און אידיש־פראַנצויזישער אינטעליגענץ. שלמה רייזאַך האָט מיט זיינע גייסטיקע מעלות פאַרשאַפט כּבוד דעם אידישן פאָלק, דערבּיי אָבער אויך נישט ווייניק פאַרדרוס וואָס אַזאַ גאונ׳, איז פון צופיל גענ׳אַליטעט פאַרפירט געוואָרן אין אַ טענדענץ, וואָס האָט צו זיין ליכט אויך אַ שאָטן פאַרשאַפט. אַזוי איז עס, „אין אור בּלי צללים״...

ה. תרט״ז — 1856 — דער געבּורט פון שלמה עטינגער.

שלמה עטינגער

עטינגערס זיידע, ר׳ איטשע, דער כּעלמער רב, איז געווען אַ מיוחס פון אַ לומדיש סוחרישער משפּחה. זיין פאָטער, ר׳ יאסקע, געהאַט סמיכה אויף רבנות, געשטאָרבּן נאָך גאָר אַ יונגערמאַן, און עטינגער איז דערצויגן געוואָרן בּיי זיין פעטער ר׳ מענדעל דער לענטשנער רב וועלכער האָט געקענט דייטש און גע׳שמ׳ט פאַר אַ פריידענקער. עטינגער האָט זיך אָנגעשטעקט פונם פעטער, געהאַט אַ ידיעה אין דייטש, און אַ געכאַפּטער אין ספרים החצונים... צו 15 יאָר חתונה געהאַט, פאַרבּראַכט מער אין בּית המדרש ווי אין דער היים. געווען אַן איינגייער אינם הויז פון ר׳ יוסף צעדערבּוים, אַ זאַמלפּונקט פאַר אַלע שטאָטישע משכּילים. אין דעם קרייז אין וועלכן עס האָט זיך אויך געפינען ר׳ שמשון בּלאָך, יעקב אייכענבּוים, האָט עטינגער שטאַרק אויסגענומען מיט זיינע לידלעך און גלייכווערטלעך. עטינגער פאַרט אָפּ קיין אָדעס צו זיינעם אַ שוואָגער, און לויט דער עצה פונם גרויסן גביר און יחסן ר׳ יעקב נאַטאַנזאָן, און מיט דער אונטערשטיצונג פונם שוואָגער, פאָרט עטינגער קיין לעמבּערג שטודירן. ער קומט אָן אין אוניווערזיטעט און ווערט בּאַליבּט בּיי זיינע קאָלעגן וועלכע רופן אים: „דער לוסטיקער סאַלאמאָן״. געענדיקט זיין שטודיום אַלס דאָקטאָר, קערט ער זיך צוריק קיין זאַמאָשץ, ער קאָן אָבער דאָרט ניט פּראַקטיצירן, כּל זמן ער האָט ניט אָפּגעגעבּן קיין מלוכה־עקזאַמען בּיים וואַרשעווער אוניווערזיטעט.

איך וועל דורכלאָזן אַלעס וואָס מיט אים איז פאָרגעקומען אין זיין קורץ לעבּן — עטינגער האָט געלעבּט ניט מער ווי 45 יאָר — און נאָר פאַרצייכענען, אַז ער האָט ניט זוכה געווען צו פאַרעפנטלעכן זיין ליטעראַרישע

אַרבעט ביים לעבן, און ערשט אין עטלעכע יאָר נאָך זיין טויט, הויבן זיך אָן צו דרוקן זיינע כּתבים וועלכע זיינען געווען פאַרשפּרייט צווישן זיינע אומצייליקע פריינט. אין 1861 דרוקט אָפּ גאָנשאַראָווסקי זיינע אַ פּיעסע מיטן נאָמען „אַ קאָמעדיע אין 5 אַקטן פון סערקעלע אָדער די פאַלשע יאָרצייט, געשען אין לעמבערג שנת תקצ״ה". אין 1862 ווערט אַרויסגעגעבן פון זיין זון ווילהעלם, זיינע משלים, לידעלעך, קליינע מעשה׳לעך, כּתבות׳לעך אייגענע און נאָכגעמאַכטע. עטינגערס משלים זיינען די אַלטע גוט באַקאַנטע פאַבלען מיט מענטשן, בעלי חיים און אומבאַלעבטע געגנשטאַנדן. די סיוזשעטן, גענומענע פון פרעמדע פאַבל-דיכטער, זיינען מייסטערהאַפט פאַראידישט. דער סטיל איז קורץ און שאַרף, די שפּראַך רייך און זאַפטיק. עטינגערס אַפאָריזמען, עפּיגראַמען און כּתבות׳לעך צייכנען זיך אויס מיט זייער פיינעם שפּילעוודיקן הומאָר. עטינגער האָט אויך געשאַפן לירישע פּאָעזיע, ווי „רחל ביי איר קינדס קבר". זיין פּאָעמע: „דאָס לעבט", נאָכגעמאַכט שילערס: „די גלאָקע" צייכנט זיך אויס מיט איר טראַגישקייט אינם גורל פונם מענטשנס לעבן. עטינגערס „סערקעלע" האָט זיך קונה שם געווען אויף דער אידישער בינע אין 1923 אין וואַרשעווער „צענטראַל טעאַטער", אונטער דער רעזשי פון זיגמונט טורקאָוו, אַרויסרופנדיק לויבנסווירדיקע רעצענזיעס אין דער גאַנ-צער אידישער פּרעסע. און אַזוי אַרום האָט זיך שלמה עטינגער קונה שם געווען ערשט נאָכן טויט... און מסתמא שפתותיו דובבות בקבר...

ה. תרט״ז — 1856 — דער געבורט פון אשר גינצבורג (אחד העם).

אשר גינצבורג, איז איינער פון די גדולים וועלכע זיינען געקומען צו דער רומפולער השכּלה׳שער מדרגה אויטאָדידאַקטישער ווייזע.

ס׳איז כּדאי זיך אָפּצושטעלן לענגער צו פאַרצייכענען די פּערזענ-לעכקייט פון אחד העם, וועלכער האָט געשאַפן אַ נייע שטה אין תּחית העם, אַ שטה וועלכע האָט צוגעצויגן פיל אָנהענגער וואָס האָבן זיך גע-רופן „אחד העמ׳יסטן". איך וועל עס טון באַנוצנדיק זיך מיט זיין אויטאָ-ביאָגראַפיע.

אשר גינצבורג איז געבוירן געוואָרן אין סקווירא, אַ אולטראַ-חסידישע שטאָט. ווען ער איז אַלט געווען צוועלף יאָר, האָט זיין פאָטער גענומען אין פאַכט דאָס דאָרף גאָפּטשיצא, נאָענט צו דער שטאָט פּורבישטש, און

זיי האָבן זיך דאָרט באַזעצט. דער צוועלף־יאָריקער אשר איז נאָך זייענדיק אין סקווירא שוין פאַררעכנט געוואָרן אַלס עלוי. קומענדיק אין דאָרף, און ווייט פון קינדערשע געזעלשאַפט, האָט ער זיך מיט אַ אויסערגעוויינלעכער התמדה גענומען צו לערנען. ביז פופצן יאָר געלערנט מיט אַ מלמד תלמוד און פוסקים, נאָכדעם אַליין פאַר זיך, און צו זיבעצן יאָר געווען אַ בקי אין ש״ס און פוסקים אויף אַ וואונדערלעכן אופן, איבערהויפּט אינם חלק: „אבן העזר״. רבנים פלעגן זיך ווענדן צו אים מיט שאלות וועגן דינים פון „אבן העזר״, און אין דער זעלבער צייט געמאַכט אַ סיום אויף גאַנץ ש״ס. צו זיבעצן יאָר האָט ער חתונה געהאַט מיט אַ טאָכטער אַ מיוחסת פון טאַטעס צד און פון מאַמעס צד. פונם ערשטן — ר׳ מנחם מענדל ליבאַ־וויטשער׳ס א אוראייניקל, און פונם צווייטן — ר׳ יעקב ישראל טשער־קאַסערס אַ אייניקל. און גלייך נאָך דער חתונה בלייבנדיק אויף קעסט בײם פאָטער, האָט ער אָנגעהויבן צו ווערן אַ „הציץ ונפגע׳ניק״, ניט נאָר לייענען, נאָר אויך לערנען ספרי השכלה; און אַזוי ווי ער האָט פון קינד־ווייז אָן ליב געהאַט אַלעס צו לערנען ניט אויבנאויפיק, נאָר פאַרטיפן זיך, האָט ער זיך אַנטוויקלט צו קוקן אויף אַלעס מיט אַ קריטישן בליק, און אַלעס פון אים געלייענטעס און געלערנטעס צו אַנאַליזירן און קריטיקירן. אשר גינצבורג האָט תּחילת זיך געוואָלט פאַרפאָלקאָמענען סיסטעמאַטיש אין אַלגעמיינע וויסנשאַפט, שולמעסיקער־וויזע, פאַרשידענע סבות אָבער, האָבן אים געשטערט דערצו. און אַזוי איז ער אויף די אַלגעמיינע וויסנ־שאַפטן געוואָרן אַן אויטאָדידאַקט. אַליין געלערנט אייניקע שפּראַכן. אין יאָר תרמ״ד, 1874, האָט זיך אין אים דערוועקט אַ באַגער צו ווערן אַ האַנדלס־מאַן ערגעץ אין אַ גרויסער שטאָט און מקיים זיין: „טוב תורה עם דרך ארץ״. ער פאָרט אַרויס קיין אָדעס און ווערט דאָרט אַ סוחר און אַ כּלל־טוער; ווערט אַריינגעצויגן אין דאָרטיקן צענטער פון די „חובבי ציון״ און דערווערבט זיך דאָרט אַ גרויסן נאָמען. צוזאַמען מיטן פּרעזי־דענט פון דער דאָרטיקער „אגודה״, ד״ר פּינסקער, און מיט מערערע חשוב׳ע כּלל־טוער, וואַרפט ער זיך אַריין מיט דער גרעסטער התלהבות אין דער חיבת ציון באַוועגונג.

ווי באַוואוסט, איז צו יענער צייט פאָרגעקומען דער קאַטאָוויצער צו־זאַמענפאָר. דאָקטאָר פּינסקער איז באַשטימט געוואָרן אַלס איינער פון די דעלעגאַטן צו יענער אסיפה. פּינסקער האָט געהאַט דאַן צוגעגרייט אַ רע־

פערזאָט אויף פאַרצולייענען אים אויף דעם צוזאַמענפֿאָר. דעם צוגעגרייטן פאָרטראַג האָט ער שפּעטער באַקאַנט געמאַכט פֿאַר מערערע דעלעגאַטן פֿון בעסאַראַביע, צווישן וועלכע עס האָט זיך אויך געפֿונען דער מחבר פונם „האַנט־בוך״ (זע „חיבת ציון״ אין ענדע פונם „האַנט־בוך״). דער רעפֿעראַט האָט אַרויסגערופֿן גרויסע ויכוחים, אין וועלכע אשר גינצבורג, דער פֿון דער נאַטור געבענטשטער קריטיקער, האָט אויף אַ סך שטעלן אים קריטיקירט; אחד העם האָט דאָרט באַקומען דעם נאָמען: „דער גרויסער קריטיקער״. אין יאָר תרמ״ה, 1885, קערט ער זיך אום אין דאָרף, און פֿאַרבלייבט דאָרט נאָך איין יאָר. אין 1886 קערט ער זיך צוריק קיין אָדעס און פֿאַרבלייבט שוין דאָרט אַ לאַנגע צייט, ביז ער באַזעצט זיך אויף שטענדיק אין ארץ ישראל. אין יאָר תרמ״ט, 1889 שרייבט ער אין זיין ערשטן מאמר: „לא זו הדרך״, אַ קריטיק איבער די אָנגענומענע מעטאָדן אין דער „חיבת ציון״ באַוועגונג. די צענזור האָט אָבער נישט דערלויבט אים צו דרוקן. ער ווערט אים צוריק געשיקט, און ער איז געצוואונגען אים צו ענדערן, און פֿאַרעפֿנטלעכט אים אין „המליץ״, אונטער דעם פּסעוודאָנים „אחד העם״, וואָס איז געוואָרן אויף שטענדיק זיין ליטעראַרישער נאָמען, מיט וועלכן ער האָט זיך קונה שם געווען.

אינם יאָר תרנ״א, 1891, פֿאָרט ער קיין ארץ ישראל. אין דער רייזע איז די שיף געווען מערערע מאָל אין סכנה אונטערצוגיין. דעם 14־טן פֿעברואַר איז ער אָנגעקומען קיין יפו. ער באַזוכט אַלע שוין געגרינדעטע קאָלאָניעס און דעם 18־טן מאַי קערט ער זיך אום צוריק קיין אָדעס, און שיקט אַוועק אין „המליץ״ זיינע איינדריקן פֿון ארץ ישראל אונטערן נאָמען: „אמת מארץ ישראל״. זיינע איינדריקן האָבן געשאַפֿן אַ גרויסע אומצופֿרידנקייט אינם חובבי ציון לאַגער. ער האָט אין זיין „אמת מארץ ישראל״ פֿילע „אמת׳ן״ אויפֿגעדעקט. אמת׳ן וואָס זיינען גאָר ניט געווען לרצון פֿאַר די גרויסע חובבי ציונ׳דיקע קאַרפֿנקעפּ...

אינם יאָר תרנ״ג, 1893, פֿאָרט ער דאָס צווייטע מאָל קיין ארץ ישראל. ער בלייבט שוין מער צופֿרידן פֿון אַלע פֿאַר דער דאָזיקער צייט אָפּגעטועטע חיבת ציון אַרבעט. און דאָך איז נאָך דער „אמת״ פֿאַר אים ניט קיין פֿאָלקאָמענער צום גוטן... און ער שרייבט אַ זיין צווייטן „אמת מארץ ישראל״. און ווי געוויינלעך בלייבן די זעלבע פּירער ווייטער ניט צופֿרידן. אחד העם וויל זיך באַזעצן אין ארץ ישראל, ער באַקומט

אָבער ניט קיין דערלויבעניש, און מוז זיך צוריקקערן. אויפן צוריקקער באַזוכט ער פּאַריז, זעט זיך מיט דעם דר. שוואַרצפעלד, דער צווייטער באַאַמטער איבער באַראָן הירשם פילאַנטראָפּישע ענינים. אין דעם גע־שפּרעך וואָס קומט פאָר צווישן זיי איבער ארץ ישראל און אַרגענטינע, זאָגט זיך שוואַרצפעלד ארוים וועגן זיין קעגנערשאַפט צו ארץ ישראל מיט די ווערטער: „דער רעיון אליין, אָן און פאַר זיך, איז זייער אַן אידע־אַליסטישער, די „חובבי ציון" אָבער, מיט זייער אומגעלומפּערטקייט האָלט אים אָפּ פון צו נעמען אנטייל אין דער באַוועגונג". וועגן אַרגענטינע זאָגט שוואַרצפעלד, אַז עס זיינען דאָ גוטע פּערספּעקטיוון, און ווען עס וועט נאָר ווערן, ווי מיר האָפן, די מעגלעכקייט צו גרינדן דאָרט קאָלאָניעס, וועט עס זיין פאַר דעם קאָמיטעט, וועלכער וועט געשאַפן ווערן פאַר דעם צוועק, גאָר א גוט געשעפט... פאַר פּאָליטישע אומאָרדענונגען איז ניטאָ וואָס מורא צו האָבן, און דער היישעריק איז אויך ניט אַזוי מסוכן. ס'איז דאָ מיטלען צו פאַרניכטן אים (ביז היינט צו טאָג האָט מען נאָך די מיטלען ניט אַנטדעקט, מ. ר.).

אחד העם באַזוכט נאָכדעם לאָנדאָן, קומט זיך צוזאַמען מיטן דר. אַדלער, וויל אים צוציען אין דער „חיבת ציון" באַוועגונג. דר. אַדלער אַנט־זאָגט זיך צוליב מאַנגל אין צייט... אין תרס"ז, 1907, מאַכט ער ווייטער א רייזע קיין ארץ ישראל. ער ווערט באַגייסטערט און דריקט אוים זיין באַגייסטערונג וועגן דעם „הר הכרמל" מיט די ווערטער: „ווען אַ גלות־איד וועט מיך פרעגן, וואָס זאָל איך טון אין ארץ ישראל, איך זאָל אין דעם פילן ארץ ישראל'דיקן טעם, וועל איך אים ענטפערן: „לאָז איבער אַלעם וואָס געפינט זיך דאָרט, אַלע „בנינים" און אַנדערע מערקווירדי־קייטן, און גיי ארויף אויף דעם „הר הכרמל", זיין דאָרט איינזאַם, נאָר מיט דיינע אייגענע מחשבות, און סוד'ע זיך דאָרט מיט די „גייסטער" פון די אוראַלטע צייטן וואָס שוועבן פאַר דיינע אויגן און קיין מענטש וועט דיר ניט שטערן און איבערשלאָגן דאָס געשפּרעך..."

איך ברענג דאָ ניט קיין דעטאַלירטע פאַרצייכענונג פון אחד העמ'ס קולטורעלע און ליטעראַרישע טעטיקייט; זיין ווערק „פרשת הדרכים" איז דאָס וויכטיקסטע פון אַלע זיינע געשאַפענע. אין אים וועט דער לייע־נער דערזען די קולטורעלע און ליטעראַרישע געשטאַלט פון אחד העמ'ען ווי אין אַ שפּיגל.

אחד העם איז נפטר געוואָרן דעם 2־טן יאַנואַר 1927 (כ"ח טבת, ה' תרפ"ז) אין תל־אביב, און זיין נאָמען וועט פאַראייביקט ווערן אי דער היסטאָריע אַלס פרעדיקער פאַר אַ גייסטיקן ציוניזם.

ה' תרכ" — 1860 — דער געבורט פון נחום סאָקאָלאָוו.

נחום סאָקאָלאָוו איז איינער פון די פּערזענלעכקייטן וועלכע ער־שיינען ווי מעטעאָרן מיט אַ באַזונדערן גלאַנץ, אַ גלאַנץ אין וועלכן עס שפּיגלט זיך אָפּ פאַרשידענע ליכטיקע קאָלירן, יעדער קאָליר פאַרנעמט דאָס אויג און פאַרשאַפט אַ באַזונדער גייסטיק פאַרגעניגן.

נחום סאָקאָלאָוו שטאַמט פון אַ מיוחס'דיקער משפחה וואָס פירט איר יחוס פון דעם „מגלה עמיקות", ר' נתן שפּירא. געבוירן איז סאָקאָ־לאָוו אין מישעגראַד, און ווי דער שטייגער איז צו יענער צייט געווען, געגאַנגען אין חדר און געלערנט נאָך דער דעמאָלטדיקער מעטאָדע. אַרי־בערקומענדיק מיט זיינע עלטערן קיין פּלאָצק איז ער שוין מפורסם גע־וואָרן אַלס עלוי. צו צען יאָר איבערראַשט ער די גרעסטע לומדים מיט זיינע ידיעות אין גמרא און פּוסקים. ער איז אַזויפיל מפורסם געוואָרן, אַז ווען זיין פאָטער האָט געוואָלט דורכאויס אים מאַכן פאַר אַ רב האָט זיך דער פּלאָצקער גובערנאַטאָר באַראָן וורανגעל משתדל געווען ביי זיין פאָטער ער זאָל זיין זון, דעם עלוי, לערנען אויך אַלגעמיינע למודים. אַלט ווערנדיק 18 יאָר האָט זיין פאָטער מקיים געווען דעם „בן שמונה עשרה לחופה", און אים חתונה געמאַכט פאַר אַ גביר'ס אַ טאָכטער אין מאַקאָוו. און דאָרט, ביי זיין רייכן שווער, האָט ער זיך פאַרפאָלקאָמט אין וועלטלעכער בילדונג, אַרויסווייזנדיק אַן אויסערגעוויינלעכן, כמעט פענאָמענאַלן זכרון, און אין אַ קורצער צייט באַהערשט ער מערערע אייראָפּעאישע שפּראַכן. די ערשטע צייט האָט זיך סאָקאָלאָוו פאַרנומען מיט מסחר, געפאָרן קיין בוכאַרא און קאַווקאַז. ער איז שוין אָבער פון דער השגחה באַשטימט געוואָרן צו זיין אַ „ספרא" און ניט קיין „תגרא", און מיט זיכערקייט קאָנען מיר זאָגן אַז נחום סאָקאָלאָוו וואָלט ווייניקער פאַר־דינסטן געהאַט ביים אידישן פאָלק ווען ער בלייבט אַ סוחר, ווי די פאַר־דינסטן וואָס ער האָט זיך דערוואָרבן מיט זיין ליטעראַרישקייט.

איך וועל אויספירלעכער באַשרייבן זיין ליטעראַרישע טעטיקייט אינם משך פון זיין גאַנץ לעבן. סאָקאָלאָוו האָט נאָך כמעט אַלס קינד שוין געשריבן; צו 15 יאָר איז ער שוין אַרוים מיט אַן איבערזעצונג אויף גע־

אָגראַפּיע מיטן נאָמען „מצוקי ארץ". געשריבן אין „המגיד" און „הקול".

אין 1879 האָט ער זיך באַזעצט אין וואַרשע און געוואָרן אַ שטענדי־קער מיטאַרבעטער, אין אַ צייט אַרום אויך רעדאַקטאָר פון „הצפירה". זיין „הצופה לבית ישראל" איז געווען געשריבן אין אַן אייראָפּעאישן סטיל; מיט זיינע פּאָליטישע איבערזיכטן אונטערן קעפּל: „דברי הימים", האָבן זיך די משכילים פון יענער צייט געקוויקט. מיט איינעם וואָרט, סאָקאָלאָוו איז נאָך אַלס יונגער מאַן אנדערקענט געוואָרן, אז דער ליכ־טיקער מעטעאָר וועט פאַרבלייבן אויף פיל יאָרן אַלס דער גלענצנדסטער שטערן אויפן אידישן הימל. סאָקאָלאָוו מאַכט נסיעות איבער מערב־איי־ראָפּע, באַקענט זיך מיט די גרעסטע און חשובסטע פּערזענלעכקייטן און פאַרפאָלקאָמט זיך אין וויסנשאַפט.

וואָס אנבאַלאַנגט סאָקאָלאָוון אין דער נאַציאָנאַלער באַוועגונג מוז מען מודה זיין אז אין דער יוגנט איז ער ניט פאַררעכנט געוואָרן צו די נאַציאָנאלע פּיאָנערן. ער האָט אפילו אונטערשטיצט די פראַגע וועגן דער עמיגראַציע קיין אַרגענטינע. ער האָט אָבער גלייך אנערקענט „כי לא מאַרגענטינע תצא ישועה". און באַלד צוגעשטאַנען צום פּאָליטישן ציוניזם.

סאָקאָלאָוו איז געוואָרן גענעראַל סעקרעטאַר פון דער ציוניסטישער וועלט־אָרגאַניזאַציע, און רעדאַקטאָר פונם ציוניסטישן צענטראַל אָרגאַן „העולם". ער פאַרלאָזט פּוילן און באַזעצט זיך אין לאָנדאָן, און ווערט אַן אייפריקער ציוניסט, ניט נאָר מיט וואָרט און שריפט, נאָר אויך מיט מעשים. זינט דער באַלפור־דעקלאַראַציע איז ער געוואָרן צוזאַמען מיט דר. חיים וויייצמאַן דער פירער פון דער ציוניסטישער פּאָליטיק און פאָר־זיצנדער פון דער עקזעקוטיווע. אַלס איינער פון די הויפּט שלוחים פון דעם קרן היסוד מאַכט ער אָפט רייזעס קיין אַמעריקע, דרום אפריקע, דייטשלאַנד און אַנדערע לענדער.

סאָקאָלאָוו דער איש הרוח און איש המעשה, איז לעצטנס אַנדערקענט געוואָרן אלס דער פּאַסנדסטער פירער פון דער ציוניסטישער באַוועגונג, און איז אויסדערווײלט געוואָרן אַלס פּרעזידענט פון דער ציוניסטישער אָרגאַניזאַציע.

פון זיין ליטעראַרישער טעטיקייט איז ווערט צו פאַרצייכענען די צייט ווען ער איז געווען רעדאַקטאָר פון „הצפירה". ווער פון אונז, פונם עלטערן דור, געדענקט ניט דעם איינפלוס וואָס ער האָט געהאַט

אויף די לייענער; מיט וואָס פאַר אַן אומגעדולד פלעגט מען אָפּוואַרטן דעם פריטיק ווען עס פלעגט דערשיינען זיין פעליעטאָן „משבת לשבת". חוץ העברעאיש האָט סאָקאָלאָוו אויך געשריבן אידיש און פאַרעפנטלעכט אַרטיקלען אין פרצ׳ס „יודישע ביבליאָטעק" און אַנדערע אידישע אויס־גאַבעס.

סאָקאָלאָווס נאָמען איז געערט ניט נאָר ביי ציוניסטן נאָר ביים גאַנצן כלל ישראל וועמעס וואונטש איז אז ער זאָל נאָך פיל יאָרן זיין דער פי־רער פון אונזער נאַציאָנאַלער אויפלעבונג אין ארץ אבות. און ווען ס׳וועט קומען זיין צייט וועט זיין נאָמען אין דער ארץ ישראל׳דיקער היסטאָריע פאַראייביקט ווערן צוזאַמען מיט די פון אנדערע גרויסע גייסטער און קעמפער פאַר אונזער נאַציאָנאַלער היים.

ה. תר"כ — 1860 — דער געבורט פון ר׳ שמעון בערנפעלד.

שמעון בערנפעלד איז איינער פון די „מצוינים" אין אונזער צייט. ער איז ניט קיין סתם אַ ליטעראַט, וועלכער איז אַ מומחא אויף איין גע־ביט. בערנפעלד איז אַ לעבעדיקע ענציקלאָפּעדיע, ער איז דער שרייבער פון אַלעם און איבער אַלעם; שמעון בערנפעלד איז א חוקר, אַ היסטאָרי־קער, אַ קריטיקער, א בעלעטריסט און א הומאָריסט. זיין פעדער האָט ער ניט ארויסגעלאָזט פון זיין האַנט צענדליקער און צענדליקער יאָרן. ער שרייבט מיט איר אויך איצט כאָטש זיינע אויגן זיינען שוין גאָר שוואַך געוואָרן. צוזאמענגעמען אלץ וואָס בערנפעלד האָט געשריבן קאָן מען שאַפן אַ רייכע ביבליאָטעק.

שמעון בערנפעלד איז געבוירן געוואָרן אין סטאַניסלאַוו, אין גאַליציע, אין יאָר תר"כ, 1860. ס׳איז ניט ווייניק אינטערעסאַנט צו באַקענען זיך מיט דער פאמיליע בערנפעלד, און מיט אַלעם וואָס ס׳איז פאָרגעקומען מיט דער זעלבער אינם משך פון בערנפעלדס יוגנט, ווי ער באַשרייבט עס אין זיינע „זכרונות".

אינם יאָר תרל"ב, 1872, ווען ער איז אַלט געווען צוועלף יאָר, האָט זיך זיין פאַמיליע באַזעצט אין לבוב (לעמבערג). א נייע ערד און א נייער הימל איז פאַר אים אַנטפּלעקט געוואָרן, די שטאָט סטאַניסלאַוו איז געווען אין דער צייט פון זיין געבוירן, א גאַנץ קליינע און דער רוב איינוואוינער זיינען געווען אידן. כמעט איין גוי איז ניט געווען צו זען אין שטאָט, אַלע

גוים האָבן געוואוינט אויסער דער שטאָט. דאַקעגן אָבער לעמבערג איז נאָך אין דער צייט פון זיין יוגנט געווען א גרויסע אידישע שטאָט מיט דרייסיק טויזנט אידישע איינוואוינער. איידער די פאמיליע בערנפעלד איז אַהין געקומען האָבן נאָך עקזיסטירט אויסנאַם-געזעצן קעגן אידן. זיי זיינען אָבער אָפּגעשאפט געוואָרן א קורצע צייט פאר איר אָנקומען. דער רוב אידן אין לעמבערג זיינען צו יענער צייט געווען אָרטאָדאָקסן, ס׳האָבן זיך אָבער שוין געפונען אויך פרייגעזאָנענע משכילים וואָס — ווען ניט בפרהסיה — האָבן זיך בצנעא דערלויבט עובר זיין אויף מערערע געבאָטן. ווענן אַזעלכע טיפּן משכילים דערציילט בערנפעלד: „איך האָב געקענט איינעם אַ משכיל, א גרויסן למדן, אויף וועלכן מען האָט געזאָגט, אז ער איז געווען נחמן קראָכמאַלס א תלמיד. ער איז געווען א גרויסער עשיר און געוואוינט אויסער דער שטאָט. פלעגט כסדר זיצן און לערנען. שבת פלעגט ער, רויכערנדיק אַ פּאַפּיראָס, מעין זיין אין פוסקים צי מע מעג טראָגן א זאָנענשירם אים שבת צי ניין...

אין פסח פלעגט ער עסן חמץ, און ביים עסן מישן פוסקים צו געפינען אַ היתר אויף צו מעגן עסן קטנאת אין פסח”.

די שנאה צווישן די אָרטאָדאָקסן און משכילים איז ניט געווען קיין פארביסענע. איינער דעם צווייטן פלעגט אָפּקומען מיט אַ שאַרפער הלצה. חסידים האָבן זיך אין לעמבערג גאַנץ ווייניק געפונען. איין „שטיבל” איז נאָר געווען, וואָס מע פלעגט רופן טומטומדיקע חסידים, וואָס האָבן ניט אָנגעקערט צו קיין שום רבי. „צו יענער צייט — שרייבט בערנפעלד אין זיינע זכרונות — איז אין לעמבערג געווען רב דער באוואוסטער גאון ר׳ יוסף שאול נאטענזאָן. א גרויסע פערזענלעכקייט. אויסער זיין למדנות איז ער געווען א גביר בן גביר און א גאון בן גאון. ווען מע האָט ר׳ יוסף שאול׳ן אויפגענומען פאר א רב אין לעמבערג, האָט זיין פאָטער אַ זאָג געטאָן: „איך פארשטיי ניט וואָס מיין זון האָט אויף זיך געדאַרפט נעמען די טרחה צו ווערן רב”. קיין רבנות-געהאַלט האָט ער ניט פארלאַנגט און ניט גענומען. פון דער נאַטור איז ער געווען א גרויסער עניו און אַ נוח לבריות. זיינע ידיעות אין תלמוד און פוסקים זיינען געווען אומבאַגרענעצטע. ער האָט אָבער אויך כמעט אַלע ספרי השכלה געלייענט, און ווען ער האָט געפונען — נאָך זיין אָנשויאונג — אפיקורסישע אויסדריקן אין אַזעלכע ספרים ווי פון שלמה יהודה ראַפּאַפּאָרט, שמואל

דוד לוצאטו, פלעגט ער נאָר זיי אָפּוועגדן, און ניט קנאה׳דיק אויף זיי אָנ־פאַלן. ער פלעגט צו אנדערע קנאים וועלכע פלעגן אים פאַרוואַרפן הלמאי ער גייט צו צו זיי — ווי מע זאָגט — מיט זיידענע הענטשקעס, ענטפערן: „יעדער האָט דאָס רעכט צו האָבן זיין מיינונג. נאָר איך האָב נאָר דאָס רעכט אָפּצוואוועגדן, אָבער ניט אָנצופאַלן אויף אים". זאָלן עס אונזערע קנאים אין אַכט נעמען...

איך האָב אין דער כראָנאָלאָגיע פון ר׳ שמעון בערנפעלד פאַרציי־כנט אויך ר׳ יוסף שאול נאַטענזאָן און אים כאַראַקטעריזירט, כדי צו באַקענען די לייענער אין וועלכער עפּאָכע ר׳ שמעון בערנפעלד האָט גע־לעבט. אין עפּאָכע פון גאַליציאַנער מתנגדים, וועלכע האָבן געהאַט א וויר־קונג אויף אים צו פאַראַכטן דאָס חסידות אויף אן עקסטרעמען אופן. און אַט ווי ער דריקט זיך אויס אין זיינע זכרונות: „זאָל מען זאָגן וואָס מען וויל, פאַר מיר איז קלאָר אז דאָס חסידות האָט געבראַכט אַ רעאַקציע (?). מע דערציילט אונז פון זייערע תורות, אָבער פאַר מיר איז עס אַ פּלאַפּ־לעריי, שיחות בטלות. אָבער די שרייבער, וועלכע גלויבן צו אַנטפּלעקן דאָס שיינקייט אין חסידות, פעלשן די היסטאָריע". זעלבסטפאַרשטענ־דלעך, אז ניט יעדער קאָן מסכים זיין מיט זיין אויספיר. ער דערציילט אונז פון פאַרדאָרבענע חסידים פון וועלכע זיין פאָטער האָט שרעקלעך געליטן, און אויך דאָס האָט אים געבראַכט צו פאַרהאַסן דאָס חסידות.

איך וועל מיך צוריקקערן צו דער ביאָגראַפיע פון ר׳ שמעון בערנפעלד.

אינם יאָר תרל״ב, איז ער געוואָרן א חבר מיט אַ רייכן מאַנס א בחור׳ל פון 15 יאָר, און ביידע האָבן געלערנט ביי שמעון בערנפעלדס פאָטער צוויי שעה אין טאָג תנ״ך און גמרא; אלגעמיינע למודים ביי אַ לערער וואָס דעם חברס פאָטער האָט געהאַלטן פאַר זיי. דער לערער איז געוועזן אַ אידישער סטודענט פון יורים־פּרודענץ. בערנפעלד האָט גע־מאַכט גרויסע פאָרשריט חוץ אין אידישע למודים אויך אין מאַטעמאַטיק און געאָמעטריע. זיין פאָטער, דער משכיל, האָט אים אויך מדריך געוועזן אינם וועג פון דער העברעאישער חקירה־ליטעראַטור, געלערנט מיט אים דעם „כוזרי" און נאָך אַנדערע חקירה־ספרים. פון די דאָזיקע ווערק איז ער מיט אים אריינגעגאַנגען אין „היכל השירה", און אים באַקאַנט גע־מאַכט מיט דעם שירה־אוצר, פונם משורר ר׳ יהודה הלוי. „די פילאָזאָ־פישע השקפה פון דעם משורר — שרייבט ער — האָט אויף מיר גע־

מאַכט אַ גרויסן איינדרוק מיט זיין היסטאָריש־נאַציאָנאַלן בליק איבער אַלע היסטאָרישע געשעענישן, און די טיפע טראַגעדיע פונם אידישן פאָלק, וואָס האָט ניט איר גלייכן אין דער וועלט״. פון אַלע למודים איבער יהדות האָט זיין פאָטער פאָרצוג געגעבן די אידישע היסטאָריע, ניט אַלס פאַרגעקומענע אין איר געשעענישן, נאָר אַלס די געטלעכע השגחה, וועל־כע ס׳איז צו מערקן אין איר. „איין פרט — שרייבט בערנפעלד — ווען אויך ער איז אָן און פאַר זיך ניט פון גרויסער וויכטיקייט, קען מען דאָך פון אים זיך שאַפן אַ באַגריף פון מיין פאָטערס היסטאָרישן בליק. „איך האָב אין אַ היסטאָריע־בוך ערגעץ וואו געלייענט, אַז דער קייזער רודאָלף האָט אַרעסטירט דעם רב ר׳ מאיר פון רוטענבערג, און אים פאַרשפּאַרט אין פעסטונג אַנזיסהיים, כדי נאָכדעם אויסצופּרעסן ביי די אידן אַ גרויסע סומע אויסלייז־געלט. דער רב האָט אָבער שטרענג פאַרזאָגט ניט אויס־צולייזן אים, כדי דער הערשער זאָל זיך אָפּטער ניט באַנוצן מיט אַזאַ מיטל אויף אויסצופּרעסן געלט. דער רב איז נפטר געוואָרן אין דער תפיסה און פיל יאָרן ניט געקומען צו קבורה, ביז אַ רייכער איד האָט דעם טויטן רב אויסגעלייזט.*) איך — שרייבט בערנפעלד — בין נאָך דאַן ניט געווען באַקאַנט מיט דער וועלט־כראָנאָלאָגיע, און האָב אַ פרעג געטאָן דעם פאָטער: ווער איז געווען אָט דער גרויזאַמער רודאָלף? און מיין פאָטער האָט מיר געענטפערט: „דער איז רודאָלף פון האַבסבורג, דער וואָס האָט אַריינגעפירט די האַבסבורגער דינאַסטיע. און געדענק מיין זון — האָט מיין פאָטער צו מיר אַ זאָג געטאָן — אויף דער גאַנצער האַבסבורגער דינאַסטיע וועט וואַקסן גראָז... אָבער דאָס ליכט פון ר׳ מאיר רוטענבערגס תורה וועט לייכטן אויף אייביק״. און מיין פאָטערס נבואה איז מקוים געוואָרן...״

שמעון בערנפעלד האָט אין דער עלטער פון דרייצן יאָר שוין אָנ־געשריבן אין העברעאיש אַ דערציילונג. צו פופצן יאָר האָט ער איבער־זעצט אַ ראָמאַן פון דייטש אויף העברעאיש. אין יאָר 1878 האָט ער אָנ־געשריבן אַ דערציילונג אין דער דייטשער שפּראַך וועגן דער משיחיים באַוועגונג אין זייער ערשטער עפּאָכע. אין 1879 האָט ער אָנגעשריבן זיין ספר „לתורה ולתעודה״. און פון יענעם יאָר און ווייטער האָט בערנ־פעלד ניט אַרויסגעלאָזט זיין פעדער פון דער האַנט.

*) זע „האַנט־בוך״ ערשטע טייל, זייטן 121—122.

ווי איך האָב שוין אויבן דערמאנט קען מען פון אלעם פון אים געשאפענעם א רייכע ביבליאָטעק זיך פארשאַפן. מע וועט ניט געפונען כמעט איין זשורנאל און זאמלבוך, איין יאָרבוך, אין וועלכן בערנפעלד האָט קיין אָנטייל ניט גענומען. בערנפעלד איז איצט אַלט 73 יאָר. זיינע אויגן זיינען אים טונקל געוואָרן, אָבער ניט זיין שכל. זאָל ער האָבן אריכות ימים.

ה. תר"כ — 1860 — דער געבורט פון בנימין זאב בר' יעקב הערצל.

דר. טעאָדאָר הערצל

די פערזענלעכקייט פון דעם גרויסן גייסט, פון דעם פאָלקס-פירער און שאַפער פונם פּאָליטישן ציוניזם איז געווים באַקאַנט יעדן אידן צו וועלכער ריכטונג ער זאָל ניט געהערן. איך קאָן מיך אָבער דאָך ניט אָפּ-האַלטן צו ברענגען א כאַראַקטעריסטיק פון דעם גרויסן איד וואָס האָט ביים לעבן געהייסן טעאָדאָר הערצל.

מיר האָבן צו יעדער צייט פאַרמאָגט גדולים, תנאים, אמוראים, סבוראים און גאונים וועלכע האָבן געשאַפן פארן פאָלק גייסטיקע אוצרות. אָבער אַזאַ גרויסער גייסט ווי הערצל האָט זיך אונטערשיידט פון די אַלע איבעריקע פערזענלעכקייטן מיט איין אייגנשאַפט, וואָס איז נאָך ביז איצט ניט קלאָר געוואָרן פארן אידישן פאָלק. מיר האָבן געהאַט דיכ-טער ווי ר' יהודה הלוי, בן גבירול, אברהם אבן עזרא און פיל אַנדערע; מיר האָבן פאַרמאָגט אזעלכע פערזענלעכקייטן, ווי אברבנאל, ר' שמואל הנגיד און נאָך אַנדערע, וועלכע האָבן פארשאַפט כבוד דעם אידישן פאָלק; עס זיינען געווען ביי אונז שטאַטס-מענער ווי לוצאַטי, קרעמיע, דיזרא-עלי, וועלכע האָבן זיך בארימט געמאַכט. זיי אַלע האָבן מיט רום פאַר-אייביקט זייער אַנדענק אין דער היסטאָריע; דאָס אידישע פאָלק אָבער, דערמאָנט זיי גאַנץ זעלטן. הערצל, דאַקעגן, איז טיף איינגעקריצט אין הארצן פון פאָלק, וואָס קאָן אים קיינמאָל ניט פארגעסן. ער האָט פאַר-מאָגט די זעלבע מעלות און אייגנשאַפטן פון די אַלע אויבן אויסגערעכנטע פערזענלעכקייטן, און דאָך האָט ער זיי איבערשטיגן. ער האָט פארמאָגט עפּעס וואָס איז שווער צו דערקלערן ביז איצט. און דער דאָזיקער עפּעס האָט געווירקט ווי אַ וואונדער אויף די אידישע מאַסן; און ניט נאָר פאר די ברייטע פאָלקס-שיכטן איז הערצל געווען ווי אַ מאַגנעט וואָס האָט צוגעצויגן און היפּנאָטיזירט, נאָר אויך פאַר זיינע מיטאַרבעטער אין דער

באוועגונג און אפילו פאר די שטאטסלייט מיט וועלכע ער איז געקומען אין באציאונג.

זיין נאענטסטער מיטארבעטער און פריינט, דר. מאקס נארדוי, האט אזוי געשריבן וועגן אים:

„ער איז געווען איינציק, נים אזוי דורך יעדער איינצלנער פון זיינע מעלות, ווי דורך זייער וואונדערלעכער פאראייניקונג אין איין פערזאן.

ער איז געווען א שרייבער פון זייער א גרויסן טאלאנט, און ווען ער זאל זיך קענען קאנצענטרירן, ווען ער זאל זיך אפגעבן אינגאנצן זיין קונסט וואלט ער זיכער פארנומען אן אנגעזעענעם ארט אין דער דייטשער ליטעראטור.

ער איז געווען א טאלאנטפולער רעדנער: רואיק, געניט אין דער שפראך, פשוט, תמיד מיט א מאס און מיט א טעם. די פארם איז געווען עלעגאנט און פאלקאם, אפילו ביי אן אימפראוויזאציע. קיינמאל האט ער נים פארלארן די קלארקייט און זעלבסט באהערשונג. דורך דעם אליין איז ער געווען דער האר איבער די אויפגערעגטסטע פארזאמלונגען און ליי־דנשאפטלעכע דיסקוסיעס.

ער האט פארמאגט א פרוכטבארע, שאפנדיקע פאנטאזיע, וואס איז געווען פעאיק צו געפינען א לייזונג פאר יעדער פראבלעם און וועבן א כשוף־געוועב פון זעלטן שיינע בילדער. אבער זיין פאעטישע פאנטאזיע האט זיך דאך נים אויפגעהויבן איבער דער פאנטאזיע פון דזשארדזש עליאט, און פילע לייענען מער גערן „דניאל דעראנדא” ווי זיין „אלט־ניילאנד”.

ער האט פארמאגט א טיפן פראקטישן פארשטאנד, און האט דאס דערוויזן, שאפנדיק די ארגאניזאציע פון דער ציוניסטישער באוועגונג, דעם קאנגרעס, דעם אידישן נאציאנאל־פאנד. אויף דעם געביט קענען זיך מיט אים פארגלייכן די גרויסע אידישע פינאנסיסטן, אנפירער פון פאך־אונטערנעמונגען, סוחרים און דירעקטארן.

ער איז אויך געווען באשאנקען מיט יענע צופעליקע אויסערלעכע מעלות וואס שפילן אזא גרויסע ראלע אין די באציאונגען צווישן מענטשן. ער איז געווען שיין, גרויס און גוט געבויט, ער האט געהאט אן איי־דעלן דענקער־שטערן, שווארצע הערשער־אויגן, א שמייכל, וואס פאר־כישופט, א ווארעם, שטארק, ווייט קלינגענדיק קול. ער איז געבוירן גע־

וואָרן און אויסגעוואַקסן אין וואוילטאָג, זיין נאַטירלעכער שטאָלץ האָט ניט געוואוסט פון די פּוס־טריט פון אָרעמקייט. און זיינע אויגן האָבן גע־האַט די געוואוינהייט צו קוקן גלייך און פול אין די אויגן פון דעם מיט וועמען ער האָט גערעדט, מעג ער זיין אַ קייזער, אַ קעניג, אָדער דער פּויבסט. די מאַטעריעלע אומאָפּהענגיקייט האָט געשטאַרקט זיין רוקן, און זיין רוקן האָט ניט געוואוסט פון קיין קנעכטיש בויגן זיך".

אַזאַ איז געווען הערצל, דער גרויסער איד, וואָס האָט געוואָלט שאַפן אַן עפנטלעך און רעכטלעך געזיכערטע היים פאַר דעם אידישן פאָלק אין דעם לאַנד פון אונזערע אבות.

איך ברענג דאָ ווייטער אין קורצן ביאָגראַפישע נאָטיצן וועגן הער־צלס לעבן און טעטיקייט.

טעאָדאָר הערצל איז געבוירן געוואָרן אין בודאַפּעשט דעם 2־טן מאַי פון 1860 און געשטאָרבן דעם 3־טן יולי (כ' תמוז) פון 1904. אין אַ גאָר יונגער עלטער האָט ער אָנגעהויבן צו לערנען רעכט־וויסנשאַפט און באַקומען דעם טיטול דאָקטאָר אין יוריספּרודענץ. ער האָט זיך אָבער כמעט אויסשליסלעך אָפּגעגעבן מיט זשורנאַליסטישער און ליטעראַרישער אַרבעט. אין דער ערשטער צייט פון זיין טעטיקייט האָט ער ניט אַרויס־געוויזן קיין שום אָנגעהעריקייט צום אידישן פאָלק. ער איז געווען קאָרעס־פּאָנדענט פון דער „נייער פרייער פּרעסע" אין פּאַריז, געווען אויך אין לאָנדאָן און קאָנסטאַנטינאָפּאָל, און שפּעטער איז ער געוואָרן דער ליטע־ראַרישער רעדאַקטאָר פון דער דערמאַנטער צייטונג, אַ פּאָסטן, וואָס ער האָט פאַרנומען ביז זיין טויט. הערצל האָט אויך געשריבן פאַרן טעאַטער, און זיינע דראַמאַטישע ווערק האָבן געהאַט גרויס דערפאָלג אויף דער ווינער בינע.

ביז היינט צו טאָג איז פאַרבליבן אַ סוד די סיבה וואָס האָט געפירט הערצלען צו שרייבן און פאַרעפנטלעכן זיין ווערק „יודענשטאַט". מעגלעך, אַז דער דרייפוס־פּראָצעס וואָס איז פאָרגעקומען אין דעם יאָר (1895) ווען הערצל האָט זיך געפונען אין פּאַריז, זאָל אים האָבן באַוואויגן צו פאַראינטערעסירן זיך מיטן אידישן פאָלק און אָנשרייבן דאָס ווערק. פון דאַן אָן האָט זיך הערצל איבערגעגעבן מיטן גאַנצן ברען פון זיין נשמה, מיט זיין גאַנצער אויסערגעוויינלעכער ענערגיע צו דער אַרבעט לטובת דעם פאָלק פון וועלכן ער איז געווען אין די ערשטע יאָרן דערווייטערט.

ער האָט פון דאַן אָן אָנגעהויבן צו פירן אַן אָנגעשטרענגטע טעטיקייט און געאַרבעט בוכשטעבלעך טאָג ווי נאַכט, לטובת דער באַוועגונג, וואָס האָט זיך גאָר גיך צעשפּרייט צווישן דעם אידישן פאָלק און זיינע אָנהענגער האָבן געוואַקסן אין צאָל פון טאָג צו טאָג.

אין יאָר 1897, און אויף זיין אייגענעם חשבון, גרינדעט ער „די וועלט" אין ווין. דאַן האָט ער אויך געפּלאַנט צונויפצורופן דעם ערשטן ציוניסטישן קאָנגרעס, וועלכן ער האָט טאַקע פאַררופן אין באַזעל אין זעלבן יאָר. ער ווערט אויסגעוויילט אַלס פּרעזידענט פון קאָנגרעס און האַלט געשפּאַנט און ציט צו צו זיך ווי אַ מאַגנעט אַלע דעלעגאַטן בשעת די זיצונגען פון דער דאָזיקער גרויסער און היסטאָרישער פאַרזאַמלונג. אין 1898 הויבן זיך אָן זיינע דיפּלאָמאַטישע אונטערהאַנדלונגען מיט שטאַטס לייט און אויך מיט דעם דייטשן קייזער. ער וויל זיי פאַראינטערעסירן מיט דעם גורל פון אידישן פאָלק. הערצל איז אָנוועזנד אויף דער פרידנס-קאָנפערענץ אין האַאַג און דאָרט ווערט ער אויפגענומען פון כמעט אַלע שטאַטס-לייט וואָס זיינען געקומען צו דער קאָנפערענץ. אין 1901 ווערט ער אויפגענומען פונם טערקישן סולטאַן וועלכער האָט אים גערופן צו זיך צו האָבן אַן אונטעררייד וועגן דער ציוניסטישער באַוועגונג וואָס הערצל פירט אָן. אין די יאָרן 1902—03 פאָרט ער קיין ענגלאַנד און קומט אין באַרירונג מיט מיטגלידער פון דער ענגלישער רעגירונג, צווישן זיי דזשאָזעף טשעמבערליין, קאָלאָניע-מיניסטער, און דורך וועלכן ער האָט פאַרהאַנדלט מיט דער עגיפּטישער רעגירונג צו באַקומען אַ טשאַרטער צו באַזעצן אידן אין אל אריש, אין האַלב אינזל סיני, נאָענט פון דרום פאַלעסטינע. די פאַרהאַנדלונגען האָבן געהאַט אַ דורכפאַל; אין אויגוסט 1903 באַקומט ער אַן אָנבאָט פון דער ענגלישער רעגירונג צו דערמעגלעכן א גרויסע באַזעצונג פון אידן, מיט אַן אויטאָנאָמע רעגירונג אין מזרח אַפריקע. דעם דאָזיקן אָנבאָט ברענגט ער פאַר פאַר דעם 6-טן ציוניסטישן קאָנגרעס און ישראל זאַנגוויל, דער שפּעטערדיקער טעריטאָריאַליסט, שטיצט אים.

הערצל פאָרט קיין רוסלאַנד, וואו די אידישע לאַגע איז דאַן (1903) געווען זייער אַ טרויעריקע; ער זעט זיך מיט וויטען און פאָן פלעווע, דער אינערן מיניסטער, און פאָדערט פון זיי א פאַרבעסערונג פאַר דער אידישער באַפעלקערונג.

ווי עס איז צו זען פון די דאָזיקע אין קורצן געבראַכטע ביאָגראַפּישע דאַטן, איז הערצלס קורץ לעבן (ער איז געשטאָרבן אין דער עלטער פון 44 יאָר) געווען א לעבן פול מיט אָנגעשטרענגטע און ענערגישע אַרבעט לטובת דעם אידישן פאָלק; הערצל האָט ניט דורכגעלאָזט קיין איין מינוט פון זיין לעבן ניט אַרבעטנדיק פאר דער נאַציאָנאַלער אויסלייזונג און אויפבוי פון א נאַציאָנאַלער היים אין פּאַלעסטינע. און ווייל דאָס אידישע פאָלק האָט אין אים געזען א פירער און גואל, וועט זיין אָנדענק ניט פאַר־געסן ווערן. די גייסטיקע ירושה וואָס ער האָט איבערגעלאָזן ווערט היילינ אָפּגעהיט פון יעדן נאַציאָנאַל געזאָנענעם איד, וואָס ארבעט פאר דער פאַר־ווירקלעכונג פון דעם ציוניסטישן אידעאַל.

חוץ זיין בוך „דער יודענשטאַט" האָט הערצל אויך אָנגעשריבן נאָך צוויי ווערק: „דאָס נייע געטאָ" און „אַלט-ניילאַנד". יעדער באַוואוסטזיני־קער איד וואָס וויל זיך באַקענען מיט הערצלען און מיטן ציוניזם מוז לייענען די דאָזיקע ווערק.

די חיבת ציון*)

(ה. תרמ״ב — 1882)

דער פופציק־יעריקער יובילעאום פון די חיבת ציון וואס איז געפייערט געווארן דאס פארגאנגענע יאר, פאלט צוזאמען אויך מיט מיין פופציק־יאריקן יובילעאום פון מיין ערשטע ציוניסטישע טעטיקייט, וואס האט זיך אנגעהויבן מיט דעם אנטייל אין דער חיבת ציון באוועגונג. איך בין דאן אלט געווען פינף און צוואנציק יאר און בין געשיקט געווארן אלס דעלעגאט פון אונזער געגנט צו דער גרינדונגס־פארזאמלונג וואס איז פארגעקומען אין אדעס.

אויף דעם דאזיקן צוזאמענפאר זיינען באהאנדלט און אנגענומען געווארן די גרונד־פרינציפן פון דער באוועגונג, וואס קענען רעזומירט ווערן ווי פאלגט:

פארשפרייטן דעם נאציאנאלן געדאנק צווישן דעם אידישן פאלק;

אנפירן א קאלאניזאציאנס־טעטיקייט אין פאלעסטינא און די שכנות־דיקע לענדער, און העלפן די שוין געגרינדעטע קאלאניעס;

פארשפרייטן די העברעאישע שפראך אלס לעבעדיקע שפראך;

פארבעסערן די מאראלע, גייסטיקע און מאטעריעלע לאגע פון אידישן פאלק;

די מיטגלידער פון דער חברה פארפליכטן זיך אפצוהיטן די געזעצן פון די לענדער אין וועלכע זיי לעבן און אלס גוטע בירגער וועלן זיי ארבעטן פאר דעם וואוילזיין פון לאנד מיט אלע מיטלען וואס זיינען אין זייער מעגלעכקייט.

נישט נאר אין רוסלאנד האבן זיך געגרינדעט קאלאניזאציאנס־געזעלשאפטן, נאר אויך אין דייטשלאנד, פראנקרייך, ענגלאנד און אמעריקא.

*) זע פארווארט, זייט 4.

אין רוסלאַנד איז די חברה „חובבי ציון" אָנגעפירט געוואָרן פון ש. פ. ראַבינאָוויטש, פינסקער, ה. שאַפּיראָ, ליליענבלום, מאַקס מאַנדעלשטאַם און קלונימוס וויסאצקי.

דער פאָרזיצענדער פון דעם צוזאַמענפאָר איז געווען — ווי מיר געדענקט זיך — ד"ר לעאָן פינסקער, דער מחבר פונם „אויטאָעמאַנציפּאַציאָן". אין מיין זכרון האָבן זיך אָפּגעפרעסט איינציקע שטעלן פון פינסקער'ס דערעפנונגס-רעדע, און איך געפין פאַר נויטיק, צוליב דעם היסטאָרישן אינטערעס וואָס זיי האָבן, ברענגען זיי דאָ פאַר דעם לייענער.

נאָכדעם ווי פינסקער האָט זיך פאַררופן אויף דער ערנסטקייט פונם מאָמענט אין וועלכן די פאַרזאַמלונג קומט פאָר, און אויך וועגן די פאָרזיכטיקייט מיט וועלכער מען דאַרף האַנדלען, איז ער איבערגעגאַנגען צו שילדערן פאַר אונז, דעלעגאַטן, די לאַגע פון די רוסישע אידן:

„זאָל מיר דערלויבט זיין, הערן דעלעגאַטן, צו שילדערן פאַר אייך דעם גורל פון אונזערע ברידער, אָט פון די אומגליקלעכע וועלכע געפינען זיך איצט „בין הפטיש והסדן"... אין לאַנד וואוינען איצט קרוב פיר און אַ האַלב מיליאָן אידן, און יעדער איינער וואָס האָט נאָר די ווערט זיך אָנצורופן מיטן נאָמען „איד", דאַרף און מוז זיך אינטערעסירן מיט דעם גורל פון די אומגליקלעכע אידן אין רוסלאַנד. גאַנצענע אוצרות פון גייסטיקע כחות געפינען זיך ביי די דאָזיקע 4 און אַ האַלב מיליאָן אידן; אָבער די רוסישע רעגירונג וויל זיך מיט די אוצרות ניט רעכענען. זי באַגרעניצט ביז גאָר דאָס וואוינאָרט פאַר זיי, גיט זיי נישט די מעגלעכקייט זיך צו אַנטוויקלען כדי צו ברענגען נוצן מער דעם לאַנד ווי זיך אַליין..."

„וואָס פאַר אַ ווערט האָבן די גאָלד-גרובן אין וועלכע טויזנטער מענטשן אַרבעטן, אַקעגן דאָס רייכטום, וואָס אידן וואָלטן געקענט אַריינברענגען אין לאַנד מיט זייערע טאַלאַנטן און פעאיקייטן. ווי גרויס וואָלט דורך זיי זיך אַנטוויקלט די אינדוסטריע און אַגריקולטור. די רעגירונג אָבער וויל דאָס נישט איינזען; זי באַשרענקט אַלץ מער די עקזיסטענץ-מעגלעכקייטן פון די דאָזיקע אידן און פרעסט זיי אַלץ ענגער צוזאַמען אין די געטאָס."

„עס נעמט אָן אַ גרויל און אַ אומבאַשרייבלעכן שרעק צוזעענדיק דאָס אָרעמקייט וואָס הערשט אין דער געטאָ וואו ס'זיינען צוזאַמענגעדריקט, ווי הערינג אין אַ פאַס, טויזנטער און צענ-טויזנטער אידן."

„...און ווייל קיין אויסזיכט איז ניטאָ אַז די לאַגע בּנוגע אידן זאָל זיך בּעסערן, איז אַרויפגעשוואומען דער געדאַנק צו פאַרמינערן די צאָל אידן אין דער געטאָ, דורך אַ עמיגראַציע, און דערמיט וועט אפשר אויך געמינערט ווערן דער האַס קעגן זיי פון די וועלכע האַלטן עס פאַר אַ מיטל וועגן זייערע צוועקן...״

„דעם זעקסטן נאָוועמבּער האָבּן זיך פאַרזאַמלט אין קאַטאָוויץ די וועלכע דער גורל פון זייערע בּרידער האָט זיי אָנגערירט בּיז אין דער טיפעניש פון דער נשמה, צו בּאַראַטן זיך וועגן דער אידעע פון עמיגראַציע און צו בּאַשעפטיקן די אויסגעוואַנדערטע בּיי ערד־אַרבּעט. און איך גלויבּ אַז דעם פלאַן מוזן מיר אנערקענען אַלס דעם איינציקן אויסוועג צו פאַרבּעסערן די לאַגע פון אונזערע בּרידער.״

„וואָס אנבּאַלאַנגט דאָס לאַנד וואו דער ישוב זאָל געשאַפן ווערן, קאָן גאָר קיין שום ספק ניט זיין אַז דאָס אויסדערוויילטע פאָלק דאַרף זיין אינם „אויסדערוויילטן לאַנד״. מיר דאַרפן אין אַכט נעמען אויך דאָס, אַז ניט נאָר די ערד־אַרבּעט אַליין דאַרף זיין דער איינציקער צוועק און דער איינציקער ציל פאַר די אויסוואַנדערער. ס׳איז נויטיק צו געפינען פאַר זיי אַן אָרט, וואו זיי זאָלן קאָנען פון זיך אַראָפוואַרפן די קייטן וועלכע האָבּן איינגעשלאָסן זייער קערפּער צוזאַמען מיט זייער נשמה, זיי זאָלן קאָנען פריי אַטעמען און לעבּן אַ פריי לעבּן, אַ לעבּן פון פרייע בּירגער מיט די אייגענע רעכטן פון אַלע אַנדערע בּירגער. דאָס לאַנד, אין וועלכן זיי וועלן זיך בּאַזעצן זאָל זיי גאַראַנטירן צו בּאַקומען אַזאַ פרייהייט. מיר קאָנען אָבּער בּשום אופן ניט זיין זיכער אַז אין איינעם פון די אייראָפּעאישע, אָדער אַמעריקאַנישע לענדער מיט זייער הויכער ציוויליזאַציע און מיט זייערע פאַרשפּרעכן פאַר דער פרייהייט אַפילו, זאָלן די איינוואַנדערער זיין גאַראַנטירט אויף שטענדיק צו זיין זיכער. אונז איז שוין גענוג בּאַקאַנט דער „חסד לאומים...״

„און דאָס אויסדערוויילטע לאַנד, וועלכעס געפינט זיך אונטער דער ממשלה פון אַ רעגירונג ניט גאָר אַזוי אַ ציוויליזירטע, אַ לאַנד אין וועלכעם דער פּראָגרעס האָט ניט אַזוי טיף אַריינגעדרינגען און ניט אַזוי ווייט זיך אויסגעשפּרייט, גראַדע דאָרט קענען די איינוואַנדערער זיך אַנטוויקלען סיי פיזיש און סיי גייסטיק. דאָס פאָלק וואָס האָט געשאַפן קולטור פאַר אַנדערע, ניט נאָר ווען ס׳איז אַ פריי פאָלק געווען, נאָר אויך ווען ס׳איז

שוין אַ אָפּהענגיקעס געווען, וועט זיך אויך דאָרט אַנטוויקלען און וועט דערמעגלעכן אַז אויך די וועלכע וועלן אים די פרייהייט געבן, און געבן וועלן זיי געווים, מען דאַרף נאָר וויסן אויף וואָס פאַר אַן אופן זיך משתדל צו זיין די פרייהייט דאָרט אויסצואווירקן... וועלן זיך אַנטוויקלען און צי־ווילייזירן. דאָס אַלעס איז באַשפּראָכן געוואָרן אין קאַטאָוויץ, און דאָס דאַרפן מיר אויך אָננעמען. איך שליס מיינע ווערטער, און איך שלאָג פאָר צו אַקצעפּטירן די באַשלוסן וועלכע זיינען אין קאַטאָוויץ אָנגענומען גע־וואָרן:

„1) ס'איז ווייט פון יעדן „חובב ציון", צו האָבן וועלכע ס'איז מחשבה זרה, אויף צו שאַפן אַ מאַסן־אימיגראַציע אין וועלכן ס'איז לאַנד, כדי צו שאַפן וועלכע ס'איז אידישע ממשלה...

„2) אונזער גאַנץ שטרעבן איז נאָר צו שאַפן פאַר די אומגליקלעכע ברידער אַ פאַרזיכערטע רו־אָרט אין דער אַטמאָספערע פון ארץ ישראל אויף וועלכן אונזער משורר האָט עס באַזינגען מיט „חיי נשמות אויר ארצך", צו די אידן וועלכע דער אומגליקלעכער גורל האָט זיי געצוואונגען פריוויליק אויסצואוואַנדערן פון דעם לאַנד וואָס האָט דעם גורל געשאַפן... און דאָרט זיך באַשעפטיקן מיט ערד־אַרבעט, און בלייבן געטריי צו דעם לאַנד און צו דער רעגירונג וועלכע האָט די טויערן פון דעם לאַנד פאַר זיי געעפנט.

„3) מיר וועלן קיין שום זאַך ניט טון בנוגע דער עמיגראַציע, ביז מיר וועלן ניט באַקומען אַ דערלויבעניש פון דער רעגירונג. דאָס זעלבע אויך בנוגע דער טערקישער רעגירונג; מיר וועלן זיך צופריער משתדל זיין צו באַקומען אַ דערלויבעניש."

„די זיינען די באַשלוסן וואָס זיינען אָנגענומען געוואָרן אין קאַטאָוויץ, און איך וויל גלויבן אַז אויך איר דעלעגאַטן וועט זיי אַקצעפּטירן."

די אַלע פונקטן זיינען פון אונז איינשטימיק אָנגענומען געוואָרן, און מיט הידד האָט זיך די אסיפה געשלאָסן.

נאָכן צוזאַמענפאָר בין איך צוריקגעקומען אַ היים און זיך באַלד אָפּ־געגעבן מיט דעם גאַנצן ענטוזיאַזם און יוגנטלעכן פייער לטובת דעם חיבת ציון אידעאַל. איך פלעג נישט דורכלאָזן קיין איין שבת און נישט האַלטן קיין דרשה אין שיל, לויטן נוסח און געשמאַק פון יענער צייט, מיט מאמרי חז"ל, מדרשים וכדומה.

אין בעסאַראַביע האָט זיך אָנגעהויבן אַן אַקטיווע פּראָפּאַגאַנדע פאַר די "חובבי ציון". נעבן אַזעלכע גרויסע רעדנער ווי מאַסליאַנסקי, יעווזעראָוו און כשדאי, האָב איך אויך צוגעטראָגן מיין קערנדל זאָמד פאַר דעם אויפבוי פון דער אידישער היים דורך דער גרינדונג פון קאָלאָניעס אין ארץ ישראל. די אָנגעפירטע פּראָפּאַגאַנדע אין בעסאַראַביע האָט גע־האַט אַ גרויסן דערפאָלג; בעסאַראַביער אידן זיינען געוואָרן חובבי ציון און האָבן אַן אַן ערך מיטגעשטייערט פאַר דעם נייעם ישוב. צווישן די גרינדער פון דער ערשטער אידישער קאָלאָניע אין ארץ ישראל „פּתח תּקוה", האָבן זיך אויך געפונען בעסאַראַביער אידן.

פון יענער ערשטער פאַרזאַמלונג פון די חובבי ציון — די אמת'ע פאָרגענגער פונם פּאָליטישן ציוניזם — זיינען פאַראיבער אַ סך יאָרן. דער אידישער ישוב אין ארץ ישראל וואָס האָט זיך אָנגעהויבן מיט געציילטע קאָלאָניסטן־אידעאַליסטן, האָט זיך וויים און ברייט צעשפּרייט איבערן אַלט־ניילאַנד; פאַר דעם דאָזיקן משך האָבן זיך געגרינדעט און אויפגע־בלים אַלץ נייע קאָלאָניעס און ישובים; און אויב ארץ ישראל איז נאָך ביז איצט ניט געוואָרן — צוליב פאַרשידענע סיבות וואָס ניט דאָ איז דער פּלאַץ צו דערמאָנען — דער פולסטער אויסדרוק פון יעדן אויפריכטיקן ציוניסט, ווערט אָבער מיין נשמה אָנגעפולט מיט פרייד צוזעענדיק די אָפּ־געטוענע אַרבעט, די פּרוכט וואָס עס גיבן ארוים יענע קערנדלעך וואָס די ערשטע חובבי ציון האָבן פאַרזעעט, און אויף מיין געדאַנק קומען אַרויף די ווערטער פון אונזער גרויסן גייסט, אונזער גרויסער פירער:

„אויב איר ווילט וועט עס ניט זיין קיין חלום". און קיין חלום איז עס שוין ניט...

מיט פאַרגעניגן פאַרצייכן איך דאָ דעם אנטייל וואָס מיין זון, יצחק רובין, האָט אין מיין „האַנט־בוך" מיט זיין ערנסט איבערגע־געבנקייט און זאָרגפעלטיקייט ביים רעדאגירן און קאָרעגירן די ערשטע און צווייטע טייל פון מיין חבור. זכרה לו אלה לטובה.

משה רובין.

אינהאַלט

	זייטן
פאָרוואָרט צו דער צווייטער טייל	3—4
ה. של"ט—1579. ר' יום טוב ליפּמאַן העלער, דער „תוספות יום טוב"	7—12
ה. שצ"ב—1639. דער מהרש"א (ר' שמואל אליעזר)	12—16
ה. ת"ן—1690. ר' יהונתן אייבשיץ און ר' ישראל יעקב עמדין	16—22
ה. תפ"ו—1726. יעקב פראַנק	22—30
ה. תצ"ב—1732. ר' יעקב קאָפּל טהעבן	30—37
ה. תקמ"ח—1788. ר' יצחק בער לעווינזאָן	37—39
ה. תקנ"ד—1794. אברהם דוב הכהן לעבענזאָן	40—44
ה. תקנ"ו—1796. ר' מרדכי אהרן גינצבורג	44—46
ה. תקנ"ו—1796. ד"ר צונץ	46—48
כראָנאָלאָגיע פון ה. תקנ"ט—1799 און ה. תק"ס—1800	48
די אידן אין דייטשלאַנד	48—53
די רעפאָרמאַציע־עפּאָכע	53—57
כראָנאָלאָגיע ה. תקס"א—1801	57
ר' זכריה פראַנקעל	57—59
כראָנאָלאָגיע ה. תקס"ב—1802	59—60
די אידן אין די סלאַווישע לענדער	60—62
כראָנאָלאָגיע פון התקס"ג—1803 ביז התקס"ו—1806	62—63
די סנהדרין אין פראַנקרייך	64—68
רבי נתן אדלער	68—69
ד"ר גבריאל ריעסער	69—71
כראָנאָלאָגיע ה. תקס"ז—1807 און ה. תקס"ח—1808	71
ר' שמשון בר' רפאל הירש	71—74
כראָנאָלאָגיע פון התקס"ח—1808 און התקס"ט—1809	74—75
ר' מאיר ליבוש מלבי"ם (מאיר ליבוש בן יחיאל מיכל)	75—77
כראָנאָלאָגיע ה. תק"ע—1810	78
דער חסיד'יזם	78—91
ר' נחמן בּראַסלאַווער	91—97
משה העם	97—101

זייטן

כראָנאָלאָגיע ה. תקע"ד—1814	101
אברהם אלבערט כהן	101—103
כראָנאָלאָגיע ה. תקע"ה—1815	103—104
ר' חיים גדליה	104—108
אברהם בער גאטלאבער	109—110
משה שטיינשניידער	110—112
ר' אליעזר צבי הכהן צווייפל	112—113
כראָנאָלאָגיע ה. תקע"ז—1817	113—114
ר' צבי הירש גרעץ	114—117
כראָנאָלאָגיע ה. תקע"ח—1818	117
קארל מארקס און פערדינאנד לאסאל	117—123
כראָנאָלאָגיע ה. תקע"ט—1819	123
ר' צבי הירש חיות	123—126
דניאל חוואָלזאָן	126—131
געאָרג עליאָט	131—134
כראָנאָלאָגיע ה. תקפ"א—1821	134—135
ר' יצחק בארנייס	135—138
כראָנאָלאָגיע ה. תקפ"ב—1822 און ה. תקפ"ג—1823	138
חיים שטיינטאל	138—139
דר. שלמה רובין	139—140
כראָנאָלאָגיע ה. תקפ"ד—1824	140
משה לאצארוס	140—142
לאָרד בייראָן	142—145
כראָנאָלאָגיע ה. תקפ"ו—1826 און ה. תקפ"ט—1829	145
ר' מרדכי באָנעט	145—147
כראָנאָלאָגיע ה. תקפ"ה—1825	147
מרדכי עמנואל נח	147—150
כראָנאָלאָגיע ה. תק"צ—1830 און ה. תקצ"א—1831	150—151
די אידן אין פוילן	151—169
יהודה ליב בר' אשר גאָרדאָן	169—171
כראָנאָלאָגיע ה. תקצ"ב—1832	171
באראָן משה הירש	171—174
ר' שמואל דוד לוצאטי	174—181
יאָהאַן וואָלפגאנג געטהע	181—184
באראָנעסע קלארא דע הירש	185—189

זייטן

באראן האראץ גינצבורג — — — — — — — — — — 189—191
כראנאלאגיע ה. תקצ"ד—1834 און ה. תקצ"ה—1835 192
יהודה ליב לעוואנדא — — — — — — — — — — 192—194
כראנאלאגיע ה. תקצ"ו—1836 — — — — — — — — 194
שלום יעקב אבראמאוויטש (מענדעלע מוכר ספרים) — 194—198
כראנאלאגיע ה. תקצ"ז—1837 — — — — — — — — 199
משה מאנטעפיארע — — — — — — — — — — — 199—203
כראנאלאגיע ה. תקצ"ח—1838 — — — — — — — — 203
ר' דוד כהנה — — — — — — — — — — — — 203—206
כראנאלאגיע ה. תקצ"ט—1839 — — — — — — — — 206—207
ר' ישראל מאיר כהן, דער חפץ חיים — — — — — — 207
כראנאלאגיע ה. ת"ר-א—1840-1 — — — — — — — 207—208
דער בלוט-בלבול אין דמשק — — — — — — — — — 208—211
ר' נחמן הכהן קראכמאל — — — — — — — — — 211—214
כראנאלאגיע ה. תר"ב-ג—1842-3 — — — — — — 214—215
פרץ סמאלענסקין — — — — — — — — — — — 215—219
עליזא ארזשעשקא — — — — — — — — — — — 219—222
כראנאלאגיע ה. תר"ד-ה—1844-5 — — — — — — 222
משה ליב ליליענבלום — — — — — — — — — — 222—227
כראנאלאגיע פון ה. תר"ו—1846 ביז ה. תרי"א—1851 227—229
דר. מאקס נארדוי — — — — — — — — — — — 229—231
אליעזר בן יהודה — — — — — — — — — — — 232—233
לארד באלפור — — — — — — — — — — — — 233—236
פראפעסאר דוד קויפמאן — — — — — — — — — 236—237
יצחק לייבוש פרץ — — — — — — — — — — — 237—241
כראנאלאגיע ה. תרי"ד—1854 — — — — — — — — 241
דער סאראטאווער „עלילת דם" — — — — — — — 241—242
כראנאלאגיע פון ה. תרט"ו ביז ה. תרי"ח (1855-8) — 242—243
היינריך היינע — — — — — — — — — — — — 243—246
שלמה ריינאך — — — — — — — — — — — — 247—250
שלמה עטינגער — — — — — — — — — — — — 250—251
אשר גינצבורג (אחד העם) — — — — — — — — 251—255
נחום סאקאלאוו — — — — — — — — — — — 255—257
שמעון בערנפעלד — — — — — — — — — — — 257—261
דר. טעאדאר הערצל — — — — — — — — — — 261—265
די חיבת ציון — — — — — — — — — — — — 267—271

תקון טעות

זייט	שורה	אַנשטאָט	דאַרף זיין
10	5	חמודת	חמודות
10	25	דער	דעם
13	29	מציעה	מציעא
16	4	מחלוקות	מחלוקת
20	25	מחלוקות	מחלוקת
21	31	מחלוקות	מחלוקת
24	10	מופסים	מופתים
42	22	ואנו	ואני
42	23	אנו	אני
42	25	עוני	אני
43	28	מבנות מבנות	מבנות
43	29	לאָזט ווי וואַסער צעגיין מיך ניט	לאָזט מיך ניט צע־גיין ווי וואַסער
46	11	דבור	דביר
46	30	זי	זיך
50	9	רבני	רבנו
53	10	און ר' מאיר	ר' מאיר
56	14	נותר	מותר
72	21	לטובה	למוטב
73	20	(1־טע קאָלום) פו	פון
74	17	לטובה	למוטב
82	16	מטבעה	מטבע
95	22	אמות	אמונת
95	23	דערלייטערן	דערוויטערן
104	18	ישמאל	ישמעאל
113	9	תביון	תבון
114	10	(2־טע קאָלום) פאַרזאָסן	פאַרפאַסן
126	26	מחני	מחנה
128	21	אריענאַלישע	אָריענטאַלישע
143	7	צעשטערן	צעשמעטערן
255	2	אי	אין